STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00796

# SHIR HOMAYLES (TREPNGEZANG)

Volf Tambur

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Grace Novek Soltes*
*in honor of*
*the Gantse Mishpokhe*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָלף טאַמבור

# שיר המעלות

הילע: א. פּאָך

וואָלף טאמבור

# שיר המעלות

(טרעפּנגעזאנג)

ראָמאַן

פארלאג קריטעריאָן, בוקארעשט 1982

„**מיר** זענען די וואָס האָבן דעם חוב און
די אויפגאבע צו מאכן גערעכטיקייט —
לאָמיר זשע עס טון היינט, ווען סע לעבן
יענע וואָס קאָנען די ווירקלעכקייט און
וויסן ווי אזוי די זאכן זענען געשען. אי־
בערלאָזן דאָס פאר דער געשיכטע און דער
צייט וואָלט באטייט אפשר בייצוטראָגן צום
אויסבאהאלטן דעם אמת און אים פאלשן“.

(ניקאָלאי טשאושעסקו ב׳ 3, ז׳ 186)


װאלף טאמבור

# שיר המעלות

דאָס דאָזיקע בוך איז מיין צענטער חיבור, וואָס דערשיינט פונקט פינעף און פערציק יאָר נאָך מיין ערשט קליין ביכעלע „ביי דער טיר“. פאַקטיש האָט יענץ געדאַרפט זיין א זאַמלונג פון א צענדליק דערציילונגען, איז אָבער געשען (נישט חלילה קיין אומגליק, נאָר להיפוך) א „גליק אויף מיין קאָפּ“. דער נאָר וואָס געגרינדעטער טשערנאָוויצער פאַרלאַג „אליעזר שטיינבאַרג“, פאַרטרעטן דורך מיינע עלטערע פען-ברידער, הערש סעגאַל און איציק שוואַרץ, האָבן זיך אַריינגעמישט ... וואָס טויג אַרויסגעבן אין אן אגודהשן פאַרלאַג, וואָס איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער מחבר גופא, וועלכער האָט אליין געקויפט פאַפּיר, געזעצט און געדרוקט — איז וועט דער שטיינבאַרג-פאַרלאַג אָפּדרוקן מיין בי״כל אין קומענדיקן יאָר, נאָך הערש-לייב קאַזשבערס ביכל („קאַזיאָנע גימנאַזיע“). נו, איז טאַקע דערשינען קאַזשבערס ביכל אין יענעם יאָר, אין 1937, אָבער מיין ריי איז שוין נישט געקומען, ווייל ... סע האָבן זיך געביטן די אומשטאַנדן אין לאַנד, דערנאָכדעם אין גאַנץ אייראָפּע.

אזוי בין איך געבליבן מיט א געחתמעטן „אָפּמאַך“ מיטן פאַרלאַג, אָבער מיין ערשט ביכעלע איז געבליבן א מפּול-קינד, האָב איך זיך אָבער נישט געלאָזט, ווי סיי וועלכער „גראַפאָמאַן“ טוט, און האָב אָפּגעדרוקט א טייל פון מיינע דערציילונגען אין סיגעט, אין יאָר 1940, אונטערן נאָמען „מיין היים“. ווידער אמאָל אליין געקויפט פאַפּיר, געזעצט און געדרוקט, ווי אלע „גרויסע יידישע שרייבער“ האָבן אין יענער צייט (עד היום הזה!) געטון, אפילו איציק מאַנגער האָט דאָך אויך אַרויסגעגעבן זיינע באַלאַדעס אין פאַרלאַג „אליינעניו“. איך האָב נישט געשריבן „אליינעניו“, נאָר אויף דער צווייטער זייט פונעם שער-בלאַט פון מיינע ערשטע פיר ביכלעך קאָן מען לייענען: „זאַץ, דרוק און טיטל-בלאַט זענען געאַרבעט געוואָרן פונעם מחבר“ ...

כתב-ידן, ווי „זאַלץ-מענטשן“ (א פראַגמענט דערשינען אין „יינג מאַראמאָראָש“ 1941), זענען אהינגעקומען בעת דער שואה.

פאַר וואָס דערמאַן איך איצט דאָס אלעס? כדי צו מאַכן א שטיקל חשבון-הנפש מיט מיר גופא, ווען איך בין שוין העכער א פינעף און זעכציק יעריקער, אז היינט זענען מיר, הגם אין זעלביקן לאַנד, אָבער נישט אין די זעלביקע אומשטאַנדן, אַרויף אויף אן אנדערער מדריגה, א העכערע טרעפּ ...

אָט דערפאַר איז „שיר המעלות“, דאָס געזאַנג פון די טרעפּ, פון אויפשטייג, פון אן אַרויפשפּרונג, פון „אליינעניו“ צון א מלוכה-פאַרלאַג פאַר יידיש.

דאָס דאָזיקע בוך דערציילט טאַקע אַ ביסעלע, אַ טראָפּן פון אַ ים, פון דער דאָזיקער עליה, פון אויפשטייג פון עטלעכע יחידים, אָבער די יחידים זענען אַ חלק פון אַ ציבור, פון אַ נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט פון אונדזער רו־מעניש היימלאַנד.

ווי סיי וועלכע פון מיינע דערציילונגען איז אויך די דאָזיקע, וואָס איך האָב מיר דערלויבט אָנרופן „ראָמאַן", נישט שטרענג אויטאָביאָגראַפיש, זענען אָבער דאָך די הויפּטעלעמענטן אָדער מאָטיוון אויטאָביאָגראַפישע, אַפילו די פּאַרשוינען, סיי זיי זענען מאַנצביל, ווי דער צייגיינער דאַנטשו, צי יאַכעפּוס (יאָ־יאָ, אויך יאַכעפּוס קאָן זיין דער מחבר גופא!), נאָר אויך אַפילו די פרויען פּאַרשוינען, ווי בעטי, צי אַנדערע „חברים" און "חברטעס" קאָנען אויך זיין נישט מער ווי אַ מין טראַוועסטי פונעם מחבר גופא.

... אויך דער מחבר האָט זיך תמיד געפונען אויף טרעפּ פון אַ לעבנס־לייטער, וואָס פירט אויף זעלטענע ארויפן און אָפטע אראָפּן, פון ווינציק עליות און מערער ירידות, פון קוים זיך ארויפדראַפּען און פון מפּלהדיקן אראָפּקויקלערן ...

... איז מחמת דעם — שיר המעלות.

דאָס וואָרט גופא שטאַמט, ווי באַוואוסט, פון תהילים, נאָך די קאַפּיטלעך וואָס די לוויים האָבן געזונגען אין בית־המקדש אויף די פופצן טרעפּ, וואָס האָבן געפירט פון עזרת־ישראל צום עזרת־נשים.

סע זענען אָבער פאַראַן אויך מיינונגען אַז די דאָזיקע שיר־המעלותן האָבן נאָך געזונגען די עולי־בבל, אין דער תקופה פון שיבת־ציון; אויך אין דאָזיקן פאַל איז דער שיר־המעלות אויך נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ מין ארויפגיין, ארויפשטייגן. קאָן דאָס אויך זיין אַ מין שיר־המעלות, אויב נישט ממש פאַר די פּאַרשוינען פון דאָזיקן ראָמאַן, איז כאָטש פאַר זייער זינדל, עובדיה — וואָס קאָן זיין אויך מיין זון, וועגן וועלכן סע ווערט דאָ קוים דערמאָנט, הגם נאָך נישט דערציילט ...

יאָ, שיר־המעלות קאָן האָבן נאָך איין פירוש: פון מעלות, וועגן וועלכע סע ווערט דאָ דערציילט. אמת, סע ווערט אויך דערציילט וועגן חסרונות, אָבער מע מוז שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז סע זענען נישט פאַראַן קיין מענטשן מיט סאַמע לויטער מעלות, פונקט אַזוי ווי עס איז נישט פאַראַן קיין איינער, אַפילו ווען סע רעדט זיך וועגן אַ זינדיקן, אַז ער זאָל נישט האָבן אויך מעלות. אוודאי איז בעסער ווען די מעלות וועגן איבער די וואָגשאָל פון די חסרונות ...

ווילט זיך דערציילן וועגן די מעלות, אָבער אויך נישט פאַרשווייגן פון די חסרונות (אויך ווען סע רעדט זיך וועגן מחבר!) — איז אויך דערפאַר — שיר „המעלות" ...

ו.ט.

# 1.

# א מעשה איז נישט קיין געשיכטע

הגם דאָס דאָזיקע ערשטע קאַפּיטל,
איז לפּנים ווי א פּשוטע פאַרוויילונג;
נאָך נישט קיין ציל, נאָר א מיטל,
דאָך א פּירוש איז צו דער דערציילונג.

ביים אָנהייב ספר, ווי אַן הקדמה,
אויף דער שוועל פון מיין געצעלט;
אויפן ביישטידל פון מיין נשמה,
האָב איך עס ווי א מזוזה געשטעלט.

פאַקטיש איז עס א מעשה פאַר זיך,
פון פּשוטע מענטשן, פאַרפירטע;
ווי אויף גאָטס באַראָט, אויף הפקר,
מיט מאָדנע גורלות, קאָמפּליצירטע.

ווען בכן דער חשובער לייענער,
ווי אומגלייבלעך ס'זאָל קלינגען,
א משל, א באַלערנדיקן מוסר,
קאָנען אויך פון דעם דרינגען.

עס איז טאַקע א טשיקאַווער עפּיזאָד,
דאָך א באַשיימפּערלעכע לעקציע;
אַז א מעשה איז נישט אויסגעטראַכט,
איז נישט תמיד א פּשוטע פיקציע.

דאָס זעלביקע אויך זאָגן קאָן מען,
אז נישט וויכטיק איז דאָס אָרט,
אז נישט וויכטיק איז דער נאָמען,
חשובער דער אָנטייט פונעם וואָרט.

גרויע פאפירן און פארשטויבטע אקטן,
צי אלטע דאָקומענטן פון אן ארכיוו —
איבערצייגנדיקער אָדער וואָרהאפטיקער,
זענען בלויז פאר איינעם א נאאיוו...

דאָס וואָס ס'שרייבט די „היסטאָריע",
איז נישט דווקא פּינקטלעך אזוי געשען;
אז טאקע „געשיכטע" מוז נישט זיין אמת,
איז פון דער דאָזיקער מעשה טאקע צו זען.

צו מאָל איז א „מעשה" פיל מער אמת,
ווי מ'וועט זען, אז נישט זעלטן,
איז בילכער א פילזאָגנדיקער רמז,
צו באנעמען דעם זין פון וועלטן...

וואָס דערפון איז ריינע פאנטאזיע,
און וואָס דערפון איז דווקא אמת?
אָט דאָס, מיין ליבינקער לייענער,
פאר א פשוטער „מעשה" נישט נעם עס!...

# 1. ווי אַן הקדמה

יאָ, עס איז מיר נישט לייכט עס צו זאָגן, ווייל איך וויל נישט אַז מע זאָל מיינען אַז איך באַקלאָג זיך. און באַקלאָגן זיך, ווי באַוואוסט, טויג נישט. ווייל עס איז כמעט קיין מאָל נישטאָ פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן, ווייל יעדער האָט זיך זיינע דאגות, יעדער האָט זיך זיינע צרות — איז פאַר וועמען קאָן מען זיך שוין באַקלאָגן?

נו, דאָס איז שוין מסתמא מיין מזל. און, ווי באַוואוסט, קאָן מען קעגן מזל, וואָס פון גאָט באַשערט איז, גאָרנישט טון. וואָס, למשל, וואָלט איך שוין עפּעס געקאָנט טון כדי צו ענדערן מיין מזל, ווען איך בין שוין ווי פאַרמשפּט געוואָרן צו ציען מיין פּרנסה פון „מיסחרן" מיט „מעשיות"?

דערציייל איך מעשיות, איך פאַרשרייב זיי, גיב זיי צום דרוקן — אָבער גלייבן אין זיי?! ...

יאָ, יעדער מעג זיך גלייבן אין וואָס ער וויל. גלויבן בכלל איז דאָך שוין היינט אַ פּריוואַטער ענין, אָבער צו מיר איינעם זאָל מען קיין שום טענות נישט האָבן און חלילה אָפּפרעגן דעם ווערט פון אַ מעשה, סע ווייסט דאָך שוין יעדער איינער, אויך פון זיין אייגענער דערפאַרונג, אַז אַ מעשה, סיי וואָס פאַר אַ מעשה, אַ דער־ציילונג איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אויסגעזויגן פונעם פינגער. גאָרנישט איז נישט אמת פון קיין שום מעשה. נאָך מער, אפילו דעמאָלט ווען מע לייענט ביי אַן אָנהייב פון אַ בוך אָדער אַ פילם, אַז „ענלעכקייט פון נעמען איז נאָר אַ צו־פאַליקייט און האָט קיין שום שייכות נישט צו דערווירקלעכקייט", זאָל מען וויסן אַז דאָס זאָגט מען בכיוון כדי נייגעריק צו מאַכן די לייענער אָדער די צושויער, אַז דווקא דעמאָלט זאָלן זיי זוכן אַן ענלעכקייט — אויך דעמאָלט איז עס נישט מער ווי אָפּנאַרעריי, פּוסטע רעקלאַמע, אָפּצונאַרן דעם גאַיוון עולם.

יאָ, אַ מעשה, סיי וועד און ווי אַזוי מע דערציילט זי, בלייבט בלויז „אַ מעשה ווי אַלע מעשיות" און נישט מער.

אויב עמעצער וויל שוין יאָ עפּעס לייענען וואָס איז אמת, זאָל ער נישט לייענען קיין מעשיות. מעשיות זענען פּונקט אזוי אמת ווי סע זענען אמת, למשל דיכטונג, פּערזן, באַלאַדעס, פּאָעמעס, וואָס זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי פֿאַנטאַזיעס אויפֿן סמך פֿון לעגענדעס, אַלטע צי נייע, אָבער תמיד אויסגעטראַכטע.

אויב עמעצער וויל דווקא יאָ לייענען עפּעס וואָס איז אמת, טאָ זאָל ער לייענען געשיכטע. יאָ, געשיכטע, וואָס איז געשריבן אויפֿן סמך פֿון „דאָקומענטן", וואָס מע האָט ארויסגעזוכט פֿון אַלטע אַרכיוון, פֿאַרשטויבטע פֿאַרבאַהאַלטענע צי גאָר אויך פֿאַרגעסענע, אויפֿגעהיטע מיטן ציל אז מע זאָל פֿון זיי שעפּן ידיעות, א פֿאָרשער צי א היסטאָריקער וואָס גיט זיך אָפּ אויף אַן ערנסטן אופֿן מיט געשיכטע-שרייבעריי...

עס איז באַוואוסט, דאָקומענטן בלייבן דאָקומענטן. דאָס זענען נישט קיין מעשיות, אויסגעזויגענע פֿונעם פֿינגער, צו דערציילן פֿאַר קינדער צי אפֿילו פֿאַר דערוואַקסענע.

יאָ, דאָקומענטן, דאָס איז די איינציקע קוואַל פֿאַר אמתער געשיכטע, אין וועלכער מע קאָן האָבן צוטרוי, אז זי שפּיגלט אָפּ דעם ריינעם אמת. בלויז דאָ-קומענטן... אייגענע אָבסערוואַציע? ניין. קיין אייגענע אָבסערוואַציע צי דער-פֿאַרונג איז נישט אזוי גוט אויף צו פֿאַרצייכענען געשיכטע ווי סע זענען דאָ-קומענטן. אָביעקטיווע דאָקומענטן.

אייגענע דערפֿאַרונג קאָן דאָך נישט זיין קיין אָביעקטיווע און ממילא קאָן עס נישט זיין קיין מקור פֿאַר אמתער געשיכטע. וויפֿל מאָל האָט מען דען נישט אויסגעפֿונען, אז אפֿילו דאָס וואָס מע האָט געזען און ממש איבערגעלעבט מיט די אייגענע אויגן און חושים, דערנאָך, נאָך א צייט, קאָן מען לייענען אין די געשיכטע-ביכער פּונקט דעם היפּוך?! איז דאָך א סימן אז דאָס וואָס מע האָט געזען אמאָל שוואַרץ, לאָמיר זאָגן, האָט זיך בלויז אויבנאויפֿיק אויסגעוויזן צו זיין שוואַרץ, אָבער דערנאָך, שפּעטער מיט א צייט, ווען די מיטצייטלער אָדער גאָר שפּעטערדיקע האָבן עס אָנגעשריבן אין די געשיכטע-ביכער, האָט מען אויסגעפֿונען אז עס איז גאָר געווען נישט אזוי שוואַרץ, צי א ביסעלע גרוילעך נאָר ממש ווייס ווי מילך, ווי שניי, ווי קינדישע אומשולד...

יאָ, עס איז שוין באַוואוסט און אפֿילו אויסגעפּרוווט געוואָרן נישט איין מאָל, אז אַן אקסידענט וואָס איז געזען געוואָרן גלייכצייטיק פֿון מערער מענ-טשן, איז ווען עס איז געקומען צום רעקאָנסטיטואירן, האָט יעדער איינער פֿון זיי דערציילט עפּעס אנדערש, הגם יעדער איינער פֿון זיי האָט געשוואָרן אז ער

זאָגט דעם אמת, יאָ, ער האָט געשילדערט זיין אמת, ווייל ער האָט עס „אזוי" געזען — אלץ איז דאָך סוביעקטיוו...

אגב, איז כדאי צו דערמאנען די לעגענדע, לויט וועלכער דער מצרי־שער קיניג תלמי פילאדעלפוס האָט צונויפגעזאמלט זיבעציק יידישע געלערנטע, אין דריטן יאָרהונדערט פאַר דער מאָדערנער צייטרעכענונג, האָט זיי פונאנדערגעשיידט יעדן איינעם באזונדער, אין א באזונדער צימער, און זיי געגעבן איבערצוזעצן אויף גריכיש דעם תנך, פון וועלכן עס איז אונדז געבליבן די אזוי באקאנטע סעפּטואגינטא. ער האָט למען־השם געוואָלט אז זיי זאָלן זיך נישט קאָנען צווישן זיך שואל־עצה זיין, כדי אזוי ארום צו באקומען די ריכטיקע איבערזעצונג. נו, איז דאָך באוואוסט, אז דורכן רוח־הקודש האָבן אלע זיבעציק איבערזעצט אויף דעם זעלביקן אופן און נוסח. אדרבה, נישט זיי האָבן איבערזעצט דעם ערשטן פסוק „בראשית ברא אלהים", נאָר אפילו דאָס איז אויך געשען, אז כדי אויסצומיידן וויכוחים, האָבן זיי אלע, אָבער אלע ביז איינער, איבערגעענדערט דעם פסוק אויף „אלהים ברא בראשית"... נו, דאָס איז שוין ווי געזאָגט א לעגענדע מיט א רוח־הקודש, אויף וואָס פשוטע מענטשן זענען נישט זוכה. וואָלט נישט גערוט אויף זיי דער רוח־הקודש? קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי אזוי די איבערזעצונגען וואָלטן אויסגעזען: קיין איינע פון די זיבעציק וואָלט נישט געענדלט אפילו מיט א צווייטער... טאקע מחמת דעם קאָן מען נישט פיל באזירן אויף דעם וואָס צוויי עדות זאָגן נישט דאָס זעלביקע אין איין און דעם זעלביקן ענין. ווייל זיי זאָגן דאָס וואָס זיי האָבן סוביעקטיוו „געזען"...

יאָ, דאָקומענטן, דאָס איז שוין עפּעס אנדערש. דאָס איז נישט קיין סוביעקטיווע אייגענע אָבסערוואציע, וואָס ווי מיר האָבן געזען האָט כמעט קיין שום ווערט נישט, און זענען אויך אוודאי און אוודאי נישט קיין אויסגעטראכטע מעשיות.

איי, מע האָט צו מאָל געפונען א דאָקומענט, וואָס איז אויך נישט אזוי פינקטלעך איבערגעגעבן ווי אזוי עס איז טאקע אין דער אמתן געשען, איז עס אפשר בלויז אן איינצלנער פאל צי צופאל פון וועלכן מע קאָן נאָך נישט דרינגען אויף צו משפּטן דאָקומענטן בכלל.

אָט, למשל, דערציילט מען וועגן אזא פאל, וואָס קאָן נישט גענומען ווערן ווי א באוויז אויף ווי אמת סע קאָן זיין א „דאָקומענט" — און אוודאי וועט מען נישט קאָנען דערפון דרינגען אָדער פרואוון איבערצייגן ווי אזוי אמת סע

קאָן אפשר זיין אויך די געשיכטע, וואָס ווערט געשריבן אויפן סמך פון אזעלכע דאָקומענטן.

ניין, נישט צוליב דעם דערציילט זיך עס, נאָר סתם אזוי, אדרבה:

...געווען אמאָל צוויי גוטע פריינד, ביידע פּראָפעסאָרן פאַר געשיכטע, וועלכע האָבן זיך באגעגנט, זיך באגריסט, זיך געזעצט טרינקען א גלעזל משקה, און ווי געוויינטלעך ביים אויסטרינקען א כוסה, צעשמועסט מען זיך, מע צערעדט זיך איבער דעם און איבער יענעם, איינער בארימט זיך וואָס ער האָט אמאָל „אויפגעטון", דער צווייטער בארימט זיך אז ער האָט אויפגעטון נישט ווינציקער, ווייל בארימען ווילט זיך דאָך יעדן איינעם, בפרט נאָכן אויסטרינקען א כוסה, ווען מע רעדט פריי, צווישן זיך, ביידע קאָלעגן פונעם זעלביקן פאַך, אָן מורא, ווי ווען קיינער הערט נישט אונטער וועגן וואָס און וועגן וועמען זיי רעדן... איז א וואָרט מיט א וואָרט, ביז דער „צווייטער" דערציילט פאַרן „ערשטן" ווי אזוי ער האָט צוריק מיט יאָרן איבערגעגעבן דער פּאָליציי דעם „דריטן", וועלכן ער האָט דערקאָנט אויף דער גאַס, הגם ער איז געווען פאַרמאסקירט, כדי די פּאָליציי זאָל אים נישט דערקאָנען און אים נישט ארעסטירן, ווייל געזוכט האָט מען אים שוין פון א לאַנגער צייט, נאָר יענער האָט זיך אויסבאהאלטן, ווייל ער איז דאָך געווען אומשולדיק, האָט מען אים געזוכט אומזיסט ווייל מע האָט אים נישט געקאָנט דערקאָנען, אפילו ער גופא האָט אים אויך נישט דערקאָנט, נאָר לויטן קול...

אזוי דערציילט דער צווייטער פאַרן ערשטן, בעתן טרינקען גוט-ברודעריש — פאַר וואָס אייגנטלעך זאָל ער עס אים נישט דערציילן?!

נאָך עטלעכע טעג שרייבט אָן דער „ערשטער" אן „אינפאָרמאציע", אז דער „צווייטער" האָט אין יאָר דעם און דעם, זיך געקויפט עולם-הזה מסרנדיק דעם „דריטן", אזוי אז יענער איז פאַרמשפּט געוואָרן בלויז אויף צען יאָר תפיסה, ווייל דער דריטער האָט נישט געקאָנט באַווייזן זיין אומשולד. אוודאי האָט ער נישט געקאָנט באַווייזן. מע האָט דאָך געוואוסט אז ער וועט נישט קאָנען באַ־ווייזן, טאקע מחמת דעם האָט ער זיך דאָך אויסבאהאלטן און נישט געוואָלט זיך שטעלן צום א משפּט, וואָס איז מער ווי זיכער אז ער וועט פאַרלירן... סע זענען דאָך פאַראַן אזעלכע ענינים, וואָס קומען פאַר אָן עדות, אָן שפּורן, אז מע זאָל קאָנען כאָטש פּרוּוון איבערצייגן אז מען איז אומשולדיק.

נו, איז ביז אהער די מעשה נאָך קיין מעשה נישט, ווייל אין גאַנצן האַנדלט זיך דאָך עס אין פּשוטע צוויי מסירות, ווי איינער א רשע מסרט אן אומשולדיקן

כאָטש ער איז נאָך א צדיק, אָבער ער קאָן עס נישט באווייזן אז ער איז נישט קיין רשע ... דערנאָך קומט אן „אנדערער" (אוודאי א „צדיק", וואָס קיינער האָט אים מסתמא נאָך ביז איצט נישט געמסרט אז ער איז עס נישט!) און מסרט דעם רשע ... שטעלט זיך אָבער תיכף, ווי נישט-ווילנדיק, די פראגע: יענער וואָס האָט געמסרט דעם „רשע", יענער וואָס איז? פאר וואָס פאר א סיבה האָט ער יענעם געמסרט?! ...

אוודאי האָט זיך געמוזט שטעלן אזא מין פראגע, ווייל סיי ווער וועט זיך דאָך שטעלן אזא פראגע. ווייל, אויך נישט-ווילנדיק קאָן מען דאָך גאָר לייכט זיך פאָרשטעלן אז אויב דער „צווייטער" האָט געהאט אזא צוטרוי צום „ערשטן", אים זיך מתוודה צו זיין אין אזא הארבער זאך, איז דאָך זייער לייכט צו פארשטיין, אז מסתמא איז ער אפילו מיט א האָר נישט בעסער פון אים?!

נו, פארשטייט זיך, אז אין אזא פאל קומט אויפן געדאנק אזא כמעט קינדישע נייגעריקייט: אנו, לאָמיר א קוק טון און זען ווער איז עס דער וואָס מסרט זיין אייגענעם נאָענטן פריינד, מיט וועלכן ער איז אזוי נאָענט באפריינדט אז יענער האָט צוּן אים אזא גרויסן צוטרוי?

וואָס זשע, עס איז דען אזוי שווער געוואויר צו ווערן? ווען מע וויל, איז שוין גאָרנישט צו שווער. טוט דער „נייגעריקער" א קוועטש אויף א קנעפל: אנו, דערלאנגט מיר דעם דאָסאר פונעם „ערשטן".

נו, א דאָסאר איז ווי א דאָסאר. איינער איז דיקער אָן אנדערער איז דינער, איינער איז רייכער, ווידער אן אנדערער איז אָרעמער, מאָגערער, מיט ווינציקער בלעטלעך, אָנגעשריבענע בייגעלעך פאפיר, וואָס דערציילן פינקטלעך וואָס און ווען און ווי אזוי סע האָט געלעבט דער מענטש, אָדער אין איניקע פאלן, ווי אזוי ער האָט נישט געלעבט אָט א דער מענטש, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם דאָזיקן דאָסאר. יאָ, דאָרט קאָן מען דאָך געפינען נישט בלויז דאָס וואָס ער האָט יאָ געטון במשך זיין לעבן, נאָר אפילו דאָס וואָס ער האָט בדעה געהאט נישט צו טון, בעת ער האָט דווקא יאָ געדארפט עפּעס טון, אָדער וואָס ער האָט געטראכט אין יענער צייט ווען ער האָט נישט געטון גאָרנישט, וואָס ער האָט נישט געטראכט בעת ער האָט יאָ עפּעס געטון, און אזוי ווייטער און אזוי נישט ווייטער ... יאָ, אפילו אויך דאָס וואָס אנדערע האָבן אין א געוויסער צייט געטראכט וועגן אים, בעת ער האָט נישט געטראכט, אָדער דאָס וואָס אנדערע האָבן אין א געוויסער צייט נישט געטראכט, בעת ער האָט דווקא יאָ עפּעס געטראכט, סתם אזוי פון לאנגווייליקייט, אָבער דאָך געטראכט, אויך דאָס איז דאָך פארצייכנט אין א דאָסאר, ווי אין סיי וועלכן דאָסאר ... אייגנטלעך, פאר וואָס זאָל עס נישט

זיין דאָרט פאַרצייכנט? באַשטייט דאָך דאָס לעבן פון אַ מענטש נישט בלויז פון דעם וואָס ער האָט אויפגעטון אין לעבן פאַר זיך, אָדער צו מאָל אויך פאַר אַנדערע, נאָר אויך פון דעם וואָס ער האָט אַמאָל געטראַכט, און ווי באַוואוסט, טראַכט מען דאָך נישט תמיד אַלץ וואָס איז גוט און שיין, נאָר צו מאָל אויך וואָס איז טאַקע נישט אַזוי גוט און נישט אַזוי שיין — איז דאָך נישט זעלטן די מחשבה, וואָס זעט אויס צו זיין אַן אומשולדיקע, נישט ווינציקער וויכטיקע ווי די מעשה, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן מיט אַ כוונה, אָדער גאָר, בפרט אָן אַ געוויסער כוונה...

ווייסט מען דאָך, אַז זייער פיל מעשים ווערן ווינציקער באַשטראָפט ווי פיל מחשבות וואָס זענען פאַרבליבן בלויז מחשבות, אָבער זיי זענען האַרבער ווי פיל מעשים. יאָ אויך די אינטענציע ווערט דאָך נישט זעלטן באַשטראָפט, אפילו ווען די מעשה איז נישט אויסגעפירט געוואָרן, אפילו מע האָט זיך אָפּ־געזאָגט פונעם אייגענעם ווילן איז דאָך די מחשבה דאָך געבליבן אַ בייזע מחשבה, און אַ בייזע מחשבה קאָן נישט בלייבן אומבאַשטראָפט...

מישט דער „ניינעריקער" פּאַמעלעך די בלעטלעך, בלעטל נאָך בלעטל, און זוכט און נישטערט, ווייל זוכן מוז מען דאָך אויב מע וויל עפּעס געפינען און געפינען איז דאָך גאַנץ זיכער דאָ וואָס צו געפינען. לייענט מען די שורות און פאַר וואָס נישט אויך צווישן די שורות, כדי צו דערגיין אויך צום ענין וואָס איז נישט אָנגעשריבן געוואָרן קלאָר אין די שורות, אַנדערש ווי אַזוי קאָן מען דערגיין דעם סוד וואָס מע קאָן געפינען אין אַ דאָסאַר (אין יעדן דאָסאַר ליגט דאָך אַ געוויסער סוד, מע דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי אים צו זוכן!), וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די נשמה פון איינעם וואָס מסרט זיין נאָענטסטן פריינד... און אָט — געפינט ער אַ ביינעלע דריבנע אָנגעשריבן פּאַפּיר, וואָס דערציילט וועגן אַ העלדנטאַט וואָס דער „ערשטער" האָט אָפּגעטון בעת דער מלחמה, ווען ער איז נישט געווען דער ציווילער פּראָפעסאָר פאַר געשיכטע, נאָר דער מאָבילי־זירטער רעזערוו־אָפיציר, אויפן פראָנט.

דאָס ביינעלע פּאַפּיר איז אָנגעשריבן געוואָרן פון זיין דירעקטן קאָמאַנ־דאַנט אויפן פראָנט, אויך אַ פּראָפעסאָר פאַר געשיכטע נאָר מאָביליזירט ווי אַ העכערער רעזערוו־אָפיציר — וועלכער שלאָגט אים פאָר צו ווערן מעדאַלירט פאַר זיין העלדישקייט, דהיינו, ער האָט געכאַפּט זיין שאָפער אַז ער גרייט זיך אַריבערצולויפן צום „שונא", האָט ער אים באַצייטנס דערשאָסן מיט זיין אייגע־נער האַנט, מיט זיין רעוואָלווער, אין דער לעצטער מינוט, אַז יענער זאָל שוין

נישט האָבן קיין צייט אפילו קיין ווידוי צו זאָגן איידער ער וועט „אריבערלויפן" צום שונא...

נו, קאָן מען דאָך זיך פאָרשטעלן וואָס סע האָט געפילט דער „נייגעריקער" ווען ער האָט דערזען דאָס דאָזיקע בלעטל. אפילו דער ליידנשאפטסטלעכער פישער וועט נישט האָבן אזא פרייד ווען ער וועט דערפילן אין זיין נעץ א העכט פון א דריי־פיר קילאָגראם... טוט ער א קוועטש נאָך א מאָל מיטן קנעפל: זאָל מען ברענגען דעם „ערשטן".

אָבער דאָס מאָל געשעט א סורפריז, וואָס איבעראשט אויך דעם „נייגע־ריקן". אויף אַלעמען וואָלט ער זיך געריכט נאָר אויף דעם איינעם נישט. ער וואָלט זיך למשל געריכט, אז מע זאָל אים זאָגן אז מע האָט נישט געקאָנט ברענ־גען דעם „ערשטן" ווייל ער איז נעלם געוואָרן, ער האָט זיך אויסבאהאלטן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז עמעצער איז „נייגעריק" געוואָרן אים צו שטעלן עטלעכע פראגן. אויף אַלעמען האָט מען זיך געקאָנט ריכטן נאָר נישט אויף דעם. און דאָך איז עס געשען: ווען ער איז אריינגעקומען, האָט ער אפילו קיין גוטן טאָג נישט געזאָגט, נאָר ארויסגענומען פון בוזעם־קעשענע א בייגעלע פאפיר, וואָס איז געווען א קאָפּיע, א פּינקטלעכע, נאָך יענעם בייגעלע פונעם דאָסאר, וואָס דערציילט וועגן דעם מאָרד וואָס ער איז באגאנגען קעגן יענעם שאָפער...

— וואָס זאָל דאָס באטייטן ?— פרעגט אן אויפגערעגטער דער „נייגערי־קער"— וואָס ווילט איר מיט דעם זאָגן?

— גאָרנישט, ווייל איך נישט זאָגן — צעשמייכלט זיך ציניש דער „ערש־טער" — איך וויל אייך ווייזן אז איר האָט שוין פארשפּעטיקט. איר האָט אייך ערשט איצט דערוואוסט אז איך האָב געהרגעט אן אומשולדיקן מענטש... אָבער מיך האָט מען שוין דערפאר געפּאָרשט און מיר געטרייבערט די קישקעס כאָטש זיבנאונזיבעציק מאָל, אזוי אז איך קאָן שוין די דאָזיקע באנאַלע מעשה אויף אויסנווייניק, ווייל איך האָב שוין צייט געהאט זי איינצוחזרן אויך אין שלאָף... זאָל מען מיך, למשל, אויפמינטערן פון סאמע הארטסטן שלאָף וועל איך שוין קאָנען ענטפערן אויף די דאָזיקע נייגעריקע פראגן. נאָך מער, ווי איינער וואָס האָט מורא פאר דער סכנה וואָס לויערט אויף אים אז מע זאָל אויף אים אָנפאלן טראָגט ער ביי זיך אן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער, טראָג איך ביי מיר ארום אָט די קאָפּיע, וואָס קאָן מיך קאָסטן מיין קאָפּ... איך טראָג זי אין מיין בוזעם־קע־שענע תמיד, יעדן טאָג, אפילו אָוונט ווען איך טו זיך אוים, לייג איך דאָס ביי־געלע פאפיר אונטערן קישן, צו קאָפּנס, ווי יענער לייגט זיין רעוואָלווער...

— יאָ, אַלץ איז זייער שיין — זאָגט שוין דער „נייגעריקער" א ביסל רואי־קער — אָבער דאָך דאַרפט איר מיר אויפקלערן, אז איך זאָל פארשטיין דאָס דאָזיקע רעטסל, אז נאָך דעם ווי איר האָט דערמאָרדט א מענטש, שפּאַצירט איר זיך ארום פריי, ווי גלייך איר וואָלט קיינעם גאָרנישט שולדיק געווען...

— אמת, איך בין טאקע אייך שולדיק אן ענטפער — זאָגט דער „ערשטער" נישט מיט ווייניק חוצפה, ווייל ער קאָן זיך דאָך שוין דאָס דערלויבן — נאָר כדי איינצושפּאָרן צייט פאר אייך, אז איר זאָלט צייט האָבן זיך אָפּצוגעבן מיט אנדערע „אויספאָרשונגען" וואָס זענען אפשר וויכטיקערע און אינטערעסאַנטערע פאר אייך ווי מיין ענין, וועלכער איז נישט מער ווי לעכערלעך, וועל איך אייך פרעגן קורץ: אויב איך וועל אייך ווייזן יענעם שאָפער א לעבעדיקן, בין איך פּטור פון אייך?

— איך פארשטיי נישט, וואָס איר ווילט זאָגן — שטאמלט ארויס דער „נייגעריקער" — רעדט קלאָרער, איך בעט אייך.

— איר האָט מיך ארויסגערופן צו אייך, מיטן געדאנק מיך צו באשולדיקן אין א רציחה, אז איך האָב דערשאָסן א שאָפער און עס איז אויך פארטראָגן זיין נאָמען. און אגב, דאָס איז פאר מיר דאָס גרעסטע מזל, וואָס דער נאָמען איז טאקע פארטראָגן. וואָלט דער נאָמען געפעלט, וואָלט איך אייך נישט געקאָנט ענטפערן היינט אזוי האָפערדיק...

— אָט דאָס וואונדערט מיך טאקע — האָט אים אונטערבראָכן דער „נייגעריקער" — פון וואנען נעמט זיך צו אייך די דאָזיקע נישט העפלעכע האָפערדיקייט, אויך ווען איר זאָלט זיין אומשולדיק, ווי איר ווילט דאָ זאָגן?

— אויך אויף דעם וועל איך אייך ענטפערן קורץ — האָט געזאָגט שמייכלענדיק דער „ערשטער" — אין יענע פארצווייפלטע מינוטן, אין יענע נישט געשלאָפענע נעכט, ווען מע האָט מיך „געפאָרשט" פארן דאָזיקן מאָרד, ווען עס איז מיר נישט אזוי לייכט אָנגעקומען אויפצוקלערן דאָס דאָזיקע רעטעניש און די סכנה, אז איך זאָל פארלירן מיין קאָפּ, איז געווען ארום מיין האלדז און געשוועבט פאר מיינע אויגן, אויך ווען זיי זענען געווען געשלאָסן, דעמאָלט איז ביי מיר געבוירן געוואָרן די דאָזיקע זיכערקייט, איך וויל עס נישט אזוי אָנרופן ווי איר, אז דאָס איז האָפערדיקייט, ביי מיר איז עס בלויז זיכערקייט, אז קיין שום סכנה דראָט מיך שוין נישט...

— אויב איר גיט מיר דעם שאָפער א לעבעדיקן — זאָגט שוין דער „נייגעריקער" — פארשטייט זיך, אז דעמאָלט האָט איר אויך מיך איבערצייגט אז

איר זענט אומשולדיק. אָבער ווי אַזוי קאָנען מיר געפינען דעם „לעבעדיקן“ שאָפער?

— אויך די דאָזיקע לעקציע קאָן איך שוין אויף אויסנווייניק. זינגט דער דער ערשטער „אויספאָרשונג“ האַלט איך זיך אויפן סליד פון יענעם שאָפער. זיין אדרעס איז ביי מיר אָנגעצייכנט, זעט, אָט דאָ, אויף דער צווייטער זייט פון דער קאָפּיע... און איך פאָלג נאָך זיינע שפּורן זינט דעמאָלט... יעדעס מאָל ווען ער בייט זיין דירה, ער האָט א נייעם אדרעס, פאַרצייכן איך אים כדי אים באַלד צו קאָנען געפינען, ווי למשל עס איז איצט דער פאַל, איך זאָל נישט דאַרפן פיל אויסהאַלטן א פרישע „אויספאָרשונג“, וואָס קאָסט מיך נישט ווייניק געזונט...

— און אויב דער שאָפער, אייערער, לאָמיר זאָגן — האָט דער נייגעריקער אים געריייצט מיט א סאַדיש שמייכעלע ווי ביי א קאַץ וואָס שפּילט זיך מיט איר מייזלעשן קרבן — האָט געליטן אַן אומגליקספאַל, ער איז אומגעקומען אין די לעצטע טעג, דאָס איז דאָך מעגלעך ביי א שאָפער, אמת? וואָס טוט איר דעמאָלט?!

— אויך דאָס האָב איך זיך נישט איין מאָל געטראַכט — האָט שוין דאָס מאָל געזאָגט א פּאַרטרויערטער דער „ערשטער“ און די זאָרג איז ביי אים שוין געבליבן אויפן פּנים במשך דעם גאַנצן שמועס, וואָס מע וואָלט געקאָנט זאָגן אַז ער האָט שוין געטראָגן א כמעט פריינדלעכן כאַראַקטער — יאָ, געטראַכט האָב איך ווען דעם, אָבער מער ווי בעטן זיך ביי גאָט אַז ער זאָל אים אָפּהיטן פון אַלעם בייזן, אָבער מער ווי דאָס, פאַרשטייט זיך, האָב איך ביז איצט נישט געקאָנט טון...

— וואָס זשע זאָל איך איצט טון? — פרעגט דער „נייגעריקער“ — לויט אייער מיינונג, וואָס בלייבט מיר איבער איצט צו טון?

— טוט, זייט מוחל, א קוועטש אויפן קנעפּל, ווי איר האָט עס געטון ווען איר האָט מיך געוואָלט „אויספאָרשן“ — האָט דער „ערשטער“ פאַרגעזעצט מיטן זעלביקן פריערדיקן טאָן — און רופט דעם שאָפער. אָט האָט איר זיין אדרעס!

דער „נייגעריקער“ איז געבליבן פאַרטראַכט. ער האָט א שווייגנדיקער גע-דרייט א שרייבפעדל אין זיין האַנט. מע האָט אָנגעזען אַז עפּעס א געדאַנק באַמבלט זיך אים אין קאָפּ און ער ווייסט אים נישט ווי אַזוי ארויסצוברענגען.

— הם... — אַזויפיל האָט ער בלויז ארויסגעברומט און ווייטער געבליבן א פאַרטראַכטער.

— יאָ, איך וועל אייך נאָך עפּעס זאָגן — האָט אים דער „ערשטער“ ארויס-געהאָלפן, גלייך ער וואָלט געלייענט זיינע באַהאַלטענע מחשבות וואָס מע האָט

געזען אז זיי מוטשען אים — אוודאי קומט אייך אָן א ביסל שווערלעך ... איצט ווייסט איר דאָך נאָך נישט וואָס צו טון מיט מיר: ארויסלאָזן אויף דער פריי, קאָנט איר נישט ריזיקירן. אפשר וועל איך „עוקר" זיין און א צווייט מאָל וועט איר מיך שוין אפשר אזוי לייכט נישט געפינען. ווייל, ווי געזאָגט, איז דאָך געבליבן איין וואריאנט נישט פארענטפערט, אויב דער שאָפער האָט אין צווישן מיר נישט אָפּגעטון א מיאוס שפּיצל און געליטן אן אקסידענט ... און והשנית, כדי איך זאָל נישט האָבן די מעגלעכקייט זיך אדורכצושמועסן פון אפריער מיטן שאָפער, איידער איר וועט אים שטעלן אייערע פראַגן ... אזוי אז מיין עצה איז, פארהאַלט מיך דאָ, ביי אייך, די צוויי-דריי טעג, וואָס סע קאָן געדויערן פון אייער „קוועטש ביים קנעפל" ביז ער וועט זיך דאָ באווייזן, דערנאָך, וועט איר שוין זען וואָס איר האָט צו טון ווייטער, אָדער מיך קאָנפראָנטירן מיט אים, אָדער מיר זאָלן זיך שוין בכלל נישט באגעגענען דאָ, אונטער אייערע אויגן ... מסכים?

— ווי קאָן איך עם מסכים זיין? — פרעגט מיט א שמייכל דער „נייגעריקער" גלייך ער וואָלט געווען א זונה, וואָס שפּילט די ראָלע פון א בתולה — עס איז דאָך נישט לעגאַל, אז איך זאָל אייך ארעסטירן ...

דאָס מאָל האָט שוין דער „ערשטער" קוים זיך געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט שיער נישט אויסגעשריגן: און איצט, וואָס טוט איר, איצט זענט איר כשר, אַלץ וואָס איר טוט מיר איצט אָן, דאָס איז דען יאָ לעגאַל?! איר האָט מיך דאָך אויך געבראכט אהער מיט א „קוועטש מיט א קנעפל", הגם איר האָט דאָס רעכט נישט געהאט צו דעם, און דאָך האָט איר אייך באגאנגען מיט מיר, גלייך איך וואָלט שוין געווען נישט בלויז א חשוד, נאָר ממש א פארמישפּטער רוצח ... אָבער, ער האָט זיך פארהאַלטן רואיק, און פאַרגעזעצט ווי געדולדיק אָבער פארבייסנדיק די ליפּן:

— פאר וואָס באניצט איר אזא מיאוס וואָרט? איך האָב דאָך געזאָגט אז איר זאָלט מיך „פארהאַלטן" נישט „ארעסטירן"?! ...

דער „נייגעריקער" האָט אים אָנגעקוקט מיט יענעם שמייכעלע וואָס איז כאראקטעריסטיש צווישן א באנדע גנבים, וואָס פארשטייען זיך אויפן וואונק, און ער האָט נישט-ווילנדיק א טראכט געטון: א שאָד וואָס דער דאָזיקער יאָלד איז גאָר פּראָפעסאָר, און דערצו נאָך פאר געשיכטע. ער וואָלט געווען געדארפט דאָ ארבעטן ביי מיר, ער פארשטייט זיך דאָך אוים צו די דאָזיקע ענינים כמעט פיל בעסער פון מיר ... ער וואָלט געקאָנט זיין מיין א גוטער יועץ, אויב נישט נאָך מער ...

— איבעריקנס — פּארענדיקט דער ערשטער גאָר ערנסט — איך גיב אייך מיין געשריבענע הסכּמה, אָדער גאָר אַ מין בקשה אַז איר זאָלט מיך פּארהאלטן, אָן דעם איך זאָל קאָנען האָבן שפּעטער טענות צון אייך אַז איר האָט מיך ארעסטירט... יאָ־יאָ, אדרבה, דאָס וועט זיין אויף מיין בקשה, אַז איך האָב אייך געבעטן אַז איר זאָלט מיר פּארלייכטערן אַ דירה אויף עטלעכע טעג, ווייל איך האָב נישט קיין אנדערע מאטעריעלע מיטלען אויף אַ „האָטעל־צימער"..

— נו, — האָט דער „נייגעריקער" זיך ווי אנטשלאָסן — איך וועל אייך נישט „פּארהאלטן" אויב איר וועט מיר געבן אייער ערנוואָרט אַז איר וועט נישט זוכן זיך צו באַגעגענען אָדער זיך צו פּארשטענדיקן דורך אַ דריטער פּערזאָן מיטן שאָפער...

— מסכים — האָט אויסגערופן דער „ערשטער", אָבער ער האָט באַלד צו־געגעבן כּדי מע זאָל אים נישט האלטן פאר קיין שוטה — איך גיב אייך מיין ערנוואָרט, איבעריקנס האָט איר דאָך די מעגלעכקייט צו האלטן מיך אונטער שטרענגער אויפזיכט, כּדי איר זאָלט זיין זיכער, אַז איך האָב איינגעהאלטן מיין וואָרט...

— אויך דאָס איז מיר נישט דערלויבט — האָט געזאָגט דער נייגעריקער מיט יענעם שמייכל, וואָס דערמאנט אָן יענער וואָס זאָגט קודם „ניין", הגם זי איז אַ באַקאַנטע אויסגעלאַסענע — אָבער איך וועל ריזיקירן מיט אייך, אָנצו־טרויען אייך אויפן ערנוואָרט...

מיט דעם האָט זיך געענדיקט זייער ערשטער שמועס.

שפּעטער מיט צוויי טעג האָט מען געבראַכט דעם שאָפער, אַ לעבעדיקן, אָבער דאָך אָן איבערגעשראָקענעם, ווייל ער האָט דאָך נישט געהאַט פון וואו צו וויסן פאר וואָס מע האָט אים ארויסגערופן. קיין שום מענטש און בפרט אַ שאָפער, וואָס פון צייט צו צייט וועט ער דאָך נישט קאָנען גובר זיין דעם געלט־יצר־הרע און נישט עובר זיין אַ ביסל אויפן געזעץ, וועט זיך נישט פרייען ווען אַ „נייגעריקער" וועט אים ארויסרופן. עס איז דאָך באַוואוסט, אַז זעלטן קאָן זיך ענדיקן אַן „אויספאָרש" מיט גוטן, אויך ווען סע האנדלט זיך מיט אַ לגמרי ערלעכן מענטש. אָבער, צוריק געשמועסט, וועלכער מענטש איז לגמרי ערלעך?

דער „נייגעריקער" האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי מע זאָלט געדאַרפט אָנ־הייבן דעם שמועס מיטן שאָפער. ער האָט געפּילט אַ ווידערווילן, אפילו אַ שינאה צו דעם דאָזיקן מענטש, וועלכער האָט אים וואָס אָן אמת קיין שום שלעכטס נישט געטון. ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין שום מגע־ומשא מיטן גאַנצן ענין. אלנפאלס האָט ער נישט געהאַט קיין אַקטיוון מיטבאַטייל. ער איז דאָך העכסטנס

געוועז נישט מער ווי א קרבן אין דער דאָזיקער מאָדנער מעשה. סיי ווי אזוי מע וויל נעמען די דאָזיקע מעשה, פאר אן אויסגעטראכטער צי פאר אן אמתער אפילו, איז דאָך ער אויף קיין פאַל נישט דער שיסער נאָר דער געשאָסענער ...

איז ער געזעסן, דער „נייגעריקער", און געקוקט אויפן מענטש צו וועלכן ער האָט געהאַט נאָר א געפיל פון שינאה. הגם, ווען מע וויל א טראכט טון, וואָס האָט ער אייגנטלעך מיט אים? אָבער ווען סע רעדט זיך וועגן געפילן דארף מען אזעלכע פראגן נישט שטעלן, ווייל געפילן זענען כמעט קיין מאָל נישט דיקטירט פון שכלדיקן דענקען, פון לאָגיק, נאָר פון אויבנאויפיקע איינדרוקן אָדער פון זייטיקע השפעות, אפילו פון אונטערבאוואוסטזיניקע פאָראורטיילן, פון אלץ וואָס מע וויל, נאָר פון לאָגיק נישט. איז וואָס לאָזט זיך פרעגן אין אזא פאַל — און נאָך מער, וואָס לאָזט זיך דערויף ענטפערן?

דעם שאָפער האָט מען אפילו נישט אָנגעבאָטן קיין בענקל. מע האָט אים געלאָזט שטיין און וואַרטן. אויף וואָס? סע דארף נאָך עמעצער אריינקומען, וואָס זאָל אים שטעלן די פראגן, וואָס זאָל אים אויפקלערן צו וואָס פאר א צוועק מע האָט אים אהער געבראַכט?

האָט ער געוואַרט א ווײַלע, וואָס אים האָט זיך אויסגעזען אן אומענדלעכ-קייט. ביז ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און דאָך געפרעגט, הגם ער האָט דאָך זייער גוט געוואוסט, אז אויף אזא אָרט פרעגט מען געווײנטלעך נישט אלנפאַלס איז נישט ער דער וואָס מעג דאָ שטעלן די פראגן אָדער גאָר עפּעס צו זאָגן. אויב שוין יאָ ער, איז דארף ער נאָר ענטפערן אויף די געשטעלטע פראגן. אָבער אז ער האָט נישט געהאַט גענוג געדולד איבערצוואַרטן, אז מע זאָל אים פרעגן, האָט ער דאָך געמוזט עפּעס זאָגן (אזוי לכל-הפּחות האָט ער געמיינט!), האָט ער ענדלעך זיך געמאַכט קוראַזש און קוים געפרעגט:

— צו וואָס האָט מען מיך אהער געבראַכט? — האָט ער נישט געוואַגט ארויסגעזאָגט די דאָזיקע עטלעכע ווערטער, גלײַך ער וואָלט זיי נישט אדרעסירט קיינעם, נאָר ווי זיך אליין געפרעגט — און אויב מע האָט מיך שוין יאָ אהער געבראַכט, מיין איך אז עס איז א יושר אז מע זאָל מיר זאָגן צוליב וואָס ...

— איר פרעגט נאָך?! — האָט זיך דער „נייגעריקער" ווי צעשריגן — איר ווייסט נישט צוליב וואָס?

— ניין, איך ווייס באמת נישט — האָט דער שאָפער ווי זיך בעטנדיק גע-זאָגט זייער שטיל, אז קוים האָט ער גופא געהערט זיינע אייגענע ווערטער.

— איר ווייסט נישט? איר ווייסט דאָך בעסער פון יעדן, פאר וואָס מע האָט אייך ארויסגערופן ... אָבער אז איר ווילט אייך מאכן תמעוואַטע — האָט שוין

געזאָגט דער „נייגעריקער“ מיט א דראָענדיקן טאָן — אויב איר מאכט אייך נישט ווייסנדיק, וועט עס אוודאי מער גדויערן ווי מיר וואָלטן געוואָלט...

דער שאָפער איז געשטאַנען און געביטן די פיס פון רעכטן אויפן לינקן און פונעם לינקן אויפן רעכטן, סע האָט זיך אים געדאכט אז זיין קערפּער איז גאָר שווערער געוואָרן און זיינע פיס זענען שוין נישט ביכולת אים אויסצו־האַלטן. די הויפּט משא פון זיין מידן קערפּער האָט ער געפילט בפרט ביי די קני־עס וואָס האָבן זיך אים געוואָלט בייגן, און נאָר מיט גרויסן אָנשטרענג האָט ער זיך געקאָנט האַלטן גלייך... און אין מוח האָט זיך געראָלט א פילם זייער א מטושטשער. פארשידענערליי בילדלעך פון געשעענישן, נישט קלאָרע, פון די לעצטע טעג, וואָס סע האָט זיך אים געטראָפן, געשעענישן און בילדער וואָס האָבן זיך געראָלט פאר זיינע אויגן אין שווינדלערישן לויפן פון זיין מאשין, וואָס ער האָט געפירט אין טאָלן און איבער בערג פונעם לאנד. בילדער וואָס קריצן זיך צו מאָל איין אין זיין מוח און אין זכרון, וואָס אויפן מאָמענט גיט ער זיך אפילו נישט אָפּ קיין חשבון דערפון, אָבער נאָך א צייט שווימען זיי אויף אין זיין זכרון, גלייך ער וואָלט זיי איבערגעלעבט פונסניי, פונסניי, אָבער ווי מער בולטער נאָך ווי ווען ער האָט זיי געזען פריער אין דער אמתן, אין דער צייט ווען ער האַלט אָנגעשטרענגט זיין בליק פאָרויס, פאָרויס, כדי צו האַלטן גלייך דעם רודער, נישט אָפּצווייכן פונעם וועג — די מאשין לויפט, לויפט, און פאר זיינע אויגן דרייט א פילם פון לאנדשאַפטן, ביימער, הייזער, וועגן, דרכים וואָס פארבונדן זיך און צעשיידן זיך ווי אין א געפּלאָנטער, און אקעגן אים קומען אויך יאָגנ־דיקע אויטאָמאָבילן, וועגענער געשלעפּטע פון פערד, זעלטן באגעגנט ער אויך פיגורן פון מענטשן, וועמעס בליקן ער האָט נישט קיין צייט אויפצוכאַפּן — אַלץ לויפט דאָך פארביי ווי אין א חלום... וואָס זשע זאָל ער איצט זיך דערמאָנען, כדי צו קאָנען אָנכאַפּן א פאָדעם, אויפפּלאָנטערן אים און זוכן אן ענטפער אויפן דאָזיקן רעטעניש, וואָס מע שטעלט אים איצט אונטער: וואָס זאָל ער זיך דער־מאָנען? פאר וואָס האָט מען אים געקאָנט „ארויסרופן“?... מע האָט אים דען ארויסגערופן?! מע האָט דאָך אים ממש ארעסטירט און געבראכט אהער אָן זיין ווילן, גלייך ער וואָלט שוין געווען פארמשפּט ווער ווייסט פאר וואָס א זינד...

האָט ער געשוויגן, ווייל וואָס צו זאָגן האָט ער בשום אופן נישט געפונען, אפילו נישט עפּעס אן אויסרייד דערצו.

דערווייל האָט דער „נייגעריקער“ אויך געשוויגן, אויך ער האָט נישט גע־האט וואָס צו זאָגן און נישט געפונען קיין איין פּאסיק וואָרט נישט, אז ער זאָל נישט אויסזען לעבערלעך אין די אויגן פון דאָזיקן מענטש, וואָס הגם ער האָט

גאָרנישט קיין קאָנקרעטס קעגן אים, דאָך דאַכט זיך אים, אַז אָט דער איז דער הויפּט-שולדיקער אין דער גאַנצער מעשה… וואָלט ער נישט געווען, וואָלט מען אים נישט „געשאָסן“, וואָלט גאָרנישט געווען געשען… איז ער דאָך אָבער יאָ דאָ, און מע דאַרף אים איצט פרעגן עפּעס — אָבער וואָס? וואָלט מען אים געקאָנט, למשל, פרעגן צי מע האָט אים געהרגעט? און אויב ער ווייסט ווער עס איז זיין רוצח?!…

עס איז בלעבן אַ קאָמישע געשיכטע, צו האָבן פאַר זיך אַזאַ מין אומגעלומפּערטע בריאה, וואָס איז מסתמא יאָ שולדיק, אפילו בלויז מיט זיין הוילער עקזיסטענץ און דאָך געפינט מען נישט קיין וואָרט, מיט וועלכן כאָטש אָנצוהייבן אַן „אויספאָרש“… אַ ווײַלע האָט דער „נייגעריקער“ זיך געטראַכט, אַז עס איז געווען אַ נאַרישקייט אים אַרויסצורופן. וואָס קאָן מען פון אים אַרויסבאַקומען?

נו, אויב ער איז שוין דאָ, דאַרף מען דאָך עפּעס זיך דערעדן מיט אים, האָט ער אים געשטעלט די עלעמענטאַרסטע פראַגן:

— ווי הייסט איר?

דער שאָפער האָט אים געזאָגט דעם נאָמען. דערנאָך האָט ער געזאָגט זיין וואוינאָרט, זיין עלטער, די נעמען פון זיין פאָטער און מוטער, זייער באַשעפטיקונג, זייער אַדרעס, זייער עלטער, פּאָליטישע צוגעהעריקייט און אַזוי ווייטער, ווי אַזוי מע טוט געוויינטלעך ביי אַן אויספאָרש. אָבער ווי נאָר די אַלע סטערעאָטיפּישע פראַגן האָבן זיך געענדיקט, וואָס מע ווייסט זיי אַלע פון פאָרויס אויך די ענטפערס, איז מען ווייטער געשטאַנען ווי מע וואָלט זיך נישט געקאָנט אַרויסדראַפּען מיט די רעדער וואָס האָבן זיך פאַרזונקען אין אַ קלעפּנדיקער בלאָטע.

אין קאָפּ ביים שאָפער האָבן זיך די בילדער געראָלט, ווי אַ שנעלער אויפגעוויקלטער פילם, אָבער דאָך האָט ער נישט געקאָנט זיך כאַפּן וואָס דער ציל איז. נישט די דאַטן פון זיין לעבן, נישט פון זיינע עלטערנס האָבן נישט געקאָנט דערפירן כאָטש צון אַ רמז, אַז אים זאָל קומען אויפן זכרון עפּעס וואָס זאָל אים דערמאָנען און געבן אַן אָנצוהערעניש אויף עפּעס אַ חטא, וואָס זאָל באַרעכטיקן זיין אַרויסרופן צון אַן אויספאָרש…

צום סוף איז דאָך געקומען דער לעצטער קלאַפּ:

— איר זענט געווען אויפן פראָנט?

ווען ער האָט דערהערט די דאָזיקע פראַגע, האָט דער שאָפער זיך ווי אַדורכגעוועקט פון אַ חלום, אָדער גאָר פון אַ גאַנצן שלאָף: נו, איצט ווייסט ער שוין

וואָס מע וויל פון אים. הייסט עס, אַז דאָס איז עס שוין ווידער... און אַז ער האָט זיך שוין דאָס יאָ דערוואוסט, האָט ער שוין צוריקבאַקומען די „כוחות". איצט דאַרף ער שוין נישט קיין מורא האָבן פאַר גאָרנישט, מע האָט דאָך אים מיט גאָרנישט אין די הענט. איצט קאָן ער שוין מאָגען ענטפערס און דאַרף זיך מער נישט בויערן דעם קאָפּ אויף צו טראַכטן וואָס ער זאָל ענטפערן. אדרבה, איצט זאָלן זיי זיך ברעכן דעם מוח וואָס זאָלן אים ענטפערן...

— שוין ווידער?! — בלויז אַזוי פיל האָט ער אַרויסגעזאָגט, אָנשטאָט ער זאָל ענטפערן דיסציפּלינירט אויף דער פראַגע וואָס מע האָט נאָר וואָס אים געשטעלט.

— איר זענט געווען אויפן פראָנט? — האָט דער „נייגעריקער" איבער־געחזרט זיין פראַגע און געמאַכט זיך אַז ער האָט אפילו נישט געהערט זיין עזות־דיקע ענטפער־פראַגע.

דאָס מאָל האָט שוין דער שאָפער געענטפערט נאָרמאַל:

— איך בין געווען און געטון אויך דעמאָלט און דאָרט די זעלביקע מלאכה, ווי אין דער היים, ווי אויך היינט, איך האָב געפירט אַן אויטאָמאָביל...

— איר געדענקט נאָך דעם נאָמען, וועמען איר האָט באַדינט מיט דער מאַ־שין ווי אַזוי סע האָט געהייסן אייער קאָמאַנדאַנט?

— איך קאָן נישט געדענקען אַלע — האָט דער שאָפער שוין געענטפערט רואיק, אָבער אויך גלייכגילטיק, גלייך סע וואָלט אים שוין מער נישט אָנגע־גאַנגען דער גאַנצער שמועס, ווייל איצט ווייסט ער דאָך שוין זייער גוט אַז ער איז שוין אַרויס פונעם שפּיל. איצט קאָן ער שוין זיין העכסטנס אַן עדות, אָבער אויף קיין פאַל נישט איז ער נישט קיין אָנגעקלאָגטער. ער קאָן דאָך שוין אויף אויסנווייניק די גאַנצע מעשה... האָט ער זיך פאַרהאַלטן שטיל, געענטפערט קלאָר — איך האָב געפירט מיט מיין אויטאָ מערער קאָמאַנדאַנטן במשך דער גאַנצער מלחמה, קאָן איך נישט געדענקען זייערע נעמען... דעם אמת געזאָגט, האָב איך אייניקע נעמען קיין מאָל נישט געוואוסט, עס איז געווען אַ צו קורצע צייט דערצו. זיי האָבן זיך דאָך נישט פאָרגעשטעלט ביי מיר, ווען זיי האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויפן אויטאָ און דאָס אויך נישט געטון ווען זיי זענען אַראָפּ פונעם אויטאָ. מייסנט האָבן זיי זיך דאָך געאיילט, תמיד זענען זיי דאָך ווי גע־לאָפן. איר ווייסט דאָך, אַז אַ מענטש אַרבעט, עסט, שלאָפט מער ווייניקער רואיק — בלויז ווען ער וויל אָדער דאַרף ערגעץ פאָרן, דעמאָלט הייבט ער זיך שוין אָן איילן און טרייבט אונדז, שאָפערן, אַרויס די נשמה... פאַר וואָס איילן זיי זיך ערשט דעמאָלט? פאַר וואָס האָבן זיי זיך נישט געאיילט פאַר דעם, איידער

זיי זענען שוין אָנגעקומען צו דער מאַשין? אַזוי אַז נישט איך ווייס זייער נאָמען, און איך בין זיכער אַז דאָס רוב האָבן אויך מיין נאָמען נישט געוואוסט, קיין מאָל נישט געוואוסט... איך בין זיכער אַז דאָס רוב האָבן מיין פאַמיליע-נאָמען אויך נישט געוואוסט און זיך נישט געפרעגט, האָבן איינציקע יאָ געוואוסט מיין נאָמען, אָבער נישט דעם פאַמיליע-נאָמען, סיידן זיי האָבן אים פאַרגעדענקט צוליב עפּעס אַ סיבה, ווען זיי האָבן געדאַרפט זיך אינטערעסירן כדי צו מאַכן אַ ספּעציעלע לעגיטימאַציע פאַר ספּעציעלע נסיעות... און אַזעלכע פאַלן זע-נען נישט געווען קיין גאָר אָפטע.

ביי דעם „נייגעריקן" האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק:

— ביי איינער אַזאַ „ספּעציעלער נסיעה" האָט איר געפּרואווט אריבער-לויפן צום „שונא"?...

— יאָ — האָט ער געענטפערט שוין מיט חוצפה — טאַקע אַזוי... נישט בלויז אַז איך האָב געפּרואווט, נאָר טאַקע „אַריבערגעלאָפן", געזען ווי אַזוי פריינדלעך מע האָט מיך אויפגענומען, בין איך צוריקגעקומען... יאָ, טאַקע צוליב דעם וויזט אויס, האָב איך באַקומען די מעדאַלן... איר ווייסט וויפל מעדאַלן איך האָב באַקומען? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט געקאָנט אַרויסבאַרענגען פון די כלים דעם געדולדיקסטן מענטש.

דער „נייגעריקער" האָט געזען, אַז דער שאָפער איז נישט קיין פּשוטער „פּויער", וואָס מע זאָל זיך באַניצן מיט די באַקאַנטע „אויספאָרשערישע" באַ-נאַלע מיטלען, ווייל זיי קאָנען אין ערגעץ נישט דערפירן, העכסטנס קאָן ער פאַרלירן בלויז צייט און אים גופא אַרויסברענגען פון די כלים, אומזיסט און אומנישט. אויך אַזוי קומט ער אַהיים, אויף דער נאַכט אַן אויסגעשעפּטער, אַ מידער, אַז זיין פרוי האָט זיך שוין פאַרזאָרגט און אים געראָטן, אויף דער עצה פון אַ דאָקטער, אַז ער זאָל זיך שוינען אויב ער וויל נישט אַריינפאַלן אין אַן אומהיילעוודיקער נעוראַסטעניע... האָט ער געשטעלט אָפן די פראַגע:

— אין וועלכן יאָר האָט איר באַדינט איינעם, וואָס מע האָט גערופן דער „ערשטער"?

דאָס מאָל איז שוין דער שאָפער געווען ביי זיך זיכער צוליב וואָס מע האָט אים אַרויסגערופן, האָט ער אויך שוין געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן און פאַר-ענדיקן וואָס גיכער מע וואָלט נאָר געקאָנט. האָט ער זיך באַשלאָסן אַרויסהעלפן קלאָר צו מאַכן דעם שוין אַזוי באַקאַנטן ענין:

— יאָ, צוריק מיט יאָרן האָט מען מיך שוין געהאַט גערופן אויפקלערן דעם דאָזיקן ענין, אין וועלכן איך האָב גאָרנישט קיין שום באַטייליקונג... איך בין

דעמאָלט געוואויר געוואָרן אַז דער „ערשטער“ זאָל מיך געווען האָבן דערשאָסן, ווייל איך זאָל האָבן געטראַכט אריבערצולויפן צום שונא... איך שטרייך אונטער: איך זאָל געווען האָבן געטראַכט. אָבער אַזוי ווי די גאַנצע מעשה איז נישט מער ווי אויסגעזויגן פונעם פינגער, בין איך נישט אריבערגעלאָפן און קיינער האָט דעמאָלט נישט געקאָנט „לייענען“ מיינע „טראַכטעניש“ און ער האָט מיך נישט געשאָסן, און איך לעב מיר ווייטער, ווי איר זעט אַליין, און טו מיר מיין מלאכה, ערלעך — ווי ערלעך סע קאָן זיין אַן ערלעכער בעל-מלאכה, אויך ווען ער איז אַ שאָפער... די גאַנצע מעשה איז נישט מער ווי אַ בילבול...

— פון וואַנען ווייסט איר — זאָגט דער „נייגעריקער“ מיט אַ טאָן, וואָס שטעלט אונטער אַ ספק די גאַנצע מעשה, וואָס ער האָט נאָר וואָס דאָ געהערט — אַז דאָס איז אַ בילבול?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — זאָגט דער שאָפער שוין מיט אַ שמייכל, וואָס האָט פאַרראָטן גלייכגילטיקייט און אַפילו גרינגשאַץ צום גאַנצן אויספאָרש — דער גאַנצער ענין האָט מיך נישט אינטערעסירט נישט דעמאָלט און אויך נישט איצט — איך האָב זיך געפרייט און פריי זיך אויך איצט, אַז נישט איך בין דער דערשאָסענער...

— איר ווילט זאָגן — כאַפּט זיך אָן דער „נייגעריקער“ אין דער נואַנס פון זיינע רייד, כדי דאָך צו דערפירן ערגעץ מיט זיין שמועס — אַז אייך האָט מען טאַקע קיין מאָל נישט געשאָסן, אָבער סע קאָן זיין אַז יענער זאָל געווען האָבן דערשאָסן אַן אַנדערן שאָפער?

— זעט איר, אָט דאָס קאָן איך שוין נישט זאָגן... איך קאָן בלויז זאָגן, אָדער איך דאַרף איבערהויפּט דאָס נישט זאָגן אָדער גאָרנישט זאָגן, ווי באַלד איך לעב און האָב אויף מיין קערפּער קיין שום שפּורן פון קיין קויל, איז דאָך שוין היינט זיכער אַז קיינער האָט מיך קיין מאָל נישט געשאָסן, דאָס איבעריקע אינטערעסירט מיך בכלל נישט...

— וואָס הייסט, אייך אינטערעסירט נישט בייהילפיק צו זיין צו דעמאַסקירן אַ רוצח, וועלכער האָט געשאָסן אַ שאָפער? אויב נישט אייך, האָט ער מסתמא געשאָסן אַן אַנדערן שאָפער, אייער אַ פאַך-קאָלעג?

— ביים בעסטן ווילן — האָט אויפריכטיק געענטפערט ווי אומבאַהאָלפן דער שאָפער — אין דעם קאָן איך שוין נישט זאָגן קיין שום עדותשאַפט, אויף זאַכן וואָס איך ווייס נישט... אויב עמעצער האָט געזאָגט, אַז יענער האָט געשאָסן אַ שאָפער, איז קאָן מען דאָך איצט זען אַז נישט איך בין דער דערשאָסענער... פשוט, ווייל איך שטיי פאַר אייך אַ לעבעדיקער. אויב יענער וואָס האָט

דאָס געזאָגט, אָדער געשריבן אין א מסירה, דאַרף מען, מיין איך, אים פרעגן, אז ער זאָל אויפקלערן וואָס ער האָט געמיינט און געוואָלט דערמיט זאָגן...

דער „נייגעריקער" איז געבליבן ווי געפּלעפט: אויף דעם האָט ער גאָר־נישט געטראַכט אפילו. אוודאי איז עם אזוי. ערשט איצט האָט אים דער דאָזי־קער מענטש, אויף וועלכן ער איז געוועזן אזוי אויפגעבראַכט, ביים אָנהייב פון זייער אזוי שווער אָנגעהויבענעם שמועס, געגעבן די בעסטע עצה: אייגנטלעך האָט ער דאָך געדאַרפט טאַקע ביי דעם אָנהייבן און ארויסרופן יענעם, וועלכער האָט געשריבן דאָס דאָזיקע עדותשאפט... אמת, די עצה ארויסצורופן דעם שאָפער האָט אים גאָר געגעבן דער „ערשטער", וועלכער האָט מסתמא געמיינט, אז ווי באַלד ער וועט אויפווייזן דעם שאָפער, א לעבעדיקן, וועט ער פטור ווערן פונעם גאַנצן עסק... איצט לאָזט זיך גאָר אוים, אז מיטן דאָזיקן מענטש האָט ער מער גאָרנישט וואָס צו רעדן. ער איז אזוי פיל פון אים געוואויר געוואָרן, אז אין דער אמתן האָט ער טאַקע באַדינט דעם „ערשטן", אָבער דערשאָסן האָט אים יענער קיין מאָל נישט... נאָך מער, ער איז שוין געוועזן אויסגעפּאַרשט וועגן דעם ענין און דאַכט זיך, אז דאָס איז שוין אויפגעקלערט געוואָרן דעמאָלט.

הייסט עס, אז קאָנפראָנטירן דעם שאָפער מיטן „ערשטן" דאַרף מען בכלל נישט, ווייל סע קאָן צו גאָרנישט דערפירן. ער לייקנט דאָך נישט דאָס וואָס ביידע האָבן ארויסגעזאָגט. עס איז בלויז נישט געגוג קלאָר, אויב דער „ערשטער" האָט טאַקע נישט דערשאָסן אן אנדערן שאָפער מיטן זעלביקן נאָמען, אָדער גאָר מיט אן אנדערן נאָמען...

האָט מען דעם שאָפער אָפּגעלאָזט, אָדער בעסער געזאָגט, אהיים געשיקט אז מע זאָל אים מער פאַר די אויגן נישט זען... אָן דעם אז מע זאָל אים באַ־צאָלן די הוצאות פאַר זיין רייזע אהיים און אויך נישט די טעג וואָס ער האָט פאַר־טראַצעט און נישט פאַרדינט גאָרנישט...

האָט מען ווידער ארויסגערופן דעם „ערשטן"... מע האָט אים געזאָגט גאַנץ אָפן: יאָ, די מעשה מיטן שאָפער איז גאָרנישט אזוי פשוט ווי אים דאַכט זיך אוים. אמת, ער, דער דאָזיקער לעבט טאַקע. אָבער ווער זאָגט אז עס איז נישט די רייד פון א צווייטן, וועלכער לעבט שוין נישט און קיינער וועט שוין קיין מאָל זיין קבר נישט געפינען?...

— הייסט עס — האָט דער „ערשטער" געזאָגט, דאָס מאָל שוין נישט ביי זיך אזוי זיכער און שוין בכלל נישט האָפערדיק, ווי ער האָט גערעדט אין די ערשטע טעג — הייסט עס, אז מע וועט דאַרפן ארויסרופן אויך דעם דעמאָלטיקן קאָמאַנדאַנט מיינעם, וועלכער לעבט ערגעץ ווי אן אַלטער פענסיאָנירטער פּראָ־

פעסאָר, אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, אָבער איך האָף אַז ער לעבט... אָט איז זיין אַדרעס.

— אָבער וואָס טוט מען מיט אייך? — האָט זיך אַרויסגעריסן די פראַגע פון-נעם „נייגעריקן" אויך אָן זיין ווילן, ווייל דאָס האָט ער דאָך בלויז געוואָלט טראַכ-טן ביי זיך און עס נישט אַרויסזאָגן פאַרן „ערשטן".

— גאַנץ פּשוט — האָט דער „ערשטער" געזאָגט ווי מיט אַ שמייכל, ווי ער האָט עס געטון ביים אָנהייב פון דער דאָזיקער אויספאָרשונג. הגם איצט איז ער שוין נישט געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט און אויך נישט אַזוי זיכער ביי זיך אַז אַלעס איז בלויז אַ פאָרמעלע זאַך. ערשט איצט האָט ער דאָך זיך שוין אָפּגעגעבן חשבון אַז הגם אַלץ איז לכתחילה געווען אַזוי קלאָר, דאַרף דאָך נאָך רינען אַ סך וואַסער אויף דער טינע ביז סע וועט אַלץ קלאָר ווערן אויך פאַרן „נייגעריקן" אַז ער איז אומשולדיק — גאַנץ פּשוט, איך וועל ווייטער בלייבן אונטער אייער אויפזיכט... איך גיב ווייטער מיין ערנוואָרט אַז איך וועל מיט קיינעם נישט רעדן וועגן דאָזיקן ענין... גיט זשע, זייט מוחל, אַ קוועטש אויפן „קנעפּל", זאָל מען אַרויסרופן דעם אַלטן פּראָפעסאָר און אים מטריח זיין אַהער, ער זאָל אויפקלערן דעם גאַנצן ענין, וואָס איז קאָמיש — יאָ, ממש קאָמיש, אָבער פאַר מיר איז עס שוין אַ ביסל צוגעגעסן, ווייל מע מוטשעט דאָך מיך שוין אַזוי פיל צייט, גלייך אַזאַ מין נישט-עקזיסטירנדיקער געשפּענסט פון איינעם אַ שאָ-פער וואָלט מיך פאַרפאָלגט אויף מיין גאַנץ לעבן... טוט, זייט מוחל, אַ טראַכט וויפל געזונט עס קאָסט מיך שוין דער גאַנצער ענין... און שולדיק בין איך דאָך גאָרנישט אין גאַנצן עסק. אויב עס איז עמעצער שולדיק אין דאָזיקן פאַר-פּלאָנטערטן ענין, איז עס טאַקע ער, דער געוועזענער קאָמאַנדאַנט מיינער, הגם ער האָט אויך נישט געהאַט קיין בייזע כוונות, אָבער ווי אַזוי סע זאָל נישט זיין — איז ער דער איינציקער וואָס קאָן אויפקלערן אַלץ.

יאָ, דאַכט זיך אַז עס איז טאַקע אַזוי. מיט דעם האָט ער טאַקע געדאַרפט איינגנטלעך אָנהייבן פונעם ערשטן טאָג אָן, ווי אַזוי איז דאָס תיכף נישט געקו-מען אים אויפן געדאַנק? — האָט געטראַכט איצט ביי זיך דער „נייגעריקער" — אוודאי איז דער קאָמאַנדאַנט, וועלכער האָט מיט זיין אייגענער האַנט געשריבן אַז דער „ערשטער" האָט באַוויזן אַזאַ העלדישקייט און דערשאָסן אַ פאַררע-טער, אַ שאָפער וואָס האָט געוואָלט אַריבערלויפן צום שונא... יאָ, ער איז דאָך דער שליסל צום גאַנצן רעטעניש.

האָט ער ווידער אַ קוועטש געטון אויפן „קנעפּל": זאָל מען ברענגען דעם פּענסיאָנירטן פּראָפעסאָר, וועלכער איז בעת דער מלחמה געווען אַ מאָבילי-זירטער קאָמאַנדאַנט.

מיטן פּראָפעסאָר-קאָמאנדאנט האָט מען זיך שוין נישט באגאנגען מיט די „הענעטשקעס“, ווי מע האָט עס געטון אפילו מיטן „ערשטן“, אויף וועלכן סע האָט געשוועבט א חשד אז ער האָט געהרגעט א מענטש... איצט האָט מען דאָך געוואוסט אויף קלאָר, אז דער פּראָפעסאָר פאר געשיכטע, וועלכער איז געווען בעת דער מלחמה א קליינער קאָמאנדאנט, האָט קיינעם נישט געשאָסן. ער האָט בלויז געזאָגט אז אן אנדערער האָט געשאָסן א שאָפער, וועלכער לעבט... און דאָך איז דער „נייגעריקער“ געווען אויפגעבראכט אויפן קאָמאנדאנט מער ווי אויף יעדן.

דער געוועזענער קאָמאנדאנט, אן עלטערער מענטש, וועלכער האָט שוין כּמעט אָפּגעלעבט אלץ אויף דער דאָזיקער ערד. אלע זיינע געשיכטע-לעקציעס האָט ער שוין פארענדיקט. אלע זיינע „שלאכטן“ האָט ער שוין אויסגעקעמפט. אלע מעדאלן האָט ער שוין אין שופלאָד, מער טראָגט ער זיי שוין נישט אויף זיין איינגעפאלענער ברוסט, אפילו נישט אין די נאציאָנאלע יום-טובים. אלע לאָרבער-קרענץ זענען שוין ביי אים פארוויאנעט. די „פּראָפעסאָרישע יאסלעס“ זענען שוין ביי אים לויזע. די אמאָליקע „מיליטערישע ציין“ אויב ער האָט זיי אמאָל יאָ פארמאָגט, זענען שוין לאנג ארויסגעפאלן... איצט לעבט ער זיינע עלטערע יאָרן צוריקגעצויגן פון אלץ וואָס קומט פאָר ארום אים, ווי א פּענסיאָ-נער. ער לעבט דאָך ווי אויף א פרעמדער חתונה, א וועלט וואָס איז שוין נישט זיינע... און איצט, שטייט ער אויף זיינע אלטע פיס, מע האָט אים בכיוון נישט אָנגעבאָטן קיין בענקל, דווקא כדי אים צו פּייניקן, כדי אים ארויסצווייזן גרינג-שאַץ, ביטול וואָס איז ערגער ווי שינאה... און דער „נייגעריקער“ זיצט דע-מאָנסטראטיוו, צעלייגט זיך אין זיין שטול ארויסרופעריש, אים ארויסצווייזן אז ער איז שוין מער נישט יענער פון אמאָל וואָס האָט געהאלטן לעקציעס, גע-שטעלט נאָטעס און אוודאי געפּייניקט אויך סאדיש זיינע שילער, וואָס האָט גע-געבן אמאָל באפעלן, לויט זיין ווילן, זיך נישט רעכענענדיק אפילו מיט קיין שום געזעץ, קיין שום רעגולאמין — בלויז זיין ווילן האָט דאָך געציילט, דע-מאָלט ווען ער האָט געהאט די „בייטש“ אין די הענט, ווען די עפּאָלעטן און שליפעס האָבן אים געגעבן א ביסל מאכט אין זיינע הענט, האָט ער זיך גע-נומען אליין אן אומבאגרענעצטע מאכט... היינט איז ער שוין נישט מער ווי אן אָפּגעשלאָגענע הושענא, אן אלטער פארצער... נישט וואָס ער האָט שוין נישט קיין מאכט אין זיינע הענט, נאָר איז אויך נידעריקער פון א פּשוטן ביר-גער, וואָס האָט אפשר קיין מאָל נישט געהאט דעם כבוד און אויך די מאכט, וואָס דער דאָזיקער דאָ האָט עס געהאט...

שטייט דער פּראָפּעסאָר-קאָמאַנדאַנט אויף זיינע קוים אונטערהאַלטנדיקע ציטערנדיקע פיס און וואַקלט זיך. ער טויג אפילו נישט איבערבייטן די פיס, צו שטיין קודם אויפן רעכטן דערנאָך אויפן לינקן, ווי אַנדערע טוען עס געוויינט־לעך, כדי אזוי זאָל אפשר לייכטער זיין צו שטיין און נישט צוזאַמענפאַלן אָן כוחות, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים... ער האָט זיך געהאַלטן, אָדער בעסער געזאָגט, ער האָט זיך געפּרוּווט האַלטן, כדי נישט אָנצוּווערן פונעם אמאָליקן שטאָלץ. ער האָט עס געהאַלטן אונטער זיין כבוד, אז ער זאָל בעטן א בענקל... ביי וועמען, האָט ער זיך געטראַכט, זאָל ער בעטן דערלויבניש זיך צו זעצן? ביי אָט דעם צוציק? ...עס איז אונטער זיין כבוד.

האָט ער געפּרוּווט אויסהאַלטן, יאָ, ער האָט בלויז געפּרוּווט, אָבער די כוחות האָבן ביי אים שוין נישט געקלעקט.

— גיט מיר א ביסל וואַסער...

אַזוי פיל האָט ער נאָך געקאָנט קוים אַרויסרעדן, אָבער די כוחות האָבן שוין נישט אויסגעהאַלטן, און ער איז אומגעפאַלן איידער ער זאָל דערגיין צום בענקל, אויף וועלכן ער האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן אין דער לעצטער מינוט, אָן דעם אז מע זאָל אים געבן דאָס רשות...

האָט דער „נייגעריקער" א קוועטש געטון דאָס קנעפּל און מע האָט אים אַרויסגעפירט... האָט ער זיך אויסגערוט א דריי טעג און דריי נעכט. קיינער האָט אים נישט געפרעגט במשך דער צייט גאָרנישט, אפילו נישט ווי אַזוי ער פילט זיך...

דערנאָך האָט מען אים ווידער געבראַכט פאַרן „נייגעריקן":

— איר דערקאָנט אייער שריפט? — האָט ער אים אָנגעגריפן, ווי מע רופט עס אויפן מיליטערישן לשון, פראָנטאַל — ווייזנדיק אים דאָס בייגעלע פּאַפּיר.

— יאָ, איך האָב דאָס געשריבן — האָט ער אַרויסגעזאָגט הייזעריק. אָבער מע האָט דאָך געקאָנט אַרויסהערן אין זיין קול אז עפּעס איז עס אים לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. איצט ווייסט ער דאָך כאָטש שוין אין וואָס סע האַנ־דלט זיך... ביז איצט, אין יענע דריי טעג וואַרטן, האָט ער דאָך שוין איבערגע־קלערט וועד ווייסט וואָס וויל פון אים. א פראַגע א ביסל? במשך א גאַנץ לעבן, פון א ציווילן פּראָפעסאָר וואָס דערגייט גלייכצייטיק ווי א רעזערוויסט, אָבער דאָך מלחמה-צייט צו זיין א מאָביליזירטער קאָמאַנדאַנט, מיט א הויכן ראַנג, לעבט מען דאָך עפּעס איבער?!... — יאָ, עס איז מיין האַנטשריפט.

— איר זענט געווען אויף דער לוויה פונעם דערשאָסענעם שאָפער? — האָט דער „נייגעריקער" געזאָגט מיט איראָניע אָבער דאָך מיט א פיינטלעכן בליק.

און איידער יענער זאָל אים געווען עפּעס ענטפערן, האָט ער פאָרגעזעצט — די אַלמנה פון יענעם שאָפער האָט אין צווישן חתונה געהאט אויפן סמך פון אייער דאָזיקן גע־שריפטס... האָט געבוירן דריי קינדער... איצט האָט זיך באַוויזן דער פון אייך „דערשאָסענער“ שאָפער, א לעבעדיקער... איר ווילט אים אפשר זען?... ווי אזוי וועט איר עס איצט קאָנען שלום מאכן צווישן אָט די צוויי מענער פון יענער „לעבעדיקער“ אלמנה?...

דער פּראָפעסאָר איז געבליבן פארשטומט. אָט דאָס איז דאָך שוין גאָר א שפּאָגלנייע מעשה. ער האָט שוין געוואוסט, אז מע האָט אים צוריק מיט עטלעכע יאָרן ארויסגערופן אויף אזא מין אויספאָרש, אז ער זאָל עדות זאָגן אויב יענער אָפיציר, פון אונטער זיין קאָמאנדע, וועלכער איז אגב, אויך ווי ער א ציווילער פּראָפעסאָר, האָט טאקע ממש דערשאָסן א שאָפער... דעמאָלט האָט זיך דאָך עס געהאנדלט אין רייגוואשן דעם „ערשטן“ אז יענער איז נישט באגאנגען די רציחה, אז ער, ווי דער עלטסטער פון יענעם אָפיציר, האָט אויסגעטראכט די גאנצע מעשה מיטן שיסן, כדי יענער זאָל באקומען א מעדאל, זאָל קאָנען באקומען אן אורלויב און אהיים פאָרן צו זיין משפחה אויף א צוויי וואָכן פונעם פראָנט... בלויז אזוי פיל, אויף צו באלוינען דעם אָפיציר, פאר זיין „העלדישקייט“, בלויז צוליב דעם האָט ער אָנגעשריבן די גאנצע מעשה... נו, איז וואָס, וויל מען אים באשולדיקן, איצט, שוין נאָך דער מלחמה, אז ער האָט געוואָלט ארויסהעלפן א קאָלעג, א פריינד, אן אונטערגעאָרדנטן, אז ער זאָל באקומען א מעדאל?... דער עיקר איז דאָך דאָס, וואָס דער שאָפער לעבט, ער האָט געזאָגט עדותשאפט אז קיינער האָט אים נישט געשאָסן. אדרבה, ער האָט געלעבט פריינדלעך מיטן אָפיציר, הגם ער איז געווען נישט מער ווי זיין שאָפער... עס איז דאָך נישט דער איינציקער פאל. ער איז נישט דער ערשטער און אויך נישט דער לעצטער, וואָס האָט צוגעשריבן אזעלכע העלדנשאפטן פאר זיינע אונטער־אָרדנטע, כדי יענע זאָלן באקומען צוזן אן אויסצייכענונג...

איצט אָבער, האָט דער אַלטער פּראָפעסאָר אליין געמוזט אָנערקענען, אז די מעשה איז גאָר נישט אזא פּשוטע און אז זי האָט שוין באקומען א גאָר אנדערן כאראקטער... עס איז גאָר אזוי פארפּלאָנטערט, אויף אזא אחריות האָט ער זיך נאָרנישט געריכט. איז ווי אזוי זאָל ער איצט האנדלען, וואָס זאָל ער איצט זאָגן כדי זיך רייגצוואשן?!...

איז איידער דער געוועזענער קאָמאנדאנט זאָל זיך קאָנען צונויפברענגען זיינע אַלטע אויסגעוועפּטע געדאנקען און געפינען א פּאסיקן תירוץ, צי ערנסטע אויפקלערונג — האָט ער ווידער קוים געבעטן א טרונק וואסער...

דער „נייגעריקער" האָט שוין רחמנות באַקומען אויפֿן פּענסיאָנירטן פּראָפֿעסאָר. ער האָט נישט געהאַט אַזוי אים קיין רחמנות ווייל ער איז געווען אַן אַלטער אויסגעדינטער קאָמאַנדאַנט, נאָר בלויז דערפֿאַר וואָס ער איז איצט שוין אַ שברי־כלי. ער האָט שוין פֿאַר זיך נישט קיין העלד, ווי סע וואָלט געפּאַסט פֿאַר אַזאַ הויכן קאָמאַנדאַנט, ווי ער איז געווען, נאָר אַ שמאַטע... האָט ער שוין געוואָלט פֿאַרענדיקן מיטן דאָזיקן שפּיל, וואָס האָט אים שוין קיין שום באַפֿרידיקונג נישט געקאָנט ברענגען. אָבער דאָך האָט ער געוואָלט דערפֿאָרשן דעם גאַנצן ענין, וואָס איז אייגנטלעך געווען נישט מער ווי לעכערלעך, נאָר ער האָט עס געוואָלט דערפֿירן ביז צום טראַגישן... האָט ער קאָנפֿראָנטירט דעם געוועזענעם קאָמאַנדאַנט מיטן „ערשטן";

— אָט דאָס איז דער דאָזיקער — האָט ער מיט ביטול געפֿרעגט — וועמען איר האָט געוואָלט געבן מעדאַלן, אײַנעם וואָס האָט דערשאָסן אַן אומשולדיקן מענטש, נאָר צוליב אײַער בילבול אַז יענער האָט געוואָלט אַריבערלויפֿן צום שונא?! ...

דער געוועזענער קאָמאַנדאַנט האָט אַפֿילו נישט אויפֿגעהויבן זײַנע בליקן אָנצוקוקן דעם „ערשטן", כדי ער זאָל קאָנען ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע... ער האָט בלויז אַרויסגעשטאַמלט: „וואָסער".

מיט דעם האָט זיך פֿאַרענדיקט דער ענין...

דער געוועזענער קאָמאַנדאַנט און היינטיקער פּענסיאָנירטער פּראָפֿעסאָר האָט שוין נישט געהאַט מער קיין כּוח אַהיימצופֿאָרן. מע האָט אים געמוזט אָפּפֿירן אַהיים, קוים אַ לעבעדיקן.

דער „ערשטער" איז אויך אַהיימגעפֿאָרן, אָבער אין זײַן בוזעם־קעשענע האָט ער געהאַט אַ קאָפּיע פֿון יענעם בייגעלע פּאַפּיר, דעם „דאָקומענט", אויף וועלכן עס איז געווען געשריבן שוואַרץ אויף ווײַס, אַז מע שלאָגט אים פֿיר צו באַקומען אַ מעדאַל, ווייל ער האָט דערשאָסן זײַן שאָפֿער, וועלכער האָט געוואָלט אַריבערלויפֿן צום שונא...

אמת, דאָס איז נישט געווען קיין אמתדיקער דאָקומענט. דאָס איז בלויז געווען אַ קאָפּיע פֿון אַן אמתדיקן „דאָקומענט", וועלכער האָט זיך געפֿונען אין זײַן פֿערזענלעכן דאָסיע...

.. נו, איצט איז פֿאַרטיק די מעשה און מיט דער לעקציע אַז אַ מעשה איז נישט אַלע מאָל אמת. אָבער מע דאַרף אויך פֿון דעם נישט גלייבן קיין איין אות, ווייל עס איז בלויז אַ פֿאַנטאַזיע פֿון אַ שרייבער... אין קיין שום מעשיות דאַרף מען

בכלל נישט גליבן, זיי זענען דאָך אויסגעזויגן פונעם פינגער, פון אָנהייב ביזן סוף... אויב יאָ גליבן, דאַרף מען בלויז דער געשיכטע, וואָס איז אָנגעשריבן אויפן סמך פון דאָקומענטן... ווי עלטער די דאָקומענטן זענען אַלץ חשובער זענען זיי, ווייל זיי זענען די זיכערסטע מקורות אויף צו שרייבן געשיכטע. אמתע געשיכטע, נישט קיין מעשיות...

... וואָס עלטער דער דאָקומענט איז, וואָס מער שטויב סע האָט אויסגע־שפּרייט די צייט איבער די דאָקומענטן, אַלץ מער באַגלייבט קאָנען זיי זיין, ווייל דעמאָלט לעבט שוין נישט קיין שום „שאַפער", אַז ער זאָל קאָנען אָפּלייקענען דאָס וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין „דאָקומענט"... סע לעבט שוין נישט אויך דער קאָמאַנדאַנט, וואָס זאָל דערציילן אַזעלכע נאַרישע מעשיות, אַז ער האָט עס אָנגעשריבן מיט אַ מיין, באַטש עס איז נישט אמת אַיין איינציק אות פונעם גאַנצן „דאָקומענט"....

טאַקע צוליב דעם דאַרף מען בכלל נישט לייענען קיין מעשיות סיידן מ׳ וויל זיך פאַרווייליקן, ווי פון האַמערישע לעגענדעס. אָבער אַז מע וויל געוואוי־ווערן עפּעס וואָס עס איז באמת געשען פאַרצייטנס, איז זאָל מען זיך בעסער אַדרעסירן צו דער „געשיכטע" וואָס איז געשריבן געוואָרן אויפן סמך פון אמת־דיקע „דאָקומענטן", אַזוי ווי דאָקומענטן קאָנען זיין...

נו, הייסט עס, אַז אַ מעשה איז שוין פון אָנהייב אָן נישט קיין אמת?! — חלילה. אויב אַזוי האָט מען, הייסט עס, נישט גוט פאַרשטאַנען דעם ד „אַריינפיר" צו סיי וועלכער שרייבערישער טעטיקייט, ווייל אַ שרייבער, אַ ד־ציילער, שילדערט עפּעס אַ געשעעניש, מוז ער דאָך דער ערשטער אין איר גלייבן, אויב נישט טויג נישט זיין גאַנצע אַרבעט. דער לייענער וועט זיך דאָך באַלד באַפּן אַז מע האָט אים פאַרפירט... איי, מע זאָגט? איז דאַרף מען וויסן, אַז אויב עס איז נישט געשען פּינקטלעך אַזוי, ווי אַזוי מע דערציילט — האָט עס אָבער געקאָנט אַזוי געשען, אַנדערש איז עס דאָך קיין ליטעראַטור נישט...

# 2.

## צוויי אויף איין טרעפּל

אין דאָזיקן קאַפּיטל דערציילט ווערט,
וועגן איינעם דאַנטשולעסקו נאָום;
א יונגן בחור, א ציגיינער,
א יוגנטלעכער, אין סאמע אויפקום.

דורך פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט,
אין א נייער וועלט הייבט ער אָן שפּרייזן;
אויף א וועג פול מיט דערנער-בלומען,
שטרעבן-צוזאָגן, האָפענונגען און גרייזן.

באַגעגנט זיך מיט בעטי מאַרקאָוויטש,
א צייטיקע, שוין נישט קיין שלעפּל;
א קלוג יידיש מיידל, א טוערין,
ביידע אויפן זעלביקן לעבנס-טרעפּל.

ווער האָט היינט צייט צו ליבע-שמיבע?
אָבער דאָך האָבן זיי זיך געפעלן;
קעגנזייטיק, ענגזייטיק, בענקזייטיק
כאָטש אזוי מעג מען זיך עס פאָרשטעלן ...

א באַווייז: זיי האָבן חתונה געהאַט.
אמת, א ביסעלע צוגעאיילט, פריצייטיק.
אפשר א ביסעלע צו פריצייטיק —
איז האָבן זיי טאַקע געלעבט פרי-ווייטיק ...

אז זיי האָבן זיך באַקענט פרי־אײַליק,
האָבן זיי זיך דערנענטערט לאַנגװײַליק;
האָבן זיי געלעבט געמוטשעט, קװײַליק...

האָבן זיי זיך קוים טאָלערירט קעגנזײַטיק,
האָבן זיי זיך קוים געליטן קעגנװײַטיק...

אױ! ...

# 1. באָן־נאום

ווי אזוי מע וויל. וויל מען קאָן מען זאָגן אז די מעשה איז א פשוטע, כמעט א גאָר פשוטע. וויל מען ווידער נישט, איז די מעשה גאָרנישט אזוי פשוט ווי זי וואָלט לכתחילה אויסגעזען. אייגנטלעך, וועלכע מעשה איז יאָ א פשוטע, ווען מע נעמט און מע טוט א טראכט וואָס און ווי אזוי? וואָס איז בכלל פשוט אין לעבן, ווען מע טוט א טראכט און מע וויל פארשטיין אָדער דערקלערן „וואָס, ווער, ווען און ווי אזוי"?... לאָזט זיך דען אַלץ דערקלערן מיטן פשוטן שכל, לאָזט זיך דען אַלץ פארשטיין, אזוי לייכט ווי סע וואָלט זיך אויסגעדאכט — ווען אין לעבן איז גאָרנישט פשוט, נאָר פארפלאָנטערט ווי א קנויל פאָדעם, און ווען מע וויל אים גאָר דווקא אויפפלאָנטערן איז אָנשטאָט צו דערגיין צו אן עק, פארפלאָנטערט מען גאָר די פאָדעם אזוי שטארק, אז סע קומט אָן אוועקצוואַרפן דעם גאנצן קנויל און נעמען אן אנדער מאָטעקל פאָדעם, א נייעם?!

יאָ, עס איז מעגלעך, אז סע וואָלט נישט זעלטן טאַקע פיל בילכער געווען צו נעמען א נײַ מאָטעקל פאָדעם... אָבער א נײַ „מאָטעקל" לעבן פון וואַנען קאָן מען נעמען?

אָט פאַר וואָס אפילו די דאָזיקע פשוטע מעשה איז אין תוך גענומען גאָרנישט אזוי פשוט, ווײַל דאָס לעבן קאָן מען קיין מאָל נישט אָנהייבן פון דאָס נײַ. דער מענטש האָט דאָך באַקומען במתנה בלויז איין איינציק לעבן און האָט נישט מיט וואָס עס אויפצובײַטן אָדער גאָר באַנײַען. איז ווער סע ווייסט דאָס איז א באַוואוסטזיניקער, דער איז טאַקע פארערכנט פאַר א חכם, איז ער פאַרזיכטיק און פארטראַכט נישט דאָס לעבן ווי קליינע מינצן, וואָס האָבן א גאָר קליינעם ווערט.

יאָ, פארשטענדיקע ווייסן דאָס. אָבער ביז מע ווערט א „פארשטענדיקער" איז מען קודם יונג, אָן דערפאַרונג — און פאַר דער חכמה וואָס מע באַקומט במשך דעם לעבן פון אייגענער דערפאַרונג (דאָס איז דאָך די טיפסטע און טײַערס־

טע חכמה!) דארף מען באצאָלן. אומזיסט באקומט מען נישט גאָרנישט, אין ערגעץ און פון קיינעם נישט. פארן מינדסטן געשאנק דארף מען באצאָלן, בפרט פאר חכמה. יעדער איינער דארף באצאָלן, איינער מער און איינער עפּעס ווינציקער. מע דארף באצאָלן „רבי-געלט", אָן דעם גייט עס נישט...

ווען מע זאָל עס באצאָלן בלויז מיט געלט, וואָלט עס נישט געווען אזוי ערנסט. מע באצאָלט דאָך עס אָבער תמיד מיטן אייגענעם לעבן?!

האָט מען זיך געקאָנט דערוואַרטן אז דער יונגער נאָאָן דאַנטשו, ווי קלוג ער זאָל זיך געווען נישט ארויסווייזן שוין אין זיינע קינדער-יאָרן, זאָל קאָנען אויסמיידן און נישט באצאָלן פאר דער לעבנס-שול פון „דערפארונג"?

הגם ער האָט געהאט דאָס מזל פון זיין דור, אָדער גאָר דווקא צוליב דעם, האָט נאום אָנגעהויבן זיין אייגענעם לעבנס-וועג אין עפּעס גינציקערע פאר אים אומשטאנדן. עס איז געווען תיכף נאָך דער באפרייונג פונעם לאנד פון אונטער דער פאשיסטישער דיקטאטור, ווען די וואסערן האָבן זיך קוים אָנגעהויבן אָפּרינען און מע האָט אָנגעהויבן נישט נאָר פארהיילן די נאָכמלחמהדיקע וואונדן, נאָר אויך שטעלן ציגל צום נייעם בנין פון דער נייער אָרדענונג פון א דעמאָקראטישער, און דערנאָך סאָציאליסטישער רומעניע. האָט נאָאָן דאַנטשו דעמאָלט אָנגעהויבן גיין צו ביסלעך, טריט נאָך טריט, כמעט ווי א קליין קינד וואָס לערנט זיך מאכן זיינע אומזיכערע ערשטע שפּאַן.

צו גיין אין שול לערנען זיך, דאָס איז נישט געווען פּאסיק נישט צו זיין עלטער און נישט צו זיינע מעגלעכקייטן. ווייל ווער קאָן עס אָנהייבן צו גיין אין שול אין די דערוואקסענע יאָרן?

אמת, ער האָט געקאָנט א ביסעלע שרייבן און לייענען. אָבער מיט דעם האָט ער קוים געקאָנט אריינקומען אין א צווייטער עלעמענטאר-קלאס, וואָס איז שוין נישט מער פאר זיין עלטער. האָט ער גענומען דעם וועג צו דער שול, נישט דורך דער טיר, נאָר דורך א „פענצטער"...

קודם האָט ער פארקויפט (דאָס הייסט „פארשפּרייט") די פּארטיי-צייטונג אויף דער גאס. דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, געווען דעמאָלט א זייער וויכטיקע טעטיקייט און אויך נישט איינע פון די גאָר לייכטע. נאָאָן האָט עס געטון מיט פליים. אָבער דערפון לעבן האָט עס דאָך נישט געסטייעט. האָט מען אים אויסגעפונען אן ארבעט אין דער פּארטיי-דרוקעריי, וואו ער זאָל ארבעטן און אין זיין פרייער צייט וועט ער „פארשפּרייטן" די צייטונג, פּונקט ווי אנדערע יונגטלעכע פון זיין עלטער.

איז ער אריין ארבעטן אין דער דרוקעריי. ער איז געוואָרן אין זייער א קורצער צייט א גוטער פאפיר-שניידער. דאָס הייסט, ער האָט געדארפט באדינען א שנייד-מאשין, צו שניידן גאנצע שטויסן פאפיר לויט דער מאָס וואָס מע האָט פירגעשריבן. אמת, די ארבעט איז נישט געווען גאָר לייכט פאר אים. פאפיר בכלל איז נישט לייכט און מע דארף זיך גוט אָנשטרענגען עס אויפצוהייבן און אריינפאסן אין דער שנייד-מאשין, דערנאָך ארויסנעמען און לייגן אין א הויפן צו פינעף הונדערט בויגן, אָפגעשיידט פון די פריערדיקע און אויך פון די ווייטערדיקע פינעף הונדערט בויגן און אזוי ווייטער. ווער סע ווייסט עס נישט, וועט עס אָפשר נישט פארשטיין. אָבער עס איז זייער לייכט עס אויסצופרואוון נעמט מען א בוך אין די הענט, זעט מען אז עס איז גאָר שווערער ווי א פשוט שטיקל האָלץ, עס איז שווער כמעט ווי אייזן. דערמיט וויל זיך באווייזן אז זיין ארבעט, צו יענע יאָרן, איז נישט געווען פון די גאָר לייכטע. אָבער פאר אים, וועלכער האָט געהאט א שטארקן ווילן „ארויפצוארבעטן“ זיך, צו דערגיין ערגעץ צון א ציל, וואָס ער האָט נאָך גענוי נישט געוואוסט וואָס און ווי אזוי, געוואוסט האָט ער אָבער אויף זיכער און קלאָר, אז ער איז א ציגיינער. שוין דער נאָמען און זיין פאמיליע-נאָמען האָט פארראָטן זיין ציגיינערישן אָפשטאם, אויך ווען מע האָט אים נאָך נישט געזען ווי אזוי ער זעט אויס... ווידער ווען מע האָט איב שוין יאָ געזען, האָט מען שוין נישט געדארפט הערן ארויסרעדן זיין נאָמען. ער איז דאָך געווען שווארץ ווי א ציגיינער, די האָר שווארצע און געקרייזלטע ווי כמעט ביי א נעגער — בלויז דאָס לשון, זיין רומענישע שפראך איז געווען א ריינע. א שטאָטערישע. ער האָט נישט גערעדט רומעניש מיט א ציגיינערישן אקצענט.

אָט דעם ענין, מיטן אקצענט, וואָלט מען געדארפט פארגעדענקען, ווייל דאָס וועט נישט ווייניק שפילן א ראָלע אין זיין לעבנס-וועג, בפרט אין זיין פסיכישער פאָרמאציע.

אין יענע יאָרן, דארף מען זיך דערמאנען, האָבן אזעלכע יונגע מענטשן נישט געדארפט זיך אויסהיטן מיטן אָפשטאם, אויך ווען מען איז געווען א ציגיינער. דאָס נייע בירגער-רעכט האָט געגעבן די ברירה פאר יעדן בירגער זיך צו דערקלערן צו וועלכער נאציאָנאליטעט ער וויל. קיינער האָט נישט געטאָרט שטעלן אין ספק זיין דערקלערונג, אָן דעם אז ער זאָל נישט ריזיקירן באשטראָפט צו ווערן פאר פראָפאגירן ראסן-האס... האָט טאקע נאָאן דאנטשו אויסגעניצט אָט די דאָזיקע געלעגנהייט, ווי פיל אנדערע אין זיין מצב (אריינגערעכנט יידן!) און געביטן אין יענער צייט זיין נאָמען: פון „נאָאן“ איז גע-

װאָרן „נאום״ און פֿונעם פֿאַמיליע־נאָמען „דאַנטשו״ איז געװאָרן „דאַנטשולעס־קו״. און עס איז אַזױ אַרום געװאָרן קלאָר פֿאַר יעדן, אַז נאום דאַנטשולעסקו איז אַ רײנער רומענער. אמת, דערװײַל, ביז דער נאָמען איז באַקאַנט געװאָרן צװישן זײַנע באַקאַנטע האָט נאָך געדױערט אַ היפּש ביסל צײַט. אַזױ, אַז ער האָט געמוזט זיך אָנרופֿן אױך װען מע האָט אים גערופֿן אױף זײַן אַלטן נאָמען.

אױך דאָס האָט נישט געדױערט לאַנג. ער האָט געפֿונען אױך צו דעם אַן עצה. ער האָט געביטן די דרוקערײַ, פֿאַרגעזעצט די זעלביקע אַרבעט נאָר אױף אַ נײַ אָרט, װאו מע האָט שױן נישט געװאוסט זײַן ציגײַנערישן נאָמען, נאָר דעם איצטיקן, דעם עכט רומענישן נאָמען. װײניק רומענער זענען פֿאַראַן װאָס מע רופֿט „נאום״? װײניק רומענער זענען פֿאַראַן װאָס האָבן דעם נאָמען „דאַנטשו־לעסקו״?

האָט ער זיך טאַקע גוט געפֿילט מיט זײַן נײַעם נאָמען, האָט נישט גedאַרפֿט געבן קײן צוגאָבלעכע דערקלערונגען, װען מע האָט אים געפֿרעגט צי ער איז אַ „ראָם״ (אַזױ זאָגט מען אױף רומעניש בלשון נקיה אױף אַ ציגײַנער; דאָס װאָרט „ציגײַנער״ איז דאָך געװען פֿאַרבאָטן דורכן נײַעם אַנטיראַסיסטישן געזעץ, װײַל מע האָט עס פֿאַררעכנט פֿאַר אַ באַלײדיקונג).

בלױז זײַן פֿאָטער, דער אַלטער קאָװאַל, װאָס איז געװען דער ערשטער דור פֿון אײַנגעזעסענע ציגײַנער, (נישט נאָמאַדן!) װאָס האָט געהאַט זײַן אײגענע קוזניע בײַם ראַנד פֿון אַ שטעטל, האָט געאַרבעט און פֿאַרדינט אױף פּרנסה פֿון קאָװען פֿערד, צו מאָל אױך אָקסן, און מײנסט פֿון פֿאַרריכטן כּל־המינים אײַזנ־װאַרג־מכשירים, װי סײַ װעלכער פֿאַרשטענדיקער צו אַלע מלאכות, װי די ציגײַנער זענען שױן, בלױז ער — איז נישט געװען צופֿרידן װאָס דער זון זײַנער האָט געביטן זײַן נאָמען:

— מיט װאָס, איך בעט דיך, איז שענער „נאום״ פֿון נאַאָן, אָדער „דאַנ־טשולעסקו״ פֿון דאַנטשו? װאָס איז זיך דאָ צו שעמען מיטן ציגײַנערישן אָפּ־שטאַם, דװקא איצט, אין דער נײַער צײַט װען עס איז שױן נישט קײן חילוק צװישן אײן נאַציע און אַן אַנדערער, װען אַלע האָבן די זעלביקע רעכטן אין אונדזער לאַנד, װען דאָס געזעץ באַשטראָפֿט פֿאַר חוזק מאַכן פֿון אַ ציגײַנער צי פֿון אַ ייִד?!

ער האָט געהאַלטן אַז נישט דער נאָמען, פּונקט װי נישט דער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַם דאַרף געשטעלט װערן אױף דער װאָג, װען מע װיל זען מיט װאָס פֿאַר אַ מענטש מע האָט צו טון. בײַ אים איז געװען װיכטיק זײַן מלאכה, מיט

וועלכער ער האָט זיך קונה-שם געווען און אלע האָבן אים געאכט אויך איצט נאָך מערער ווי פריער.

נאָך מער, ער האָט נישט אויסבאהאלטן זיין ציגיינערישן אָפּשטאם, נאָר אדרבה אָפּט מאָל אים אונטערגעשטראָכן מיט גאווה, אז נישט אלע ציגיינער זענען גנבים, נישט אלע פארקויפן מעשענע טבעת-קידושין רינגלעך פאר גיל־דענע, נישט אלע ציגיינערישע פרויען זענען קאָרטן-וואָרפערינס אָדער כישוף־מאכערינס און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער. ער האָט זיך איינגעקויפט אויך דעם טיטל פון „בוליבאשא", דאָס הייסט, דער הויפּט פון דעם ציגיינערישן שבט אין דער געגנט. ער האָט עס געהאלטן פאר א כבוד, פאר וועלכן עס איז כדאי אז ער זאָל אויך באצאָלן דעם סכום, אז מע זאָל אים אויסוויילן.

איז צו וואָס דארף מען בייטן דעם נאָמען? יאָ, אים האָט געפאלן נאומס אמביציעס, צו ארבעטן און זיך צו לערנען, בכלל אויסניצן די היינטיקע מעג־לעכקייטן וואָס ווערן אים געגעבן אדאנק זיין ארבעטאָרערישן אָפּשטאם, ווי א זון פון א בעל-מלאכה, וואָס איז נישט קיין אויסניצער פון פרעמדער אר־בעט, האָט ער נישט בלויז דאָס רעכט, נאָר איז אויך פּריווילעגירט אָנצוקומען אין אן אָוונט-שול, וואו ער וועט קודם-כל זיך לערנען צוויי יאָר, וואָס וועלן זיך פאררעכענען פאר א מיטל-שול. איצט הייסט עס „ארבעטער-פאקולטעט".

אָט דאָס אלץ איז זייער גוט, האָט דער פאָטער געהאלטן, אָבער פאר וואָס ער וויל זיך אָפּזאָגן פון זיין שטאם — אָט דאָס האָט ער בשום אופן נישט גע־קאָנט און אפילו נישט געוואָלט פארשטיין. איין טרייסט איז נאָך, פלעגט ער זאָגן, וואָס נאָאן איז נישט זיין איינציקער זון, אנדערש וואָלט גאָר פארשוואונדן זיין נאָמען „דאנטשו", און וועלכער פאָטער וויל אז סע זאָל פארשווינדן זיין נאָמען ?! עס איז דאָך גאָר נאטירלעך אז עס זאָל אזוי זיין. וועלכער פאָטער וואָלט יאָ מסכים געווען אז זיין נאָמען זאָל פארשווינדן. ווייל זיין זון שעמט זיך מיטן פאָטערס נאָמען? און ווען?! איצט, ווען עס איז שוין קיין חילוק נישט וואָס פאר א קאָליר די הויט האָט אָדער וואָס פאר א נאָמען מע טראָגט?!...

זיין זון איז אָבער געווען ביי אן אנדערער מיינונג. ער האָט געגישטערט אין ווערטערביכער און אויסגעפונען אז דער נאָמען דאנטשו באטייט א ציגיי־נערישער פידלער, ווייל צו מאָל הייסט ער טאקע „דאנטשו". אָבער דער מקור פונעם וואָרט איז טאקע דווקא יאָ א פּעיאָראטיווער. לגנאי זאָגט מען אויף א ציגיינערייש קינד „דאנטשיקל"... ווייל ציגיינערישע קינדער ווען זיי זעען א מענטש (אלע מענטשן וועלכע זענען נישט קיין ציגיינער, זענען פאר די דאָזי־קע קינדער רייכע פּריצים!) באפאלן זיי אים שרייענדיק: „דען-טשי!", „דענ־

טשי!‘‘, וואָס דאָס באַטייט אין ציגײנערישן לשון: גיב עפּעס. הייסט דאָך עס, אַז די ציגײנערישע קינדער זענען אַלע בעטלער, ווי סע פּאַרטייטשט דאָס דער ווערטערבוך ...

ווען ער איז געוואָריר געוואָרן דעם דאָזיקן פּאַרטייטש פון זיין פאַמיליע־נאָמען (דעם באַטייט פונעם פירנאָמען „נאָאָן‘‘ האָט ער נאָך נישט אויסגעפונען אָבער אַז נאָום, וואָס קומט פון נחום, דאָס איז ער יאָ געוואָויר געוואָרן אַז דאָס איז אַן אַלטער ביבלישער נאָמען. איינעם אַ נביא האָט מען אויך גערופן נחום!) איז ער אַוועק אין דער פּרימעריע, געמאַכט אַ בקשה און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אָן שוועריקייטן, פאַר יעגער צייט, געוואָרן נאָום דאַנטשולעסקו.

## 2. ערשטע טריט

מע האָט געמוזט אָנערקענען אז נאום האָט א שארפן מוח. די שול-אינסטרוקטאָרן (מע האָט זיי דעמאָלט נאָך נישט אָנגערופן „פראָפעסאָרן“, ווייל זיי גופא האָבן אויך נאָך נישט געהאט קיין נאָרמאלע בילדונג, נאָר אויטאָדידאקטישע קענטעניש. און טייל, אפשר, אויך צו א זעקס-חדשימדיקן פארטיי-קורס!) האָבן אים באוואונדערט פאר זיין גוטן זכרון, פאר זיין גיכן אויפכאפן דעם געדאנק און איז אים ביכולת דערנאָך אויסצודריקן אין א קלאָרער פארשטענדלעכער שפראך, וואָס איז געווען כמעט דער איינציקער פאל אין גאנצן קלאס, וואו ער האָט זיך געלערנט די אזוי גערופענע „געזעלשאפטלעכע וויסנשאפט“, אין וועלכער עס איז אריין א ביסל פאָליטישע עקאָנאָמיע, פארטיי-געשיכטע און פארטיי-קאָנסטרוקציע, בפרט די געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקן) פון ראטנפארבאנד, און אויך די רוסישע שפראך.

נאום האָט נישט בלויז זיך געלערנט פלייסיק, נאָר ער האָט געוואוסט וואָס מע דארף לערנען. דאָס הייסט, צו וואָס מע דארף אָפגעבן די בכורה. מע וואָלט דאָך נישט געוואָלט אז א שילער צי קורסאנט זאָל קענען אלע לער-אָביעקטן גלייך. ער האָט איין מאָל געהערט ווי אן אינסטרוקטאָר זיינער, וועלכער האָט יאָ געהאט א ביסל אלגעמיינע וועלט-בילדונג, האָט געזאָגט, אז אויב א שילער האָט לויטער נאָטעם פון „אויסגעצייכנט“ ביי אלע מאטעריעס, איז ער אָדער א גאון אָדער אן אידיאָט ... און אזוי ווי גאונים זענען פאראן זעלטענער, איז מסתמא יענער אן אידיאָט.

דעם גאנצן געדאנק האָט ער נישט פארשטאנען, אָבער געדרונגען דערפון האָט ער דאָך, אז א שילער דארף מאכן א חילוק צווישן איין מאטעריע און דער צווייטער, ביי וועלכער מע דארף זיך אָפגעבן מער מי און ביי וועלכער ווייניקער. דער הויפט איז נאָר צו וויסן וועלכער מאטעריע מע זאָל שענקען מער פלייס און צייט.

אזוי ווי קיין נאר איז ער לגמרי נישט געווען, האָט ער זיך גיך אָריענטירט: דעם קורצן קורס פון דער געשיכטע פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דאָס האָט ער אויסגעלערנט אויסנווייניק. ווי אזוי? פּשוט. ער איז אויפגעוועז גאנצע נעכט, פּונקט אזוי ווי פיל פון די אנדערע קורסאנטן, נאָר מיטן חילוק וואָס זיי האָבן זיך געחזרט ווי פּאפּוגייען טאקע א גאנצע נאכט, און ווען עס איז געקומען דעם צווייטן טאָג, ווען מע האָט זיי אויסגעהערט די לעקציע, האָבן דאָס רוב פון זיי נישט געקאָנט ארויסזאָגן קיין גאנצן געדאנק, נאָר זיך אונטערגעהיקעט, אז מע האָט גאָרנישט פארשטאנען פון זיי, אז עס איז געווען א גאָטס-רחמנות אויף די נעבעכדיקע נישט-אויסגעשלאָפענע ארבעטער און פּויערים, וואָס די פּארטיי האָט זיי ארויסגענומען פון דער פּראָדוקטיווער ארבעט אויף זעקס חדשים, כדי זיי אויסצושולן אויף צו ווערן פּארטיי-אקטיוויסטן, אין וואָס די פּארטיי-אָרגאניזאציעס האָבן דעמאָלט אזוי שטארק זיך געמאנגלט.

נאום האָט זיך נישט איינגעחזרט אויף א פּאפּוגייאישן אופן, נאָר געלייענט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט די לעקציע, צי די נאָטיצן, וואָס ער האָט זיך קוים פארצייכנט עטלעכע ווערטער פּארקירצטע פון יעדער פראזע, געלייענט און געזוכט צו פארשטיין דעם זינען פונעם געלייענטן. און אויב ער האָט פארשטאנען איז עס אים געווען לייכטער אויף צו פארגעדענקען.

ער האָט זיך געמאכט סכעמעס און סקיצן פון די לעקציעס. אזוי למשל האָט מען אים געקאָנט אויפוועקן פון מיטן שלאָף, וואָלט ער געקאָנט אויסרעכענען וויפל פּארטיי-קאָנגרעסן סע זענען פארגעקומען, וואו און ווען זיי זענען אָפּגעהאלטן געוואָרן, ווער עס איז געווען דער ראַפּאָרטאָר, לענין צי אן אנדערער, וועלכע איז געווען די הויפּט-טעמע פונעם קאָנגרעס, וויפל דעלעגאטן סע זענען געווען ריינע לעניניסטן און וויפל בלויז „מיטלויפער" און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער, צו אָט די דאטן האָט שוין נישט געהאָלפן זיין פארשטאנד אויף זיי איינצוקריצן אין זיין זכרון. דאָס האָט מען שוין געמוזט איינחזרן. יאָ, כמעט פּאפּוגייאיש. ער האָט אָבער נישט שלום געמאכט מיט אזא פּאפּוגייאישן סיסטעם. ער האָט עס געמאכט אויף זיין אייגענעם אופן: א טאבעלע, א גראפיק, מיט אָט די אלע דאטן, וואָס האָבן אים פארלייכטערט צו פארגעדענקען. ער האָט דאָך געהאט א וויזואלן זכרון. אויב ער האָט געהאט פאר זיך אזא טאבעלע, למשל, האָט ער געקאָנט פארגעדענקען די ציפערן, די דאטן, אפילו דאָס אָרט וואו זיי זענען ביי אים פארצייכנט, אין אָנהייב שורה צי אין מיטן דער שורה, אין אָנהייב פונעם בייגעלע פּאפּיר אינעם העפט, אין מיטן צי צום סוף. און נאָך עפּעס, ער האָט זיך די פּראָבלעמען פארצייכנט אונטער צאָלן. איינס,

צוויי, דריי און אזוי ווייטער. אזוי אז ווען ער האָט גערארפט ענטפערן ביי א סעמינאר אָדער עקזאמען, האָט ער געוואוסט למשל אז סע זענען פאראן פינעף זאכן אויפצוקלערן. איז אויב ער האָט געענטפערט בלויז מיט פיר, האָט ער תיכף געוואוסט אז דער ענטפער זיינער איז נישט קיין פולשטענדיקער. און ער האָט געהאלטן זיך מיט אן אייזערנעם עקשנות אז זיינע ענטפערן זאָלן זיין הונדערט פּראָצענטיקע, פולשטענדיקע, אויספירלעכע, צו וועלכע קיינער זאָל שוין נישט האָבן וואָס צוצוגעבן. האָבן דאָס פארצייכנט בשעתן איינחזרן אין נומערירטע ענטפערס, האָט ער דאָס תיכף געקאָנט באמערקן אויך דעמאָלט ווען ער האָט נישט געהאט זיינע נאָטיצן פאר די אויגן, ווי ביי אן עקזאמען, אז איין אָדער צוויי נומערן פעלן ביי אים.

(אין פּאראנטעזן מעג שוין איצט געזאָגט ווערן, אז צו מאָל, אמת זעלטן, ערב א שווערערן עקזאמען, האָט ער געהאט אויפגעצייכנט אזעלכע נומערן אויף זיין דלאָניע מיט א קוים אָנזעעוודיקן שרייבפעדל, אז נאָר ער זאָל עס קאָנען באמערקן. און אויב עמעצער וואָלט עס חלילה יאָ באמערקט וואָלט ער דאָך אלץ נישט געקאָנט וויסן און זיך אפילו נישט פאָרשטעלן וואָס זיי באטייטן. דאָס האָט דאָך נאָר ער אליין געקאָנט „לייענען" ווי היעראָגליפן, ווייל זיין זכרון איז געווען שוין אנטרעני‌רט צו פארגעדענקען דורך אזעלכע נומערן. און עס איז דאָך באוואוסט אז דעם זכרון בכלל קאָן מען איינגעוויינען, אפילו „דרעסירן" צו פארגעדענקען זאכן אין א געוויסער פאָרעם!).

דאָס זענען געווען זיינע מעטאָדן, וואָס האָבן קאָמפּלעקטירט זיין גוטן זכרון, זיין איינגעבוירענעם תפיסת-עין אויף צו פארגעדענקען דאָס וואָס זיינע אויגן האָבן איין מאָל אָנגעקוקט אויפמערקזאם, אין א געוויסער אָרדענונג פון אויפצייכענען, אז ער זאָל זיך שוין ביים אָנהייב קורס געפינען אין שפּיץ פון זיין קלאַס, ווי דער בעסטער, נישט בלויז ווי איינער צווישן די בעסטע.

דאָס איז געווען איינס.

נאָך פאר איין זאך האָט ער געשאָנקען זיין אויפמערקזאמקייט: דיסציפּלין... ער האָט געוואוסט, אז נישט בלויז די אינסטרוקטאָרן, נאָר אויך טייל פון זיינע חברים קורסאנטן האָבן אן אויפגאבע אכט צו געבן אויף דער אויפפירונג פון אלע קורסאנטן, איינער זאָל אין זיינען האָבן דעם אנדערן, כדי מע זאָל נישט געגומען ווערן אומדערוואַרט מיט אן עלעמענט וואָס איז פרעמד דעם ארבעטער-קלאַס... דאָס קאָן מען זען סיי פון זיין אויפפיר ביי די לימודים, זיינע באציונגען לגבי זיינע חברים, אויב ער איז אן אינדיווידואליסטישער עגאָיסט, אויב ער איז גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון זיינע פערזענלעכע אינטערעסן כדי צו באפרידיקן

צו ערשט די אינטערעסן פונעם קאָלעקטיוו... אויב זיין געטריישאפט צו דער באוועגונג איז אן אויפריכטיקע, צי זי איז בלויז אן אויבערפלאכלעכע, אָפּאָר־טוניסטישע, אויב ער האָט אן אידעאָלאָגישן ניוואָ, אן אינערלעכע זיכערע איבערצייגונג אינעם זיג פונעם ארבעטער־קלאַס.

יאָ, דאָס אַלץ איז ער געוואויר געוואָרן שוין ביים אָנהייב, ווען מע האָט אים גערופן אויף א „פערזענלעכן" שמועס און מע האָט אים „געעפנט" די אויגן, אז ער זאָל נישט מיינען אז דער שונא „שלאָפט". ניין, מע דארף ארויסווייזן א תמידיק וואכקייט צו דעמאסקירן די פרעמדע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך צוליב עמעצנס א פארזען ארייננעגנבעט אין די רייען פון דער באוועגונג מיטן ציל אונטערצוגראָבן פון „אינעווייניק"... עס איז דאָך באוואוסט, אז דער חבר סטאַלין האָט געלערנט און געוואָרנט, אז אויף וויפל מע גייט פאָרויס מיטן זיג פון סאָציאַליסטישער קאָנסטרוקציע אין לאַנד, מיט אזוי פיל פארשארפט זיך דער קלאַסן־קאַמף אונטער גאָר פארשידענע פאָרמען, וואָס הייבן זיך אָן מיט כלומרשטע קלייניקייטן און דערגייען ביז זיך צו פארקויפן פאר אן אגענט פון די פרעמדע שפּיאָנאַזש־אגענטורן, וואָס זענען אין שטאנד זיך נישט אָפּצו־שטעלן פאר גאָרנישט, אפילו אויסצופירן סאבאָטאַזשן און אפילו רציחות, צו מאָרדן דאָ און דאָרט א פארטיי־אקטיוויסט.

ווען ער האָט געפּרואווט ארויסזאָגן זיין אן השערה, אז דאָ, אין דעם דאָזי־קן קורס איז דאָך נישט שייך...

— איר זענט זיכער אז דאָ האָבן נישט ארייננעדרונגען קיין פרעמדע עלע־מענטן? — האָט דער פארטיי־סעקרעטאר פונעם קורס אים געשטעלט א דירעקטע פראגע, אויף וועלכער ער האָט טאַקע תיכף געמוזט געבן אן ענטפער, אָן קווענ־קלענישן.

— זיכער? — האָט נאָום געהויבן די אקסלען — איך מיין אז ביי אונדז אין שול זענען לויטער ארבעטער, איבערגעגעבענע, באוואוסטזיניקע, געטרייע דער הייליקער זאך פון דער פארטיי...

— איר מיינט אזוי, אָדער איר זענט זיכער? — האָט אים דער סעקרעטאר — ווידער געשטעלט די פראגע, נאָך קורצער און נאָך שארפער.

— איך מיין בלויז — האָט נאָום ארויסגעשטאמלט שוין א נישט זיכערער
— זיכער בין איך נישט.

— זעט איר — האָט דער סעקרעטאר שוין געזאָגט א טריומפירנדיקער — שווערן קאָנט איר נישט און, לויט מיין עצה, זאָלט איר קיין מאָל נישט לייגן

די הענט אין פייער צוליב אנדערע. עס איז איבער און געגוג, אז איר וועט עס טון פאר אייך גופא... איר ווייסט ווי אזוי סע האָט אונדז געלערנט דער גרויסער לעגין? בעסער חושד זיין צען אומשולדיקע, איידער איין איינציקער שולדיקער זאָל זיך ארייננבעגען אין פארטיי-אפּאראט... אזוי אז, חבר נאום, עפנט די אויגן, איר ווייסט ווי אזוי חבר סטאלין, דער פירער פונעם וועלטפּראָלעטאריאט זאָגט אָן: דאָרט וואו סע ווערט אָפּגעשוואכט אונדזער וואכזאמקייט, דאָרט דרינגט אריין דער שונא, די אימפּעריאליסטישע אגענטן.

יאָ, נאָך וועגן איין זאך האָט מען דעמאָלט גערעדט מיט אים. וועגן פּארטיי-אינפאָרמירונג. אייגנטלעך איז געווען אין פּראָגראם א לעקציע אויף דער טעמע, אז דאָס איז א חוב לויט די שטאטוטן, אז יעדער מיטגליד האָט דאָס רעכט זיך צו ווענדן מיט סיי וועלכן ענין צו דער פּארטיי-אָרגאניזאציע, ביז צום צענטראל-קאָמיטעט, אָבער עס איז אויך א חוב ווען ער באמערקט אָפּווייכונגען פון דער פּארטיי-דיסציפּלין, פון דער ליניע וואָס איז אָנגעוויזן געוואָרן פון דער פּארטיי, דעמאָלט האָט יעדער מיטגליד דעם חוב דאָס מודיע צו זיין דער פּאר-טיי. בקיצור, דאָס הייסט פּארטיי-אינפאָרמירונג פון אונטן ארויף, פּונקט אזוי ווי די פּארטיי טוט עס פאר אירע מיטגלידער „פון אויבן אראָפּ" דורך דער פּרעסע, ראדיאָ, רעדעס, לעקציעס, קאָנפערענצן און אנדערע מיטלען. נאָר אזוי קאָן די איינהייטלעכקייט, די מאָנאָליטישע איינהייטלעכקייט פון דער פּארטיי אויפגעהיט ווערן, דורך די דאָזיקע אופנים פון קעגנזייטיקער אינפאָרמירונג: פון אויבן אראָפּ און אונטן ארויף...

אויב אזוי, האָט זיך געטראכט נאום, דארף מען שוין וויסן צו זיין וואכ-זאם. נישט אזוי פיל אויף דעם וואָס זיין חבר טוט, רעדט צי טראכט, נאָר צו אלעם ערשט ער גופא... ער ווייסט דאָך שוין אז סוף קורס, וועט מען פאנאנ-דערטיילן די תלמידים לויט זייערע קענטעניש, אָבער בפרט לויט זייער איבער-געגעבנקייט, דיסציפּלינירטקייט צו דער פּארטיי-ליניע, זיין ליבשאפט צום חבר סטאלין און צום ראטנפארבאנד, ווי דאָס פאָטערלאנד פונעם סאָציאליזם פון דער גאנצער וועלט. אין דעם וועט זיין באלאנגען אויך די פונקציע וואָס מע וועט באקומען ביים פארענדיקן דעם קורס...

האָבנדיק א גוטן זכרון, און אויך א„ממזרישן קאָפּ" אויף זיך, האָט ער שוין פארשטאנען אז מע דארף וואָס ווייניקער שאלות פרעגן. בכלל דארף מען נישט צו פיל רעדן. חלילה פירן וויכוחים מיט די אינסטרוקטאָרן, אויך אין אזעלכע ענינים וואָס דו ביסט זיכער אז זיי האָבן נישט קיין רעכט, אז זיי ווייסן נישט

אַלץ און דו ווייסט גאָר נישט, און אז עס איז מעגלעך אז געוויסע זאַכן זאָל ער בעסער וויסן פון איינעם פון זיי — אויך דעמאָלט דאַרף מען נישט אַרויסווייזן אז מען איז אַן „אייבער-חכם“... מע קאָן קיין מאָל נישט וויסן, וואו דער הונט איז באַגראָבן.

און אויב ער האָט זיך עס נישט געגנוג איינגעקריצט אין זיין זכרון, האָט עס געטון די צייט:

יעדן זונטיק זענען די קורסאַנטן אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפן דאָרף, פירן אַגיטאַטאָרישע אַרבעט צווישן די פּויערים, זיי אויפקלערן אז זיי זענען דער נאַטירלעכער אַליאירטער פונעם אַרבעטער-קלאַס, דאָס הייסט אז נישט קיין צופאַליקער געלעגנהייטלעכער, נאָר ממש נאַטירלעכער אַליאירטער, צוליב זייערע געמיינזאַמע אינטערעסן, נאָר איצט דורך דער אַליאַנס פון דעם אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט די פּאַרטיי, קאָן אויפגעריכט ווערן אויך דער פּויערים שיכט (די פּויערים בילדן דאָך נישט קיין קלאַס, נאָר אַ שיכט, וואָס איז פונאַנדערגעטיילט אין דריי שיכטן: אָרעמע, וואָס האָבן גאָר קיין ערד נישט, אָדער האָבן ווייניק ערד פון וואָס זיי קאָנען נישט אויסלעבן, אַ מיטלשיכט פון פּויערים וואָס האָט יאָ ערד, און קאָן אויסלעבן בדוחק פון זיין אייגענער ערד און זיין אייגענער פּראַצע. דערנאָך קומט דער רייכער שיכט, די אַזוי גערופענע קולאַקן, וואָס האָבן מערער ערד און קאָנען עס אַליין נישט באַאַרבעטן און מוזן אָנקומען צו דער הילף פון געדינגענער אַרבעט. דאָס הייסט, זיי ניצן אויס פרעמדע אַרבעט. זענען זיי דאָך אויסניצער, און מיט אויסניצער קאָן מען קיין אַליאַנס נישט שליסן. מע דאַרף זיי רודפן ביזן פאַרניכטן, אז זיי זאָלן מער נישט עקזיסטירן ווי אַ קלאַס... אָט דאָס דאַרף מען אויפקלערן די אָרעמע פּויערים, אז זיי זאָלן ווערן באַוואוסטזיניקע. דערנאָך דאַרף מען עס אויפקלערן פאַרן מיטעלן שיכט, כדי זיי אַרויסצונעמען פון אונטער דער השפעה פון די רייכע פּויערים. זיי אויפקלערן אז הגם זיי האָבן טאַקע יאָ אייגענע ערד, זענען זיי אָבער גאָר קיין מחותנים נישט מיט די רייכע, ווייל זיי אַרבעטן דאָך אַליין זייער ערד, מיט זייערע אייגענע הענט און יענע נישט. יענע זענען דאָך אויסניצער, אין אַ געוויסער מאָס אויך פון זיי, פונעם מיטלקלאַס...

זענען געגאַנגען אויפן דאָרף אַגיטאַטאָרן, מאָביליזירטע דורך די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס פון פאַבריקן, אוודאי און אוודאי די קורסאַנטן, וואָס זענען קומענדיקע פּאַרטיי-אַקטיוויסטן און דאַרפן זיך פּראַקטיש באַקענען מיט די פּראָבלעמען וואָס באַשעפטיקן דאָס דאָרף. דאָס הייסט, אז זיי וועלן מיט דער געלעגנהייט פאַרפלעכטן די טעאָריע מיט דער פּראַקטיק.

געטון האָט מען עס אַזוי. מע האָט זיי אַרויסגעפירט מיט אַ קאַמיאָן, אַ לאַסט־אויטאָ, אין וועלכן סע זענען געווען געווײַנטלעך דרײַ לאַנגע בענק, צוויי בײַ די זײַטן און איין באַנק אין דער מיטן. די מאַשין האָט איבערגעלאָזט צו צוויי חברים אין אַ דאָרף, אין דער פֿרי. דערנאָך, נאָך מיטאָג, איז די מאַשין געקומען צוריק, זיך אָפּגעשטעלט אין יעדן דאָרף און צונויפֿגענומען די צוויי חברים, ביז אַלע האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים.

מאָנטיק פֿרי האָט מען אין די ערשטע צוויי שעהן נישט געהאַלטן קיין לעקציעס, נאָר מע האָט אַנאַליזירט די „אַקציע" פֿון זונטיק. די חברים קורסאַנטן האָבן אָפּגעגעבן אַ קורצן באַריכט, ווי אַזוי מע האָט זיי אויפֿגענומען, וואָס פֿאַר אַ פֿראַגן מע האָט זיי געשטעלט, וואָס זיי האָבן געענטפֿערט. אויב סע האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אַרויסצורופֿן דעם אינטערעס צו זייערע רייד, בקיצור, אויב די אַגיטאַטאָרישע אַקציע האָט געהאַט דערפֿאָלג.

נאַום איז געקומען אויף דער ריי מיט זײַן באַריכט כמעט צום סוף, אַזוי אַז ער האָט צײַט געהאַט צו לערנען פֿון דער דערפֿאַרונג פֿון די אַנדערע. ער האָט שוין געוואוסט וואָס מע דאַרף יאָ זאָגן און וואָס נישט. אָבער אויך אָן דער פּאַרזיכטיקייט, האָט זיך אים געדאַכט אַז זײַן אַרויספֿאָר איז טאַקע געווען אַ מער הצלחהדיקער. אין אַלע הינזיכטן. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געקאָנט דערציילן אַז בײַם צעשיידן זיך פֿון די פּויערים, האָבן זיי אים געזאָגט, דאָס העפֿלעכע רומעניש וואָרט: קומט נאָך צו אונדז!.

שפּעטער, ווען ער איז געבליבן מיט זיך גופֿא, נישט בײַ דעם קאָלעקטיוון אַנאַליז, האָט ער זיך געמאַכט ווי פֿאַר זיך זעלבסט, אַן אַנאַליז: ווי אַזוי איז עס טאַקע געשען וואָס אים האָט מען בעסער אויפֿגענומען ווי די אַנדערע אַגיטאַטאָרן? מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעשיידט פֿון זיי? און ער איז געקומען צו דער מסקנה אַז דאָס איז נישט געווען אין גאַנצן זײַן אייגענער פֿאַרדינסט, אָדער גאָר פֿיל ווינציקער ווי די העלפֿט. מער איז עס געווען צוליב זײַן חבר, אָדער בעסער געזאָגט זײַן חברטע, ווײַל מיט אים איז נישט געווען דער צווייטער אַ קורסאַנט ווי ער, נאָר אַ חברטע, די פֿרוי פֿון איינעם פֿון די אינסטרוקטאָרן, וואָס האָט אויך געאַרבעט בײַ דער קאַנטינע פֿון דער שול. זי איז געווען אַ גאָר שיינע פֿרוי, אפֿשר נאָך יינגער פֿון אים. זי איז געווען אָנגעטון באַשיידן, אין אַ קאָרטונען קליידל, מיט אַ קאַשקעטל איבער דעם בינטל געקרײַזלטע האָר, כדי זי זאָל אויסזען וואָס מער אַרבעטאָריש, האָט זי געהאַט אַלע זיבן חנען. און דער הויפּט איז געווען, וואָס איר אויפֿפֿיר איז נישט געווען ווי פֿון אַ שטעטערישער, וואָס זאָל קרומען מיט דער נאָז ווען זי קומט אַרײַן אין דאָרף צווישן

פויערים. אדרבה, דאָרט האָט זי זיך געפילט ווי צווישן אייגענע און מיט יעדן גערעדט ווי צו א זייניקן, צולאָזיק, היימיש, ווארעם, כמעט מיט ליבשאפט. יאָ, טאקע אזוי. עם האָט געשטראַלט פון איר מיט חברישער אָבער אויך מיט נישט ווינציק פרויאישער ליבשאפט, וואָס האָט דעם כוח צוציען סיי וואָס פאר א מאנצביל, פון סיי וועלכער עלטער, און אויך סיי וועלכן שיכט אָדער פּאָליטיש גערעדט: פון סיי וועלכן געזעלשאפטלעכן קלאַס...

בעת די אנדערע חברים, פון די אנדערע דערפער, האָבן געהאט צו דערציילן אז די פויערים האָבן זיי אויסגעוויכט. ווי נאָר זיי האָבן זיי דער-זען, האָבן זיי זיך געזוכט אן אויסרייד און אויסגעוועון די צייט — האָט מען זיי, נאָומען מיט דער חברטע, גאָר אויפגענומען ווי חשובע געסט. קודם זענען געקומען די ייִנגערע פויערים פונעם דאָרף זען דאָס שיינקייט, וואָס האָט זיי געררייצט פון דערווייטנס. דערנאָך האָבן זיי זיך אזוי דערנענטערט, אז זיי האָבן איר געזאָגט אויפן נאָמען פשוט, „טאָוואַרישא אנוצא", ווי זיי וואָלטן געוועזן גערעדט מיט זייער א שוועסטער, א געליבטער, אלנפאלס מיט א זייער נאָענטן קרוב... אָט צוליב דעם האָט מען געמוזט, אויב אפילו מע האָט נאָך לכתחילה נישט געוואָלט, שענקען כאָטש א ביסל אויפמערקזאַמקייט אויך דעם „טאָוואַריש נאום". אמת, דאָס איז געוועזן ביים אָנהייב. אָבער שפּעטער א ביסל, האָט ער שוין געלעבט אין זיין אייגענעם זכות. ווען מען איז אריין אין א שמועס, האָבן זיי באלד דערפילט, אז דער דאָזיקער וואַראָנעדיקער שוואַרצער חבר נאום, כאָטש ער איז מסתמא נישט מער ווי אן אויפגעקומענער ציגיינער, וועמען די פארטיי האָט דערהויבן צום ניווא פון א פארטיי-אגיטאטאָר, איז נישט קיין נאר און בפרט נישט קיין גראָבער ייִנג. זיי האָבן באלד געזען אז די חברטע אנוצע באַציט זיך בכבודיק צון אים. זי קוקט אים ממש אין מויל אריין, ווען ער רעדט. זי האָט אים קיין איין מאָל נישט איבערגעריסן די רייד. אדרבה, זי האָט אָפט מאָל איבערגעחזרט: דער חבר נאום וועט אייך אויפקלערן, דער חבר נאום וועט אייך זאָגן, דער חבר נאום פארשטייט עם בעסער פון מיר, ער איז דאָך א געלערנ-טער, מיט דערפארונג...

דאָס איז געוועזן צווישן דעם רעדל דאָרפס-לייט, אָבער ווען זיי זענען גע-ווען צווישן זיך, אויך דעמאָלט האָט זיך די חברטע אנוצע באַצויגן צון אים ווי צו אן אייגענעם, היימיש, אפילו מיט נישט פארבאהאלטענער ליבשאפט. גלייך ער וואָלט געוועזן אויב נישט איר לאנגמטיקער געליבטער, איז כאָטש א זיכערער צוקונפטיקער געליבטער. דאָס האָט ער געפילט נישט נאָר אין אירע רייד, אין אירע אויגן. זי האָט גערעדט צון אים, נאָר אויך אין אירע זשעסטן, ווען זי האָט אים גענומען ביי דער האנט, אים מכלומרשט אראָפּגענומען אן אומרייניקייט

פונעם פנים, אים פאררוכט די האָר, וואָס האָבן זיך צו אָפט צעשויבערט ווי סע האָט איר אויסגעזען. די מענטשן האָבן באמת געקאָנט גלייבן אז דאָס זענען מאַן און ווייב. זיי האָבן זיך דערמיט נישט פאראינטערעסירט. זיי איז געווען סימ־פאטיש די חברטע לויט איר אויסזען און אויך אויפפיר, פשוט און היימיש. ווי־דער ער איז זיי סימפאטיש געוואָרן, אוועקקוקנדיק זיין ציגיינערישן אויסזע, מיט זיינע געזעצטע ווערטער, שכלדיקע רייד, פשוטע, כמעט גוטברודערישע, איבערציינגנדיקע, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיין פון איינעם וואָס וויל ארויס־ווייזן אז ער איז א חכם, ער ווייסט אלץ און זיי גאָרנישט. אדרבה, ער האָט עס אזוי געמאכט אז זיי זענען די אלץ־ווייסער, ער איז דער וואָס וויל ביי זיי לערנען, פון זייער דערפארונג (אזוי האָט ער טאקע געזאָגט פון מאָל צו מאָל) און דאָס האָט געפאלן די דאָרפס־לייט. איז א חידוש, וואָס זיי האָבן פארבעטן דאָס פאָרל אויף צום קומענדיקן זונטיק?

אזוי איז עס טאקע געבליבן, אז דעם קומענדיקן זונטיק וועלן זיי נאָך קומען צו זיי.

אָבער, ביז צום קומענדיקן זונטיק זענען נאָך דאָ נישט ווינציקער ווי זיבן טעג, און אין זיבן טעג קאָן זייער פיל געשען אז דער פלאן זאָל זיך ענדערן. קיין שום פלאן קאָן גאָרנישט פארזיכערן פון פאָרויס אין דער פאָליטיק בכלל, אז אזוי און אזוי וועט עס זיין, אזוי און אזוי וועט מען טון. די אלע טועניש פונעם מענטש זענען דאָך באלאנגען אין א גאנצער ריי סיבות, וואָס זיי גופא זענען באלאנגען פון אנדערע סיבות, וואָס קאָנען גאָרנישט פארזיכערן אז די קומענדיקע וואָך וועט דאָס און דאָס געשען.

מיט דעם ווערט דאָך בארעכטיקט דאָס יידישע ווערטל, וואָס מע זאָגט ארויס, ווען סע האנדלט זיך אין אָזא זאך, וואָס מע קאָן נישט פארזיכערן פון פאָרויס העכסטנס קאָן מען בלויז האָפן און אפשר אויך שטרעבן צון עפעס. זאָגט מען געוויינטלעך אין אזעלכע פאלן: „בלי נדר", צי „אם־ירצה־השם".

אָט די דאָזיקע מינדסטע חכמה האָט נאָך נאום נישט געוואוסט דעמאָלט. ער האָט געמיינט, אז אלץ וואָס סע פליט און האָט פליגל קאָן מען אויך עסן... ער האָט נישט געוואוסט, ניין, דאָס האָט ער נאָך נישט געוואוסט, אז דער גורל פונעם מענטש איז נישט דווקא אין זיינע אייגענע הענט.

# 3. א נסיון

ווי באוואוסט איז אויפן דאָרף א מנהג, אז זונטיק עסט מען מיטאָג אין האַלבן טאָג. דאָס הייסט נאָענט צו ארום א זייגער צוועלף. אויך אין דער טעג-לעכער רומעניש ער שפּראַך הייסט „מיטאָג" אויך „האַלבער טאָג". די פּויערים, סיי זיי זענען געגאַנגען אין קלויסטער סיי זיי זענען נישט געגאַנגען און האָבן אויסגעהערט די שטעטערישע רייד פון די פּאַרטיי-אַגיטאַטאָרן, פלעגן זיך צוריק-ציען עסן מיטאָג. דער היגער פּאַרטיי-סעקרעטאַר פון דאָרפישן קעמערל האָט שוין אין זינען געהאַט צו פאַרזאָרגן אז די שליחים פון דער שטאָט זאָלן עסן מיטאָג ביי איינעם, א פאַרמעגלעכערן פּויער. סיי מע האָט אים פאַר דעם באַצאָלט, סיי ער האָט געהאַט אַנדערע פּאָרטיילן, אָבער געוויינטלעך האָט מען צוגעגרייט א בכבודיקן מיטאָג. אדרבה, אין זייער פאַל, ווען די אַגיטאַטאָרן זענען געווען אזוי סימפּאַטיש און היימיש, האָט מען פאַרבעטן אויך צוויי-דריי געסט: דעם סעקרעטאַר פונעם קעמערל, א געוועזענעם נאָטאַר פון דער פּרימעריע, כדי סע זאָל זיין אויך אן „אינטעלעקטואַל" ביי דער סעודה. עס איז געווען פאַרבעטן אויך א מוזיקאַנט, וואָס האָט געזונגען אָדער געשפּילט רעוואָלוציאָנערע לידער אויף א מיליטערישן טרומייטער. בקיצור, מע האָט אַלץ געטון אז סע זאָל זיין פריילעך, אזוי ווי די דאָזיקע חשובע און אויך ליבע יונגע געסט פון דער פּאַר-טיי, וואָס איז נאָך נישט געווען אזוי ליב, הגם יאָ חשוב צוליב דער מאַכט, זאָלן זיך גוט פילן אין זייער היגן באַזוך. און עס איז באמת געווען פריילעך, היימיש, מע האָט אויסגעטרונקען א פלעשל צויקע, דערנאָך א פלעשל וויין, ביז די אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן צוקלעבן...

די גאַסטגעבער האָבן געהאַט אזוי פיל טאַקט און האָבן זיך צוריקגעצויגן כדי דער חבר און די חברטע אנוצע, בפרט, זאָלן זיך קאָנען א ביסל אויסרוען ביז סע וועט קומען דער אויטאָ און זיי אַהיימפירן. דאָס הייסט, אז ווען דער זייגער איז געוואָרן נאָענט צו דריי, האָבן זיי זיי איבערגעלאָזט רוען (זיי זענען

דאָך אויפגעשטאנען גאָר פרי, אז זיי זענען אָנגעקומען אזוי פרי צו זיי אין דאָרף!) ביז נאָענט צו א זייגער פינעף, ווען סע קומט געוויינטלעך די מאשין.

אין דער דאָזיקער צייט, פון קרוב צוויי שעה, האָבן די חברים נייטש גע־שלאָפן, נאָר געלעגן אויסגעצויגן זי אין בעט, ער געבן איר אויף דער לאנגער באנק, וואָס געפינט זיך געוויינטלעך ביי יעדן דאָרפישן הויז, נעבן בעט. זי איז געווען שוין א ביסל דערוואָרעמט פון דער נישט שלעכטער משקה און זיך נאָך מער דערנענטערט צום חבר נאום, וועלכן זי האָט שוין צווישן זיך נישט גערופן מער „טאָווארישׁ" נאָר פשוט „מיין ליבער". זי האָט גערעדט און גערעדט, פון וואָס מע וויל און פון וואָס מע וויל נישט. רעדנדיק האָט זי נישט פארגעסן אים ארומצוהאלדזן, אים צוציען צו זיך, ארונטערצולייגן איר אָרעם אונטער זיין קאָפּ, דערנאָך אפירצונעמען און זיך ארויפלייגן אויף אים, צודריקנדיק אים מיט אירע אויסגעשפּיציקטע בריסטלעך, אז זיי האָבן אים גערייצט און ארויסגעטריבן פון די כלים... זי האָט עס אָבער געטון, ווי כלאחר־יד, אָן שום „בייזע" כוונות, פשוט ווי זי וואָלט זיך געווען געשפּילט מיט איר אייגענעם ברודער, אָדער גאָר מיט איר מאַן, פשוט, היימישלעך. עס איז דערגאנגען דערצו אז סע האָט שוין געהאלטן גאָר נאָענט, אז אָט־אָט זאָל געשען דאָס וואָס זיי ביידע וואָלטן שוין געוואָלט. זיי ביידע? נישט דווקא ביידע. דער חילוק איז נאָר געווען, וואָס בעת זי האָט עס ארויסגעוויזן אָן שום צווייטייטיקע רמזים. זי האָט עס דאָך שוין כמעט ווי ארויסגעזאָגט אָפן, אז זי איז נישט קיין „קליינבירגערין" מיט צוריקגעשטאנענע פאָראורטיילן. זי איז אן עמאנציפּירטע חברטע, זי האלט נישט אז די פרוי דארף זיין א שקלאוו ביי איר מאַן. זי איז אליין דער בעל־בית איבער איר — איז מעג זי טון וואָס זי וויל, וואָס איר הארץ גלוסט, מיט איר אייגנטום... ער אָבער, הגם די געבלוטן האָבן זיך אויך ביי אים צעקאָכט, ווייל וואָס אמת איז אמת, די חברטע אנוצע איז געווען אויך אין זיינע אויגן זייער א שיינע און א באזונדערס צוציענדיקע, עס איז ממש געווען פאר אים א שווערער נסיון בייצושטיין, אָבער ער האָט דאָך געמוזט זיך באהערשן, הגם ער האָט עס איר נישט געקאָנט אפילו דערקלערן די אמתדיקע סיבה. וואָס זאָל ער איר געווען זאָגן, אז זי איז אים טאקע ליב, ער וואָלט גערן זיך געליבט מיט איר נישט דאָ, נאָר תמיד און אומעטום — ווען זי וואָלט נישט געווען די פרוי פון איינעם פון זיינע אינסטרוקטאָרן?... מע קאָן דאָך אים פאר דעם אויסשליסן און פאריאָגן פון דער פארטיי־שול.

אמת, סע וועט אפשר שווער זיין צו גלייבן, אז דאָס אזוי דערציילטע איז טאקע אזוי געשען, ווייל עס איז באוואוסט, אז ווען דער יצר־הרע פון א מענטש,

א מאנצביל, דערגייט שוין מיט אים אין אזא מצב, צו ליגן אין דער נאָענטקייט פון אזא שיין ווייבל, וואָס שטופּט דיר ממש אריין אירע הייסע רונדע בריסטלעך אין די הענט, אין די אויגן און אין מויל און שטעכט דיר מיט זיי אוים די נשמה, איז עס טאקע זייער שווער צו גלייבן אז אזא מאנצביל, וואָס איז באמת א געזונטער מאנצביל, וואָס ליידט נישט אויף מענערשוואכקייט, איז אין שטאנד גובר צו זיין זיך גופא און דערנאָך אויך דעם יצר-הרע זיינעם נאָר צוליב אזעלכע סקרופולן ווי „קליינבירגערלעכע מאָראל“, ווייל זי איז א חתונה געהאטע. אוודאי וועט מען נישט גלייבן אז אזא מאנצביל קאָן גובר זיין דעם יצר-הרע אויך ווען צווישן אים און דער גאָר שיינער „לילית“, אין דער פאָרעם פון א גאָר חנעוודיקער חברטע אנוצע, וואָס רייצט זייגע געפילן ביז צום נישט אויסהאלטן און נישט אויסצושטיין, ממש משוגע צו ווערן, נאָר צוליב דעם איינציקן צוריקהאלט וואָס איז געבוירן פונעם פּחד-געפיל, אז ער זאָל זיך נישט קאליע מאכן זיין צוקונפטיקע פּארטייאישע קאריערע, אז מע זאָל אים נישט פאריאָגן צוליב דעם פון דער שול...

עס איז שווער צו גלייבן, אמת, ווייל עס איז באוואוסט אז ווען א מאנצביל דערגייט שוין דאָרט, אזוי נאָענט — דעמאָלט איז ער שוין נישט בכוח זיך אָפּצושטעלן, נישט צו טראכטן וואָס סע וועט שפּעטער זיין, נאָר טראכט שוין בכלל נישט צו גאָרנישט, גאָרנישט — ער טוט דאָס וואָס דער אינסטינקט דיקטירט „איצט“ פאר יעדן בשר-ודם, אָן דעם אז ער זאָל צייט האָבן אויף צו טראכטן און „פילאָסאָפירן“ וועגן מאָראל און פּראָלעטארישער עטיק... נאָר, מע דארף צוגעבן נאָך עפּעס, אפשר איז עס א ביסל אן אינטימער סוד, וואָס וועט נישט דערציילט ווערן עפנטלעך קיין מאָל נישט, אָבער דאָ מוז עס יאָ געזאָגט ווערן, כדי מע זאָל וויסן דעם גאנצן אמת. אפשר וועט עס אזוי נישט אויסזען אזוי אומגלויבלעך, ווי סע וואָלט זיך אויבנאויפיק אויסגעדאכט.

זי, די חברטע אנוצע, האָט דאָך גערעדט און גערעדט, בעת די בלוטן האָבן אין איר זיך צעשפּילט. זי האָט דערציילט אויך דאָס, וואָס א פרוי דערציילט אין אזעלכע מינוטן כדי צו פארענטפערן און אויך בארעכטיקן איר פארהאלטן. פארשטייט זיך, אז די ערשטע סיבה, וואָס זי געפינט נאָענט „ביי דער האנט“ איז, אז דער מאן אירער פארנאָכלעסיקט זי. ער קומט אהיים שפּעט ביי נאכט. אויך דעמאָלט זעצט ער זיך אוועק און גרייט צו זיינע מאָרגנדיקע לעקציעס. בכלל גיט ער זיך זייער ווינציק אָפּ מיט איר, וואָס ווערט פארוויאנעט ווי א רויז, וואָס לעכצט נאָך א ביסל וואסער, אזוי לעכצט זי צו מאָל נאָך א ביסעלע ליבע. זי טריקנט אוים, פון טאָג צו טאָג. זי ווייסט אז זי עלטערט זיך פאר דער צייט, הגם זי איז קוים צוואָנציק יאָר אלט... און וואָס האָט זי פון איר לעבן?

זי האָט איין אייניציקע טרייסט אז זי איז נישט די אייניציקע. אלע פרויען פון אקטיוויסטן לעבן דאָך אזוי. לעבן אזוי? איז נישט גוט געזאָגט. בעסער וואָלט זי געזאָגט, אז זיי גייען אזוי אוים — דאָס איז דען א לעבן?! אָט, למשל, די פרוי פון חבר איליע, צווישן אונדז גערעדט, האָט זי ציניש באמערקט, איז ער גאָר „איציק" נאָר ער האָט זיך געביטן דעם נאָמען אויף „איליע" אז מע זאָל נישט ווימן אז ער איז א „זשידאָן" ... טאקע צוליב דעם ...

מער האָט שוין נאום, דאכט זיך, גאָרנישט געהערט וואָס זי האָט צונויפגעפלאָפלט אין זיינע אויערן. און אויב פריער האָט איר פליסטערן אים אין זיינע אויערן גערייצט אויך סעקסועל, גלייך זי וואָלט אים מיט אירע ריידעלעך געגלעט און געצערטלט, אזוי האָבן דאָך אים גערייצט אירע געפליסטערטע נארישקייטן אין זייער תוכן, אָבער רייצנדיק אין זייער פאָרעם — אזוי האָבן אים איצט צוריקגעשטויסן אירע רייד, וואָס ער האָט שוין גאָרנישט געקאָנט באנעמען. ער איז שוין מער נישט געווען אין אזא גרויסן נסיון זיך צוריקצוהאלטן זיך נישט צוצורירן צון איר, ווייל זי איז די פרוי פון זיין פראָפעסאָר, נאָר איצט האָט ער שוין נעבן זיך א פשוטע „צויג", א שלאנג ...

אזא מין געפיל האָט ער, אייגנטלעך, שוין געהאט אמאָל, אמאָל, בעת ער האָט געטרונקען מיט זיינע חברים וויין, א פלאש נאָך א פלאש, ביז ער האָט געפילט אז ער איז טאקע נאָך נישט שיכור אז ער זאָל נישט ווימן פון זיך, אָבער דאָך איז ער שוין נישט געווען דער בעל-בית איבער זיין צונג. זי האָט שוין נישט געפונען קיין אָרט אין זיין מויל. אָט איז זי איבעריק ביי אים, אָט רעדט זי נישט דאָס וואָס ער וויל, נאָר וואָס זי וויל, ער רעדט גאָר נישט אויף קלאָר, ער שטאמלט, די צונג פארפלאָנטערט זיך ביי אים ווי זי וואָלט געווען א פרעמדע ... אזא געפיל האָט ער געהאט ביז איינער פון זיינע מיטטרינקער האָט אים געגעבן א ציינדל קנאָבל. ווי נאָר ער האָט אריינגעביסן אין ציינדל קנאָבל, האָט ער זיך פלוצעמדיק ווי אויסגעניכטערט, גלייך מע וואָלט אראָפגענומען א שלייער פון זיינע אויגן. אדרבה, ער האָט שוין איצט נישט געקאָנט פארשטיין זיינע חברים, פאַר וואָס זיי זינגען, פאַר וואָס זיי לארמען ארום און קריגן זיך ... ער האָט זיך שוין נישט געפילט גוט אין זייער חברותא, ווייל ער איז שוין מער נישט געווען באטרונקען ...

איצט, אין דער דאָזיקער מינוט, ווען זי האָט זיך אראָפגערעדט פונעם הארץ און זיך אויסגעדריקט אזוי גראָב, מיטן נאָמען „זשידאָן", ווען יענעם וואָס האָט זיך געביטן זיין נאָמען — האָט אים אָנגענומען אן עקל. אָט דאָס איז דאָך איצט געווען יענץ ציינדל קנאָבל, וואָס האָט אים פלוצעמדיק אויסגעניכ-

טערט פון זיין אויפגערייצטקייט. ער האָט דאָך געוואוסט אַז אויך איר מאַן איז אַ ייד, אַ לאַנגסטיקער פּאַרטיי־מיטגליד נאָך פון פאַר דער מלחמה, נאָך אין דער אילעגאַליטעט...

... איז ער דאָך אויך אַ „ציגאַן" מיט אַ געביטענעם נאָמען, מיט אַ רומעניש אָפּקלאַנג...

מיט אָט דער צווייג זאָל ער זיך ליבן?! ניין, שפּייען דאַרף ער אויף איר.

ער האָט שוין געפילט און געווען אויך זיכער ביי זיך, אַז אפילו ווען ער וואָלט געוואָלט איצט זיך ליגן מיט איר, וואָלט עס זיך שוין נישט איינגעגעבן. ער וואָלט זיך נאָר געשטעלט בבושה פאַר איר. ער וואָלט שוין איצט נישט געווען ביכולת דורכצופירן דעם אַקט, אויך ווען ער זאָל אים אָנהייבן, ווייל עס האָט אים געעקלט. ער האָט פאַרלוירן די כוחות. די שטייפקייט אין זיינע מוסקלען האָבן נאָכגעלאָזט פון זייער אָנגעצויגנקייט, זענען לויז געוואָרן און זיינע קניען האָבן נישט געקאָנט האַלטן גלייך זיינע פיס, גלייך ווי אַ בוים ווען מע זעגט אים אונטער.

ניין, אין אַזעלכע באַדינגונגען איז שוין קיין שום מאַנצביל נישט מער בכוח אויפצוטון עפּעס, אויך ווען סע האָט אים אויפגערייצט די שענסטע און פאַרכי־שופנדיקסטע פרוי. עס איז דאָך שוין נישט געווען מער ווען אויפצורייצן. ער איז שוין געווען פאַר איר אַ טויטער.

וואָס איז דען דער חידוש? זי האָט דאָך אָנגערירט, אַן איר ווילן, זיין סאַמע טיפסטע און באַהאַלטנסטע שוואַכקייט — זיין פרוואו אויסצובאַהאַלטן זיין צי־גיינערישקייט... און איצט מיט איר „אומשולדיק" פּלאַפּלען, ווען זי האָט אפילו זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון וואָס זי טוט אויף מיט אירע אַזוי אומשולדיקע רייד, וואָס האָבן געהאַט נאָר אַן אַנדערן ציל, אויף קיין פאַלס אים צו באַרירן אין זיינע „נאַציאָנאַלע" אַמביציעס, אדרבה, אים אַרויסצווייזן אַז זי פילט זיך נישט געבונדן צון איר מאַן; אַז ער איגנאָרירט זי, אַז זי האָט אפילו דאָס רעכט אים נישט צו זיין געטריי — דווקא מיט דעם האָט זי גאָר קאַליע געמאַכט וואָס אָט־אָט האָט זי שוין ביי אים דערגרייכט...

ער איז אויפגעשטאַנען, אַפּאַטיש, כדי נישט אַרויסצווייזן זיין שינאה, וואָס ער האָט נישט נאָר געפילט צון איר, נאָר האָט אויך געקאָכט אין אים אַז ער האָט זיך קוים באַהערשט אַז זי זאָל עס נישט באַמערקן. ער האָט מכלומרשט געזוכט עפּעס אַ גאַנג אַרויסצוגיין, מיט אַ תירוץ, כדי די סצענע זאָל זיך ענדיקן אָן אינצידענטן, פאַר איר צייטווייליק — אָבער פאַר אים אויף תמיד.

יאָ, איצט איז עס שוין פאר אים מער נישט געווען קיין נסיון, אז ער זאָל זיך צוריקהאַלטן און זיך נישט לייגן מיט דער פרוי, פון זיין פּראָפעסאָר — איצט איז עס שוין געווען פאר אים אן אוממעגלעכקייט אז ער זאָל זיך גובר זיין און זיך יאָ לייגן מיט איר...

אָבער דערמיט האָט זיך עס נאָך נישט געענדיקט.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָט ער געזוכט א געלעגנהייט צו רעדן מיטן אינסטרוקטאָר, מיט אנוצעס מאַן. ער האָט אים געזאָגט אז די ארבעט אין דאָרף, פונעם פארגאנגענעם זונטיק, איז געווען זייער א דערפאָלגרייכע, אָבער בדרך אגב, האָט ער אים געגעבן אָנצוהערן אז ער וואָלט גערארפט שענקען נישט נאָר מער אויפמערקזאַמקייט נאָר אויך מער צייט אפילו פאר זיין פרוי... זי איז נאָך אזוי יונג... זי איז וואָס אן אמת טאַקע א שיינעטשקע, א לוסטיקע און א לעבנס-גיריקע, זי וואָלט זיך נאָך גערארפט א ביסל פארווייל... יאָ, אזוי מיינט ער, הגם עס איז נישט זיין עסק זיך ארייַנצומישן אין זיין פּריוואַטלעבן, אָבער דאָך... ווי א פארטיי-מיטגליד האַלט ער עס אפילו פאר זיין א חוב אים צו זאָגן, אז ער וואָלט איר גערארפט שענקען מער צייט, כדי אויסצומיידן אומאָנגענעמלעכ-קייטן... צוליב דעם וואָלט ער גערארפט זיך אָפּרייסן א ביסל פון זיין פּאָליטי-שער טעטיקייט, כאָטש עטלעכע שעה אין טאָג זיין מיט זיין פאמיליע, אויב ער וויל זי דערהאַלטן...

מיט איין טאָג שפּעטער האָט אים גערופן דער פארטיי-סעקרעטאר און אים פאָרגעוואָרפן אז ער איז נישט קיין „קאוואלער“, א „ריטער“ האָט תמיד גע-האַלטן בסוד אויב א פרוי האָט זיך אים פארטרויט און אים דערציילט אירע סודות פון איר פאמיליע-לעבן. ער האָט דאָס נישט גערארפט זאָגן פאר איר מאַן...

— איך האָב געמיינט — האָט זיך געפּרוּווט פארטיידיקן נאום — אז איך טו אים א טובה, אז איך וואָרן אים אז ער זאָל מער אכט געבן אויף זיין ווייבל...

— יאָ, חבר נאום — מעגלעך אז איר האָט טאַקע געהאַט ערלעכע כוונות. אלץ איז מעגלעך, שטעלט אייך אָבער אין זיין לאַגע. וואָלט ער אייך געקאָנט מוחל זיין אז איר זענט געקומען אין אזא אינטימער נאָענטקייט, אז זיין פרוי זאָל זיך אייך אָנפארטרויען אירע פאמיליע-סודות?

— איך זאָל מיך שטעלן אין זיין לאַגע? — האָט נאום וואונדערנדיק אָבער אויך אָפּשטויסנדיק אָפּגעוואָרפן אזא מעגלעכקייט — ניין. איך וועל קיין מאָל אין אזא לאַגע נישט זיין... איך וועל דען חתונה האָבן מיט אזא יינגעטשקן קעלבעלע, איר זאָלט מיר מוחל זיין פארן אויסדרוק. זי הערט דאָך נישט וואָס

איך זאָג ... און ער, האָפּ איך, וועט אויך נישט געוואויר ווערן מיין דאָזיקע מיינונג, וואָס איך האָב זי קיינעם נישט געזאָגט, נאָר איצט פאַר אייך ... לויט אייער מיינונג, חבר סעקרעטאר, וואָלט איך געדאַרפט אויסבאהאַלטן פונעם מאַן, וואָס די פרוי האָט זיך מיר אָנפאַרטרויט, איך זאָל אויך אפשר געניסן פון איר צוטרוי צו מיר, דעם מאַן גאָרנישט אויסזאָגן, ביז זייער פאַמיליעלעבן וועט זיך גענצלעך צערייסן? ...

— עס איז אַ פיל שווערער פּראָבלעם ווי אייך דאַכט זיך — האָט דער סעקרעטאר געזאָגט מיט אַ שמייכל און איבערגעריסן דעם שמועס, וואָס וואָלט זיי אין ערגעץ נישט דערפירט.

מסתמא האָט די סאַמע קלאָרסטע אידעאָלאָגיע אויף דער וועלט, וואָס האָט הונדערט ענטפערס אויף סיי וועלכער שווערסטער פראַגע, נאָך נישט געפונען קיין איין איינציקן גילטיקן ענטפער אויף אָט דער אַזוי לייכטער און אפילו נאַרישער פראַגע — האָט זיך געטראַכט נאום ... ער האָט דאָך פאַר קיינעם נישט געקאָנט דערציילן, אַז זי האָט אים ממש גענומען און שיער נישט „פאַרגעוואַלטיקט", ווען ער וואָלט געווען נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד, און אויך דאָס נישט פון מאָראַלישער צניעות אָדער גאָר צביעות, נאָר צוליב אַ גאָר אַנדערער סיבה, ווייל זי האָט געהאַט אַזאַ שאָוויניסטישן אויסדריק, ווי „זשידאָן", וואָס ביי אים, אין זיינע אויערן איז עס דאָך געווען ווי אַ סינאָנים מיט „ציגאַן".

נאום האָט נישט געהאַט פון וואַו צו וויסן, אַז דווקא צוליב זיין צו מאָראַלישקייט, וועט פון איצט אָן זיין פאַרצייכנט אין זיין דאָסאַר: „טענדענצן צו אוממאָראַלישקייט" ... ער האָט נישט געוואוסט אַז דאָס דאָזיקע לאַטקעלע אין זיין דאָסאַר וועט באַצירן זיין ביאָגראַפיע און וועט אים באַגלייטן אויף זיין לעבן לאַנג ...

יאָ, ער האָט נישט געהאַט פון וואַו דאָס צו וויסן. קיינער ווייסט דאָך נישט וואָס מע לייגט אַריין אין זיין פּערזענלעכן דאָסאַר (און אין לעבן!) אין אַ געוויסן מאָמענט. ער זעט נאָר צו מאָל די פאָלגן, אָבער ער ווייסט נישט פאַר וועלכע סיבות דאָס געשעט. וואונדערט ער זיך. אמת, נאָך אַ צייט, ווען סע ווערט שוין אָן לגמרי איר וויכטיקייט, דאַן דערוואוסט זיך אפשר שוין דער מענטש אויך וועגן דעם אָנגעצייכנטן אין זיין דאָסאַר, אין אַ געוויסן מאָמענט פון זיין פאַרגאַנגענהייט, אָבער דעמאָלט טויג אים שוין נישט דאָס גאַנצע וויסן. ער קאָן דאָך עס שוין נישט ענדערן. וואָלט ער עס געווען געוואוסט צו דער צייט, וואָלט ער אפשר געפּרוואווט עפּעס ענדערן און אויפווייזן אַז אדרבה, אַז ער איז געווען „פּרינציפּיעל", ער איז געווען מאָראַליש — נאָר דער אינסטרוקטאָר, צוליב

פערזענלעכער שינאה, אָן שום סיבה, צוליב א נקמה-געפיל, וואָס וואָלט געווען געדאַרפט זיין געצילט קעגן זיין פרוי, דאָס יונגע כאָנטעלע, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעקלעבט, צופאַליק, ווער ווייסט מיט וואָס פאַר א געלעגנהייט, הגם זי האָט זיך אַזוי נישט געפּאַסט צו אים, צו זיין גערעלשאַפטלעכער פּאָזיציע און אויך נישט צו זיין עלטער — צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געקאָנט נעמען נקמה אין איר, האָט דער גוטער חבר, אויפריכטיקער איבערגעגעבענער פּאַרטיי-אַקטיוויסט זיך נוקם געווען אין נאומען, און אים געשטעמפּלט אויף זיין גאַנצן לעבן מיט דער נאָטיץ אין זיין דאָסאַר, אַז ער האָט טענדענצן צו אוממאָראַלישקייטן... וואָס דאַרף מען לאַנג ברייען? ער איז אַן אוממאָראַלישער עלעמענט... בעסער געזאָגט: אַן אויסוואורף.

אַזוי פאַרקוילערט זיך דאָך צו מאָל אַן אומשולדיק וואָרט, ווי א קליין קנײַ-לעכל שניי, וואָס קוילערט זיך באַרג אַראָפּ, און קוילערנדיק זיך שוועלט עס אָן, נעמט אויף זיך אויך דעם שניי וואָס באַגעגנט אין וועג און ווערט אַזאַ ריזיקער קנויל, אַז מע קאָן מאַכן פונעם א שניי-מענטש — אָבער דער מענטש, דער אמתדיקער, קאָן זיך מער שוין נישט אָנזען הינטער אים...

נאָר דאָס האָט איצט נאָך נישט געוואוסט נאום, אַז ווען מע וועט אים בודק זיין און טרייבערן די גאַל, וועט מען אויך דאָס נעמען אין אכט, אָן דעם אַז מע זאָל עס אים אפילו זאָגן, אַז ער זאָל זיך קאָנען ווערן קעגן דעם. ניין, נאום האָט נישט געהאַט פון וואו דאָס צו וויסן. אָבער דאָך האָט אים געמוטשעט דער גע-דאַנק, בפרט דער שמועס מיטן סעקרעטאַר. און אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן צו באַהאַלטן זיין סוד, האָט ער זיך אַדורכגערעדט מיט א חבר. ער האָט אים נישט דערציילט אַלץ. ער האָט בלויז דערציילט, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר דער חברטעס מאַן, אַנוצעס מאַן, און וואָס עס האָט אים געזאָגט דער סעקרעטאַר.

אָבער צו זיין איבעררראַשונג האָט דער חבר זיינער אים אויסגעהערט, אָבער אים נישט געגעבן קיין רעכט. ער האָט מיט א וואולגאַרן שמייכל געזאָגט:

— דער סעקרעטאַר איז גערעכט. צו וואָס האָט געטויגט עס דערציילן פאַרן מאַן?... אַזאַ זאַך דערציילט מען נישט. יעדע פרוי האָט איר סוד, און לויט מיין מיינונג אויך דאָס רעכט אויף איר א סוד...

— אַזוי וואָלסטו געטון אויף מיין אָרט? — האָט זיך נאום ווי געבעטן ביי אים אויף אַן ערנסטן ענטפער, אַז ער זאָל געפינען ביי אים פאַרשטענדעניש.

— ניין — האָט זיך יענער צעלאַכט — איך וואָלט זי גוט אָנגעבאַרעט, אַז זי זאָל מיך געדענקען...

נאום האָט שוין מער נישט פאַרלענגערט זייער שמועס. ער האָט דאָך געזען אַז זייערע מיינונגען זענען גאָר ווייט איינע פון דער אַנדערער. זיי וועלן אַזוי קיין מאָל זיך נישט קענען באַגעגענען צו דערגיין צון אַ געמיינזאַמער פאַרשטענדיקונג.

אָבער ביי זיך האָט ער געטראַכט, אַז אפשר ווייסט ער טאַקע נישט דעם באַטייט פון מאָראַלישקייט און פון אוממאָראַלישקייט.

אָבער חרטה, דאָס האָט ער קיין מאָל דערויף נישט געהאַט. יאָ, ער וואָלט זיך אפשר געקאָנט לייגן מיט אַ חברטע, אויך ווען זי איז אַ פאַרהייראַטע, אָבער מיטן באַדינג אַז ער זאָל נישט קאָנען איר מאַן.

נאָר, צוריק געשמועסט, דאָס ווייסט דאָך קיינער נישט אַחוץ אים, אַז ביי אים איז דאָס געווען נישט בלויז אַ פּראָבלעם פון מאָראַלישקייט, נאָר אויך פון זיין... (ווי אַזוי זאָל ער עס אָנרופן?) נאַציאָנאַל געפיל?! ניין, מער נאַציאָנאַלע עמפינדלעכקייט, זיין סענסיביליטעט פון וועלן פאַרלייקענען זיין ציגיינערישקייט, זיך אַרויסצווייזן פאַר אַ ריינעם רומענער, ווי יענער „איציק" וואָס וויל דווקא ווערן אַן „איליע" — דאָס איז געווען די הויפּט סיבה פאַר וואָס ער האָט זיך נישט געלייגט מיט יענער זונה, וואָס משפט איר מאַן אַז ער אַרבעט צו פיל און איגנאָרירט זי ... און פון וואַנען האָט ער זי גענומען און זי דערהויבן צום ניוואָ פון אַן אַקטיוויסטין ביי דער פּאַרטיי?

דעם קומענדיקן זונטיק, ווען סע זענען געקומען אַנדערע צוויי אַגיטאַטאָרן אין יענעם דאָרף, און די דאָרטיקע האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף דער חברטע אַנוצע און אויפן חבר נאום — האָבן זיי באַקומען אַן ענטפער, אַז זיי זענען אין אַן אַנדערן דאָרף.

אָבער דער אמת איז געווען, אַז אַנוצע איז געבליבן אין דער היים, קעגן איר ווילן. דער פּאַרטיי-סעקרעטאַר האָט איר געגעבן אונטער אַן אויסרייד, אַן אַנדערע אויפגאַבע. ווידער דער חבר נאום איז געשיקט געוואָרן טאַקע אין אַן אַנדער דאָרף, אָבער נישט ווי פריער, נאָר ווי דער צווייטער „פידל" מיט אַן אינסטרוקטאָר, דווקא צו האָבן אים אונטער די אויגן, צו זען ווי אַזוי ער פירט זיך אויף אין אַזאַ וויכטיקער „אַקציע". כדי סע זאָל זיך נישט איבערחזרן דאָס יענעוואָכעדיקע ...

... וואָס זאָל זיך נישט איבערחזרן?

וואָס אייגנטלעך איז דען געשען יענע וואָך, אַז מע זאָל דאַרפן האָבן אַ באַזונדערע השגחה אויף אים? אדרבה, זאָל מען גיין אין יענעם דאָרף, וועט מען דאָך געוואויר ווערן ווי גוט ער האָט זיך אויפגעפירט, אַלנפאַלס בעסער

ווי אנדערע. אים האָט מען דאָך פארבעטן אז ער זאָל נאָך קומען א צווייט מאָל, דאָס וואָס עס איז מיט אנדערע נישט געשען. והא ראייה, אז די אגיטאטאָרן וואָס זענען איצט געקומען אין דאָזיקן זעלביקן דאָרף, האָבן שוין נישט געהאט דעם זעלביקן דערפאָלג.

נו, איז וואָס? וואָס קאָן מען דערמיט באווייזן? אייגנטלעך, וואָס דארף מען דען באווייזן? ווען דארף מען דען עפּעס איבערצייגן?

וואכזאמקייט דארף מען נישט לערנען די שול-לייטונג. די פּארטיי-אָרגאניזאציע ווייסט וואָס זי דארף יאָ טון און וואָס נישט. זי ווארט נישט אז סע זאָל זיין צו שפּעט. מע דארף נעמען פּרעווענטיווע מיטלען, אז סע זאָל נישט דערשיינען קיין שום שפּעלטל אין דער מאָנאָליטישער און קאָנסעקווענטער פּארטיי-ליניע. מע טאָר זיך נישט לאָזן באאיינפלוסן פון קליינבירגערלעכע סענטימענטאליזמען וואָס זענען איבערבלייבסלעך פון דער בירגערלעכער אידעאָלאָגיע, וואָס איז נאָך נישט אויסגעוואָרלצט אין גאנצן פון די מוחות פון די נעכטיקע מענטשן...

דאָס דערווייל, ביז מע וועט דערציען דעם נייעם טיפּ מענטש, אויפגעוואקסן אין דער אידעאָלאָגיע פון מארקס-ענגעלס-לענין און סטאלין...

# 4. הצלחה

ווי געזאָגט, האָט נאום באקומען א קליינעם קלאַפּ, וואָס ער האָט אים גע-פילט וויטיקלעך, אָבער ווי יעדע וואונד, האָט זי זיך מיט דער צייט פארהיילט און זי איז געוואָרן פארגעסן. מיט יעדן טאָג וואָס עס איז פאריבער האָט די וואונד זיינע זיך פּאמעלעך פארהיילט און אויבנאויפיק איז אפילו קיין שפּור נישט געבליבן פון קיין שראם (אזוי האָט זיך אים לכל-הפּחות אויסגעדאכט, ווייל ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאט קיין דערפארונג, הגם קיין נאר איז ער נישט געווען און מע האָט אים נישט געדארפט ארייןלייגן א פינגער אין מויל. אים איז געגנוג געווען אויך איין קליינער קוים באמערקלעכער וואונק. דאָך האָט ער דעמאָלט נאָך נישט געאנט אז דער „שראם" זיינער איז געבליבן אין זיין דאָסאר!). ער האָט צוגעלייגט קאָפּ און געלערנט די לעקציעס אזוי אז ער איז געווען, אויב נישט אויפן ערשטן אָרט צווישן די קורסאנטן, איז ער געווען אין ארגסטן פאל — דער צווייטער. דער ערשטער האָט געהאט א מעלה וואָס ער האָט נישט געהאט. בעת נאום האָט איצט אָנגעהויבן ארייננקוקן אין א ביכל, איז יענער „ערשטער" געווען א ייד, איז געווען מיט א „קאָפּ" העכער פון אים, איז געווען א באלייענטער, האָט געוואוסט וואָס עס איז מאטעריאליסטישע דיאלעק-טיק, האָט געוואוסט בכלל וואָס עס איז מאטעריאליסטישע פילאָסאָפיע, דאָס וואָס נאום האָט ביז היינט פון גאָרנישט געהערט. און איצט, ווען ער האָט שוין יאָ עפּעס געהערט וועגן דעם, האָט ער נישט געוואוסט מיט וואָס מען עסט עס. אמת, ער האָט געפּרוווט אליין לייענען דאָס פירטע קאפּיטל פון דעם „קורצן קורס פון דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי (באָלשעוויקן) פון ראטנפארבאנד", וואָס סטאלין גופא האָט עס אָנגעשריבן, האָט ער עס געפּרוווט לייענען, אָבער ער האָט גאָרנישט, לגמרי גאָרנישט פארשטאנען. עס איז גע-ווען פאר אים פרעמד די שפּראך, מיט אומפארשטענדלעכע אויסדריקן, פילאָ-סאָפישע טערמינען, וואָס ער האָט זיי ביז איצט נישט געהערט און נישט באגעגנט.

טאקע פון דעם אַ קאַפּיטל האָט גאָר געצווּנגען די מסקנות אַז דער „גרויסער סטאַלין" איז טאַקע באמת „גרויס"...

איז דאָס דערווייל געבליבן פאַר אים אַ סוד. ער האָט זיך געמוזט באַגנוגן מיט די לעקציעס וואָס מע האָט געלייענט אין דער שול. דערווייל האָט מען דאָס דאָזיקע קאַפּיטל ביי די קורסן איבערגעהיפּערט. מע האָט געזאָגט, אַז דאָס וועט מען לערנען ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט. אָבער יענע געלעגנהייט איז דערווייל נישט געקומען, הגם די קורסן ענדיקן זיך.

ער האָט איין מאָל, אין אַ פרייער מינוט, אָנגעקניפּט אַ שמועס מיט יענעם חבר, וואָס האָט ביי אים צוגענומען דאָס „ערשטע" אָרט, און אים געפרעגט עפּעס וועגן אָט דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע, האָט יענער אים דערקלערט אַזוי פּשוט, אַזוי פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט באמת געמיינט אַז דאָס איז גאָר לייכט צו פאַרשטיין. אָבער אַליין, ווען ער האָט געפּרוּווט לערנען יענץ פירטע קאַפּיטל, דעמאָלט האָט ער גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין. הייסט עס, אַז ס׳זענען פאַראַן זאַכן וואָס זענען טאַקע פּשוט, אָבער אַליין, אָן הילף פון אַ פּראָפעסאָר, קאָן מען עס נישט דערגיין.

ער האָט זיך אָבער געטרייסט: יענער איז טאַקע דער „ערשטער" ביים לערנען, אָבער אַז סע וועט קומען צום פאַרטיילן די קורסאַנטן צו דער אַרבעט, אין פאַרשידענע פּאַרטיי-סעקטאָרן, דאַן וועט מען זיך מוזן רעכענען אויך מיט דעם, אַז יענער איז אַ זון פון אַ קליינעם סוחר, דאָס הייסט אַז זיין סאָציאַלער אָפּשטאַם איז אַ „קליינבירגערלעכער", בעת ער איז אַ זון פון אַן אַרבעטער, אַפילו ווען אַ קאַוואַל איז נישט קיין ריינער פּראָלעטאַריער, איז ער דאָך אַ בעל-מלאכה, וואָס ניצט נישט אויס קיין פרעמדע אַרבעט און איז אויך נישט קיין סוחרישער „ספּעקולאַנט"...

אָבער דערווייל איז עס נאָך נישט געקומען דערצו. דער קורס האָט זיך טאַקע באַלד געענדיקט, די זעקס חדשים וואָס ער האָט דאָרט געלערנט זענען טאַקע געווען ביי אים לאַנגע ווי זעקס יאָר, אָבער דאָס איז געווען בלויז דעמאָלט, ווען ער האָט געהאַט היינט אַ סעמינאַר, מאָרגן אַן עקזאַמען — איצט, ווען דאָס האָט זיך שוין געענדיקט, דאַכט זיך אויס, אַז דאָס איז נישט געווען מער ווי אַ זעקס טעג.

מאָדנע, במשך דער שול-צייט האָט ער געוואָרט אַז סע זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן. ער האָט געגאַרט צו זיין פרייער, נישט אונטערן שווערן יאָך, נישט אַזוי פון די קורסן און עקזאַמענעס, וואָס זענען וואָס אין אמת געווען נישט לייכט פאַר אים, איז אָבער שווערער געווען פאַר אים די דיסציפּלין, וואָס איז געווען

כמעט אַ מיליטערישע. און נאָך מער — דער עול, דאָ נישט שטיין, דאָרט נישט גיין. דאָס נישט רעדן, יענץ נישט הערן ... ער האָט געמיינט אַז ווי נאָר די קורסן וועלן זיך ענדיקן וועט ער זיין אַ פרייער פויגל, קיינעם נישט געבן קיין חשבון וועגן זיין אויפפיר (נאַיווער חבר נאום דאַנטשולעסקו!) ... איצט, ווען סע האָבן זיך שוין געענדיקט די קורסן, איצט פילט ער נאָר ווי אַ מין מורא פאַר דעם אומבאַקאַנטן, וואָס האָט נאָך קיין קלאָר בילד נישט, וואו ער וועט צוגעטיילט ווערן, וואָס ער וועט האָבן ווייטער צו טאָן, ווי אַזוי וועט ער זיך פונאַנדערקלייבן אין זיין קומענדיקער טעטיקייט?

נאָר, ווי באַוואוסט, געשעט דאָך כמעט קיין מאָל נישט דאָס, אויף וואָס מע דערוואַרט זיך. אויך איצט איז אין צווישן אָנגעקומען אַן אָנווייזונג, אַז מע זאָל קיינעם נישט צוטיילן אויף קיין שום פּאָסטן נישט, אָדער אַז מע טיילט יאָ צו, זאָל מען עס נישט מודיע זיין די אַבסאָלווענטן, ווייל דערווייל זענען זיי אַלע, צוזאַמען מיט די פּראָפעסאָרן זייערע, מאָביליזירט אין דער אַקציע פון „קאָלעקטיוויזירן" די אַגריקולטור.

מע דאַרף דאָ מאַכן אַ קליינע באַמערקונג, אַז נאום האָט זיך געכאַפּט צו דער צייט, אַלנפאַלס פיל גיכער פון די אַנדערע קורסאַנטן־אַקטיוויסטן, אַז מע דאַרף וואָס שנעלער פאַרגעסן דאָס ביז איצטיקע וואָרט „קאָלכאָז", ווי מע פלעגט רעדן אין אַלע לעקציעס ביי זייערע קורסן. איצט דאַרף מען זאָגן „קאָלעקטיוו". קאָלעקטיוויזירן די אַגריקולטור דאַרף מען, נישט מאַכן אַ קאָלכאָז. דאָס דאָזיקע סאָוועטישע וואָרט איז נישט זייער גינציק אויפגענומען געוואָרן ביי די פויערישע מאַסן. אדרבה, מע האָט עס באַרעדט מיט אַלע בילבולים אַז אין קאָלכאָז איז אַלץ קאָלעקטיוו, אפילו די פרויען און קינדער זענען קאָלעקטיוויזירט. גאָרנישט, קיין שום פּריוואַט־אייגנטום לאָזט מען נישט איבער פאַר די פויערים. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע שקרים און בילבולים זענען פאַרשפּרייט געוואָרן נאָר דורך די פיינטלעכע עלעמענטן, וואָס מע דאַרף באַקעמפן אויפן שאַרפסטן אופן ...

איצט זענען די געבטיקע קורסאַנטן געוואָרן „אינסטרוקטאָרן". זיי זענען צוגעטיילט געוואָרן צו פיר חברים צון אַ ראַיאָן. דאָס הייסט, אַז נאום צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע דריי חברים זיינע, זענען צוגעטיילט געוואָרן צון אַ ראַיאָנאַלן פּאַרטיי־קאָמיטעט, דאָרט האָבן זיי געהאַט זייער אַרבעט, אָבער נישט דווקא דאָרט. אַהין זענען זיי נאָר געקומען פון צייט צו צייט אָפּגעבן באַריכטן וועגן אופן ווי אַזוי סע גייט זייער טעטיקייט און פון דאָרט האָבן זיי באַקומען נייע דירעקטיוון. די אַרבעט האָבן זיי דאָך געדאַרפט טאָן אין דאָרף, צווישן די פּאַר־

עקשנטע פויערים, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון זייער שטיקל גאָר וואָס באַקומענע ערד, דורך דער אַגראַר־רעפאָרעם...

דאָס לעבן איז נישט געווען קיין גאָר באַקוועמס. ווער עס איז געווען אין יענע צייטן א פּארטיי־אקטיוויסט, יענער האָט נישט געלעקט קיין האָניק. מען איז אַרומגעגאַנגען ווי א נע־ונדניק. וואו מע האָט געטאָגט האָט מען נישט גע־נעכטיקט און וואו מע האָט גענעכטיקט האָט מען נישט געטאָגט. דאָס הייסט, אַז דאָ האָט מען קוים געקאָנט איבערכאַפּן דאָס חיות, מע זאָל עפּעס איבערבייסן, דאָרט עפּעס נעמען אין מויל אָנשטאָט א מיטאָג — און נישט זעלטן זיך לייגן שלאָפן ערגעץ אויף דער ערד, אויף א ביסל שטרוי, אומגעגעסן וועטשערע... אַזוי האָבן געלעבט טייל אקטיוויסטן.

סע זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַראַנזשירט און זיי האָבן „געמאַכט א לעבן". אייניקע וואָס האָבן געוואוסט ווי אַזוי זיך איינצו־אָרדענען, האָבן געפונען ערגעץ צו א לוסטיקער אַלמנה, ביי וועלכער מע האָט געקאָנט געפינען א וואַרעם מאכל און אויך נישט קיין „קאַלט" בעט... די פויע־רים, דאָס הייסט, יענע וואָס האָבן אָנגעפירט פון הינטער די קוליסן מיטן דאָרף, יענע האָבן אין זינען געהאַט אַז יענער אַלמנה זאָל גאָרנישט פעלן. ביי איר זאָל זיך תמיד געפינען גוט עסן און נישט ווייניק משקה, אַזוי אַז די „חברים" זאָלן זיך גוט פילן אין איר געזעלשאַפט, און ווייניקער דערקוטשען דאָס דאָרף. אמת, דאָס האָט נישט געקאָנט געדויערן פיל. עס איז דאָך באַוואוסט, אַז קיין שום זאַך אויף דער וועלט קאָן נישט געהאַלטן ווערן בסוד אויף תמיד. אָבער אויף וויפל מע קאָן אַזעלכע זאַכן האַלטן בסוד, האָבן זיי געטראַכט, איז הכל־דיוות. אַזוי לאַנג ווי מע קאָן דאַרף מען לעבן.

האָבן טאַקע אייניקע געלעבט.

נאום האָט נישט געלעבט. ער האָט געוואוסט, אַז איצט איז די געלעגנ־הייט צו באַווייזן אַז דאָס וואָס ער האָט געלערנט אין דער פּאַרטיי־שול איז בלויז אַן אָנהייב. אָדער, בעסער געזאָגט, עס איז בלויז אָנגעוויזעט, די פּירות, דאָס גערעטעניש — דאָס דאַרף מען איצט זאַמלען. זיינע אויפטוען דאַרף ער איצט באַווייזן. האָט ער זיך גענומען פלייסיק צו דער אַרבעט. אַזוי ווי ער האָט עס געטון ביי די קורסן, ווען ער האָט געדאַרפט זיך מאַכן די לעקציעס.

ער האָט געמאַכט א פּלאַן מיט זיינע דריי חברים: צו צוויי זאָלן זיי אָנהייבן גיין פון הויז צו הויז, פון הויף צו הויף. איין גרופּע וועט אָנהייבן פון איין עק דאָרף און די צווייטע גרופּע וועט אָנהייבןביים אַנדערן עק דאָרף. אַזוי זאָלן זיי פירן די שמועסן אינדיווידועל. מיט יעדן פויער באַזונדער — עפּעס דאַרפן

זיי דאָך דאָ אויפטון. ער איז געווען איבערצייגט אז ער איז ביכולת עפּעס אויפצוטון. ער האָט דאָך געוואוסט אז ער קאָן געפינען א וועג צום הארץ פון א פּויער. שווער וועט זיין מיט די ערשטע. די איבעריקע וועלן שוין נאָכקומען, באין-ברירה, ווי א טשערעדע שאָף, ווען זיי וועלן זען אז זיי בלייבן אליין ארויס, און געוואוסט האָט ער אז קיינער אין דער וועלט וויל נישט בלייבן אליין ארויס, איזאָלירט, סיי ער ווייסט יאָ פון וואָס ער בלייבט ארויס, סיי ער ווייסט עס נישט. אדרבה, סע האָט זיך געדאכט אז אפילו ביי אן עת-צרה, וויל דער מענטש אויך נישט ארויסבלייבן, אויך דעמאָלט דאכט זיך, בפרט א פּויער טראכט זיך: וואָס סע וועט זיין מיטן ציבור וועט זיין אויך מיט מיר, נאָר נישט בלייבן אליין... טאקע צוליב דעם האָט נאום אָנגעהויבן זיין ארבעט אין די עקן פונעם דאָרף, וואו סע וואוינען מיינסט די אָרעמע פּויערים, און נישט אין מיטן דאָרף.

פון זיין ביסל דערפארונג וואָס ער האָט געהאט מיט זייערע אקציעס אויפן דאָרף, אין די זונטיקן, ווען דער קורס האָט זיי געשיקט פירן אגיטאציע-ארבעט צווישן די פּויערים, האָט ער געוואוסט אז ער פּערזענלעך האָט מער דערפאָלג ביי די פּויערטעס ווי ביי די פּויערים. עס איז מעגלעך אז זיין טונקלהויטיקער אויסזע, דווקא זיין ציגיינערישקייט, זיין קאָליר, זאָל אים געבן מער מענערישן חן, אז די פרויען אויפן דאָרף זאָלן אים שענקען אויפמערקזאמקייט.

ער האָט נאָך נישט פארגעסן אויך יענעם שעמעוודיקן קאָמפּלימענט וואָס א יונגווייבל האָט אים אמאָל אין א דאָרף געמאכט: ווען דו זאָלסט דיר לאָזן וואקסן וואָנצעס, וואָלסטו געווען א גאָר שיינער אונגער...

ער האָט פארשטאנען פון דעם, אז זי האָט געוואָלט זאָגן מיט אירע רייד, אז ער געפעלט איר, אויך ווען זי ווייסט אז אלץ קאָן ער זיין נאָר קיין אונגער נישט. אפשר פון טראנסילוואנישן אָפּשטאם, אָבער קיין אונגער זיכער נישט... און נאָך עפּעס, דאָס נישט געזאָגטע האָט ער געדרונגען פון דעם וואָס זי האָט אים געזאָגט „דו" ביי אירע ערשטע ווערטער. זי האָט אים מער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט געמוזט זיין ביי איר אויף מיטאָג, האָט אים געשפּייזט, געגעבן א גוטע כוסה און אים נישט אוועקגעלאָזט ביז ביידע זענען געווען צופרידן פון זייער צוזאמען זיין, שוין ביי זייער ערשטער באגעגעניש.

ער האָט דאָס געוואָלט אויסניצן אויך איצט, ווען ער האָט באמת געוואָלט באווייזן דעם פארטיי-קאָמיטעט פונעם ראיאָן, אז ער איז צווישן די ערשטע נישט בלויז ביי דער טעאָריע, נאָר אויך אין דער פּראקטישער פארטיי-ארבעט.

זיינע ארגומענטן זענען נישט געווען פון קיין הויכע פראזן, וואָס אחוץ דעם וואָס דער פּויער פארשטייט זיי נישט, האָט ער אויך פאר זיי ווי מורא. אויב

מע רעדט מיט א פויער מיט „פרעמדע" ווערטער, פון דער צייטונג צי פון בראָ־שורן — פאַרטרייבט מען דעם פויער. ער וויל נישט וויסן דאָס וואָס אים איז נישט באַקאַנט, וואָס איז נישט זיין לשון... נאָום האָט געהאַט זיינע איבער־צייגנדיקע אַרגומענטן, וואָס קיינער האָט זיי נישט געקאָנט אָפּפרעגן און האָבן זיך געלייגט אויפן שכל: רומעניע איז איינע פון די שענסטע לענדער אין דער וועלט. אמת?... רומעניע איז איינע פון די סאַמע רייכסטע לענדער אויף דער וועלט. מיר פאַרמאָגן פון אַלעמען וואָס מע באַדאַרף צום לעבן, ברויט, נאַפט, גאָלד, וועלדער — און וואָס נישט? דאָך ליידט דער פויער הונגער... פאַר וואָס?... זעט איר, אז מע דאַרף עפּעס ענדערן... יאָ, נישט „פּאָסטעלעס" זאָל זיין דער „נאַציאָנאַלער טראַכט". נאָר שיינע שיך און אויך שטיוול... נישט „מאַמעליגע" זאָל זיין דאָס „נאַציאָנאַלע מאכל", נאָר ווייסע בולקעס... אָט אַזעלכע אַרגו־מענטן האָט נאָום באַניצט, וואָס האָבן אַריינגעדרונגען אין מוח און אין האַרץ פונעם פויער און דאָרט אָנגעצונדן א ליכטל פון האָפענונגען און געפירט צו נייע שטרעבונגען...

די רעזולטאַטן האָט ער געהאַט אויפצווייזן שוין אין די ערשטע טעג. עט־לעכע פויערישע הייזער, וועלכע ער האָט באַזוכט, האָבן אים גוט אויפגענומען. אמת, קיין איינער האָט נאָך נישט צוגעזאָגט אויף זיכער אז ער איז גרייט זיך צו פאַרשרייבן אין דער „קאָלעקטיווע". אומזיסט האָט מען זיי געוויזן די פאָר־מולאַרן, ווי אַזוי מע דאַרף אויסשטעלן אזא בקשה. זיי האָבן זיך נאָך געקראַצט אין קאָפּ, זיך געיישובט און זיך נישט געאיילט. אָבער ער, נאָום, האָט זיך אויך נישט געאיילט. ער האָט אַרויסגעוויזן געדולד, כדי נישט קאַליע צו מאַכן די גאַנצע אַקציע, ער האָט געוואוסט, אז ביי א פויער דאַרף מען זיך נישט איילן. ניין, מע טאָר זיך נישט איילן, וואָס מער מע איילט זיך אַלץ פאַמעלעכער גייט מען פאָרויס... אים איז גענוג געווען אין ערשטן טאָג, אז מע האָט אים נישט פאַרטריבן פון קיין שום הויז נישט, אויך פון דאָרט וואו מע האָט אים נישט זייער העפלעך אויפגענומען. סע האָבן זיך אָבער געפונען הייזער, בעלי־בתים, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אינטערעס מיט אים איבערצושמועסן דעם ענין, און האָבן אים פאַרבעטן אַריינצוקומען אויך מאָרגן... דאָס איז שוין געווען פאַר אים ווי א צוזאָג.

נאָך איין זאַך האָט ער אויפגעטון שוין אין ערשטן טאָג, ער האָט זיך פאַר־צייכנט אַלע פראַגעס וואָס מע האָט זיי געשטעלט. ער איז אַזוי אַרום געוואויר געוואָרן וועלכע פויערים, אויך פון די א ביסל פאַרמעגלעכע האָבן מער השפעה אויף די דאָרפס־לייט, מיט זיי דאַרף ער אָנהייבן זיין אַרבעט. ראשית כדי זיי

זאָלן זיך נישט פילן אויסגעמיטן און וועלן אים שטערן אין זיין אקציע, נאָך איידער זיי וועלן וויסן פאר וואָס. והשנית, דארף מען מיט זיי פירן די אקציע נאָך מיט מער געדולד, איז וועט עס דאָך געדויערן פיל מערער צייט.

לויטן זעלביקן פּרינציפּ האָט ער אָנגעפירט אויך מיט דער צווייטער גרופּע זיינער, וואָס האָבן אגיטירט אין אנדערן עק דאָרף.

אין עטלעכע טעג ארום האָט ער באמערקט אז זיין ארבעט גייט זייער שיין, אָבער געטון, דאָס הייסט אז אויפגעטון, האָט ער פאקטיש נאָך כמעט גאָרנישט. ער האָט נאָך נישט געהאט קיין איין חתימה נישט, אז א פויער זאָל שרייבן א בקשה, אז ער וויל אריין אין דער קאָלעקטיווע, וואָס מע וועט גרינדן אין זייער דאָרף.

הגם מע האָט זיי אָנגעזאָגט, איידער מע האָט זיי געשיקט אין זייער „אקציע“ אז זאָלן אויסמיידן דעם גלח, אפשר אויך דעם לערער, בכלל דעם אויבערשיכט פונעם דאָרף — האָט ער דאָס נישט געטון דווקא אזוי. ער איז טאקע נישט גע-גאנגען צום גלח אהיים, אָבער ער האָט דאָך געזוכט א געלעגנהייט מיט אים צו פארפירן א שמועס, אזוי ווי בדרך אגב, כדי צו זען וואָס ער טראכט וועגן עניין קאָלעקטיוויזאציע און וואָס ער האָט זיך צו דערוואַרטן פון זיין זייט. איז ער קעגן דעם צי איז ער כאָטש נייטראַל?

שוין ביי די ערשטע ווערטער האָט דער גלח נישט געפּרואווט אויסצובאַ-האַלטן אפילו אז ער איז קעגן קאָלעקטיוויזירן, נאָר אויב דאָס דאָרף וועט וועלן...

נאָום האָט געפּרואווט אויסניצן זיינע קענטעניש פונעם נייעם טעסטאמענט, אז אפילו דער געקרייציקטער איז אויך געווען קעגן די נגידים, אז ער אליין, ווי אַלע ערשטע גרופּן קריסטן, איז אויך געווען א קאָלעקטיוויסט פון א פישער-קאָלעקטיווע ביים ים-כנרת, אָדער ווי מע רופט אים „גאַלילישן ים“... עס האָט נישט געהאָלפן.

האָט ער געפּרואווט זיין לעצט מיטל. ער האָט געטראַכט, אז בעסער וואָלט ער וועגן דעם איבערגעשמועסט מיט דער גלחטע? וואָס האָט ער אָנצוווערן? מע דארף א פּרואוו טון. און אז דער גלח האָט געזאָגט, אזוי פשוט, גלייך ער וואָלט געוואָלט פּטור ווערן פון אזעלכע קאָמוניסטישע שמועסן: אפשר קומט איר אריין אין אָוונט טרונקען א טיי — האָט נאָום געדאַנקט אָבער טאקע מסכים געווען.

אזוי איז טאקע געשען, ווי נאָום האָט זיך פאַרגעשטעלט. ביי דער גלחטע האָט ער געהאט מער דערפאָלג. זי האָט פּאַטאַקעוועט כמעט אַלע זיינע ארויס-

געזאָגטע מיינונגען און האָט אים צוגעזאָגט, אז זי וועט שוין זען ווי אזוי זי קאָן אים צוהעלפן אין זיין אויפגאבע ... אויך דער גלח וועט אים העלפן.

... ווען סוף וואָך האָבן זיך די אקטיוויסטן צוריקגעקערט צום ראיאָן, כדי זיי זאָלן אָפּגעבן דעם ערשטן באריכט וועגן זייערע רעאליזירונגען ... איז נאומס גרופּע געווען די איינציקע, וואָס האָט טאקע געהאט וואָס אויפצווייזן. זיי האָבן שוין געהאט די ערשטע חתימות פון א צוויי צענדליק פּויערים ...

דאָס איז, פארשטייט זיך, נישט געווען קיין קלייניקייט, דאָס האָט געמוזט אָנערקענען אויך דער ערשטער סעקרעטאר פונעם ראיאָן, וועלכער האָט עס טעלעפאָניש מודיע געווען דעם ערשטן סעקרעטאר פונעם רעגיאָנאלן פארטיי-קאָמיטעט, וועלכער האָט עס מודיע געווען טעלעפאָניש צו דער סעקציע פונעם צענטראל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, וועלכער האָט עס מודיע געווען ...

בקיצור: נאום איז ארויסגערופן געוואָרן צו אָרגאניזירן אן אינסטרוקטאזש אויף א ברייטערן מאָסשטאב, מיט הונדערטער אינסטרוקטאָרן און אקטיוויסטן, כדי צו מאכן א דערפארונג-אויסטויש.

ווען אין יענעם דאָרף, אין נאומס ערשטן דאָרף, האָט מען פייערלעך געחת־מעט די ערשטע קאָלעקטיווע פון דער דאָזיקער געגנט, איז געווען אָנוועזנט א ספּעציעלער דעלעגאט פונעם צענטראל-קאָמיטעט — נאום איז שוין געווען עפּעס מער ווי א פּשוטער אינסטרוקטאָר פון א ראיאָן ... אמת, ער האָט נאָך קיין שום נאָמינירונג נישט געהאט אין דער קעשענע, אָבער מע וואָלט געדאַרפט זיין בלינד אז מע זאָל נישט אין אכט נעמען, אז אפילו דער שליח פון צענ־טראל-קאָמיטעט רעדט מיט אים מיט מער שאצונג ווי אפילו מיטן סעקרעטאר פונעם ראיאָנאלן קאָמיטעט ...

נאום איז אזוי געוואָרן א מין אייבער-אינסטרוקטאָר, מצד דעם צענטראל־קאָמיטעט, ביי דער אגראר-סעקציע, וואָס גיט זיך אָפּ מיטן קאָלעקטיוויזירן ...

# 5. שאלות און תשובות

נאום האָט שוין נישט געלעבט ווי א פשוטער אינסטרוקטאָר, וואָס איז נישט מער ווי א נע-ונדניק. אמת, א פּריווילעגירטער נע-ונדניק — אָבער דאָך א נע-ונדניק.

ער האָט שוין געהאט צו זיין פאַרפיגונג א מאַשין, א שאָפער, וואָס האָט געמאַכט א „וועג" מיט אים וואוהין ער האָט געוואָלט, כדי צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי אזוי די אַרבעט גייט.

איז דען א וואונדער, אז נאום האָט שוין א ביסל אָנגעהויבן פון זיך צו בלאָזן מיט נאַרישער גאווה?! אויב ער איז ביז איצט געווען א גוטער חבר, א צולאָזיקער צו זיינע קאָלעגן, האָט אָפט מאָל געשטעלט זייערע אינטערעסן פאַר זיינע — איצט האָט ער שוין אָנגעהויבן זיך אויפפירן מעשה אויפגעקומענער נגיד. ער האָט שוין קיין „אָרעמערע" פון אים נישט געזען. די נעכטיקע קור־סאַנטן און זיינע שול-קאָלעגן, זענען דאָך היינט געווען אקטיוויסטן פּונקט ווי ער, נאָר אזוי פיל חילוק איז געווען, וואָס זיי האָט דאָס מזל נישט צוגעשפּילט און האָבן נישט געהאט אזא הצלחה ווי ער, און נישט געווען אויף דער זעלבי־קער מדרגה מיט אים... דאָס לעבן איז דאָך איינגעטיילט אין מדרגות. האָט ער איצט מיט זיי שוין גערעדט ווי סע רעדט א גענעראַל מיט סאָלדאַטן... יאָ, דאָס וואָלט קיינער פון אים נישט דערוואַרט, אז ער זאָל צו זיי רעדן ווי צו זיין גלייכן, אָבער כאָטש ווי און „אָפיציר" מיט אונטעראָפיצירן... פאַר וואָס רעדט ער ווי א „גענעראַל", פאַר וואָס זענען זיי ביי אים בלויז „סאָלדאַטן"?

דאָס האָבן זיי זיך געפרעגט אין זייערע געדאַנקען. ער האָט דאָך זיך אזעל־כע פראַגן נישט געשטעלט, ווייל ער האָט עס אפילו נישט באַמערקט. ער האָט עס געהאַלטן פאַר נאַטירלעך.

אמת, ווען ערגעץ אין א דאָרף האָט מען אָנגעטראָפן אויף אויסערגעוויינט־לעכע שטערונגען, עס האָט זיך נישט איינגעגעבן צו איבערצייגן די פּויערים אז

זאָלן חתמענען די בקשות צו גרינדן א קאָלעקטיווע, דעמאָלט האָט מען אים פּערזענלעך „אראָפּגעשיקט" (קיין מאָל שיקט מען דאָך נישט ארויף!). ער איז געווען א מין שווערע ארטעלעריע — איז ער געגאנגען און טאקע באוויזן וואָס ער קאָן און טאקע עפּעס אויפגעטון. דאָרט, אין דאָרף מיט די פּויערים, האָט ער שוין נישט גערעדט ווי מיט די פּארטיי-אקטיוויסטן, מיט א באפעלעריש „געבראלסקע" טאָן. ניין, אין דאָרף האָט ער גערעדט מיט היימישקייט, ווי ער פּלעג עס טון פריער, ווען ער איז געווען א פּשוטער שליח פונעם ראיאָנאלן פּארטיי-קאָמיטעט. באשיידן, געזוכט א געמיינזאם לשון מיטן פּויער, און בפרט מיט די פּויערטעס...

זיינע אמאָליקע קאָלעגן, ווען זיי האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן זיין האלטונג, האָבן זיי א ביטולדיקן מאך געטון מיט דער האנט:

— וואָס ווילט איר? זאָגט דאָך דאָס פּאָלקס-ווערטל, ווען דער ציגיינער ווערט א פּאָרעץ, שיסט ער צום ערשטן זיין אייגענעם פּאָטער...

אין דער צייט האָט נאום דאנטשולעסקו זיך גענצלעך געענדערט. ער האָט צו ווייניק צייט געהאט אז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט פּערזענלעכע ענינים. ער האָט געמוזט ארבעטן זייער פיל, אויב ער האָט געוואָלט זיך דערהאלטן אויף דער מדריגה, אז ער זאָל קאָנען דעם מצב פונעם קאָלעקוויטיזירן אין גאנצן לאנד. ער האָט געהאט א קליין נאָטיץ-ביכל, אין וועלכן ער האָט פארצייכנט מיט קליינע קוים אָנזעעוודיקע אותיותלעך די ציפערן, וואָס נאָר ער האָט זיי געקאָנט לייענען. אויב א העכערער שעף האָט אים געפרעגט עפּעס, איז ער נישט געשטאנען טראכטן נאָר תיכף געקאָנט געבן א קלאָרן ענטפער, טאקע זיך ארויסהעלפנדיק מיטן דאָזיקן ביכעלע. וואָלט מען אים אויפגעוועקט ביי נאכט פונעם שלאָף, וואָלט ער אויך געקאָנט באריכטן דעם מצב פונעם קאָלעקטיוויזירן, מיט אלע פּרטים, וויפל דערפער סע זענען שוין קאָלעקטיוויזירט, וויפל סע געפינען זיך אין דער „פולער אקציע" פון קאָלעקטיוויזירן, וויפל פּויערים האָבן שוין אונטערגעחתמעט זייערע בקשות ארייננצוטרעטן אין דער קאָלעקטיווע, וויפל האָבן שוין אָנגענומען די בקשות אָבער האָבן זיי נאָך נישט איבערגעגעבן געחתמעטע, וויפל פּויערים האָבן זיך קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט אונטערצוהחתמענען אזעלכע בקשות, וויפל קולאקן מע האָט ארעסטירט פאר זייער רעאקציאָנערער סאבאָטאזש-טעטיקייט קעגן קאָלעקוויטיזירן, וויפל פּויערים פונעם מיטלשיכט מע האָט דערקלערט פאר קולאקן ווייל זיי האָבן זיך אקעגנגעשטעלט דעם קאָלעקטיוויזירן און האָבן געמאכט יד-אחת מיט די קולאקן, און אזוי ווייטער און אזוי...

ביי נאכט האָט ער גאָר ווינציק געשלאָפן, נאָר זיך אָפּגעגעבן מיט דער זעלבּ־בּילדונג. ער האָט געשלונגען מיט דורשט די גאנצע פּארטיי־ליטעראטור. אויך דאָס האָט ער געקאָנט אויסנווייניק, גלייך מיט זיינע ציפערן וועגן קאָלעקטיווירן. וואָלט מען אים אויפגעוועקט פונעם שלאָף, וואָלט ער געוועז געקאָנט ציטירן פּינקטלעך, וואָרט ביי וואָרט, וואָס דער חבר סטאלין האָט געזאָגט אין געווימן ענין, בּפרט אין צוויי פּראָבּלעמען: קאָלעקטיוויזאציע און וועגן נאציאָנאלן פּראָבּלעם. ער איז געוואָרן א מין ספּעציאליסט אין די דאָזיקעביידע פּראָבּלעמען, וואָס הגם זיי האָבּן צווישן זיך קיין שום שייכות נישט געהאַט, האָבּן זיי אָבּער געהאט פאר אים פּערזענלעך א באזונדערן אינטערעס.

יאָ, נאָך איין פּראָבּלעם האָט אים פּאראינטערעסירט, אז ער זאָל זיך באקענען מיט אים, ווייל ער האָט געזען אז קיין עם־הארץ טאָר ער נישט בלייבּן אין די הויפּט־פּראָבּלעמען וואָס ווערן אָפּט באהאנדלט אין די פּארטיי־דיסקוסיעס: אטעאיזם...

אמת, ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין גאָר גלייביקער. דאָס פּראָבּלעם האָט נישט פּאראינטערעסירט אויך נישט אין הויז פון זיינע עלטערן. זיין מוטער פלעגט זיך טאקע איבּערצלמען פון מאָל צו מאָל, ווען מע האָט גערעדט וועגן אן אומגליק, אָבּער דאָס האָט זי דאָך געטון מער מעכאניש, פון געוואוינקייט, ווי פון פאנאטישן גלויבּן, ווי סע פלעגן זיין טייל פּרויען. ווידער דער פאָטער איז אין קלויסטער קיין מאָל נישט געגאנגען. איצט, ווען מע האָט געלייענט לעקציעס וועגן אָבּערגלויבּן, וועגן „אָפּיום", וועגן די שונאים פון סאָציאליזם וואָס באהאלטן זיך אוים אין די פארשידענע רעליגיעזע סעקטעס, איצט האָט ער זיך געמוזט באקענען אויך מיטן דאָזיקן ענין. האָט ער זיך טאקע גענומען לייענען מיט דער זעלבּיקער פליים וואָס ער האָט געלייענט און זיך געמאכט נאָטיצן פון סטאלינס הויפּט־ווערק „פּראָבּלעמען פון לעניניזם", האָט ער גענומען לייענען אויך די „די בּיבּל פאר גלייביקע און אומגלייביקע". און דאָ האָט ער אָנגעטראָפן אויף א מאָדנער דערשיינונג. מאָדנע האָט עס אויסגעזען פאר אים, ווייל ער האָט נישט פארשטאנען, און האָט עס אויך נישט געוואגט עמעצן צו פרעגן, צו באקומען אן אויפקלערונג. וועמען זאָל ער עס פרעגן? די חברים־אינסטרוקטאָרן וואָס האָבּן די לעקציעס געהאלטן וועגן אטעאיזם, זיי זענען דאָך געווען מיינסט יידן, ווי אזוי זשע וועט ער זיי קענען שטעלן זיינע פראגן, וואָס האָבּן זיך באצויגן דווקא אויף דעם אופן ווי אזוי זיי שטעלן די פּראָבּלעמען.

ווען מע האָט גערעדט אין די דאָזיקע לעקציעס, און מע האָט באקעמפט מיט די בעסטע ארגומענטן קעגן „אָבּערגלויבּן" און כל המיני כישוף, וואָס זענען

עלול צו פאַרנאַרן דאָס אומגעבילדעטע פאָלק, דאָרט האָט ער געקאָנט געבן די
בעסטע ביישפּילן, ווי איינער וואָס קען דאָך אַ ביסל אויס אין אַלע כּישוף-מאַ-
כערישע שווינדלערייען. ער האָט אויך געקאָנט עטלעכע אַזעלכע ציגײַנערישע
טריקן, באַווײַזן מכּלומרשט גאַנצע קונצן, אָבער אין תּוך זענען זיי נישט מער
ווי אָפּנאַרערײַ, אָבער ... בײַ זיך, אין זײַן אינטימער איבערצײַגונג, האָט ער
דאָך אָבער יאָ געגלייבט אַז סע זענען דאָך פאָרט פאַראַן אייניקע ציגײַנערטעס, וואָס
קענען יאָ עפּעס אויפטאָן מיט זייער כּישוף-מאַכערײַ?! ... דאָס האָט ער קיין
מאָל נישט אַרויסגעזאָגט פאַר קיינעם, ער האָט עס נישט געוואַגט צו טאָן, כּדי
נישט צו וואַרפן קיין חשד אויף זײַן איבערגעגעבענער געטרייִשאַפט צו דער לע-
ניניסטישער-סטאַליניסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס איז די קאָנסעקווענטסטע
אויף דער וועלט, און קאָן נישט אײַנגיין אויף פּשרות מיט קליינבירגערלעכע אי-
דעאָלאָגישע בלאָנדזשענישן פון איינעם אַ ציגײַנער, וואָס גלייבט יאָ נאָך עפּעס
אין קאָרטן-וואַרפערײַ, אין וואַקס-גיסן וכדומה ...

וואָס שייך דער אַטעאיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָט ער נישט פאַרשטאַנען,
פאַר וואָס מוז מען איצט שטודירן דווקא די יסודות פון דער ייִדישער רעליגיע
כּדי צו קאָנען ווערן אַ גוטער איבערצײַגטער מאַרקסיסט, ווען ער איז קיין ייִד
נישט?

ווען ער האָט זיך באַקענט מיט דער חבֿרטע בעטי (קיין מאָל האָט מען זי
נישט גערופן אויפן פאַמיליע-נאָמען מאַרקאָוויטש, נאָר אויפן פירנאָמען. אייגנ-
טלעך, פאַר וואָס רופט מען אים נאום און נישט דאַנטישולעסקו? ... הגם „נאָאָן-
נאום" וואָלט געווען אַ פאַמיליע-נאָמען, נאָר בײַ אים איז עס אַ פירנאָמען, מסתּמא
פאַרבלאָנדזשעט פון ערגעץ אַ קוואַטער, וואָס האָט געוואָלט דורך אים זיך פאַר-
אייביקן דעם נאָמען!), דער חנעוודיקער רויטלעך-בלאָנדער חבֿרטע, מיט די
בלויע אויגן, וואָס לײַכטן ווען זיי שמייכלען און שטעכן ווען זיי מוסרן אָדער
זאָגן „חבֿרישע קריטיק" אין די פּאַרטיי-זיצונגען ... ווען ער האָט זיך אַ ביסל
נענטער באַקענט מיט דער חבֿרטע בעטי, האָט ער זי איין מאָל דאָס געפרעגט:
אויף דער וועלט איז פאַראַן נישט בלויז איין איינציקע רעליגיע, וואָס איז נישט
מער ווי „אָפּיום פאַר די מאַסן". סע זענען פאַראַן הונדערטער מיליאָנען בודיסטן,
הונדערטער מיליאָנען קריסטן, ווער ווייסט וויפל הונדערטער מיליאָנען מוסול-
מענער — בלויז פון ייִדישן גלויבן זענען פאַראַן קוים עפּעס מער פון צען מי-
ליאָן ... צווישן וועלכע סע זענען פאַראַן ווער ווייסט וויפל מיליאָנען ייִדן וואָס
זענען בכלל נישט מער רעליגיעז ווי ער — איז פאַר וואָס צילט מען אַלע פײַלן

דווקא צו דער רעאקציאָנערער אָפּנאַרערישער רעליגיע, וואָס גלייבט אין משהן?... אַנו, טאַקע ביי אונדז אין לאַנד גופא, איז דען די יידישע אמונה די סאַמע גע־פּערלעכסטע? אויב שוין יאָ פירן אַן אַטעאיסטישע אַגיטאַציע, איז וואָלט מען דאָך געדאַרפט דאָס טון קודם כל קעגן דער אָרטאָדאָקסישער רומענישער קירך, דערנאָך קעגן די קאַטאָליקן, וואָס איז מיינסט פון דער אונגערישער באַפעלקע־רונג ביי אונדז, און ווער ווייסט אויף דער וויפלסטער ריי סע וואָלט געקומען די יידישע רעליגיע. איז צו וואָס שיסן מיט דער גאַנצער „אַרטעלעריע" קעגן אַ „פליג" און די האָזן און אַפילו פוקסן לאָזן פריי אַרומוואַויוועון אין אָבערגלוי־ביקן וואַלד? ...

בעטי האָט אים קיין קלאָרן ענטפער נישט געגעבן, זי האָט בלויז געשמייכלט, און ווי געזאָגט, אַז ווען זי האָט געשמייכלט איז די זון אויפגעגאַנגען און אָפּ־געגלאַנצט אירע רויטלעך-בלאָנדע האָר אין גילדענער אָפּשטראַלונג.

און אַז ער איז צוגעשטאַנען און געפרעגט פאַר וואָס די בראָשורן זענען געצילט דווקא קעגן יידישן גלויבן, האָט זי אים געגעבן אַזאַ פּשוטן ענטפער, אַז ער גופא האָט שוין געמוזט ענטפערן איר מיט זיין אַ שמייכל ...

— ראשית — האָט בעטי געזאָגט — זענען די מחברים פון כמעט די אַלע בראָשורן יידישע חברים, וואָס האָבן אין זייער יוגנט געלערנט טאָג און נאַכט די דאָזיקע „ביבל", פון וועלכער זיי ווילן זיך איצט אָפּטרייסלען און קאָנען נישט... עס איז דאָך ביי זיי אין בלוט. צווייטנס, האָבן זיי זייער בילדונג דווקא אין דער „רעאקציאָנערער" ביבל באַקומען. דאָס קענען זיי צום בעסטן, צום יסודותדיק־סטן, מחמת דעם איז זיי פיל לייכטער צו באַקעמפן דעם „יידישן אָפּיום" ווי, למשל, דעם בודיסטישן.

... און דריטנס ...

בעטי האָט שוין נישט אויסגערעכנט דעם „דריטנס". איצט האָט זי זיך באַגנוגט מיט די ערשטע צוויי תירוצים אויף נאומס קשיות. זיינע פראַגן זע־נען איר געווען סימפּאַטיש. איר האָט געפאַלן וואָס אָט דער שיינער יונגער חבר „שלאָפט נישט". ער לייענט די פּאָליטישע ליטעראַטור און אויך סתם ליטעראַ־טור, כדי איינצופּאָרן און צו דעריאָגן וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט אין זיינע קינ־דער-יאָרן און אין זיינע שול-יאָרן, וואָס ער האָט דעמאָלט נישט געקאָנט אויס־ניצן אויף צו לערנען זיך. ערשט איצט, ווען די נייע פּאָליטישע אומשטאַנדן האָבן עס אים דערמעגלעכט און אים אויך אַריינגענומען אין דער נייער געזעל־שאַפט, צווישן מענטשן „מיט מענטשן גלייך", איצט לערנט ער זיך, איז אויפ־מערקזאַם אויף צו פאַרשטיין סיי וואָס ער לייענט, סיי וואָס סע געשעט אַרום אים.

— און דריטנס? — האָט נאום אויפגענומען איר גישט פאַרענדיקטן שמועס, מיטן זעלביקן שמייכל, ווייל ער האָט עס פאַרשטאַנען פון איר פאַרשווייגן, אַז זי וויל זיך צוריקהאַלטן און נישט אַרויסזאָגן קיין מיינונג וואָס מ׳קאָן נישט אָנפאַרטרויען פאַר סיי וועמען. אָבער דווקא דאָס האָט אים פאַראינטערעסירט. ער וואָלט דאָך געוואָלט אַז „ער" זאָל נישט זיין פאַר „איר" קיין סיי ווער. ער וויל דאָך אַז זי זאָל אים האַלטן פאַר אַ נאָענטערן חבר און זאָל האָבן צו אים צוטרוי, מער ווי צו סיי וועמען.

— און דריטנס — האָט זיך בעטי ענדלעך אַנטשלאָסן פאַרצוזעצן איר נישט פאַרענדיקטע פראַזע — דאַרפסטו פאַרשטיין, חבר נאום, אַז מיר פירן אונדזער אויפקלערערישע אַרבעט צווישן די מאַסן, וואָס זענען נאָך נישט גענוג רייף פּאָליטיש, אַז זיי זאָלן קאָנען אויפנעמען אונדזערע אַרגומענטן, אַזוי צו זאָגן, וויסנשאַפטלעך, נישט סוביעקטיוו אָדער מיט סוביעקטיווער ליידנשאַפט ... אויב, למשל, מע וועט פירן די דאָזיקע קולטור-אַרבעט, די אַטעאיסטישע אַגיטאַציע קעגן דער אָרטאָדאָקסישער קירך, ווי דו האָסט אפשר אויפריכטיק און אפשר אויך ריכטיק געזאָגט, וועט דער עולם, די מאַסן דאָס נישט אויפנעמען גאָר גלאַטיק, נאָר עס אָפּשטויסן און מיר וועלן זיי נישט דערנענטערן צו אונדז, נאָר אדרבה, פיל מער זיי דערווייטערן ... און נישט דאָס איז דאָך אונדזער ציל.

— איז אָנשטאָט צו באַקעמפן דעם הויפּט-קעגנער, די אָרטאָדאָקסישע קירך — האָט נאום איראָניש געפרעגט — „שלאָגט" מען קודם די יידן? ... חברטע מאַרקאָוויטש, איך פאַרשטיי וואָס איר זאָגט, און אפשר זענט איר גערעכט אויך, אַז דאָס זאָל זיין די סיבה, פאַר וואָס מע באַקעמפט דעם יידישן „אָפּיום" און דערנאָך דעם קאַטויילישן רעאַקציאָנאַריזם, אָבער איך צווייפל אויב דער פּראַוואָסלאַוונער אָפּיום איז מער פּראָגרעסיוו ... און וועגן טוט עס, יידישע חברים-אַגיטאַטאָרן? וועמען ווילן זיי אויפקלערן, די יידישע פּאַרטיי-מיטגלידער? די עטלעכע קוים איבערגעלעבטע און איבערגעבליבענע רעליגיעזע יידן, וואָס וועלן אפשר מאָרגן — איבערמאָרגן אָוועקפאָרן קיין פּאַלעסטינע? ...

— איך וואָלט אייך געראָטן — האָט בעטי געזאָגט מיטן זעלביקן בלאָנדן האַרציקן שמייכל — איר זאָלט אַזעלכע פראַגן ווייניקער שטעלן, ווייל נישט יעדער וועט אייך גוט פאַרשטיין, אַז איר האָט דעם ערלעכן גוטן ווילן צו פאַרשטיין די ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי-ליניע, אָבער אייך קאָן עס קיין ניצן נישט ברענגען ... איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז עס זענען פאַראַן מאָמענטן, דאָס הייסט אַזעלכע מין טאַקטישע מאָמענטן, וואָס די פּאַרטיי-ליניע איז נישט קיין גלייכע ווי

א ווירע, נאָר איז זיג-זאגיק, טאקע אין אזעלכע מאָמענטן זענען דער בעמטער פּראוושטיין פאר דער געטריישאפט צו דער פּארטיי-אידעאָלאָגיע און איר אויפריכטיקער און ריכטיקער ליניע ... אזעלכע פּארטיי-מיטגלידער וואָס האָבן נאָך נישט קיין געגוג הויכן פּאָליטישן ניוואָ, פארשטייען נאָך נישט אלע סובטיליטעטן פון טאקטישע מיטלען, יענע פארבלאָנדזשען ערגעץ, אויך אָן זייער ווילן, דווקא צוליב זייער ערלעכקייט, און קאָנען מער נישט געפינען דעם וועג אויף צוריק צו דער פּארטיי, פון וועלכער זיי האָבן זיך דערווייטערט ...

— איך האָב פארשטאנען, חברטע מארקאָוויטש — האָט נאום צוגעגעבן מיט דער זעלביקער ערנסטקייט און אויך אינטימער אויפריכטיקייט, מיט וועלכער בעטי האָט דאָס מאָל שוין צו אים גערעדט. ער האָט דאָך געזען, אז זי שפּאסט שוין נישט מיט אים שמייכלענדיק, מיט דער חנעוודיקייט פון א „פרוי“, נאָר מיט דער הארבקייט פון א דערפארענעם קאָמוניסט, וואָס ווייסט וואָס מע „קאָן“ יאָ פרעגן און וואָס מע „טאָר“ נישט פרעגן.

און איר צוטרוי צון אים האָט אים געקאָנט בלויז פרייען. ער האָט דאָך זיך געקאָנט איבערצייגן אז ווען זי זאָל אים האלטן פאר א פשוטן חבר, פאר א פרעמדן, וואָלט זי נישט גערעדט אזוי אָפן צון אים ... ער האָט נאָך עפּעס באמערקט, אז פון צייט צו צייט האָט זי צווישן די „אירן“ אויך אריינגעגנבעט אויך די „דוצן“, אים געזאָגט אויך „דו“ ...

# 6. „תכלית“ אָבער נישט קיין ברויגע

זאָל מען עם רופן ווי אזוי מע וויל. אוודאי קאָן אויך זיין מוטער, ווי סיי וועלכע אנדערע פרוי פון זיין ציגיינערישן שטאם, אריינשטעקן א מעסער אין דער ערד און לאָזן „רופן“ א מאן צו זיין פרוי, אָדער אן אנדער מין כישוף אָנטון — דאָס האָט ער נישט געגלייבט. אָבער דאָך איז עס פאר אים געווען א וואונדער, וואָס דווקא איצט, ווען ער האָט שוין געטראכט עטלעכע טעג צו מאכן א באזוך אין דער היים ביי זיינע עלטערן, דווקא איצט האָט ער באקומען אזא בריוו פון זיין פאָטער, אין וועלכן ער דערמאנט אים, אז עס איז נישט שיין ווען א זון רייסט זיך אָפּ פון זיין משפּחה, בלויז צוליב דעם וואָס ער איז געוואָרן א „פּאָרעץ“. ווער האָט עם אים אזוי אויסגעלערנט, די פּארטיי? ביז ווי לאנג וועט ער ארומבלאָנקען ווי א נע-ונדניק, אָן א היים? אפשר וואָלט שוין צייט געווען צו טראכטן אויך פאר אים אויף א תכלית?

נאום האָט זיך ארומגעטראָגן שוין עטלעכע טעג מיטן דאָזיקן געדאנק, אז ער זאָל אראָפּפאָרן צו זיינע עלטערן אויף א צוויי-דריי טעג, נישט בלויז אין א משפּחה-באזוך, נאָר דווקא אין פּאָליטישע אינטערעסן ... פאר וואָס זאָל ער מוזן שרייבן אין די אויטאָביאָגראפיעס, וואָס ער דארף אזוי אָפט איבער-חזרן אז זיין פאָטער איז א בעל-מלאכה, א קאָוואַל, אָבער ער ארבעט אין זיין איי-גענער קוזניע? אמת, ער איז טאקע אויך א פּארטיי-מיטגליד, אָבער דווקא פאר דעם, פאר וואָס פארשרייבט ער זיך נישט אין א קאָאָפּעראטיוו, אזוי ווי די פּארטיי פאָדערט עס, בפרט פון אירע מיטגלידער? און דערצו איז נאָך ער, זיין זון, א פּארטיי-אקטיוויסט, ער איז בכוח צו איבערצייגן די סאמע פארעקשנטסטע פּויערים, בעל-מלאכות מיט קליינבירגערלעכע טענדענצן, וואָס ווילן זיך נישט אָפּזאָגן פון זייער פּריוואט-פארמעגן, הגם די צוקונפט געהער דעם סאָציאליסטישן סעקטאָר, אין דעם פאל, דער קאָאָפּעראטיוו. אלע קאָן ער איבערצייגן נאָר זיין אייגענעם פאָטער נישט?!

איז האָט ער זיך ארומגעטראָגן מיטן געדאנק צו פאָרן איבערשמועסן עס מיט זיין פאָטער, ער מוז אים אויפקלערן, אז אפילו ער איז נישט איבערצייגט אין דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט פון איבערגיין פונעם אלטן פריוואטן־סיסטעם צום סאָציאליסטישן־קאָאָפעראטיוויסטישן סיסטעם, דאָך מוז ער עס טון צוליב אים, צוליבן זון, פאר וואָס זאָל ער אים שטעלן בבושה?...

פונקט איצט איז געקומען אויך דער בריוו פון זיין פאָטער... וואָס איז דאָס, טעלעפאטיע, אָדער האָט אים זיין מוטער „גערופן" מיט איר „כישוף"?

דאָס וואָס דער פאָטער האָט געשריבן וועגן זיין „תכלית", האָט גאום נישט געלייענט מיט גרוים אויפמערקזאמקייט, אז ער זאָל זיך פאָרשטעלן וועגן וואָס פאר א תכלית ער האָט אין זינען. דאָס האָט ער זיך דערוואוסט ערשט שפּעטער, אין דער היים, ווען ער האָט געזען אז נישט בלויז די אייגענע האָבן אים געוואָרט, נאָר אויך א... מיידל.

דאָס מיידל איז דאָך נישט געווען „צופאליק" ביי זיי, ווען ער האָט אָנגעזאָגט אז ער קומט אָן צו דער און דער שעה מיט דער באן... דאָס מיידל איז נישט געווען קיין פרעמדע אָבער אויך נישט קיין קרובה. ער האָט זי געקענט פון די קינדער־יאָרן. איצט איז זי א שיינע ברונעטקע. זי לערנט זיך אויף א הויך־שול. אָט דאַרף זי ענדיקן — אָבער, וועט ער עמעצן קאָנען אויסזאָגן זיין אינטימען סוד, אז ער טראַכט אפילו נישט חתונה צו האָבן אפילו מיט דער שענסטער ברונעטקע פונעם לאנד — ער וויל דווקא נעמען א — בלאָנדע?...

דאָס קאָן ער נישט זאָגן קיינעם נישט, זיין פאָטער אוודאי נישט. זיין פאָטער וועט עס פארשטיין ווי א בגידה אין זיינע שטאָלצע געפילן לגבי זיין ציגיינערישן שטאַם, אויף וואָס ער איז אזוי „שאָוויניסטיש". בעסער וועט גאום שווייגן, בפרט ווען קיינער פרעגט עס ביי אים נישט. וואָס שייך חתונה האָבן, האָט ער דערוויילֿ נישט געזאָגט נישט „יאָ" און נישט „ניין". האָט דען היינט א מענטש חתונה, אזוי כאפּ־לאפּ, אין צוויי טעג?!

וואָס שייך דעם מיידל, האָט ער טאַקע זיך אדורכשפּאצירט מיט איר, געפירט א שמועס און געזען אז זי איז נישט קיין נאריש מיידל. ער האָט דערקענט אז זי האָט אן אנדער מין בילדונג ווי ער. בעת זיינע קענטעניש זענען מער אויטאָדידאקטישע. א שמעק געטון דאָ און דאָרט אין א בראָשור אָדער אין א ביכל, מער אויבנאויפיק, האָט זי שטודירט יעדעם אָביעקט באזונדער, אויף א מעטאָדישן אופן. אויף דעם איז ער טאַקע געווען א מבין און זי ממש מקנא געווען.

פון אירע רייד און זיך לאשטשען צון אים (וואָס ער האָט נישט אָפּגעשטויסן, נאָר אויסגעניצט די געלעגנהייט פון אַן אָנגענעמער באַגעגעניש מיט אַ שיין מיידל — געכאַפּט אַ קוש, צווישן יאָ־און ניין און ... פאַר וואָס זאָל ער זיך נישט אַ וואָלגער טון אין אַ סטויג היי מיט אַזאַ שיין מיידל, וואָס נעמט די איניציאַטיוו?) האָט ער פאַרשטאַנען אַז זי האָט אינטערעס חתונה צו האָבן מיט אים אי צוליב דעם, וואָס זי קאָן אים פון קינדוויייז אָן, זי קאָן אויך זיינע עלטערן, דאָס הייסט אַז אויך זייערע עלטערן קענען זיך — אָבער אויך צוליב דעם וואָס ער איז אַ פּאַרטיי־אַקטיוויסט ...

ביי אים אין קאָפּ איז אָבער געווען אויסגעוועבט און אויסגעשפּונען אַן אַנדערער פּלאַן, וואָס ער האָט אים נישט געקאָנט אַנטפּלעקן פאַר קיינעם. אדרבה, וואָס טיפער עס איז ביי אים געווען אויסבאַהאַלטן זיין פּלאַן, אַלץ בולטער איז ער געוואָרן אין דימיון און באַקומען קאָנטורן. דווקא דאָ, אין דער היים, דאָס הייסט אַז אין שטח איז ער געווען ווייטער (הגם איצט איז ער געווען אַזוי נאָענט, וואָס נענטער קאָן דאָך שוין נישט זיין, ער האָט אפילו שוין אַראָפּגעכאַפּט אַ ביסל „סמעטענע“ פון אָט דער שיינער ברונעטקע און טועם געווען פון איר הייסער ציגיינערישער ליבע; יאָ, דאָס מוז ער דאָך אָנערקענען אַז אַזוי היים ווי די ליבע פון ציגיינערטעס זענען, זענען קיין אַנדערע מיידלעך נישט!), דווקא איצט איז אים געקומען אין זינען יענע חברטע, וואָס ער האָט נעבן זיך, דאָרט ביי זיין פּאָליטישער טעטיקייט באַגעגנט ...

האָט ער זיך דאָך געהאַט פּאָרגענומען אַ באַשלוס, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט אַ בלאָנד מיידל, כדי זיינע קינדער זאָלן נישט זיין קיין ברונעטע, מע זאָל זיי נישט האַלטן מער פאַר קיין ציגיינערישע קינדער, אָדער „דאַנ־טשי“ס ... אין דאָך דאָס דער איינציקער אויסוועג, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אָפּצווישן דאָס גאַנצע ציגיינערישקייט זיינס. ער איז דאָך געווען מער ווי זיכער, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט אַ בלאָנדער וועלן זיינע קינדער זיין, אויב נישט ממש בלאָנדע, וועלן זיי כאָטש זיין מיט האָר פון אַ העלן קאָליר, אָבער בשום אופן נישט קיין ציגיינעריש שווארצע ...

איז אים געקומען דווקא דאָ אָט דער געדאַנק: אפשר איז טאַקע די צייט צו טראַכטן צו בעטין? ...

ווי מאָדנע עס איז אויסגעקומען זייער שמועס דאָ, מיט זיינע עלטערן. בעת ער רעדט מיטן פאָטער וועגן זיין אריינגיין אין דער קאָאָפּעראַטיוו, רעדט זיין פאָטער גאָר וועגן זיין חתונה האָבן מיטן צוגעגרייטן מיידל, וואָס איז אַ שיינע אי אַ קלוגע מיט אַ „ציגיינערישן קאָפּ“ ...

פון דאָזיקן דועט איז נישט ארויסגעקומען מער ווי דער סיכסוך צווישן פאָטער און זון זאָל נאָך מער וואקסן, זאָל זיך מער פארטיפן דער תהום צווישן זיי, אָנשטאָט דער סיכסוך זאָל אָפּגעטעמפּט ווערן. אדרבה, עס איז גאָר אויסגעקומען ווי א מין שאנטאזש מצד זיין פאָטער: ער שרייבט זיך איין אין דער קאָאָפּעראטיוו מיטן באדינג אז ער האָט חתונה מיטן דאָזיקן מיידל, וואָס וועט נישט בבושה שטעלן די משפחה...

אויף דעם האָט זיך נאום נישט געריכט. און דאָס האָט אים גאָר נאָך מערער ארויסגעבראכט פון די כלים: וואָס האָט איינס מיטן אנדערן צו טון?! וואָס האָט צו טון די קאָאָפּעראציע מיט זיין חתונה האָבן? אזא פּארטיי-מיטגליד ביסטו מיר? — האָט ער געשריגן צום פאָטער.

מעג מען דאָ זאָגן א מיינונג, וואָס וואָלט געקאָנט ניצן אויף פאר אנדערע עלטערן, וואָס זענען אין א זעלביקן מצב, כדי זיי זאָלן נישט באגיין דעם דאָזיקן פעלער... דער אלטער דאנטשולעסקו האָט אָן זיין ווילן נאָך פיל מער פארערגערט דעם ענין. וואָלט ער אפשר נישט אזוי צוגעשטאנען און זיך נישט אזוי צעווערטלט מיט זיין פארעקשנטן זון, וואָלט זיך זייער סיכסוך נישט אזוי פארשארפט, אפשר וואָלט מיט דער צייט גאָר קיין סיכסוך נישט געווען... דער אלטער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון און האָט נישט פארשטאנען די פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג, אז דווקא מיט זיין צושטיין, דווקא מיט זיין עקשנותדיקן פרעסן אויף זיין זון, באקומט ער דאָס קעגנגעזעצטע. בעסער וואָלט ער א ביסל געשוויגן, געלאָזט וויסן זיין מיינונג בלויז מיט אָנצוהערעניש, ער וואָלט בלויז צון א ביסעלע אונטערגעשטופּט דאָס וועגעלע, וואָס סע האָט געלאָזט אין „גאנג" דאָס מיידל גופא, מיט אירע נישט אזוי ציגיינערישע כישופן, נאָר ממש מיט אירע פּרוואישע כישופן — וואָלט אפשר נאום זיך יאָ אפשר געלאָזט פאנגען אין דער נעץ פון די ציגיינערישע שווארצע צעפּ פונעם מיידל... אָבער צו דעם האָט מען געדארפט זיין א סובטילער פּסיכאָלאָג, וואָס מע האָט נישט געקאָנט דערווארטן פון א קאָוואַל, אויך ווען ער איז נישט קיין נאר.

דאָס מיידל גופא איז יאָ געווען באוואוסטזיניק וועגן כוח, געוואוסט ווי אזוי אויסצושפּרייטן איר נעץ, געוואוסט ווי אזוי פונאנדערצוגעמען די אָרעמס, ווי אזוי ארייננצוקלעמען א מאנצביל, אים פאנגען נישט בלויז אויף א מינוט-צוויי, נאָר אים צו דערהאלטן, אפשר אויף אייביק... אָבער דאָ האָט זי שוין געהאט צו טון מיט איינעם וואָס האָט זיך טאקע אפשר געלאָזט פאנגען, ווי יעדער מאנצביל, ווען סע צעשפּילן זיך אין אים די „ציגיינערישע געבליטן" אָבער נאָכן אָפּקילן, וואכט ביי אים ווידער אויף זיין „מאניאקישע אידעע" וואָס האָט

זיך שוין אויסקריסטאַליזירט אין זיין מוח, אַז ער טאָר זיך נישט לאָזן פאַנגען פון אַ „ברונעטער" ... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט נישט געהאַט פון וואו צו ווּיסן נישט דאָס מיידל, ווידער זיין פאָטער אוודאי און אוודאי נישט.

די מוטער האָט זיך מכלומרשט נישט אריינגעמישט, נאָר זי האָט געשמייכלט אַ זייער צופרידענע, וואָס איר האָט זיך איינגעגעבן אַריינצושטעלן אַ האָר פון עם מיידלס שוואַרצע צעפּלעך אין אַ שאָל מילך, וואָס זי האָט געגעבן איר זון אויסצוטרינקען, אָן דעם אַז ער זאָל כאָטש אָנען אַז מע האָט אים פאַרטיק „חתונה געמאַכט", אַז ער וועט שוין נישט קאָנען אַרויס פון דאָזיקן כישוף־קרייז קיין מאָל נישט, וואָס האָט אים פאַרקייטלט אויף אייביק אין דער הייסססטער ציגיינערישער ליבע, נאָר אַזוי ווי די ציגיינערישע מענער קאָנען ליבן, ווי קיין אַנדערע אין דער וועלט זענען עס נישט ביכולת צו טון, בפרט ווען מע האָט זיי אַזוי פאַרכישופט, ווי זיין מוטער האָט זיך געהאַלטן אַז זי איז אין שטאַנד צו פאַרכישופן ...

איז די מוטער, ווי געזאָגט, אַרומגעגאַנגען אַ צופרידענע אפילו גליקלעכע, גאָר דער פאָטער איז אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער, וואָס זיין זון, וועלכער איז שוין יאָ דערגאַנגען צון אַ מדריגה וואָס ברענגט אים אַ ביסל פרייד און האָט מיט אים וואָס צו שטאָלצירן — מאַכט ער אים אָבער בבושה מיט זיינע „פּליטערלעך" אין קאָפּ, שטויסט אָפּ אַזאַ לייטישן שידוך, מיט אַזאַ לייטישער שיינער ברונעטקע ...

די מוטער? נאָר זי איז געווען איבערגליקלעך אַז זי האָט געקאָנט טון אויך דאָס זעלביקע אויך אויף דער אַנדערער זייט. זי האָט גענומען אַ האָר אויך פון איר נאָאָנס פריזור (זי האָט קיין מאָל נישט געזאָגט „נאום", נאָר געבליבן, ווי דער פאָטער, ביים אַמאָליקן נאָמען „נאָאָן"!) און עס אַריינגעשמוגלט אין אַ טיי, וואָס זי האָט געגעבן צו טרינקען פאַר „איר", איר צוקונפטיקער שנור ...

איצט מעגן זיי שוין טון וואָס זיי ווילן. זי האָט געטון אירס, און עס איז מער ווי זיכער, אַז פון איצט אָן וועלן זיי ביידע זיך זען איינער דעם אַנדערן אויך אין חלום, בפרט אין חלום, און נישט געפינען קיין מנוחה ביז זיי וועלן זיך פאַראייניקן אויף דער וואָר, אויף זייער גאַנץ לעבן ...

מע שפּילט זיך דען מיט ציגיינערישן כישוף?!

נאום האָט דערפון נישט געוואוסט. און טאַקע מער נישט געחלומט דאָס דאָזיקע שיינע ברונעטע מיידל, נישט די אָנגענעמע מינוטן וואָס ער האָט מיט איר בגנבה פאַרבראַכט. דאָס אייגנטלעך, האָט ער אפשר יאָ נאָך צו מאָל געחלומט, אָבער אַזוי פיל און נישט מער. ער האָט דאָך גאָרנישט געוואוסט פונעם כישוף

וואָס די מוטער האָט אים אָנגעטון... וואָלט ער אפשר יאָ געוואוסט. קאָן מען זאָגן, אז עס איז מער ווי זיכער, אויב די מוטער וואָלט געווען באַגאַנגען אזא איגדים־קרעטקייט און וואָלט אים געווען יאָ געלאָזט כאָטש אָנצוהערן אז זי האָט אים אָנגעטון אזא כישוף, אז ער זאָל זיך אָן איר פארליבן און אויך דאָס מיידל זאָל זיך אין אים פארליבן — וואָלט עס מסתמא מער געהאָלפן. יאָ, דאָס איז דאָך די איינציקע מעגלעכקייט, אז כישוף זאָל האָבן עפּעס א שליטה מוזן עס ווּיסן יענע ווּעמען מע האָט אָנגעטון דעם כישוף. נאָר אזוי, אפשר דורך סוגעסטיע, קאָן דאָס האָבן א גינציקן רעזולטאַט... האָט עס אָבער נאָום נישט געוואוסט, ווייל מע האָט עס געהאלטן פאר אים פאר א סוד, און אויב א סוד, איז עס געבליבן נישט מער ווי א סוד, פון וועלכן קיינער ווייסט גאָר נישט...

# 7. נאום האָט געפונען די „בלאָנדע“

ווען בעטי האָט אים אָנגעקלונגען, אַז זי וויל אים באַגעגענען, וויל מיט אים כאַפּן אַ שמועס, האָט נאום אַפילו נישט געקאָנט אָנען וועגן וואָס עס איז די רייד. זיי פלעגן זיך דאָך באַגעגענען נאָר געלעגנהייטלעך, דאָס הייסט, נאָך קיין מאָל נישט פון פריער אָפּגערעדט, נאָר זיי פלעגן זיך טרעפן סיי ביים קומען פון דער אַרבעט סיי ביים גיין צו דער אַרבעט. שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך שוין אַ ביסל דערנענטערט, דעמאָלט פלעגן זיי זיך שוין באַגעגענען אויך נישט צו־פאַליק, נאָר ער פלעג זי אָפּוואַרטן אַז זיי זאָלן עסן צוזאַמען, ביי דעם זעלביקן טישל, אין דער פּאַרטיי־קאַנטינע.

נאום איז נייגעריק געוואָרן: וואָס איז געשען? ער האָט געוווּסט, אַז זי קלינגט אים איצט אָן, אַז זי וויל מיט אים איצט עפּעס רעדן, איז עס נישט פּשוט. דאָס איז אַ סימן אַז זי האָט מסתמא צו זאָגן עפּעס גאָר וויכטיקס. אָבער וואָס? ער האָט זיך געפּרוּווט באַהערשן, כּדי נישט אַרויסצווייזן זיין אומגעדולדיקייט. נייגעריקייט פּאַראָט נישט־זיכערקייט, הייסט עס אַז מע קאָן זיך דערוואַרטן אויף סורפּריזן און סורפּריזן זענען נישט קיין גוטע זאַך, קיין מאָל נישט. אַפילו די גוטע סורפּריזן וויל אויך יעדער וויסן פריער מיט עטלעכע טעג אָדער כאָטש שעה, ווי ווען זי קומט אָן אויף אַ נאַטירלעכן אופן. תּמיד איז גוט אַז מע ווייסט פון פריער אויף וואָס מע קאָן זיך דערוואַרטן. יאָ, אין אַ צייט ווען דאָס לעבן איז פול מיט אומדערוואַרטקייטן, ווי אַזוי זאָל ער דאָס אָנרופן? אומדערוואַרטע שאָק־צוגן ...

ער איז אַרויס, אָפּוואַרטן בעטין, אַזוי ווי זי האָט אים געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך באַגעגענען, נישט ווי געוויינטלעך, ווייזט דאָך אויס, אַז זי וויל נישט מע זאָל זי זען מיט אים רעדן ... איז דאָך דאָס נישט קיין אָנגענעמע בשורה. וואָס קאָן דאָס שוין זיין?

ער האָט אויף דער גיך אויפגעראָלט דעם נישט־געזעענעם פילם פון זיין טעטיקייט אין די לעצטע טעג, וואָכן, און נישט געפונען גאָרנישט וויכטיקס

וואָס זאָל קאָנען שטעלן אונטער א פראגע-צייכן זיין פארהאלטונג. יאָ, מיט וועמען האָט ער געהאט פערזענלעכע שמועסן אין די לעצטע טעג, וואָס זאָל געווען גורם זיין עפּעס אזוינס וואָס זאָל אים שטעלן אין אזא שאָטן, אז בעטי זאָל זיין אזוי פארזאָרגט וועגן זיין גורל, ווי ער האָט געפילט אין איר קול, ווען זי האָט אים אָנגעקלונגען, און פאר וואָס וויל זי אויסמיידן אז מע זאָל זי זען אין איינעם מיט אים?

אדרבה, ווי סע וואָלט אויסגעוויזן, איז ער אויף זיין פּאָסטן גוט אָנגעזען. נישט זעלטן ווערט ער ארויסגערופן אויף א באַראַטונג ביז כמעט אין די סאמע הויכע פענצטער, און ווי סע זעט אים אויס רעכנט מען זיך מיט זיינע מיינונ-גען, נישט נאָר וואָס מע הערט זיך צו זיי צו, נאָר די דירעקטיוון ווערן געגעבן, אין נישט זעלטענע פאלן, אזוי ווי ער האָט פירגעלייגט..

בעטי איז אָנגעקומען, געאיילט, אויפגערעגט, באאומרואיקט, און האָט אים מיטגענומען צו זיך אהיים, אויף איר וואוינונג. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס זי לאָדנט אים איין צו איר. זי האָט עס געטון אָן שום צערעמאָניעס, אָן קווענקלע-נישן פון א מיידל וואָס שפּילט די ראָלע פון א בתולה, צי ווי א פרוי מיט קאפּריזן וואָס זענען כאראקטעריסטיש פאר אזעלכע וואָס ווילן זיך ארויס-ווייזן, בפרט פאר יענע מענער מיט וועלכע מע רעכנט אויף חתונה צו האָבן מיט זיי, דווקא מיט יענע וועט זיך די פרוי נישט „לייגן“, כדי ער זאָל מיינען אז זי איז די סאמע אָנשטענדיקסטע פרוי פון אלע פרויען אויף דער וועלט... ניין, בעטי האָט נישט געמאכט קיין אָנשטעל, נאָר האָט זיך אויפגעפירט נאטירלעך, זוי א חבר מיט א חבר, צי גאָר א חבר מיט א חברטע, גלייך זי וואָלט פאר אים נישט געווען קיין „פרוי“ און ער וואָלט פאר איר נישט געווען קיין „מאנצביל“. אָבער אין איר פארהאלטן איז געווען עפּעס זייער אָנגעלאָדן די אטמאָספער, א מין געשפּאנטקייט האָט געוויייעט פון איר פארהאלטן און א זאָרג פון איר פּנים. זי האָט דאָך אייגנטלעך נאָך גאָרנישט געזאָגט, און דאָך האָט ער געלייענט אין אירע אויגן זאָרג פאר זיין גורל...

זי האָט געשוויגן, האָט ער אויך געשוויגן, נאָר געשפּאנט געבן איר ביז זיי זענען אָנגעקומען צון איר באשיידענער וואוינונג.

דאָ האָט זי אים פארבעטן זיצן און זיך מאכן באקוועם. איין מינוט נאָר זאָל ער צוווארטן און זי וועט שטעלן א טיי, נאָר איין מינוט, אז זי זאָל זיך נאָר א ביסל איבערטון. איין מינוט נאָר... זי וועט אָט-אָט זיין פארטיק. און רעדנ-דיק האָט זי זיך ארויסגעשלייכט, אויף איין אויגנבליק, צוריקגעקומען אין א

שטוב-קאפּאָט, און רעדנדיק מיט אים אַז ער זאָל זיך נישט פילן פרעמד אין איר אָפּוועזנהייט, האָט זי מכלומרשט אויפגעהאַלטן דעם שמועס, גאָרנישט זאָגנדיק — ביז זי האָט ענדלעך זיך אויך אוועקגעזעצט נעבן אים, פאַר די צוויי שעלעכלעך טיי.

אייגנטלעך האָט ער נישט געוואָרט די טיי, נאָר מערער דאָס וואָס זי האָט אים צו זאָגן. אייגנטלעך איז דאָך דאָס געווען איצט וויכטיק פאַר אים. אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאַרראַטן זיין נייגעריקייט, האָט ער נישט געפרעגט גאָרנישט, נאָר געוואַרט. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז צווישן די נאָענטסטע פּאַרטיי-חברים, ווען מע פרעגט, אויך ווען סע האַנדלט זיך אין פּערזענלעכע ענינים, ווי עס איז איצט דער פאַל מיט אים, וואָס אינטערעסירן דיך אין דער ערשטער ריי, דווקא דעמאָלט וועט מען דיר גאָרנישט זאָגן, דאָס צוליב „וואַכזאַמקייט“ ... וואָס ווינציקער פרעגן, דאָס איז אַ פּרינציפּ, דווקא ווען דו ווילסט עפּעס געוואויר ווערן ...

ווען זי האָט ענדלעך זיך אוועקגעזעצט נעבן אים, און געזופּט די וואַרעמע טיי, האָט זי געלייענט די נייגעריקייט אין זיינע אויגן, אָבער זי האָט זיך געמאַכט ווי נישט-וויסנדיק און לייגנדיק אַ פּוס איבער אַ פוס האָט זי אָנגעהויבן, ווי איר שטייגער איז געווען מיט אַ קאַלטן טאָן (וואָס האָט אים און אויך אַנדערע ווי אים, פון איר אָפּגעשטויסן, הגם זי האָט עס בשום אופן נישט געוואָלט. אָבער וואָס זאָל זי טון, אַז דאָס איז געווען איר כאַראַקטער, וואָס איז שוין דעפאָרמירט געוואָרן אַדאַנק איר אַרבעט?!):

— חבר נאום — האָט זי אים געקוקט גלייך אין די אויגן — איר האָט געהאַט עפּעס אַ סיכסוך מיט אייער שעף אין די לעצטע טעג?

נאום איז געבליבן ווי פאַרשטומט. הייסט דאָך עס, אַז עפּעס איז דאָך געשען, אַז זי הייבט אָן מיט אַזעלכע פראַגן. הייסט דאָך אַז עפּעס אַ בילבול האָט מען שוין אויף אים מלשין געווען ...

— חברטע בעטי — האָט ער אויך געזאָגט מיטן זעלביקן האַלב-אָפיציעלן טאָן, מיט „חברטע“ פּונקט אַזוי ווי זי האָט אים געזאָגט „חבר“, הגם אונטער פיר אויגן, ביי איר אויף דער וואוינונג האָט עס געקלונגען פאַלש, ווייל דאָ האָבן זיי געקאָנט רעדן היימישער, נישט מיטן דערווייטערדיקן, אָפיציעלן „חבר“-שאַפט — אויב איר ווילט עפּעס מיר מודיע זיין, מיין איך אַז דאָס וואָלט פיל לייכטער געווען צו טון און אפשר אויך בעסער אָן דעם אַז איר זאָלט מיר שטעלן פראַגן אויף וועלכע איך קאָן נישט ענטפערן בייס בעסטן ווילן. וואָס זאָל איך אייך דען ענטפערן?

בעטי האָט באַמערקט אַז ער פּרואווט זיך באַהערשן און סע גיט זיך אים נישט איין. אין זיינע רייד פילט מען אַ ציטער פון אומזיכערקייט און אויך אַז ער איז גאָר איבערגעשראָקן וועגן זיין גורל, הגם לויט איר מיינונג איז עס נאָך נישט דער פאַל. אָבער עס איז בכלל נישט דער פאַל... האָט זי גענומען אַ פריינד־לעכערן באַרויקנדיקערן טאָן:

— הער צו, נאום — דאָס מאָל האָט זי שוין נישט געזאָגט „חבר" און האָט אים אויך שוין נישט געאירצט — דאַרפסט זיך נישט איבערשרעקן, און אויך נישט זיין איבעריק פאַרזאָרגט. לעת־עתה וויים איך נאָך גאָרנישט קיין בייזס וועגן דיין מצב, איך טראַכט גאָר, אַז עפּעס איז... טאַקע צוליב דעם וויל איך מיט דיר עס אַרומשמועסן כדי עס אויפצוקלערן. ווייל — האָט זי אים אַרוים־געצויגן די עצמות מיט איר נערוועזיטעט, וואָס זי האָט אָן איר ווילן עס איבער־געשיקט אויך אים, הגם עס איז נאָך נישטאָ קיין ערנסטע סיבה דערצו. אָבער איין זאַך האָט ער שוין יאָ באַמערקט, אַז זיין גורל איז איר נישט גלייכגילטיק — ווי סע ווייזט אויס וועט מען דיך פּירלייגן אַז דו זאָלסט מאַכן אַ פּאַרטיי־שול...

— וואָס זשע איז דאָ צו זיין איבערגעשראָקן? — האָט שוין נאום געזאָגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, בפרט ווען ער האָט געזען אַז זי האָט אים אָנגעהויבן „דוצן" הגם ער האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען אויף קלאָר זיין מצב — איך מיין, אַז דאָס וואָלט נישט געווען דאָס ערגסטע פאַר מיר, אַז איך זאָל זיך לערנען...

בעטין האָט געפאַלן זיין רואיקייט און אויך זיין ווילן זיך צו לערנען. זי האָט דאָך געוואוסט אַז ער איז אַ גוטער חבר, אַ דיסציפּלינירטער מענטש מיט כאַראַקטער, וואָס האָט אַ גוטע אויפפירונג, אַז מע קאָן גאָרנישט געפינען ביי אים קיין שוואַרץ פּינטעלע, אָבער זי האָט געטראַכט, אַז דאָס רואיקייט זיינס קומט דערפון, וואָס ער פאַרשטייט נאָך נישט וואָס סע ליגט אין הינטערגרונט פון אַזאַ מין שיקן אויף אַ קורס.

— אמת, דאָס איז טאַקע נישט קיין אומגליק — האָט זי געפּרואווט אים אויסרעדן און אויך אויסבאַהאַלטן איר אומרואיקייט — אוודאי איז גוט אַז מע לערנט, אַז מע האָט די געלעגנהייט זיך צו לערנען, אַז מע קאָן דעריאָגן כאָטש אַ טייל פון דעם אָנגעוואוירענעם, ווען מע האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן זיך צו לערנען... אָבער עס איז באַלאַנגען ווי אַזוי מע שטעלט דאָס פּראָבלעם. למשל, ווען די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, דאָס הייסט די אָנפירערשאַפט זעט איין אַז אַ חבר דאַרף לערנען כדי מע זאָל אים, מיט זיינע פעאיקייטן, קאָנען אָנטרויען אַ העכערע, מער פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, איז אוודאי גוט...

— קאָן דען געשען — האָט ער איר איבערגעריסן אירע רייד. ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א ווײַלע, האָט ער געמיינט אז זי האָט שוין געענדיקט וואָס זי האָט געהאט צו זאָגן — אז מע זאָל שיקן עמעצן צון א פּארטיי-קורס כדי מע זאָל דערנאָך שיקן צון א „קלענערער" אָדער נידעריקערער ארבעט?

— ווי אזוי מע וויל קאָן מען עס אויסטײַטשן — האָט בעטי שוין געזאָגט מיטן זעלביקן שמייכל — טאקע צוליב דעם האָב איך דיך געפרעגט אויב דו האָסט געהאט א סיכסוך מיט דײַן שעף... פון דעם איז, פארשטייט זיך, פיל אָפּ-העַנגיק.

— ניין — האָט נאָום אנטשלאָסן געענטפערט — קיין שום סיכסוך האָב איך מיט אים נישט געהאט. קיין מאָל נישט. בכלל — האָט ער געזאָגט מיטן זעלביקן גוטמוטיקן שמייכל און מיט אן אינטימען טאָן, וואָס פאררעט צוטרוי צון איר און אויך א ביסעלע בארימערײַ — ווי דו זעסט, בין איך נישט אזא שוטה, צי היציקער קאָפּ, אז איך זאָל נישט וויסן אז וואָס ווינציקער סיכסוכים מע האָט אין דער פּארטיי-ארבעט, בפרט מיטן שעף, איז אלץ געזונטער... ניין. איך האָב מיט אים נישט געהאט קיין שום סיכסוכים. אדרבה, איך וועל דיר אויסזאָגן דעם אמת, אין די לעצטע וואָכן האָב איך מיט אים בכלל ווינציק געהאט צו טון... מע וואָלט געקאָנט זאָגן אז ער איז גאָר נישט מײַן שעף... מיט מיר ארבעט די אָנפירערשאפט דירעקט, נישט דורכן שעף פונעם אָפּטייל...

— אָ! — האָט בעטי שוין אויסגעשריגן, גלייך זי וואָלט געזאָגט „עווריקע!"

— אָט דאָס איז עס... איך האָב שוין געלעזט דאָס רעטעניש.

— וואָס פאר א רעטעניש? — האָט נאָום שוין אומגעדולדיק געפרעגט, אָבער שוין נישט פארזאָרגט, ווײַל ער האָט דאָך שוין דערקאָנט אין אירע רייד, אז עס איז שוין קיין שום סכנה נישט פאר אים — דאָס איז אויך א חיסרון?!

— וואָס̃ וואונדערסטו זיך? — האָט שוין בעטי היימישער גערעדט, און אויך רואיקער, איצט דאכט זיך האָט זי שוין פארשטאנען דעם גאנצן ענין — אנו, נאום ברודער, שטעל דיך נאָר אויף איין מינוטקעלע אין זײַן מצב. דו וואָלסט געוועזן זײַן שעף און דײַנע שעפן איגנאָרירן דיך און ארבעטן דירעקט מיט אים דײַן אונטערגעשטעלטער, וואָלט דיר דאָס געפאלן? אנו, טו א טראכט און שטעל דיך אין זײַן לאגע, אויף זײַן אָרט?...

ערשט איצט האָט נאָום פארשטאנען אין וואָס פאר א מצב ער געפינט זיך.

— יאָ, דאכט זיך אז דו ביסט גערעכט — האָט נאָום שוין צוגעגעבן — ערשט איצט בין איך „געפאלן אויף דער נאָז און מיר צעקלאפּט דעם שכל", ווי מע

זאָגט זיך אַ ווערטל. איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען דיין זאָרג... הייסט עס, אַז ער וויל פון מיר פּשוט פּטור ווערן...

— מזל-טוב! — האָט בעטי אויסגערופן — ענדלעך האָסטו שוין פאַרשטאַ-נען... אָבער, אויב עס איז אַזוי, איז שוין נישטאָ קיין מורא צו האָבן. אין אַזאַ פאַל איז דער אומגליק גאָרנישט אַזוי גרויס. אדרבה...

אַזוי ווי נאָום האָט פריער נישט פאַרשטאַנען אין וואָס עס באַשטייט די סכנה, ווען זי האָט אים אויסגעזאָגט דעם סוד אַז ער וועט געשיקט ווערן צו אַ פּאַרטיי-שול, אַזוי האָט ער איצט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס זי איז שוין אַ ביסל אויפגע-הייטערט, הגם ער זעט דאָך נאָך נישט די סיבה פאַרן דאָזיקן איבערגאַנג ביי איר.

ער האָט געקוקט אויף איר ווי אויף אַן עלטערן דערפאַרענעם פּראָפעסאָר. ער האָט געוואוסט אַז זי איז געלערנטער פון אים. האָט אַ בעסערע פּאָליטישע און אַלגעמיינע קולטור, וואָס ער האָט נישט געהאַט פון וואו דאָס צו נעמען. אין דער קינדהייט האָט ער דאָך נישט געלערנט. דערנאָך די פּאָליטישע טעטיקייט האָט אים אויך נישט איבערגעלאָזט צו פיל צייט, אַז ער זאָל זיך פאַרפולקאָמען טראָץ זיין שטאַרקן ווילן צו לערנען ווי אַן אויטאָדידאַקט. פון די עטלעכע בראָ-שורן צי אפילו ביכלעך האָט ער געקאָנט גאָר עפּעס אָראָפּכאַפּן, ווי בגנבה, פון דעם וואָס זי האָט געלערנט סיסטעמאַטיש אין איר יוגנט. איז אַ חידוש וואָס ער האָט אויף איר געקוקט מיט אַזאַ יראת-הכבוד און געשלונגען יעדעס וואָרט אירס מיט אַזאַ דורשט און געגלייבט, נישט שטענדיק אין ספק קיין איין זאַך וואָס זי האָט אים געזאָגט?

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסע מעלה ווען עס רעדט זיך פון אַ פּאָליטישער חברטע, אָדער פּשוטער גוטער פריינדין, אָבער ווען עס שטעלט זיך די פראַגע פון ערנסטער באַפריינדטשאַפט, וועגן ליבע — דעמאָלט איז עס שוין געווען אַ גרויסער חסרון. דער חילוק פון זייער קולטור און פּאָליטישער רייפקייט דיפערענץ איז געווען צווישן זיי אַ גרעסערע מחיצה ווי די זיבן יאָר וואָס זי איז געווען עלטער פון אים.

ער האָט אין איר נישט געקאָנט זען קיין פרוי, הגם איר אויסזען איז גע-ווען אַ סימפּאַטישער, כמעט אַ שיינקייט. און נאָך עפּעס, אירע רויטלעך-בלאָנדע האָר זענען פאַר אים געווען אַ מעלה, וואָס גאָר אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער אַזאַ מיידל געקאָנט אויסחלומען און האָפן זי צו געפינען כדי מיט איר חתונה צו האָבן — צו האָבן קינדער מיט בלאָנדע האָר... נישט מיט ציגיינערישע גע-קרייזלטע האָר, וואָס זאָל פאַרראָטן פון דער ווייטנס זייער אָפּשטאַם.

ער האָט זיך שווער דערגענטערט צון איר ווי צון א פרוי, ווייל ער האָט אין איר געזען א העכערן „פּראָפּעסאָר" וואָס ווייסט אַלץ בעסער פון אים, נישט זי דאַרף אים האָבן — נאָר ער דאַרף זי האָבן, אז זי זאָל אים באַשיצן, נישט ער זאָל זי באַשיצן.

אָט דאָס איז דאָך געשען אויך איצט, זי ווייסט די ערשטע וועגן זיין מצב, נישט ער. נאָך מער, זי פאַרשטייט עס בעסער צו אַנאַליזירן ווי ער, הגם סע האַנ-דלט זיך אין זיין גורל, נישט אין אירן. אָט דאָס האָט אים פאַרשטאַרקט אין זיך דאָס מינדערווערטיקייטס געפיל לגבי איר. און ווי באַוואוסט איז דאָס אין ליבע זאַכן נישט מער און נישט ווייניקער ווי כמעט א קאַטאַסטראָפע.

זי, די פאַרשטאַנדיקע, האָט דאָס יאָ פאַרשטאַנען. זי האָט געוואוסט אז ער שאַצט זי זייער, וואָס מע קאָן אָנרופן מער ווי ליבע. עס איז אָבער פיל צו פיל ווייניקער. איר האָט אָבער אויך געפאַלן דער דאָזיקער, נאָך נישט גענוג געצייטיקטער שוואַרצינקער בחור, סיי פּאָליטיש סיי קולטורעל, אָבער זי האָט אויך געוואוסט אז ער איז אן אויפריכטיקער און ערלעכער אין אַלע זיינע האַנדלונגען. אַזעלכער קאָן נישט אָפּנאַרן. אדרבה, מע דאַרף אים היטן, אז מע זאָל אים נישט אָפּנאַרן, ווייל ער האָט נאָך נישט גענוג דערפאַרונג און גלייבט צו לייכט וואָס מע זאָגט אים, אפילו אין דעם וואָס זי שטעלט אונטער א פראַג-צייכן. אַזא בחור, אָדער אַזא חבר, האָט זי געגלייבט וואָלט געווען דער בעסטער צו זיין איר מאַן. וואַרטן אז ער זאָל איר „דערקלערן ליבע" אָדער ווי מע פלעגט זאָגן אין דער אַלטער וועלט, אז ער זאָל „בעטן איר האַנט", אויף דעם האָט זי געוואוסט אז דאָס וועט זיין אומזיסט. ער איז נישט דער מענטש און וועט עס קיין מאָל נישט וואַגן צו טון. אין דעם פאַל האָט זי געדאַרפט נעמען די איני-ציאַטיוו.

האָט זי עס געטון איצט, ווען זי האָט געפילט אז ער איז אויפן שיידוועג. ער וועט גיין אויף א נייעם קורס פון א יאָר צייט, אָדער גאָר צוויי, אויב סע וועט זיך פאַרלענגערן, איז דעמאָלט פון וואו וועט זי אים קאָנען נעמען?

האָט זי איצט אויסגענוצט די צייט. קודם אים צו געבן פאַרשטיין אז זיין שעף וויל פון אים פּטור ווערן, מסתמא, פאַר מורא אז ער זאָל אים נישט אוועק-נעמען זיין „בענקל", איז דעמאָלט נאָך נישט קיין גרויס אומגליק. אין אַזא פאַל וועט ער אים מאַכן א גינציקע כאַראַקטעריסטיק.

— איך פאַרשטיי נישט — האָט נאָום אויפריכטיק געשטעלט די פראַגע — פריער ביסטו געווען איבערגעשראָקן אז סע וועט געשען איך ווייס נישט וואָס פאַר א שלעכטס מיט מיר, ווען דו ביסט געוואויר געוואָרן אז מע וויל מיך שיקן צון א קורס, און איצט...

— דו האָסט עס נאָך נישט פאַרשטאַנען? — האָט בעטי אים אונטערבראָכן די רייד — סע זענען פאַראַן פאַלן, ווען די פּאַרטיי-אָנפירונג קומט צו דער איבער-צייגונג, אַז אַ חבר, אַן ערלעכער אַקטיוויסט, ווי איך האַלט דיך, טוט אַלץ וואָס ער קאָן. פאַרשטייסט? ער טוט אַלץ וואָס ער „קאָן״ ... אָבער ליידער איז עס נישט זייער גענוג, ווייל דער חבר קאָן נישט גענוג אויף צו באַפרידיקן די פליכטן פון זיין פּאָסטן. אין אַזאַ פאַל שיקט מען אַזאַ חבר צו אַ קורס, כדי ער זאָל לערנען — אָבער ... דאָ קומט דער „אָבער״. אָבער יענער חבר וועט שוין מער קיין מאָל נישט אין זיין לעבן באַקומען אַזאַ פּאָסטן, נאָר אַ קלענערן, הגם ער וועט שוין האָבן אַדורכגעמאַכט אַ פּאַרטיי-קורס. פאַרשטייסט? — האָט זי געפרעגט נאָך-מען, אָבער זי האָט נישט געוואַרט אויף זיין ענטפער, נאָר ווייטער פאָרגעזעצט ווי אַ פּראָפעסאָר אויף דער קאַטעדרע — אין אַזאַ פאַל איז טאַקע גאָר קליין די פרייד, וואָס מע שיקט אים צו אַ קורס. הגם ער וואָלט געקאָנט זיין צופרידן, וואָס זיין באַזייטיקן פון זיין אַרבעט איז נאָך געווען אַ בכבודיקער, דאָס הייסט, אַז עפנטלעך האָט מען נישט אַרויסגעזאָגט אַז מע שטעלט אים איבער צוליב די אומפעאיקייטן זיינע ...

נאום איז געבליבן ווי פאַרגאַפט, מיטן אָפענעם מויל. איר חכמה האָט אים געפאַנגען, אַז ער האָט געוואָלט זי אַרומנעמען און קושן פאַר ... אָנערקענונג, פאַר שאַצונג, ווי מע קושט אַ קינד ווען סע זאָגט אַ „חכמה״. אָט, האָט ער זיך איצט געטראַכט, אָט אַזאַ מין פרוי וואָלט איך מסתמא געדאַרפט, אַז זי זאָל זיין אויך מיין יועץ, אָבער געזאָגט האָט ער עס נישט. ער איז נאָך נישט געווען קלאָר מיט זיין אייגענעם מצב, ווען זי קלערט אים איצט אויף אַזוי קלאָר און דאָך מיט הינטערגעדאַנקען וועגן גאַנצן סיסטעם „איבערשטעלן״ פון פּאָסטנס.

— ביי מיר, מיין איך, איז עס נישט דער פאַל? — האָט ער איבערגעשלאָגן אירע רייד מיט אַ שמייכל, וואָס איז גאָר קיין שמייכל נישט געווען, ווי ווען מע שמייכלט מיט דער געוואַלד, אָנשטאָט מע זאָל וויינען.

— ניין, ניין! — האָט בעטי אויסגערופן אים צו דערמוטיקן — אַוודאי איז עס נישט ביי דיר דער פאַל. הגם, איך האָב מורא געהאַט אַז דו האָסט געהאַט סיכסוכים מיט דיין שעף און ער האָט דיך אַזוי „באַשריבן״ אַז דו זאָלסט יאָ האָבן אַזאַ נישט פאַרדינטן „סוף״ ... אָבער איצט איז עס קלאָר. דער שעף דיי-נער האָט טאַקע מסתמא דיך פאַרגעשלאָגן, אָבער ער וועט עס נישט וואַגן, אין דיין מצב, ווען דו זאָגסט אַז מע האָט געאַרבעט מיט דיר איבער זיין קאָפּ, אים אויסמיידנדיק, אין אַזאַ פאַל וואָלט קיינער זיך נישט גערעכנט מיט זיין פאָר-שלאָג דיך צו שיקן אויף אַ קורס ... אין דעם פאַל וועט ער דיך לויבן ביז אין

בוידעם, אז דו ביסט ראוי צון א פיל גרעסערן פּאָסטן, נאָר דו — דאַרפסט מאַכן א קורס, כדי צו פאַרפולקאָמען דיינע קענטעניִשן... פאַרשטייסט? אָט דאָס איז שוין גאָר עפּעס אנדערש... דאָס הייסט, אז ער וועט טאַקע פּטור ווערן פון דיר. וועסט מער נישט זיין קיין סכנה פאַר זיין „בענקל", אָבער קיין רעה פאַר דיר וועט דערפון שוין נישט ארויסקומען. אין דעם קענסטו שוין זיין מער ווי זיכער...

אזוי איז קלאָר געוואָרן זיין מצב, נאָך איידער ער האָט עפּעס געוואוסט אָפיציעל.

אָבער אויך איר מצב איז מיט דער געלעגנהייט קלאָר געוואָרן... נאָום איז שוין געבליבן ביי איר איבער נאַכט...

... ער האָט נאָך געשלאָפן, ווען זי איז געלעגן אויסגעדרייט צון אים. זיך צוגעקוקט ווי אזוי ער שלאָפט רואיק ווי א קינד, מיט שטאַרקע נערוון, ווי איינער וואָס איז אויסגעזאָרגט מיט אלעמען. זי איז געלעגן אויף זיין אָרעם, אזוי ווי זיי האָבן איינגעשלאָפן, און האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט כדי אים נישט אויפצוועקן. אָבער נאָך אין שלאָף האָט ער געפילט ווי זי גלעט זיינע ציגיינערישע שווארצע האָר, וואָס זענען אריבערגעפאַלן איבער זיינע פאַרשלאָפענע אויגן.

אָן דעם אז ער זאָל עפענען זיינע אויגן, האָט ער זי אויסגעדרייט צו זיך, ער האָט געקושט אירע רויטלעך-בלאָנדע האָר און געשעפּטשעט:

— ביסט מיין אוצר... האָסט מיר געגעבן רו, גייסטיקע און פאַר וואָס זאָל איך נישט זיין אויפריכטיק? די פאַרטיי פאַרביט עס דען? — האָט ער געזאָגט איראָניש, שוין עפענענדיק די אויגן — גייסטיקע און פיזישע רו... איז דען די פיזישע רו ווינציקער נייטיק, צו מאָל, ווי די גייסטיקע?!

— יאָ, קאָנסט זיין רואיק, מיין ליבער — האָט זי אים געגלעט, ווי קיינער האָט אים אויף זיין ציגיינערישן פּנים אזוי נישט געגלעט... זי האָט אים געגלעט, ווי זי האָט נאָך אין איר לעבן קיינעם אזוי נישט געגלעט... אזוי גלעט א געליבטע, וואָס איז אויך גלייכצייטיק א מאַמע.

זיי זענען אזוי געלעגן א ווייַלע און געשוויגן. ביז ער האָט א קוק געטון אויפן זייגערל, צו זען אויב מע דאַרף זיך שוין איילן אויפצושטיין אָדער האָבן זיי נאָך א ביסל צייט... צו ליבן.

...דערנאָך, ווען זיי זענען געלעגן אזוי גלייכגילטיקע, האָבן געקאָנט טראַכטן רואיק, האָט זי געזאָגט אויף איר שטייגער, פּשוט, גלייך זי וואָלט געצויגן

די מסקנות, נאָך א לענגערער דיסקוסיע, וואָס זיי האָבן אָפּן נישט געהאט אָבער אפשר האָט עס יעדער איינער פון זיי ביי זיך געטראכט, אָבער ארויסגעזאָגט האָט עס זי ערשט איצט:

— אַ פּארטיי-אקטיוויסט, אין פּאָליטישער טעטיקייט בכלל, געפינט זיך תמיד אויף א לייטער, אויף טרעפּלעך... מע קאָן ארויף גיין און מע קאָן אויף די זעלביקע טרעפּלעך אראָפּ גיין. יעדעם טרעפּל שטעלט מיט זיך פאָר א מדריגה, אויף וועלכער מע קאָן קיין לענגערע צייט נישט בלייבן, ווייל אויף דער זעלביקער לייטער קריכן אויך אנדערע... שטיין בלייבן און זיך פארהאלטן מער צייט אויפן זעלביקן טרעפּל קאָן מען נישט, ווייל פון הינטן און פון אונטן קומען דאָך אויך אנדערע, זיי לאָזן זיך נישט פארהאלטן פון איינעם וואָס שטייט זיי אין וועג, שטויסן זיי אים נישט זעלטן אוועק, זיי זאָלן זיך מאכן פּלאץ פאר זייער שטייגן אהויף... ווידער אז מע וויל ארויפגיין אויף דער לייטער, קאָן מען אויך נישט אלע מאָל דאָס טון פריי, ווייל אנדערע זענען דאָך אויך דאָרט, אויפן זעלביקן וועג צום שטייגן, שטייען זיי אין וועג... מחמת דעם זענען פאראן טייל, וואָס מאכן זיך פּלאץ ארויפצושטייגן העכער אויף די טרעפּלעך, שטויסן זיי אוועק יענע וואָס שטייען זיי אין וועג, אין זייער וועג. צו מאָל פּרואוון זיי אויסמיידן יענע וואָס שטייען זיי אין וועג, אָבער נישט זעלטן מיידן זיי נישט אויס, נאָר ווארפן זיי אָן רחמנות אראָפּ, כּדי זיי זאָלן זיך קאָנען דערהייבן.

— און אז יענע לאָזן זיך נישט? — פרעגט נאום מיט א שמייכל, קינדיש.

— נו, איז טאקע נישט מקנא צו זיין יענעם, וואָס לאָזט זיך נישט. אָפּט מאָל באצאָלט מען אויך מיטן „קאָפּ". סע באלאנגט אויף וועלכער מדריגה מע געפינט זיך אויף יענער לייטער... דו ביסט אויך איצט אויף דער לייטער, אָבער דו ביסט איצט אויף א טרעפּל, וואָס וועסט פארהאלטן ווערן א יאָר צייט — ערשט דעמאָלט וועסטו זען וואו דו קאָנסט טון דיין ווייטערדיקן שפּאַן, ארויף צי אראָפּ... און, זעסטו, מיין ליבער, אויף דעם דאָזיקן טרעפּל, זיך פארהאלטנדיק אויף איין קורצער ווײַלע, האָבן מיר זיך באגעגנט אויף דער זעלביקער לייטער, אויף דעם זעלביקן טרעפּל...

נאום האָט געוואָלט אויסשרייען: ניין, דו ביסט העכער פון מיר מיט עטלעכע טרעפּלעך, נאָר דו ווילסט מיך נעמען אונטערן אָרעם און פירן מיך צוזאמען מיט דיר... ער האָט עס געוואָלט זאָגן מיט אָנערקענונג, מיט ליבשאפט, וואָס ער האָט איצט געפילט צו איר, אָבער — ער האָט נישט געקאָנט ארויסרעדן קיין

איין וואָרט. זי האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל מיט איר וואַרעמער פרויאישער האַנט, מיט אירע ליפּן, מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, גלייך זי וואָלט געוואוסט וואָס ער וויל איצט איר זאָגן, און טאַקע דווקא צוליב דעם האָט זי אים נישט געלאָזט מער גאָרנישט זאָגן, כדי צו לאָזן די זאַכן זאָלן זיך וויקלען פשוט, אַזוי, נאַטירלעך, אָן ווערטער...

... שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָבן זיי לעגאַליזירט זייער בשותּפותדיק צוזאַמען לעבן. די צערעמאָניע איז פאָרגעקומען זייער באַשיידן און פשוט, אַזוי ווי חברים פּלעגן טון אין יענער צייט, ווען מע האָט נישט געהאַט קיין צייט פאַר „פּערזענלעכע" אינטערעסן, וואָס דאַרפן קומען פיל, פיל, נאָך די אינטערעסן פונעם כלל. אמת, ער גופא האָט זיך דערמיט זייער ווייניק אָפּגעגעבן. אַלעס האָט זי דאָך געטון. ער האָט איר בלויז געגעבן זיין מעטריקע און שוין. יאָ, נאָך עפּעס האָט ער געדאַרפט איר געבן — דאָס וואָרט „יאָ" און די חתימה אין דער פּרימעריע. ערשט צום פאַרענדיקן זייער הייראַט, די ציווילע, זענען זיי געקומען מיט צוויי חברים, איינער איז געווען גענצלעך אַן אומבאַקאַנטער, וואָס זאָלן זיין עדות. די גאַנצע צערעמאָניע האָט נישט געדויערט מער ווי אַ צען מינוט, אין אַ גאָר וואָכנדיקער שטימונג, גלייך מע וואָלט אונטערגעחתמעט אַן אָפּמאַך וועגן ווער ווייסט וואָס פאַר אַן עסק. פון קויפן בלומען פאַר דער „כלה" האָט מען דאָך דעמאָלט נישט געהאַלטן. ווער האָט צייט געהאַט דעמאָלט פאַר אַזעלכע „קליינבירגערלעכע" שמאַכטעס?

זיי האָבן דען חתונה געהאַט? זיי האָבן זיך דאָך בלויז „פאַרשריבן"... און לויט דעם נייעם געזעץ, לויט וועלכן די פרוי האָט די זעלביקע רעכטן ווי דער מאַן, האָבן זיי ביידע געטראָגן די בשותּפותדיקע נעמען: ער, דאַנטשולעסקו-מאַרקאָוויטש, און זי — מאַרקאָוויטש-דאַנטשולעסקו... עס איז דעמאָלט נישט געווען קיין זעלטענער פאַל, אַז אַ „בערקאָוויטש" האָט אָנגענומען זיין פרוים נאָמען „גריגאָרעסקו". עס האָט בלויז נישט פּאַסירט אַז אַ „גריגאָרעסקו" זאָל אָננעמען דעם נאָמען „בערקאָוויטש"... קאָן מען זיך אַזאַ מין מאָדנעקייט פאָרשטעלן אפילו?... רומענישע חברים האָבן דעמאָלט „געזוכט" חתונה צו האָבן מיט יידישע פּאַרטיי-אַקטיוויסטקעס, ווייל קיין רומענישע האָט מען נישט זייער לייכט געקאָנט געפינען.

... שפּעטער, שפּעטער, האָבן זיי שוין נישט געחתמעט מיט זייערע בשותּפותדיקע טאָפּלטע נעמען. נאָר מיט איניציאַלן פונעם צווייטן נאָמען:

ער, נאום מ. — דאנטשולעסקו; און זי... נאָר זאָל מען זיך נישט צו שטאַרק איילן און וועגן דעם נאָך נישט רעדן. דאָס וועט דאָך קומען פיל שפּעטער...

וואָס שייך בעטים טעאָריע מיט די מדריגות אויף דער לייטער, וואָס פירט אי ארויף אי אראָפּ — וועט מען שפּעטער אויך האָבן עפּעס צוצוגעבן. מע דאַרף נאָר האָבן א ביסעלע געדולד... דערווייל זאָל מען בלייבן ביי דעם, אז ביידע, אי נאום אי בעטי, האָבן זיך באגעגנט אויפן זעלביקן טרעפּל, אויף דער זעלביקער מדריגה...

# 3.

## „אוי־ווײ‟־טרעפּל

דאָס טרעפּל איז מיט א קרעכץ, „אוי־ווײ‟,
הגם ס׳איז א יינגל געבוירן געוואָרן,
דאָך איז נישט מיט א מזל־טוב אויסגעשריי.

זיין עתיד קאָן מען נישט פירזען.
קיינער נישט, ווי קיינעם נישט.
גייט עס לעת־עתה קיינעם נישט אָן.

קיינער האָט קיין צייט נישט דערצו.
לעבנס־טרעפּלעך וואקלען זיך.
יעדער איינער האָט מיט זיך צו טון.
ס׳איז ערד־ציטערניש, בערג שאָקלען זיך.

מחמת בשותפות זיי האָבן געביסן
פונעם עץ־הפּאָליטיק עפּל —
נידערן, פאָטער און מוטער צוזאמען,
אויפן גליטשיקן „אוי־ווײ‟־טרעפּל...

## 1. בריוו

... אָט, זענען דאָ עטלעכע אויסצוגן פון בריוו, וואָס זענען געשריבן געוואָרן פון בעטין צו נאומען און פון נאומען צו בעטין, בעת ער איז געווען אין דער פּארטיי־שול. אמת, זיי זענען דאָ נישט אויסגעסדרט, נאָר אדרבה, געלאָזט אזוי, פּארמישט, ווי מע האָט זיי געפונען. צו מאָל וועט מען אפילו נישט וויסן געננוי ווער פון זיי ביידע האָט אָנגעשריבן געוויסע פראגמענטן פון בריוו. פונעם סטיל צי פונעם תוכן קאָן מען אויך נישט אלע מאָל זיך אויסקלייבן זיי צו דערקענען. אמת, מע האָט געפּרואווט עס טון, האָט זיך עס אָבער נישט אלע מאָל איינגעגעבן. צו מאָל איז דער מאָראליזאטאָרישער טאָן און סטיל געווען נאומס, הגם דאָס איז פריער געווען דער מנהג ביי איר, ביי בעטין. ווידער דאָס פילאָסאָפירן, וואָס כאַפּט זיך צו מאָל אריין אין א בריוו, קאָן מען אויך נישט וויסן אלע מאָל אויף קלאָר, וואָס, ווער און ווען ...

איז דארף מען זיך באגניגן מיט אָט די דאָזיקע פראגמענטן, אזוי ווי זיי זענען און פארשטיין פון זיי, וויפל מע וועט קאָנען. עס איז דאָך, אייגנטלעך, נישט וויכטיק ווער סע האָט עס אָנגעשריבן. מער וויכטיק איז דאָך, דאכט זיך, וואָס זיי האָבן זיך געשריבן, כדי מע זאָל קאָנען דרינגען זייערע אזוי נאָענטע און צו מאָל אזוי ווייטע באציונגען.

איז זאָל מען נישט זוכן קיין סדר, אויך נישט קיין דאטן. צו מאָל וועט זיך אויסדאכטן אז איין בריוו איז גאָר געשריבן געוואָרן שפּעטער פון אן אנדערן, וואָס ווערט דאָ ציטירט פריער ... מוז מען זיך באגניגן מיט א פּרינציפּ, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין דער תורה. לויט א תלמודישער דערקלערונג (אין מוקדם ומאוחר בתורה!), איז אין תנך נישט פאראן קיין סדר אין די דאטעס.

דאָס פריערדיקע קאָן מען לייענען אויך שפּעטער און דאָס שפּעטערדיקע גאָר פריער ... כמעט אַזוי איז אויך מיט אַט די פראַגמענטן פון די בריוו:

„היינט, דאַנערשטיק, דעם ... האָב איך באַקומען דיין בריוו, הגם איך האָב אים נאָך אַזוי גיך נישט געוואַרט.

איך האָב נאָר וואָס אָנגעהויבן דיר שרייבן, פּרוּוון מאַכן אַ סך-הכּל, אָבער איך רייס איבער מיין שרייבן, ווייל ווי איך זע, האָסטו שוין געמאַכט דעם סך-הכּל ... איך פריי זיך באמת, וואָס דו האָסט שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם חילוק אין אונדזערע אָנשויאונגען, ווי אַזוי איך פאַרשטיי און ווי אַזוי דו פאַרשטייסט דאָס ענין „ליבע“. לעניִן זאָגט דאָך: מענטשן דאַרפן געמשפּט ווערן לויט זייערע מעשׂים, נישט לויט זייערע דערקלערונגען ...

... וואָס שייך דעם „פילאָסאָפישן אַנאַליז“, וואָס דו האָסט געמאַכט — קאָן איך נישט זיין נישט-איינשטימיק, דו האָסט גוט אַנאַליזירט. סע טוט מיר, לכל-הפּחות, הנאָה וואָס דו זאָגסט עס אַרויס אַזוי אָפן און ביסט אויפריכטיק נישט בלויז מיט מיר, נאָר אויך מיט דיר גופא ... אָבער, געוויינטלעך, נאָך אַן אַנאַליז דאַרף מען ציִען די מסקנות. פאַר וואָס זשע האָסטו זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג, אויף דער העלפט וועג?! ...

וועל איך אַרויסווייזן מער מוטיקייט און וועל פאָרמולירן די מסקנות, פאַרשטייט זיך, לויט מיין מיינונג:

א). נישט איך און אויך נישט דו, האָבן קיין מאָל אין אונדזער לעבן, איידער מיר האָבן זיך באַגעגנט, קיין מאָל זיך נישט „גע׳גט“. דאָס וואָס עס איז געשען פריער, מיט מיר צי מיט דיר פאַר אונדזער חתונה האָבן, איז געשען ווי געוויינטלעך אין לעבן אין אַזעלכע פאַלן, נישט בלויז אָן אונדזער מיטבאַטייליקונג, נאָר אויך קעגן אונדזער ווילן.

ב). אונדזער באַגעגעניש איז פאָרגעקומען צופעליק, ווי מיר האָבן עס דעמאָלט אָנגערופן „אויפן זעלביקן טרעפּל פון אַ לייטער“. אָבער דאָס „פאַראייניקן“ איז דאָך געשען מיטן הסכּם (איך וויל האָפן: באַוואוסטזיניקן!) און מיט דער אַקטיווער מיטבאַטייליקונג פון אונדז ביידע. יאָ, נאָר פון אונדז ביידע און נישט פון קיין אַנדערן, אָן דעם אַז סע זאָלן זיך געווען אַריינמישן די עלטערן אָדער אַן אַנדערער קרובֿ צי פריינד.

נאָך אַט די צוויי הנחות, מיין איך, וואָס זענען נישט צום אָפּפרעגן, דאַרפן מיר זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַנטשליסן (יאָ-יאָ, אַ מענטש מוז זיך דאָך פריער אָדער שפּעטער אַמאָל אַנטשליסן!). דאָס ערגסטע איז ווען אַ מענטש זעצט

זיך אויף צוויי בענקלעך, אָדער בעסער געזאָגט, צווישן אזעלכע צוויי „בענק-לעך"... און דער אנטשלאָס דארף זיין אויף פאָלגנדיקן אופן: אָדער-אָדער. אָדער מע בארעכנט זיך אז נאָך א יאָר צוזאמענלעבן (דאָס קאָן מען אָנרופן „צוזאמענלעבן"?) האָט מען אויסגעפונען אז סע „גייט" נישט אזוי ווי סע באַ-דארף צו זיין און דעמאָלט לאָזט זיך יעדער איינער גיין אויף זיין וועגס: אָדער מע שפּאַנט זיך איין גאנץ ערנסט און אויפריכטיק אין וואָגן פון משפּחה-לעבן און מע שלעפּט... יאָ, ביידע צוזאמען שלעפּן...

אזוי פיל האָב איך דיר איצט געוואָלט זאָגן בנוגע דיין „פילאָסאָפירן"... איך, פון מיין זייט, וויל בכלל נישט „פילאָסאָפירן". איך וויל בלויז לעבן, לעבן ווי סע פאָדערט די געזעלשאַפט, ווי אזוי איך האָב עס געלערנט און געזען ביי מיינע עלטערן"...

„... בנוגע וואָס דו שרייבסט, אז סע „באַפאַלן" דיך די מחשבות, צו מאָל, ווען ביסט אליין נאָר מיט דיר — איז מיין עצה: פאַרטרייב די שלעכטע מחשבות, זאָלסט טראַכטן נאָר צום גוטן. א חלום איז אזוי ווי אזוי מען איז אים פּותר...

איך בין נייגעריק געוואָרן צו וויסן: דו שרייבסט אז דו ווילסט דיך ענדערן, און אויך ענדערן דיין לעבן... ווי אזוי ווילסטו דען לעבן?"...

„... איך שרייב דיר דאָס, וואָס טעלעפאָניש האָבן מיר נישט געקאָנט גוט אויפקלערן. ראשית קאָן מען רעדן טעלעפאָניש אויף צוויי אופנים:

א). דאָס נייטיקסטע און אויך פּראַקטישע, וואָס מע האָט מודיע צו זיין דעם מיטשמועסער, דאָס הייסט דעם צווייטן צד, און

ב). נישט-פּראַקטישע זאכן (צערטלענדיקע רייד, למשל!) און דאָך, נישט ווינציקער וויכטיקע פאַר ביידע צדדים...

אין ערשטן פאַל איז גוט, אז מע גרייט זיך צו פון פריער, דער וואָס רופט אָן טעלעפאָניש, א ביינעלע פּאַפּיר מיטן אויפגעשריבענעם, וואָס מע וויל מודיע זיין טעלעפאָניש, און אויך א שרייבפּענדל כדי אויפצוצייכענען אלץ וואָס מע זאָגט דיר... אין צווייטן פאַל, ווען מע צערטלט זיך מיט עטלעכע זיסע ליבלע-כע רייד, דארף מען נישט קיין שום פּירשריפט, דעמאָלט זאָגט דער מענטש וואָס ער פילט, ספּאָנטאַן...

אָבער אין ביידע פאַלן דארף מען אויסמיידן „טויטע מינוטן". ווען דו האָסט גענומען דאָס טרייבל אין די הענט — איז רעד, זאָג וואָס דו האָסט צו זאָגן, ווייל יעדע מינוט וואָס מע רעדט יאָ אָדער נישט קאָסט דאָס זעלביקע געלט. הייסט

עס, אז דער טעלעפֿאָנישער שמועס קאָסט טאַקע יאָ אָפּ געלט, אָבער גערעדט האָט מען פּאַקטיש כמעט גאָרנישט ... צי אפשר זאָל מען אַריינרעכענען דאָס שווייגן?! ... דאַכט זיך, אַז אין ליבע־רייד איז שווייגן ביים טעלעפֿאָן נישט אָנגענעם, נאָר קודם אַ ביסל לאַנגווייליק און דערנאָך אַפֿילו פֿיל פּיינלעך ...

וואָס שייך קומען: עס איז כדאַי די מי, פֿון דיין זייט צי פֿון מיין זייט, און אויך די הוצאות. אין דעם פֿאַל דאַרפֿן מיר געדענקען אַז מע זאָל אויך וואָס מער הנאה האָבן דערפֿון (האָסט נאָך נישט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז באַלאַנגען אין ביידע צדדים גלייך?!) ...

מיר איז געווען באַזונדער אָנגענעם יעדע מינוט וואָס מיר האָבן דאָס פֿריע־ריקע מאָל פֿאַרבראַכט אין איינעם. דאָס האָסטו דיר געקאָנט אליין פֿאָרשטעלן, ווען דו האָסט געזען מיט וויפֿל אויפֿמערקזאַמקייט און אויפֿריכטיקער ליבשאַפֿט איך האָב דיך אויפֿגענומען ...

אמת, אויך דו האָסט זיך דערקלערט באַזונדער גליקלעך איבער יעדער סע־קונדע וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען — אַ פֿאַקט וואָס האָט גורם געווען אַז איך זאָל מיך פֿילן נישט ווינציקער איבערגליקלעך. גליקלעכקייט איז דאָך תמיד קעגנזייטיק ...

כלעבן, ווי איך האָב זיך געטראַכט: אָט זענען קוים אַריבער עטלעכע חד־שים, נאָך אַפֿילו נישט קיין יאָר זינט אונדזער חתונה — און איך האָב אָנגע־הויבן לייענען אין דיינע אויגן און טאַקע אָנגעהויבן גלייבן אַז צווישן אונדז האָבן זיך איינגעשטעלט נאָרמאַלע באַציאונגען, וואָס סיי וועלכער מענטש גאַרט נאָך זיי (בפֿרט איינע(ר) ווי איך, וואָס לעכצט נאָך אַ קאַפּעלע ליבע און אַפֿילו אויך אַ ביסל אַרויסגעוויזענע צערטלעכקייט!), אָבער לײדער זייער ווינציק האָבן דאָס מזל צו דעם ...

אויב דו טוסט אַ טראַכט וועגן אונדז ביידע (און איך בין זיכער אַז דו טוסט עס געוויס אָפֿט!) מוזסטו דערגיין צו דער מסקנה, אַז צו מאָל איז דאָך גוט אַז דו פֿאָלגסט אויך מיך און מיין עצה, וואָס איז געקומען נאָך אַ לאַנגן יישוב הדעת, הגם צווישן אונדז געשמועסט, בין איך מודה, אַז אויך איך האָב דאָס רעכט צו זיין אַמאָל „אומגערעכט" ...

„... איך האָב איצט אַ שווערע וואָך מיט עקזאַמענעס, אָבער ווי מע זאָגט, מיט „גאָטס" הילף און מיט דער שטיץ פֿון דער פּאַרטיי, וועל איך זיך באַמיען אַדורכצוקומען. איך וועל אפֿשר נישט זיין צווישן די סאַמע ערשטע, אָבער גאַנץ זי־כער אויך נישט צווישן די לעצטע. היינט האָב איך געהאַט גוטע רעזולטאַטן

ביי אן עקזאמען, פריי איך זיך (סע זענען פאראן אויך צו מאָל נישט זייער גוטע אָבער וועגן יענע שרייב איך דיר נישט!) ...

„אינטערעסאנט: פונעם טעלעפאָנישן שמועס פון נעכטן אָוונט, הגם סע האָט זיך געהערט אזוי שוואך, קוים האָב איך געקאָנט פארשטיין א וואָרט, אָבער דאָך האָב איך געהאט א באזונדערע הנאה, אז דו האָסט אָנגעהויבן נעמען אין אכט, אז אחוץ דיר — עקזיסטיר אויך איך אויף דער דאָזיקער וועלט...“

„יאָ, מיין ליבע(ר), איך האָב נישט ליב אז מע „רעדט“ וועגן ליבע. ווע-מען און צו וואָס ניצט עס, ווען דאָס איז נישט באגלייט מיט פאקטן“?! ...

„כדי א פרוי זאָל זיין געליבט פון איר מאן, איז גוט אז זי זאָל זיין א שיינע, מיט אן אָנגענעמען אויסזע, אָבער אחוץ דעם מוז זיין נאָך עפּעס. אויב זי פאר-מאָגט נישט גאָרנישט אחוץ דעם, קאָן זי זיין ניצלעך פאר סיי וועמען, נאָר פאר איר מאן נישט“ ...

„דו ווייסט מיין מיינונג: ליבע קאָן מען קויפן, פארשטייט זיך, אז נישט מיט געלט, נאָר מיט — ליבע ... ווייסנדיק דאָס, האָב איך טאקע אויף דעם זיך פאר-לאָזט בעת איך האָב געזאָגט „יאָ“. און אויב דו האָסט באמת זיך אנטשלאָסן זיך צו ענדערן, איז האָב איך קיין טעות נישט געהאט“ ...

„אייגנטלעך, איז עס אן אלטער יידישער מעטאָד און פּרינציפּ, וואָס סע האָבן שפּעטער איבערגענומען אויך די קריסטן און האָבן געפּרעדיקט אז דאָס „שלעכטע“ קאָן מען בייקומען דורכן „גוטן“. טוט מען גוטס פאר א רשע, וועט ער אויך ווערן א צדיק“ ...

„היינט פירן מיר זיך שוין נישט לויט דעם פּרינציפּ, ווען דאָס „שלעכטע“ איז א קלאסן-שונא, ווייל די דערפארונג האָט אונדז שוין געלערנט אז אים קאָן מען נישט בייקומען און אויך נישט ענדערן מיט „הענטשקעס“ נאָר מיט א הוילער פויסט“ ...

„טו א טראכט: איך, אויף דיין אָרט, וואָלט איך אויך אזוי געטון? ...

איך האָב נישט קיין גרויסע פּרעטענזיעס. איך וויל נישט מער ווי אן אויפ-ריכטיקן זשעסט פון ליבשאפט, אָן וועלכן איך קאָן נישט לעבן, ווי אָן לופט“ ...

„א טשיקאווע נייעס: א באקאנטער חבר, מיט א רומעניזירטן נאָמען, האָט אָנגעשריבן א בקשה צום פּארטיי-קאָמיטעט אז ער זאָל פאררעכנט ווערן פאר א

„רומענער‘‘, באשר ער פילט אזוי פון תמיד אָן, היינט ... אומזיסט האָט מען אים געפּרואווט איבערצייגן אז דווקא היינט טויגן נישט אזעלכע אטעסטאטן, ווייל ער מעג זיך דאָך דערקלערן אזוי ווי ער וויל, האָט ער אָבער געטענהעט, אז ער וויל אז אויך אנדערע זאָלן אים אזוי האלטן, נישט בלויז ער ... נארישער צי כאָטש נאיווער חבר! ער ווייסט נישט דעם אנעקדאָט מיט יענעם וואָס האָט זיך געשמד כדי מע זאָל אים נישט נאָכשרייען „זשיד‘‘, האָט מען אים דערנאָכ־דעם נאָכגעשריגן „געשמדטער זשיד‘‘?! ... אפילו לענין האָט אויך געשריבן אז קארל מארקס איז א ייד, הגם ער איז געוועזן געשמד נאָך קינדוויַיז דורך זיין פאָטער ... ער ווייסט אויך נישט פונעם כלל, וואָס סע האָט גענעבן זשאָן פּאָל סארטער: א ייד איז יענער, וועמען אנדערע האלטן פאר אזעלכן‘‘ ...

„פאר וואָס האָט מיין פאָטער זיך נישט „געשמד‘‘ נישט ביים גלח און נישט ביי קיין פּארטיי־קאָמיטעט, נאָר געבליבן א ציגיינער, דערצו נאָך א שטאָלצער ציגיינער?!‘‘ ...

# 2. נאָכוואוקס

מאָדנע, אין אַלע מעשה-ביכלעך, אין אַלע פילמען וואָס בעטי האָט געלייענט אָדער געזען, האָט זי זיך דערוואוסט אַז אַ מוטער, אָדער בעסער געזאָגט, אַ פרוי וואָס ווערט געוואויר אַז זי וועט ווערן אַ מוטער, איז דאָס ערשטע געפיל אירס פון אַ מין איבערגעפולטער צופרידנקייט, וואָס מע רופט אָפט מאָל אָן: גליקלעכקייט. זי ווייסט אפילו אויך דאָס, אַז עס איז נישט מער ווי אַ פשוט סטיכיש צי אפילו מינדסט חיהש געפיל, אַ נאַטירלעך בראשית-געבאָט פאַר דער עקזיסטענץ פון אַלע ברואים, פון וואָס די מענטשהייט איז נישט קיין אויס-נעם. וויל מען איז עס אַ רעזולטאַט פונעם געטלעכן געבאָט זיך צו פרוכפּערן און סע שליסט זיך אויך איין אין דער דאַרוויניסטישער טעאָריע פונעם דראַנג צום „איבערלעבן". נאָר אַזוי ווערט דאָך פאָרגעזעצט דער המשך פון די בעלי-חיים. דער חילוק איז נאָר, וואָס ביי אַ מענטש איז עס צו מאָל אויך באַגלייט פון נאָך איין געפיל, פון פרייד אַז מע האָט אַ קינד פון אַן „איר", אָדער פון אַן „אים", וואָס פאַרטאָפּלט די פרייד (פונקט אַזוי, ווי צו מאָל ווערט עס אַ טראַגעדיע, וואָס דאָס קינד איז געקומען דווקא פון אַן „אים" אָדער פון אַן „איר", וואָס מע וואָלט בשום אופן נישט געוואָלט. דאָס הייסט, אַז דאָס קומען פון דער „מוטערשאַפט" איז טאַקע יאָ אַ פרייד, אָבער זי איז פאַרשטערט און פאַרשאָטנט געוואָרן ווייל זי איז געקומען נישט פון „דעם" אָדער פון „דער" וואָס מע וואָלט געוועזן גע-וואָלט דערוואַרטן. אָבער וועגן דעם דאַרף מען נאָך איצט נישט מאריך זיין. אויך וועגן דעם ענין וועט זיך מסתמא נאָך דערציילן ווייטער אַ ביסל!). אויך בעטי, ווען זי האָט קודם געאַנט אַז זי איז מסתמא געוואָרן מעוברת, דערנאָך ווען זי האָט שוין געהאַט כמעט אַלע סימנים, איז ביי איר געבוירן געוואָרן אַ טאָפּלט געפיל, וואָס האָט גאָר אין גאַנצן פאַרטונקלט דאָס עווענטועלע נאַטירלעכע געפיל פון זיין אַ מוטער.

ראשית האָט זי ערשט איצט א טראכט געטון, אז אָט-אָט וועט זיך אָנזען פון איר דערהויבענעם בויך אז זי איז מעוברת. דאָס וואָס וועט זיין אן עדותשאפט אז זי איז באגאנגען א „קליינבירגערלעכן אקט"... יאָ, מיט וואָס קאָן מען בארעכטיקן אזא מין דערשיינונג, וואָס איז לגמרי נישט איינשטימיק מיט דער גאנצער „היינטיקער" מאָראַל, ווען דאָס גאנצע לעבן איז געווידמעט אומשליסלעך נאָר דער פארטיי-טעטיקייט?! קיין שום פערזענלעכער אינטערעס קאָן נישט אָפּווייכן פונעם אלגעמיינעם ציל, צו קעמפן פארן טובת-הכלל. איצט, ווען יעדער מענטש, בפרט א פארטיי-אקטיוויסט, איז א סאָלדאט, מאָביליזירט אין די קעמפנדיקע רייען פון בויען די נייע סאָציאליסטישע מלוכה, נאָכן איבערקערן די אלטע, וואָס איז נישט מינדער ווי די שלאכט פאר איבערנעמען די פּאָליטישע מאכט. ערשט איצט, דאכט זיך, איז דאָך דער קאמף נאָך פיל העפטיקער, נאָך פיל שווערער, ווי ער איז געווען נעכטן. יאָ, נעכטן האָט מען געדארפט בלויז צעשטערן די אלטע מלוכהשאפט, מע האָט געדארפט נעמען א „האמער" און צעברעכן דעם אלטן פאשיסטישן צי אפילו בירגערלעכן מלוכה-אפאראט, היינט איז עס שוין נישט גענוג. היינט מוז מען אויפשטעלן א נייעם אפאראט, און ווי באוואוסט איז בויען, סיי וואָס, פיל שווערער ווי צו צעברעכן, צעשטערן, איינצושיטן, פונאנדערצונעמען... נו, אין אזא וויכטיקן מאָמענט, וועט זי קומען צו גיין צווישן די חברים, וואָס זענען מקריב זייער אייגן פערזענלעך גליק, מיט א דערהויבענעם בויך, אין וועלכן סע יערט א „רעאקציאָנער" טייג, ניין, א נישט-פּראָגרעסיווע פרוכט פון א „קליינבירגערלעכן אקט" — איז עס דאָך א בושה און א חרפה, אויך דעמאָלט ווען עס איז די פרוכט פון פונקט אזא „קליינבירגערלעכן אקט" וואָס מע רופט חתונה-צערעמאָניע, אויך ווען דאָס האָט זיך באגרענעצט צו דער מאָדערנער היינטצייטיקער צערעמאָניע פון ציווילער חתונה...

ביי אָט דעם געדאנק, דערמאָנט זי זיך, אז אייגנטלעך איז אויך דאָס פאָרגעקומען נישט ווי ביי אנדערע. נישט ער, נאום, דער מאן איז געווען דער וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די פאָרמאליטעטן און זי פארבעטן צו דער פרימעריע, נאָר זי איז געווען יענע וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אלעמען. ער האָט כמעט נישט געוואוסט וואָס מע דארף טון, וואָס זי טוט. זי האָט ביי אים בלויז פארלאנגט די מעטריקע, א דאָקטער-צייגניש — און דאָס איז געווען אלץ וואָס ער האָט געוואוסט. זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן ארומלויפן מיט די פאָרמאליטעטן. ער איז געקומען ווי צום פארטיקן, געגעבן א חתימה און פארטיק... מסתמא, וועט עס איצט אויך אזוי זיין — ער ווייסט נאָך נישט גאָרנישט פון אָט דעם אלעמען, אז בקרוב וועט ער זיין דער פאָטער... ער? ער וועט זיין דער פאָטער?!...

אָט, דאָס איז דאָס צווייטע געפיל, וואָס האָט פאַרטונקלט איר נאַטירלעך מוטערלעך געפיל, וואָס וואָלט זי גערדאַרפט פרייען, ווי סע טוט עס יעדע פרוי־ זינט דאָס מענטשלעכע מין פאַרמערט זיך אויף דער ערד.

יאָ, ביז איצט האָט זי קיין מאָל נישט געטראַכט וועגן דעם. עס איז איר אפילו אויפן זינען נישט געקומען, אַז דאָס וועט קאָנען זיין פאַר איר א פּראָבלעם. וואָס פאַר א פּראָבלעם? אַזאַ מין פּראָבלעם עקזיסטירט דאָך שוין נישט און קאָן אפילו אויפן מוח זיך נישט שטעלן, בפרט נישט אַרויסגערעדט ווערן. נו, איז וואָס אַז זי איז א יידישקע? ניין, דאָס איז היינט שוין מער נישט קיין פּראָבלעם. זי איז נישט די ערשטע און אויך נישט די לעצטע. זי איז דאָך אַן אַלטע פּאַרטיי-טוערין, מיט סטאַזש פון נאָך פאַר דער מלחמה, ביי איר וועט אַזאַ מין „פּראָבלעם" וואָס עקזיסטירט נישט, קענען געשטעלט ווערן? ... יאָ, זי איז אין דער ערשטער ריי א פּאַרטיי-טוערין און ערשט דערנאָך, דערנאָך, ווער ווייסט אין וועלכער ריי „פון יידישן אָפּשטאַם", וועגן וועלכן קיינער אינטערעסירט זיך שוין היינט נישט מער. אויך דאָס געזעץ גיט איר דאָס רעכט זיך צו דערקלערן פאַר א „רומענערין". האָט זי דאָך טאַקע געשריבן אין אַלע פרעג-בויגנס, וואָס זי האָט געדאַרפט אויספולן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, פאַר איר פּאַרטיי־דאָסיער צי ביי פאַרשידענע סטאַטיסטיקעס וואָס ווערן געמאַכט ביי קאָנפערענצן צי קאָנגרעסן, ביי דער רובריק „נאַציאָנאַליטעט" האָט זי דאָך טאַקע אַזוי געשריבן איר ענטפער. איצט, ווען דאָס איז געקומען דערצו, צו אָט דער אַזוי נישט דערוואַרטער און אפילו אומגעווינטשענער „פרייד", אַז זי זאָל געבוירן א קינד (אויך אפילו ווען מע וויל זיך אויסרעדן, אַז דאָס וועט זיין א קומענדיקער נייער „סאָלדאַט" אין די רייען פון דער פּאַרטיי!) וועט עס זיין פון „אים"?...

יאָ, ער איז טאַקע אויך פּונקט אַזוי ווי זי א פּאַרטיי-חברטע, א טוער, אויב נישט מיט אַן אַלטן סטאַזש פון פאַר דער מלחמה, דאָס הייסט נאָך זינט דער אילעגאַליטעט — איז ער דאָך יינגער און האָט עס ממילא נאָך נישט געקאָנט זיין. גענוג אַז ער איז איצט אַן איבערגעגעבענער פּאַרטיי־טוער, איז געשאַצט און געערט ווי אַזעלכער, ער איז פּראָמאָווירט אין זיין אַרבעט נישט צוליב זכות-אָבות נאָר צוליב זיין איבערגעגעבענער געטרייער טעטיקייט, ווי איינער וואָס שטעלט העכער פון זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן — די אינטערעסן פונעם כלל... יאָ, אַלץ איז שיין און רעכט, אָבער ווי אַזוי וועט איר קינד אויסזען? סע וועט האָבן אירע רויט-בלאָנדלעכע האָר (אפשר גאָר אויך די רויטלעכע זון-שפּרענקעלעך אויפן פּנים, אַזעלכע ווי זי האָט און פאַרראָט איר יידישן אָפּשטאַם?!), צי וועט דאָס

קינד אירם האָבן פּונקט אַזעלכע שוואַרצע געקרייזלטע האָר, ווי ער האָט, און פאַררעטן דעם ציגיינערישן אָפּשטאַם ?!

... זי האָט זיך דערמאַנט, אַז אַמאָל האָט זי געזען אַ סאָוועטישן פילם, אין וועלכן מע האָט געוויזן אַז אַ „ווייסע" פרוי האָט געבוירן אַ קינד פון אַ מאַן אַ נעגער, און דאָס קינד איז אפילו נישט געווען קיין מעטיס, אַ מולאַטער, כאָטש אַן אויסמיש צווישן אַ ווייסן און אַ שוואַרצן, נאָר ממש אַ שוואַרצער, אַ פעך-שוואַרץ נעגעריש קינד... אמת, די גאַנצע שטי-מונג אַרום דעם קינד איז טאַקע געווען פול מיט סימפּאַטיע. ביי איר אין זכרון האָט זיך איינגעקריצט יענע סצענע ווען דער גרויסער יידישער אַק-טיאָר פון מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער מיכאָעלס, האָט אויך באַקומען נאָך דער ריי דאָס קינד אויף זיינע אָרעמס, ווי מע פלעגט פאַרצייטנס באַערן מיט סנדקאות ביי אַ יידישן ברית — דעמאָלט האָט ער געזונגען זיין סאָוועטיש ליד טאַקע אין יידיש, אויסדריקנדיק די פרייד פון יעדן פרייען ביר-גער פון ראַטנפאַרבאַנד, אויף יידיש-לשון, די פרייד פונעם יידישן בירגער, וואָס איז ענדלעך אַ פרייער מיט אַלע גלייך... יאָ, אַלץ געדענקט זי און עס איז דעמאָלט איר געווען אַזוי אָנגענעם. אָבער איצט, ווען זי דאַרף געבוירן דאָס דאָזיקע „נעגערישע" קינדל אָט איצט איז עס דאָך נישט אַזוי פריילעך... דאָס קינד אירס, וועט האָבן אויף אייביק דעם ציגיינערישן אויסזע ? סע וועט דאַרפן גיין אין שולע, אין מיליטער, צו דער אַרבעט — וועלן אַלע זיינע חברים שוין האָבן אַזאַ הויכן פּאָליטישן ניוואָ און אים קיין מאָל נישט וואַרפן אין פּנים אַריין זיין ציגיינערישן אָפּשטאַם ?!

זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן, אָבער די געדאַנקען פרעגן דאָך קיין מאָל נישט, זיי קלאַפּן נישט אָן ווי אין אַ טיר און זאָלן וואַרטן אַז מע זאָל זיי ענט-פערן: „אַריין!"... און ווען טוען עס אַזעלכע אומגעבעטענע געדאַנקען? פּונקט דעמאָלט, ווען מע וואָלט גערן געוואָלט שלאָפן... איז לאָזט זיך שלאָפן אָדער איינשלאָפן ביי אַזעלכע ראָיענדיקע „געדאַנקען"?!...

דאָס איינציקע וואָס איז איר איבערגעבליבן זיך צו טרייסטן, אַז איר קינד וועט האָבן אַן אַנדערן סטאַטוס. סע וועט נישט זיין מיט קיין שוואַרצע ציגיינערישע האָר, אָבער אויך נישט מיט איר רויטלעך-בלאָנדלעכע האָר, נאָר וועט אפשר זיין, ווי סע וואָלט טאַקע געווען זייער נאַטירלעך, אַז סע זאָל זיין אַ מין מעטיס, אַ צונויפמיש פון די ביידערליי קאָלירן און וועט האָבן האָר מיט דער קאָליר פון אַ מין העלן ברוינלעכן קאָליר — נישט שוואַרץ און נישט ווייס. אַ מין קאַסטאַנען קאָליר.

ווען מע זאָל דאָס ארויסזאָגן בפירוש מיט ווערטער, אָט דאָס נישט ארויס־געזאָגטע, דעם נישט ארויסגעזאָגטן געדאנק, וואָלט עס געהייסן אז סע וועט נישט זיין נישט קיין ייד אָבער אויך נישט קיין ציגיינער...

דאָס האָט געטראכט בעטי, ווען זי איז געוואויר געוואָרן אז זי איז מעוברת. און אויב זי האָט געהאט אזעלכע נישט קלאָרע געדאנקען, האָט זי זיך טאקע נישט געאיילט דאָס מודיע צו זיין פאר איר מאן, פאר נאום דאנטשולעסקון...

# 3. וואָלקנס

זי איז אהיימגעקומען אויסגעמאטערט, איז אוועקגעפאלן מיד און האָט צוגעמאכט די אויגן, גלייך זי וואָלט זיך געוואָלט אָפּרייסן פונעם ארום. א גאנצן טאָג האָט זי ווי מעכאניש איר ארבעט געטון, אָבער די געדאנקען אירע זענען געווען אָפּוועזנטע. זי איז סתם געזעסן און פאקטיש נישט געטון גאָרנישט. זי האָט נישט געקאָנט ארבעטן. האָט נישט געקאָנט זיך קאָנצענטרירן און פאר־שטיין, וואָס עס איז געשען, ווי אזוי מען איז אהער דערגאנגען — און בפרט, וואוהין וועט מען דערגיין?

א גאנצן טאָג האָט זי גאָרנישט טועם געווען. אין דער פרי האָט זי קוים געטרונקען א קאווע. צום מיטאָג איז זי אפילו נישט געגאנגען זען וואָס עס איז דאָ צו עסן. וואָס אינטערעסירט זי? ווען מע זאָל אפילו איר געבן געבראָ־טענע טייבעלעך, וואָלט זי דען יאָ געקאָנט עסן?! און איצט איז זי אהיימגע־קומען. עס איז דאָך שוין שפּעט אָוונט, ווען אנדערע ליגן שוין אין די בעטן, שלאָפן, קושן זיך, קריגן זיך, חלומען גוטע חלומות, צי אפילו קאָשמארן, אָבער זיי זענען דאָך כאָטש מיט פארמאכטע אויגן און רוען זיך אוים אויף וועלכן אופן סע זאָל נישט זיין, אויפן מאָרגנדיקן טאָג ... און זי?

זי קאָן זיך נישט לייגן ווייל זי איז זיכער אז קיין שלאָף וועט זיך צון איר נישט נעמען. זי איז איצט צו פיל אויפגערעגט. צו פיל האָט זיך אָנגעזאמלט אין איר מוח, אין היינטיקן טאָג, אז זי זאָל קאָנען איינשלאָפן.

נאָר, צוריק געשמועסט, האָט זי זיך געפּרואווט טרייסטן אין געדאנק, איז זי דען די איינציקע וועלכע איז איצט אין אזא מצב? וויפל הברים לעבן איצט איבער ווי אויף געהאקטע וואונדן און „קייען" איבער איצט אין זייערע מחשבות זייער פארגאנגענהייט, וואָס שטייט פאר זיי פארנעפּלט און זאָגט עדות עזותדיק קעגן זייער גאנצער געטרייער פארטיי־טעטיקייט?! אויב מע וויל יאָ אזוי טראכטן, האָט זי זיך טאקע געטרייסט, איז זי דאָך נאָך פון די „גליקלעכע",

ביי איר איז דאָך כאָטש די פאַרגאַנגענהייט קיין פּראָבלעם נישט, פאַר איר שטעלט זיך איצט מער דאָס פּראָבלעם פון דער צוקונפט...

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די פּאַרטיי געפינט זיך איצט, נישט אויף אַ שייד־וועג, ווי מע האָט עס דערקלערט אויף דער זיצונג, נאָר זי געפינט זיך פיל ערגער, עס איז ממש אַ זאַק־גאַס, נישט קיין שיידוועג. עס איז אַ מין תוהו־ובוהו, פון וועלכער ווער ווייסט ווען און ווי אַזוי מע וועט קאָנען אַרויסגיין מיט „גאַנצע ביינער"... איצט וועט מוזן געדויערן אַ צייט ביז סע וועלן זיך אָפּרינען די וואַסערן, דאָס אומריינע וועט זיך אויסטיילן פונעם קלאָרן, ביז בלייבן וועט בלויז דאָס קרישטאָלענע ריינע וואַסער, אָבער נישט ווי פּערל, נאָר ווי ריינע טרערן... יאָ, דאָס האָט זי גאָרנישט באַנומען, פאַר וואָס האָט מען געדאַרפט דערמאַנען וועגן „טרערן", וואָס איז נישט פּאַסיק אפילו פאַר קיין מעטאַפער. וואָס האָבן צו זוכן טרערן אין פּאַרטיי־טעטיקייט, ביי חברים וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין פייניקונגען ביי דער אַמאָליקער פּאָליציי און געהיים־פּאָליציי — דעמאָלט האָבן זיי דאָך נישט געהאַט צו טון מיט קיין טרערן, נאָר ממש מיט בלוט. דעמאָלט איז מען דאָך געווען אַזוי פאַרעקשנט, אַז אפילו קיין טרערן האָט מען נישט געלאָזט פאַלן, כדי נישט אַרויסצווייזן קיין שוואַכקייט, כדי נישט צו געבן דעם קלאַסן־שונא קיין סאַטיספּאַקציע... וועט מען איצט, ווען מע האָט צו טון מיט די אייגענע חברים, גוטע צי ווייניקער גוטע, אָבער דאָך איז מען דאָך געגאַנגען אַ לאַנגע צייט צוזאַמען, ביז מע האָט געקאָנט נעמען די מאַכט אין די הענט... נו, איצט וויל מען דערמאַנען וועגן „טרערן"? ניין, בעסער וואָלט מען דערמאַנט וועגן „בלוט". דאָס איז, דאַכט זיך, פיל פּאַסיקער. יאָ, בלוט דאָס איז שוין יאָ אַ זאַך צו וואָס מען איז צוגעוווינט, סיי פון אַמאָל, און אויך פון היינט, אַז מע וויל אַ טראַכט טון...

ערשט איצט, ווען זי איז אַזוי געזעסן אין דער היים, מיט די צונעמאַכטע אויגן אויף דער שטול, האָט זי זיך געפילט אַזוי אַליין, אַזוי עלנט, אַז גלייך מע וואָלט גאָר געלעבט אויף אַן אינדזל ווי ראָבינסאָן קרוסאָ... ווער וואָלט זיך עס געווען געקאָנט פאָרשטעלן אַמאָל, ווען די פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט איז געווען אויף דער העכסטער מדריגה, ווען יעדער חבר באַזונדער איז געווען גרייט אַוועקצוגעבן אויך זיין לעבן (און פיל האָבן טאַקע געגעבן זייער לעבן!) כדי אָפּצוראַטעווען דעם חברס לעבן, זאָל היינט, אַכט יאָר נאָך דער באַפרייונג, זיך פילן אַזוי אָפּגעזונדערט, אַזוי עלנט, אַז מע קאָן נישט האָבן קיין צוטרוי צום נאָענטסטן חבר כדי זיך מיט עמעצן זיך אַדורכרעדן, אַראָפּצורעדן זיך פונעם האַרץ, אַז סע זאָל לייכטער ווערן אויף דער נשמה... מיט ווע־

מען, למשל, וואָלט זי געקאָנט זיך אדורכשמועסן וועגן היינטיקן מצב, און זיין זיכער אז יענער וועט נישט גיין תיכף איבערדערציילן נישט נאָר וואָס זי האָט געזאָגט, דאָס וואָלט נאָך אפשר נישט געווען אזא סכנה, נאָר מע קאָן זיך דאָך דערוואַרטן אז מע זאָל אָפּטראָגן א רכילות, אויך אזעלכע זאכן וואָס זי האָט קיין מאָל נישט געזאָגט און אפילו אויך נישט געטראכט... איצט שפּילט מען זיך נישט און מע קאָן זיך נישט שפּילן. איצט איז ווי אין אויסנעמסצושטאנד, דער משפּט איז ווי בעת דער מלחמה. מע האָט דען צייט צו „שפּילן" זיך מיט „קליינבירגערלעכע" פּאָרמאַליטעטן? איינס און צוויי און — אויס!...

וואָס קאָן זי האָבן פּרעטענזיעס, אז אפילו קאַרפּן־קעפּ זענען געקירצט געוואָרן אָן שום טענה־ומענה, מע האָט אפילו נישט געקאָנט עפענען קיין מויל. און אויב סע האָבן זיך געפונען עטלעכע מוטיקע „נאַראָנים", וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען מסתמא די „ליניע" און האָבן יאָ געעפנט דאָס מויל?! איז וואו זענען זיי איצט?...

יאָ, אויף אַלעמען האָט זי זיך געוועז געקאָנט ריכטן, אָבער אויף דעם איי־נעם נישט. סע זאָל דערגיין אזוי ווייט, אז מע זאָל אפילו נישט קאָנען עפענען דאָס מויל און שטעלן א גאָר פּשוטע פראַגע, כדי מע זאָל קאָנען עפּעס פאַרשטיין פון וואָס סע קומט פאַר אויף דער דאָזיקער וועלט?!... מענטשן פון גוטן ווילן, נישט קיין שונאים נאָר ממש פריינד, פרעגן און בעטן אן אויפקלער, וואָס זשע קאָן מען זיי זאָגן?! וואָס זאָל מען ענטפערן פאַר ערלעכע פּאַרטיי־חברים?... ניין, מע האָט זיך אזעלכס נישט געקאָנט פאַרשטעלן.

און אפשר האָבן טייל יאָ עפּעס געאַנט אז סע קאָנען קומען אזעלכע צייטן, אנדערש ווי אזוי דערקלערט זיך עס, וואָס יענע חברים האָבן יאָ געהאַט אזוי פיל חכמה און נישט געבוירן קיין קינדער, נאָר זי איז איצט געבליבן ווי אויף חוזק...

מערקווירדיק, האָט זי געטראכט, ווי זי האָט נישט אָפּגעגעבן זיך קיין חש־בון אָדער נישט געלייגט קיין אכט אויף די דאַטן וואָס זי האָט ערשט נישט לאַנג געלייענט, אז אין די ערשטע צוויי־דריי יאָר, תיכף נאָך דער מלחמה, איז פאַר־געקומען ווי אן עקספּלאָזיע פון געבורטן, גלייך זיי וואָלטן געוועזן געוואָלט קאָמ־פּענסירן די מענטשלעכע פאַרלוסטן פון בעת דער מלחמה — און דערנאָך, נאָך עטלעכע יאָרן איז געקומען א סטאַגנאַציע, ווי עס איז דאָרט אָנגערופן געוואָרן, די געבורטן זענען פּלוצימדיק געמינערט געוואָרן, גלייך ווי אין די יאָרן פון דער מלחמה, הגם איצט זענען שוין די מענער יאָ געווען אין דער היים... אפשר האָט דערצו געבראכט די „קאַלטע־מלחמה", אפשר האָט דערצו גורם

געווען אויך די טעאָריע אַז מיט וויפֿל די געזעלשאַפט גייט פֿאָרויס אין סאָציאַ-ליסטישן בוי, אַלץ שאַרפֿער ווערט דער קלאַסן-קאַמף, וואָס קאָן זיך אויסלאָזן אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב מיט אַ „הייסער מלחמה“?! ...

פונקט איצט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע אַטמאָספֿער איז אַזוי דערשטיקנ-דיק, די לופֿט איז איבערגעפֿולט מיט פּולווער און אַ דריטע וועלט-מלחמה הענגט ממש איבערן קאָפּ, דווקא איצט איז זי מעוברת כּדי צו געבוירן אַ קינד, וואָס ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ גורל סע וואַרט אויף אים ... און דער אינערלעכער מצב, איז ער דען פֿיל מער דערמוטיקנדיקער? הענגט דען נישט דער זעלביקער שוואַר-צער וואָלקן אויך אויף דעם אינערלעכן הימל?!

איז פֿאַר וועמען זשע דאַרף מען קינדער און צו וואָס?

דאַכט זיך, אַז אויב דער מצב איז טאַקע אַזעלכער ווי סע ווייזט אויס, אַז די שונאים פֿון דער רעוואָלוציע לויערן און זענען גרייט אָנצופֿאַלן אויף די פֿאָלקס-דעמאָקראַטישע מדינות, איז פֿאַר וואָס גרייט מען זיך נישט צו אויך אי-נערלעך, צו פֿאַראייניקן די כּוחות און זיי נישט צו צעשפּליטערן?... יאָ, מע זאָגט אַז די פּאַרטיי פֿאַרשטאַרקט זיך מיט רייניקן אירע רייען. נו, דאָס איז טאַקע אפֿשר יאָ פֿאַרשטענדלעך, אָבער מע „רייניקט“ דאָך נישט דאָס „מיסט“, נאָר דווקא די „ריינע“?! ...

יאָ, דאָס זענען גאָר שוואַ־צע מחשבות, וואָס זענען נישט עלול צו געבן קיין רו פֿאַר אַ פֿרוי, אַפֿילו ווען זי איז שוין געהאַרטעוועט געוואָרן פֿון די אַמאָלי-קע פּייניקונגען מצד דער פּאָליציי, ווען זי איז גערודפֿט געוואָרן פֿאַר איר רע-וואָלוציאָנערער טעטיקייט, אויך פֿאַר איר איז עס נישט לייכט געווען איבער-צוטראָגן, בפֿרט ווען דאָס מעוברתשאַפֿט איז שוין געווען אין די הויכע חדשים.

דאַכט זיך, אַז זי האָט טאַקע איינגעדרימלט, אַזוי זיצנדיק אָנגעלענט אין דער ליג-שטול, מיט די הענט אָנגעלענט אויפֿן הויכן בויך, די פֿיס פֿונאַנדער-געשפּרייט, ווי סע זיצן פֿרויען אין אַזעלכע אומשטאַנדן.

— טררר! ... טרררררר! ...

זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונעם דרימל, וואָס איר האָט זיך עס אויסגע-דאַכט, אַז סע געדויערט שוין ווער ווייסט פֿון זינט וויפֿל שעה, הגם עס איז נישט פֿאַריבער מער ווי עטלעכע סעקונדעס. סע האָט עמעצער אָנגעקלונגען ביי איר. צי אפֿשר האָט זיך איר בלויז געדאַכט?

— טרררר! ...

ניין, פֿיל לענגער ווי פֿריער. הייסט עס, אַז עס איז אַ באַקאַנטער, וואָס ווייסט אַז זי איז אין דער היים, און אויך ווען זי שלאָפֿט דאַרף מען זי אויפֿוועקן.

זי האָט זיך פּאַמעלעך צוגעקאַטשעט צו דער טיר, און איידער זי זאָל עפע-נען האָט זי געפרעגט:

— ווער איז?

סע האָט קיינער נישט געענטפערט, אויף איר פאַרשלאָפענער פראַגע, אָבער זי האָט געוואַרט און נישט געעפנט. שפּעטער מיט א ווײַלע, ווען ביידע זייטן האָבן זיך איבערגערופן בלויז מיטן שווייגן, איז פון דער דרויסנדיקער זייט פון דער טיר געקומען דער ענטפער:

— איך בין עס, בעטי, עפן אויף. עס איז גאָרנישט געשען...

„עס איז גאָרנישט געשען"... אויב עס איז טאַקע גאָרנישט געשען, איז פאַר וואָס לאָזט מען נישט צו רו, אין אַזא נישט פּאַסיקער שעה?... בעטי האָט דערקאָנט דאָס קול. עס איז טאַקע געווען א היימישער. עס איז געווען א חבר פון נאָומען. אָבער דאָך האָט זי דערקענט אין דעם ציטער פון זיין קול, אַז ער איז איצט נישט געקומען, אין דער דאָזיקער שפּעטער שעה, סתם מאַכן א וויזיט. עס איז דען איצט די צייט צו מאַכן וויזיטן?!

בכלל זענען די וויזיטן, אין דער לעצטער צייט, געמינערט געוואָרן און זענען ווי ארוים פון דער מאָדע. קיינער איז נישט געגאַנגען אין קיין שום ווי-זיט צו זיין חבר, און קיין שום חבר האָט נישט דערוואַרט אַזעלכע מין וויזיטן, פון וועלכע סע האָט גאָר קיין גוטס נישט געקאָנט ארויסקומען... מע האָט דאָך געוואוסט, אַז פון אַזעלכע וויזיטן קאָן מען זיך דערוואַרטן אַז מע זאָל גערופן ווערן צו געבן אויפקלערונגען...

יאָ, ווען זי האָט געעפנט האָט זי טאַקע געזען אַז עס איז דער חבר מאַרסעל, אַן אַלטער פריינד פון נאָומען, אָבער אויך פון איר. פון אים האָט זי נישט וואָס מורא צו האָבן, הגם...

יאָ, אין איין איינציקער סעקונדע איז איר אַדורכגעפלויגן אין זכרון דער פאַל, ווען טאַקע אָט דער דאָזיקער חבר מאַרסעל האָט „איינגעוויקט" אַמאָל זיין א חבר, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין שום בייזע כוונות, ווי אים „ארויס-צוהעלפן", אַז יענער זאָל נישט אריינפאַלן אין דער „נעץ" פון עפּעס שונא וואָס לויערט ביי יעדן ווינקל פון דער גאַס, כדי צו פאַנגען אַזעלכע אומשולדיקע נשמות, ווי להבדיל סע לויערן די לצים און שדים כדי צו פאַנגען אַן אומשול-דיקע נשמה פון א פרומאַק, ווען ער „זינדיקט" אין דער מחשבה מיט א לילית-דיקער זונה...

סע קומט פאָר, ווי להבדיל אַמאָל, אין מיטלאַלטער, ווען מע האָט באַהאָנ-גען די ווענט מיט קמיעות כדי די שדים, רוחות אָדער לילית זאָל זיך נישט אריינ-

גנבענען און פאנגען אין זייער נעץ אומשולדיקע אָדער גאָר אויך הייליקע נשׁ־מות .. יאָ, פּונקט אַזוי קומט עס אויס אויך היינט, נאָר איצט זענען די שדים נישט קיין מיסטישע פאנטאזיעס, נאָר ממשותדיקע „מוסרים". נאָר איצט העלפן שוין קיין שום קמיעות נישט. מע מוז זיך אַליין אָפּהיטן, אויב מע קאָן זיי אויס־מיידן. און כדי אויסצומיידן דאַרף מען צו אַלעם ערשט האַלטן די טיר פאַרריגלט, און נישט עפענען אפילו פאַרן אייגענעם ברודער, כדי ער זאָל נישט מאַכן קיין „וויזיט" און דערנאָך מוזן „אינפאָרמירן" וועגן וואָס און וועגן וועמען ער האָט געהערט אָדער באַמערקט ...

יאָ, אָט דער מאַרסעל האָט דאָך שוין באַוויזן דעמאָלט, אַז ער איז אַ גאָר „וואַכזאַמער" חבר ... אָט ווי עס איז דעמאָלט געשען:

... איינער אַ יאָזשעף, וועלכער האָט געאַרבעט אין אַ מיניסטעריום, האָט באַקומען צוגעטיילט אַ צימערל ביי אַ נישט־אַלטער און נישט טרויעריקער אַל־מנה. זי האָט געוואוינט אין אַן אַפּאַרטאַמענט פון דריי צימערן, וואָס איז טאַקע געווען צו פיל פאַר איין איינציקער פּערזאָן, האָט מען ביי איר איינקוואַר־טירט אָט דעם דאָזיקן מלוכה־באַאמטן, וואָס האָט געזאָלט צאָלן לויטן נייעם געזעץ אַ שיבוש חודשלעכן דירה־געלט. סע האָט קוים געקלעקט אויף צו באַצאָלן דאָס וואַסער וואָס ער האָט געקאָנט באַניצן אין איין וואָך. אָבער אפילו ווען ער וואָלט געוואָלט צאָלן לפנים משורת־הדין, וואָלט ער דאָך דאָס אויך נישט געקאָנט טון, פּשוט ווייל זיינע שכירות אויף אַ גאַנצן חודש האָבן קוים געקלעקט צו עסן קוים צוויי מאָל אין טאָג, ביי יענעם נאָכמלחמהדיקן יקרות און אין יענער אינ־פלאַציע, ווען דאָס געלט האָט קיין שום ווערט נישט געהאַט. הייסט עס אַז קיין פרישטיק האָט ער זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו עסן ... וואָס זשע איז דער חידוש אַז אַזעלכער האָט מסכים געווען צו באַקומען אין דער פרי אַ קאַווע ביי זיין בעל־ביתטע, וועלכע איז געווען אַזוי גאַסטפריינדלעך צון אים?

אייגנטלעך, איידער מע זאָל אָנקומען צום פרישטיק דאַרף מען אָנהייבן נישט פון אין דער פרי, נאָר טאַקע גאָר פונעם נעכטיקן אָוונט ... געזען האָט ער דאָס צימערל ביי טאָג, ווען ער האָט באַקומען דאָס צעטל, אין וועלכן עס איז גע־ווען אָנגעזאָגט „שוואַרץ אויף ווייס" דער בעל־ביתטע, אַז זי זאָל צו פאַרפי־גונג שטעלן דעם חבר יאָזשעף דאָס צימער, וואָס איז ביי איר איבעריק (שוין פעסטגעשטעלט פון פריער!). ער האָט אָנגעקוקט דאָס צימער און איז אַוועק, קוים וואָס ער האָט געזאָגט אַ „גוטן טאָג".

אין אָווגט, ווען ער איז געקומען טאַקע באַזעצן דאָס צימער, אַז ער זאָל עס באַניצן אויף איבערצונעכטיקן די ערשטע נאַכט — האָט ער מיט גרויס באַדויערן פעסטגעשטעלט, אַז די בעל-ביתטע זיינע איז טאַקע איינע פון די געפערלעכסטע „שונאים" פון דער נייער אָרדענונג, וויל זי האָט אים נישט געוואָרט ווי אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי וואָלט געדאַרפט טון. ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסטון כדי אויסצורוען זיינע מידע ביינער, פון דער אַרבעט במשך דעם גאַנצן טאָג, האָט ער נישט געפונען קיין בעטגעוואַנט, קיין ליילעך אויסגעשפרייט און קיין קאָלדרע מיט וואָס זיך צוצודעקן.

ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען אומבאַהאָלפן און געקוקט אויפן בעט, און פונעם בעט געפירט זיינע אויגן צו דער טיר, וואָס האָט געפירט צו דער בעל-ביתטע... אַזוי איז ער געשטאַנען און נישט געוואוסט ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן. עס איז אים געקומען איינצוברעכן די טיר, וואָס האָט געפירט אין שכנותדיקן צימער, מאַכן אַזאַ מין סקאַנדאַל אַז די גאַנצע גאַס זאָל זיך צונויפלויפן אויף זייער בייז וואַונדער. דאָס בלוט האָט זיך ביי אים דערהויבן און דערגאַנגען צום מוח. אין אַזאַ מאָמענט קאָן דער גערולדיקסטער מענטש באַקומען אַ געהירן-דערשיטערונג, אָבער — ער האָט זיך דאָך געדאַרפט באַהערשן. ער האָט זיך געטראַכט, אַז עס איז דער ערשטער טאָג, איז דאַרף מען פּרוּוון מיט גוטן. אפשר וועט עס זיך אים איינגעבן דאָס צו לעזן אָן סקאַנדאַלן, אַז מע זאָל דערפון געוואויר ווערן אויך דאָרט ביים מיניסטעריום, וואו ער אַרבעט... אמת, ער האָט טאַקע מסתמא אָנגעטראָפן אויף אַן אמתדיקן קלאַסן-שונא, אָבער דאָס גיט אים נאָך נישט דאָס רעכט אַז ער זאָל זיך אויפפירן ווי אַ בן-יחיד. ער איז דאָך תמיד געווען צווישן יענע וואָס האָבן געטאַדלט פאַר אויפפירן זיך מיט ווילקיר קעגן בירגער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אויך אפילו פיינטלעכע זשעסטן. ער האָט געהאַלטן אַז מע דאַרף אַזעלכע סיכסוכים דערלעדיקן מיט גוטן, מיט אויפקלער-אַרבעט, נישט מיט שטאַרקער מאַכט. געוואַלד, דאָס דאַרף מען אויסניצן, לויט זיין מיינונג, נאָר נאָך דעם ווי מע האָט שוין אויסגעפּרוּווט אַלע איבערצייגונגס-מיטלען.

איצט איז ער גופא געשטאַנען פאַר אַט אַזאַ מין נסיון אָדער פּראָבלעם. איצט קאָן מען דאָס שוין נישט דערלעדיקן מיט שיינע ריידעלעך פון „איבערצייגן". איצט דאַרף ער זען וואָס ער האָט צו טון כדי צו באַקומען אַ קאָלדרע, אַ ליילעך, אויף צו קאָנען איבערנעכטיקן די נאַכט אויף אַ ציוויליזירטן אופן. יאָ, די איין איינציקע נאַכט. מאָרגן, דאָס וועט מען שוין זען דעמאָלט. איצט דאַרף מען דערלעדיקן דאָס איצטיקע, ביז איבערצוזיין אויף מאָרגן.

יאָ, עס איז געווען נאָך איין מיטל אז ער זאָל עס קאָנען איבערלאָזן אויף מאָרגן דאָס צו דערלעדיקן, אז ער זאָל זיך איצט לייגן שלאָפן אין בעט, ער זאָל זיך נישט אויסטון, נאָר „איבערזיין" די נאכט ווי אזוי סע זאָל נישט זיין, און מאָרגן — איז נאָט א פאָטער, ווי מע זאָגט זיך דאָס ווערטל.

יאָ, דאָס וואָלט ער געקאָנט טון, אָבער סע האָט אים געקרענקט. פאר וואָס האָט זי נישט געזאָגט, היינט ביי טאָג, ווען ער איז געווען איר איבערגעבן דאָס „צעטל", לויט וועלכן אים איז צוגעטיילט געוואָרן ביי איר א צימער, אז ער זאָל ביי איר וואוינען? פאר וואָס האָט זי אים דאָס דעמאָלט נישט געזאָגט, אז זי גיט טאקע דאָס צימער, ווייל מסתמא האָט זי קיין אנדערע ברירה נישט, זי קאָן זיך דאָך נישט אקעגנשטעלן קעגן אזא מין „צעטל", אָבער פאר וואָס האָט זי נישט געזאָגט, אז זי האָט נישט פאר אים קיין בעטגעוואנט?!

אמת, קיינער וואָלט עס איר נישט געגלייבט. נישט אזוי זעט אוים א הויז, אין וועלכן סע געפינט זיך נישט קיין בעטגעוואנט, און מע באגניגט זיך בלויז מיט איין ריי בעטגעוואנט, אויף וועלכן סע שלאָפט מסתמא די בעל-ביתטע. האָט זי עס דעמאָלט נישט געזאָגט, און איצט, ווייזט אוים, איז שוין פאר אים צו שפעט.

איז ער געשטאנען א ווײַלע, א נישט-אנטשלאָסענער: זאָל ער קלאַפּן אין איר טיר, ביי דער בעל-ביתטע, כדי צו פרעגן אויף בעטגעוואנט, זאָל ער נישט אָנקלאַפּן? ביי אים איז עס געווען א מין דערנידעריקן זיך אויף צו בעטן ביי איר בעטגעוואנט... זי, די בעל-ביתטע, האָט זיך נישט געוויזן. פון יענער זייט דער טיר האָט זיך נישט געהערט קיין שאָרך נישט. אפשר שלאָפט זי גאָר שוין? קאָן מען וועקן איינע פונעם שלאָף מיט אזעלכע פרעמדע פאר איר פראָבלעמען?!

בעת ער איז אזוי געשטאנען און געספּקט, נישט אהין און נישט אהער, האָט זיך די טיר געעפנט, עס איז אריינגעקומען די בעל-ביתטע א צעשטראָלטע, מיט א שיינענדיקן גוטן-אָוונט, אין די הענט האָט זי געהאַט א טאַץ מיט צוויי שעלעכלעך קאַווע. א פלעשל קאָניאַק, ציגאַרן — ממש ווי אין א חלום, א שיינעם וואונטש-חלום... זי האָט זיי אוועקגעשטעלט אויפן טיש און אים פארבעטן טרינקען א קאָניאַק:

— אנו, לאָמיר זיך באקענען — זאָגט זי מיט א ראפינירטן שמייכל, וואָס האָט אים געפּלעפט מיט אזא אומדערוואַרטער ענדערונג אין זיין געמיט — מיך רופט מען יאָלי, ווי אזוי הייסטו?

— מיך רופט מען „יאַזשעף" — האָט ער געענטפערט, ווי אַן זיין ווילן, ווייל זי האָט אים איבערראַשט נישט בלויז מיט איר היימישן אפילו פריינדלעכן זשעסט נאָר אויך נאָך מער מיט איר „דוצן" אים, שוין פון די ערשטע רייד, ווען זי ווייסט אפילו נאָך נישט זיין נאָמען.

— נו, ליבער „חבר" — האָט זי געזאָגט איראָניש, אז מע האָט געפילט אז אין דאָזיקן וואָרט שיט זי אריין דעם גאַנצן חוזק, אויף וואָס עס איז נאָר אין שטאַנד אזא שיינע פרוי ווי זי איז — איך וועל דיר נישט זאָגן „יאַזשעף", מיט דיין דערלויבעניש וועל איך דיר זאָגן היימישלעכער, „יאָזשי"... סערוואוס! — האָט זי אויסגעשטרעקט איר גלעזל צו זיינעם, צו שטויסן און אָנ־ווינטש.

— סערוואוס! — האָט יאָזשעף שוין אויך געענטפערט א ביסל ווינציקער אויפגעטראָגן, אויף איר ארויסרוף.

דאָ דאַרף מען באמערקן, פאַר אזעלכע וואָס ווייסן נישט, אז ווען א „יאָלי" טרינקט „סערוואוס" מיט א „יאָזשי" הייסט עס שוין אז מהיום והלאה ווערן זיי שוין „פּער דו".

דעם אמת געזאָגט, איז אים שוין פאַריבער דער גאַנצער בעס, וואָס האָט ביי אים אין מוח געקאָכט, ווען ער האָט געזען ווי אזוי מע האָט אים אָפּגעוואַרט מיט א ליידיק פוסט בעט, און וועלכן סע האָט געפייפט נישט בלויז דער דלות נאָר אויך דער ארויסרופנדיקער חוזק פון א קלאַסן-שונא...

— נו, איצט ביסטו מסתמא שוין מיד — זאָגט זי מיט אן אויסגעלאַסענעם שמייכעלע — איז וועסטו דיך לייגן שלאָפן, וועסט דיך אויסרוען. זיך באַקענען נענטער וועלן מיר זיך ערשט מאָרגן...

— יאָ, דאָס האָב איך אויך געטראַכט — האָט ער שוין אויך געזאָגט מיט א געצוואונגענער פריינדלעכקייט — איך בין טאַקע מיד, אָבער ווי אזוי וועל איך קאָנען שלאָפן, אז איך האָב נישט מיט וואָס זיך צוצודעקן?...

דערוויל האָבן זיי אויסגעליידיקט דאָס צווייטע גלעזל קאָניאַק. די קאַווע איז אויך שוין באַלד אויסגעזופּט. סע גיסט זיך שוין דאָס דריטע גלעזל...

— איך האָב קיין אנדערע ברירה נישט — זאָגט די בעל-ביתטע מיט אזא ערנסטקייט, אז מע וואָלט געקאָנט שווערן, אז זי איז אָרעם ווי די נאַכט און האָט נישט מיט וואָס אליין זיך צוצודעקן, נישט זי זאָל נאָך האָבן צו געבן פאַר א גאַסט. און אָן אפילו א שמייכל צו טון, האָט זי אים גלייך געקוקט אין די אויגן — באין-ברירה וועסטו מוזן שלאָפן אין מיין בעט... וואָס זאָל מען טון? סע זענען שווערע צייטן...

— און דו? — האָט ער קוים אַרויסגערעדט די דאָזיקע צוויי טראָפּן.

— וואָס, און איך? — האָט זי זיך געמאַכט תמעוואַטע.

— איך, איך מיין, וואו וועסטו זיך לייגן? — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט זוי אַ שעמעוודיק מינדעריעריק בחורל.

— איך ווייס וואו? — האָט זי זיך שוין צעלאַכט מיט אַ זונהשן געלעכטערל — אפשר וועסטו זיך אַ ביסל צונויפציען און וועסט אויך מיר מאַכן אַ ביסל פּלאַץ... דו וועסט דאָך מיך נישט לאָזן אַזוי, אָן גאָרנישט...

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער ערשטער אָוונט.

אין דער פרי, ווען ער האָט נאָך נישט געעפנט די אויגן, האָט שוין געזוארט אויף אים ביים בעט, אויפן נאַכט-טישל, אַ קאַווע, אַן אַמעריקאַנער ציגאַר, וואָס זעלטענע האָבן זיך געקאָנט דאָס פאַרגינען אין יענע שווערע צייטן.

אַלץ איז אַזוי געגאַנגען עטלעכע טעג, וואָס בעסער האָט ער זיך אפילו אין חלום נישט געקאָנט זיך ווינטשן. ער האָט זיך נישט געפרעגט פון וואַנען האָט זי דאָס אַלעס, ער האָט זיך נישט געפרעגט, ווי אַזוי קאָן זיך דערלויבן אַן אַלמנה, ווי זי זאָגט אַז איר מאַן, אַן אָפיציר, איז „געפאַלן אויפן פראָנט", און איצט לעבט זי נעבעך ווי אַ וויסטע אַלמנה...

אַלץ איז געגאַנגען ווי אין אַ מעשה פון „טויזנט און איין נאַכט", נאָר... אויך יענע מעשיות ענדיקן זיך צו מאָל. די דאָזיקע מעשה האָט זיך אָבער געענדיקט פיל פריער ווי ער האָט געמיינט און אויך געוואָלט. שוין אין דער צווייטער וואָך האָט זי זיך מסתמא שוין אָנגעהויבן לאַנגווייליקן, ווי סע געשעט געוויינלעך מיט די פרויען, האָט זי אים פירגעלייגט אַז ער זאָל איינלאָדן עטלעכע פון זיינע קאָלעגן, זי וועט איינלאָדן עטלעכע מיידלעך פון אירע באַקאַנטע, און זיי וועלן פאַרברענגען אין אַזאַ געזעלשאַפט אַ לוסטיקן זונטיק. וואָס מיינט ער? זונטיק נאָך מיטאָג וואָלט געווען גוט?

ער האָט שוין פיל נישט געטראַכט, ווייל ער האָט שוין געמיינט אַז מע דאַרף אפילו שוין גאָרנישט טראַכטן. ווען דער יצר-הרע פאַרפירט אַמאָל אַ מענטש, דעמאָלט טראַכט שוין יענער גאָרנישט, נאָר נידערט וואָס טיפער, וואָס נידעריקער אין שאול-תחתיה און גיט זיך אפילו נישט אָפּ קיין חשבון אַז ער גראָבט זיין אייגענעם קבר, אַז ער האַקט אונטער די צווייג, אויף וועלכער ער שטייט קוים. ביי אים איז דאָס שוין געווען אַזוי נאַטירלעך, גלייך ער וואָלט שוין דאָרט געווען דער בעל-הבית, נישט אָט די דאָזיקע שיינע בלאָנדע לילית, וואָס איז געוואָרן איבער נאַכט זיין קעפּסווייב, אָן שום צערעמאָניעס, אָן שום ווייבערישע

קונצן, נאָר נאַטירלעך, ווי אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט וואָלט זיך עם גע־פאַסט. אמת, זי איז נישט קיין „חברטע", אָבער איז ער דען אהער געקומען מאַכן פּאָליטיק? אהער איז ער דאָך געקומען נישט מער ווי צו וואוינען. די פּאָליטיק וועט ער מאַכן דאָרט, ביי זיין ארבעט, צי אין דער זיצונג פונעם פּאַרטיי־קעמערל, ווען מע דיסקוטירט וועגן פּאַרטייאישער וואַכזאַמקייט, וועגן קלאַסן־שונאים, וואָס זוכן אונטערצוגראָבן דעם יסוד פון דער נייער דעמאָקראַטי־שער פאָלקס־מלוכהשאַפט ...

יאָ, דאַכט זיך אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג, נאָר ... צווישן די חברים וואָס ער האָט איינגעלאָדן אויף זונטיק נאָך מיטאָג איז געווען אויך מאַרסעל ...

שוין דעם צווייטן טאָג, מאָנטיק, האָט מען גערופן יאָזשעפן, אַז ער זאָל אויפקלערן דעם ענין. אָבער אַזוי ווי ביי אים האָט מען זייער שווער געקאָנט ארויסציען כאָטש א וואָרט, ער האָט דאָך באמת נישט געוואוסט ביי וואָס אָנצו־הייבן. ער האָט לגמרי נישט פארשטאַנען וואָס מע וויל פון אים האָבן. ער האָט דען עפּעס געטון, וואָס זאָל זיין ווידערשפּעניק צום סטאַטוט?

דעמאָלט האָט מען אים „ארויסגעהאָלפן" עפענען די אויגן מיט אַן אנ־קעטעבויגן, אויף וועלכן ער זאָל ענטפערן מיט קלאָרע דיבורים, קורץ און יָשאָרף:

— וואָס טראַכט ער וועגן זיין קליינבירגערלעכער פארהאַלטונג? וואָס פאַר א מיינונג האָט ער וועגן פּראָלעטאַרישער מאָראַל, וועגן רעוואָלוציאָנערער וואַכ־זאַמקייט, וועגן זיין פרוי וואָס וואַרט אַז ער זאָל זי אריבערברענגען פון טראַנ־סילוואַניע אהער, אין דער שטאָט, וואו ער ארבעט איצט? און אַזוי ווייטער.

און אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק, האָט מען געמאַכט א „קורצע זי־צונג", וואָס האָט נישט געדויערט מער ווי פיר שעה, אין וועלכער די חברים האָבן אים „ארויסגעהאָלפן" און אים אויפגעקלערט, אויפגעוויזן אויף זיין ני־דעריקן אידעאָלאָגישן ניוואָ, צוליב וועלכן ער האָט זיך געלאָזט לייכט אריינ־כאַפּן אין די נעצן פון דעם אימפּעריאַליסטישן שונא ...

בקיצור, מע האָט אים פארבאָטן אַז ער זאָל מער אהין, אין יענעם הויז, אריינשטעלן א פוס. ער האָט דען נישט געזען אַז יענע דירה איז נישט געווען פאַר אים עפּעס אנדערש ווי אונטערגעשטעלט א נעץ אים צו פאַנגען?!

ער האָט געפּרוּווט זיך ראַטעווען אָן א שטרוי, אַז כאָטש זיינע פּערזענ־לעכע זאַכן, אָט דאָס זאָל ער קאָנען פון דאָרט זיך נעמען. אָבער ניין און ניין. סע האָט נישט געהאָלפן. דאָס וועלן טון אנדערע. יענע, די וואָס האָט געהאַט

די „אויפגאבע‟ אים צו פאנגען איז שוין סיי ווי ארעסטירט. סע האָט דאָך זיך שוין באַלד ארויסגעוויזן אז זי ארבעט אין דינסט פון ... מע האָט נישט געזאָגט אויף קלאָר אין וועמענס און אין וואָס פאר א דינסט, אָבער דווקא דאָס האָט טאקע געגעבן מער מעגלעכקייטן אז די פאנטאזיע פון וואכזאמקייט, איצט שוין אפילו פון יאָזשעפן גופא, זאָל זיך קאָנען צעשפּילן אין דער פולער לענג און ברייט, און מע זאָל טאקע גלייבן אויך ... אז זי איז א פשוטע כאָנטע, וואָס האָט זיך געוואָלט לאָזן וואוילגיין, אָט דאָס איז אפילו קיינעם נישט געקומען אויפן געדאנק צו פּרואוון גלייבן.

אָט דאָס שיינע שטיקעלע ארבעט האָט אָפּגעטון מארסעל ... דאָס איז באַלד באַקאָנט געוואָרן צווישן די חברים, ווייל ער איז דאָך געווען דער וואָס האָט גענומען דער ערשטער דאָס וואָרט אין יענער „קורצער‟ זיצונג און אויפגעוויזן באַשיימפּערלעך דאָס פעלן פון וואכזאמקייט ביים חבר יאָזשעף ...

יאָזשעף גופא, און אפשר נאָך אנדערע אחוץ אים, האָט געטראכט ביי זיך, אז אויב מארסעל וואָלט טאקע געווען אזא אויפריכטיקער געטרייער חבר צון אים און צו דער פּארטיי, וואָלט ער דאָך דאָס געקאָנט מיט אים גופא איבערשמועסן דעם ענין, איידער ער וועט אָפּטראָגן די מסירה ...

... איצט, אין דער דאָזיקער נישט פּאסיקער שפּעטער שעה, איז אָנגעקומען מארסעל צו דער אומדערוואַרטער שעה, ווען בעטי וואָלט געקאָנט געווען וואַרטן אויף סיי וועמען, אויף סיי וואָס, נאָר נישט אויף אים.

זי האָט אים מכלומרשט אויפגענומען פריינדלעך, ווי מע נעמט אויף א חבר, א פריינד, אָבער ביי איר אין געדאנק האָבן אָנגעהויבן זיך דרייען די רעדעלעך פונעם דענק-אפּאראט: וואָס זאָל דאָס באַטייטן, וואָס פאר א ווינט האָט אים פּונקט איצט געברענגט צו טראָגן צו דער דאָזיקער שפּעטער אָוונטיקער שעה? ...

# 4. טריבע פּערספּעקטיוון

... און דאָך האָט דער שמועס נישט געקאָנט לייכט אָננעמען קיין קאָנקרעטע פאָרעם, אַז בעטי זאָל געוואויר ווערן וואָס גיכער דאָס, וואָס זי איז נייגעריק געווען געוואויר צו ווערן פון אים: וואָס איז ער אויסן מיטן דאָזיקן וויזיט?

האָט איר געזען אמאָל צוויי קעגנער אין גריכיש-רוימישע קאמפן? זיי דרייען זיך און טענצלען פּאָרזיכטיק איינער ארום אנדערן, איינגעבויגן קאָפּ צו קאָפּ, בלויז די הענט זענען אויסגעשטרעקט פאָרויס, גרייט ארומצוכאַפּן זיין קעגנער, כדי אים אזוי ארום פּרואוון בייקומען ... יאָ,ביידע ווילן דאָך דאָס זעלביקע, ביידע ווילן אָנכאַפּן דעם אנדערן, וואָס בעסער אים איינפּרעסן אין זייערע שטאָלענע אָרעמס, כדי וואָס לייכטער מיט אים א זעץ צו טון צו דער ערד, מיטן רוקן אראָפּ, אים האלטן אזוי כאָטש איין סעקונדע, אָדער אפשר עפּעס מער, נאָר נישט ווינציקער ווי אז דער ארביטער זאָל צייט האָבן פעסטצושטעלן ווער דער זיגער איז, ער זאָל א פייף טון ... אזוי האָט זיך געפירט דער שמועס צווישן בעטין און מארסעלן. זיי האָבן גערעדט, גערעדט — אָבער קיינער האָט כמעט גאָרנישט געזאָגט. בעטי האָט זיך צוריקגעהאלטן עפּעס ארויסצוזאָגן, כדי נישט ארויסצוברענגען אויף אירע ליפּן דאָס וואָס וואָלט געקאָנט פאררעטן איר נישט-„וואכזאמקייט“. זי האָט געוואוסט, אז אן איבעריק וואָרט וואָלט זי איצט, אין די צייטן, געקאָנט קאָסטן א פרייז, וואָס סע לוינט נישט צו באצאָלן פאר פּלאפּלען מיט א „חבר“ וואָס גייט אָפּדערציילן ... ווידער ער, מארסעל, האָט געהאלטן ווי א שלאָס אויף זיין מויל און נישט „פארקויפט“ דאָס וואָס ער איז אייגנטלעך געקומען איר מודיע זיין.

אזוי איז געגאנגען דער קאץ-און-מויז-שפּיל ביז בעטי האָט גענומען די איניציאטיוו. זי האָט דאָך נישט געקאָנט זיצן אזוי א גאנצע נאכט, צו שפּילן די העפלעכע און אים אויפנעמען מיט גאסטפריינדלעכקייט, איצט, ווען זי איז אזוי מיד, אירע נערוון זענען אזוי געשפּאנט, אזוי אויסגע-

מאטערט, פיזיש און אויך גייסטיק, אז דער גאנצער וויזיט איז דאָך איר אזוי נימאס, וואָס קוים קאָן זי זיך איינהאלטן און דאָס נישט ארויסווייזן. אָבער אלץ האָט דאָך א גרענעץ, אָדער מוז האָבן א גרענעץ — האָט זי אים געגומען קורץ:

— נו, חבר מארסעל, דו ווילסט דאָך אוודאי נישט אז איך זאָל גלייבן אז דו ביסט איצט געקומען צו מיר רעדן וועגן וועטער... און אויך נישט טרינקען קיין טיי...

— יאָ, טאקע, סע וואָלט גאָרנישט געשאדט — האָט מארסעל זי אונטער־בראָכן מיט א שמייכל — אפשר מאכסטו טאקע א טיי?

— אויב דו ביסט איצט געקומען — האָט בעטי פאָרגעזעצט און זיך גע־מאכט אז זי האָט נישט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט. עס איז איר איצט נישט געווען אין זינען צו שטעלן זיך טרינקען טיי מיט אים, אין דער דאָזיקער שפּעטער שעה — איז מסתמא האָסטו דערצו א סיבה, וואָס אויב זי קאָן מיך נישט אינטערעסירן, איז אינטערעסירט זי דיך גאנץ זיכער, איז ארוים מיט לשון...

— פאר וואָס דארף אומבאדינגט זיין א סיבה? — האָט מארסעל געפּרואווט ווייטער פירן דעם שמועס, אויפן זעלביקן גלייכגילטיקן טאָן — סע קאָן נישט געמאָלט זיין, אז איך זאָל קומען ווי א נאָענטער חבר פון נאומען, אויב נישט אויך פון דיר, אָן אזא סיבה?!

— יאָ, מהיכי-תיתי, אָבער וויזיטן מאכן צו דער שעה?! אונדזערע באציונ־גען זענען דאָך מער חברישע ווי פריינדלעכע...

— איך וויים כלעבן נישט, וואָס עס איז פאר א חילוק — האָט מארסעל זיך נישט געוואָלט ארויספירן פון זיינע „רעלסן" — צווישן חברשאפט און פריינד־שאפט. ביי מיר איז עס דאָס זעלביקע. דו וואָלסט געקאָנט מאכן א גרענעץ און פינקטלעך אָנצייכענען אז ביז אהער גייט דאָס חברשאפט און פון דאנען הייבט זיך אָן, אָדער ביז אהין קאָן דערגיין דאָס פריינדשאפט?

— איך חזר איבער — האָט בעטי קאטעגאָריש אים אָפּגעשניטן — איך בין איצט נישט אין שטאנד צו פירן אזעלכע „פילאָסאָפישע" אָדער „פרינציפּיעלע" שמועסן. עס איז שפּעט, איך בין מיד, בעסער...

— דאָס הייסט — האָט ער ווידער געזאָגט מיטן זעלביקן שמייכלע, אָדער מיט נישט ווייניק ציניזם, וואָס וואָלט געקאָנט ארויסברענגען פון די כלים דעם געדולדיקסטן מענטש — אז מיט אנדערע ווערטער, אז דו ווייזסט מיר די טיר, אז איך זאָל מיך ווי גיכער אָפּטראָגן, אז איך זאָל מיר גיין מיין וועגס און דיך לאָזן לייגן שלאָפן?

— ניין, זעסטו — דאָס מאָל האָט זי שוין ארויסגעוויזן דאָס ציניש שמיי־כעלע — דו וועסט תמיד עפּעס אנדעש פארשטיין, ווי דאָס וואָס מע וויל דיר בפירוש זאָגן... אוודאי בין איך איצט נישט גרייט צו פירן אזעלכע „אינטע־רעסאַנטע״ שמועסן. דאָס טו איך זייער גערן אין די זיצונגען פון די פּאָליטישע קורסן. ווען מיר לערנען די פּאַרטיי־געשיכטע... איצט, חזר איך איבער, און בעט דיך ברחמים אָן דעם אז דו זאָלסט בייזוויליק אויסטייטשן מיינע רייד, אז איך ווייז דיר די טיר: זאָג וואָס דו האָסט צו זאָגן און צי מיר נישט ארויס די עצמות מיט פּוסטע ארומרעדענישן...

מארסעל איז שוין ערנסט געוואָרן. אויף אזעלכע קלאָרע דיבורים האָט ער שוין נישט געקאָנט ענטפערן מיט א ווערטעלע און אויסמיידן צו ענטפערן איר אויף איר קאָנקרעטער פראגע — אָבער דאָך האָט ער נישט געוואוסט ווי אזוי אָנצוהייבן רעדן „קלאָר״.

— וועגן דיין ליד, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן וועגן שלום...

מארסעל האָט קוים ארויסגערעדט די עטלעכע אומשולדיקע ווערטער און זיך אָפּגעשטעלט. מער האָט ער נישט געזאָגט קיין איין וואָרט נישט. ער איז פּשוט פארשוויגן געוואָרן. בעטי האָט נישט געוואוסט וואָס צו פארשטיין. זי זאָל אים ווידער שטעלן א פראגע, ווידער ביי אים ציען די רייד ווי מיט א צוועג־גל, דאָס איז איר שוין איצט נימאס געוואָרן. אָבער דאָך איז זי נייגעריק געווען. ווייל זי האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אז נישט צוליב איר ליד וועגן „שלום״ איז ער איצט געקומען. האָט זי דאָך איבערגעפרעגט:

— וואָס איז מיטן ליד, מע דרוקט עס נישט? — האָט זי זיך שוין אויפגע־רעגט, וואָס ווידער רעדט ער וועגן זייטיקע נישט־וויכטיקע זאכן, און נישט וועגן דעם, וועגן וואָס ער איז מסתמא געקומען — אויב סע געפעלט זיי נישט, זאָל מען עס אוועקווארפן אין רעדאקציע־קויש, ווי געוויינטלעך... מיך אינטערע־סירט עס דווקא יאָ, אזוי ווי עס אינטערעסירט יעדן שרייבער צו פארעפנטלעכן וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אָבער סע גייט מיר נישט אין לעבן אריין...

— נישט וועגן ליד האַנדלט זיך עס — האָט שוין מארסעל געמאכט נאָך איין טריט, ווי אויפן אייז — מע וועט עס דווקא יאָ דרוקן. אדרבה, מע לויבט עס, אז אין דעם „כאָר״ פון גראמען־מאכעריי, איז דאָס צווישן די געלונ־גענסטע, נאָר... איך וואָלט דיך געראָטן, אויב דו וועסט וועלן הערן מיין עצה, זאָלסט עס נישט חתמענען מיטן נאָמען „דאנטשולעסקו״...

— וואָס האָט עס צו טון מיט דער חתימה? — האָט זיך בעטי שוין דערביי־זערט, איר האָט נישט געפאַלן דער גאנצער שמועס, וואָס איז געווען מיט לוי־

טער רמזים, וועלכע זי האָט איצט נישט געקאָנט פארשטיין. ער וויל דאָך נישט אַז זי זאָל גלייבן אַז צוליב דער חתימה אונטער א ליד וועגן שלום איז ער איצט געקומען צון איר, אין דער דאָזיקער שפּעטער שעה... איז וואָס זשע וויל ער? — אויב עס איז טאקע יאָ אזא געלונגען ליד, ווי דו זאָגסט, איז פאר וואָס זאָל איך עס נישט חתמענען מיט מיין נאָמען?

— פאר וואָס זאָלסטו נישט פארשטיין, ווען איך רעד מיט דיר קלאָרע דיבו־רים — האָט זיך שוין דאָס מאָל מארסעל ווי דערבייזערט — האָב איך דיר דען געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט חתמענען מיט „דיין" נאָמען?! איך האָב נאָר גע־זאָגט, אַז דו זאָלסט אפשר נישט חתמענען „דאנטשולעסקו"...

— דאנטשולעסקו איז דאָך מיין נאָמען! — האָט בעטי אויסגעשריגן, זי האָט זיך אפילו נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אַז פאר דער דאָזיקער שעה, איז דאָס שרייען נישט קיין געווינטשענע זאַך, אַז אויך די שכנים זאָלן הערן אַז זי ווערטלט זיך מיט עמעצן — וואָס איז, איך דאַרף עס דיר זאָגן, דו ווייסט נישט ווי אזוי מע רופט מיך זינט איך האָב חתונה געהאט? — האָט זי שוין געזאָגט מיט אַן ארויפגעצוואונגענער רואיקייט.

— יאָ, איך ווייס עס. אָבער איך פארגעס נישט, און וויל עס אויך דיך דערמאנען, אַז בעת איר האָט חתונה געהאט האט איר ביידע אויפגעהיט אייערע נעמען פון פאר דער חתונה... איז פאר וואָס זאָלסטו נישט קאָנען חתמענען „עליזאבעטא מארקאָוויטש"?...

— וואָס איז, דאנטשולעסקו איז פּסול? — האָט זי שוין געפרעגט מיט א געמאכטן שמייכל, הגם נאָר שמייכלען האָט זיך איר איצט נישט געגלוסט.

— חלילה, ווער זאָגט? — האָט מארסעל אָנגענומען אַן ערנסטע מינע, גלייך ער האָט ביז איצט גאָרנישט געזאָגט, אלנפאלס האָט ער בלויז געשפּאסט

— דאנטשולעסקו איז א גוטער חבר, וואָס איז... מע האָט צו אים צוטרוי...

— מע גייט דען איצט איבערוועגן דעם צוטרוי צו מיין מאן? — האָט בעטי שוין געפרעגט פארחידושט, און דאָך אויסגעמיטן איבערצוחזרן זיין נאָמען. זי האָט מחמת דעם אונטערגעשטראָכן און געזאָגט „מיין מאן" און נישט דאנ־טשולעסקו, ווי אזוי דער ביז איצטיקער שמועס וואָלט עס געפאָדערט. מיטן וואָרט „מיין מאן" האָט זי געוואָלט צוגעבן איר גאראנטיע אויך פאר נאומען

— איך האָב צון אים צוטרוי און די פארטיי האָט נאָך נישט געשטעלט אונטער ספק מיין געטריישאפט און דעם צוטרוי צו מיר...

מארסעל האָט זיך פּלוצימדיק אויפגעהויבן, מע האָט געזען אַז ער וויל ווי דעמאָנסטראטיוו נישט פארלענגערן דעם שמועס, הגם ער איז געווען איבער־

ציינט, אז דאָס מאָל וועט בעטי דאָס וועלן. ער האָט אָבער שוין נישט געוואָלט. ער האָט עס איר נישט געוואָלט מוחל זיין, וואָס אָנשטאָט אים צו דאנקען וואָס ער איז איר געקומען מודיע זיין מיט „איין מינוט" פריער, אז זי זאָל וויסן ווי אזוי זיך צו פארהאלטן אין דאָזיקן מצב, אָנשטאָט זי זאָל אים דאנקען, צעשרייט זי זיך נאָך אויף אים?! זי ווייסט דען נישט, אז ער וואָלט געקאָנט באצאָלן מיטן „קאָפּ", אויב מע וואָלט געוואוסט אז ער האָט זי געוואָרנט פון פריער, וואָס און ווי אזוי דער מצב באשטייט מיט איר מאן... האָט ער זיך אויפגעהויבן, זיך געלאָזט צו דער טיר, אָבער ער האָט נאָך א וואָרף געטון די לעצטע ווער-טער:

— איך האָב נישט געשטעלט אונטער ספק דעם צוטרוי צו דיר... אָבער מעגסט וויסן, זאָלסט עס קיינעם ווייטער נישט זאָגן, אז נאומס געוועזענער שעף איז ארעסטירט געוואָרן צוריק מיט עטלעכע שעה...

ער האָט א קוועטש געטון די קליאמקע צו עפענען די טיר, כדי אויסצו-מיידן איר בליק, ער וויל שוין מער נישט מאריך זיין זייער שמועס, אָבער דאָך נאָך איבערגעלאָזט הינטער זיך עטלעכע ווערטער:

— אויך צון אים האָט מען געהאַט צוטרוי, ניין?... א גוטע נאכט!

— א גוטע נאכט! — האָט בעטי געענטפערט מעכאניש, קעגן איר ווילן... זי האָט געפילט א שרעקלעכע ווייטיק אין דער לינקער ברוסט, גלייך עמעצער וואָלט זי איינגעביסן מיט א צוואנג און גענומען דרייען ווי מע דרייט א שרויף, און די ווייטיק האָט זיך צעשפּרייט אין גאנצן קערפּער, ווי א שיכרות ווען מע טרינקט א שטארקע משקה, קוים האָט זי זיך געקאָנט צוריק שארן אויף קליינע טריטעלעך ביז צון א בענקל, נאָך דעם ווי זי האָט פאררייגלט די טיר, נאָכן אוועק-גיין פונעם אזוי „ליבנסווירדיקן" חבר מארסעל.

פונעם בענקל האָט זי קוים זיך צוגעשלעפּט ביזן בעט, האָט זיך אפילו נישט אויסגעטון. האָט זיך אראָפּגעוואָרפן ווי מע ווארפט א סנאָפּ זאנגען. ניין זוי ווען סע פאלט אוועק אן אונטערגעזעגטער בוים: בוםםם!...

... בום, בום-בוםםם!... קודם האָט זיך איר אויסגעדאכט אז איר הארץ האָט אויפגעהערט קלאַפּן. ניין, גלייך זי וואָלט דעם קאָפּ אונטערגעטונקען אין וואסער, אין א רוישנדיקן פליסיקן טייך, וואָס פארטייבט און מע הערט נישט גאָר-נישט, אפילו דאָס אייגענע עטעמען. עפּעס איז דאָס, דאכט זיך, ענלעך צו טויט, ווייל עס איז דאָך טויט-שטילקייט. גאָרנישט געשעט שוין נישט ארום איר, גאָר-נישט, גאָרנישט...

ליגנדיק אזוי אויפן בעט, מיטן פנים אראָפּ, גלייך זי וואָלט זיך געוואָלט פאַר עמעצן אָדער פאַר עפּעס אויסבאַהאַלטן, פאַר א סכנה וואָס לויערט אויף איר, הגם זי ווייסט נאָך נישט ווי אזוי אָט די סכנה זעט אויס, אָדער וועט אויסזען. זי פילט בלויז אז דאָס טרעפּל אונטער אירע פיס וואַקלט זיך, אז איבער איר הימל האָט זיך פאַרצויגן איין איינציקער אָבער דאָך ריזיקער וואָלקן, וואָס ברענגט מיט זיך אָן א שטורעם, א נישט-אָנגעזאָגטן, א נישט-דערוואַרטן...

ליגנדיק אזוי, האָט זי זיך פאַמעלעך ווי אדורכגעוועקט פון איר געפּלעפּט-קייט. פאַמעלעך, פאַמעלער איז זי צו זיך געקומען. זי האָט דערפילט אז דאָס קינד, דאָס נאָך נישט געבוירענע, וואָס האָט אפילו נאָך נישט קיין צורה פון קיין מענטש, האָט זיך ווי באַוועגט און איר א שטויס געגעבן...

זי האָט געהערט, געלייענט אין ביכער (יאָ, צו מאָל מוז מען דאָך דאָס אייגענע לעבן, דאָס אייגענע איבערלעבן פאַרגלייכן מיט דעם וואָס מע האָט אמאָל געלייענט אין ביכער, אויך ווען עס איז צו מאָל בלויז ווי אויסגעטראַכטע מעשיות!), אז א מוטער ווען זי דערפילט צום ערשטן מאָל דעם דריגע פונעם קינד, בפרט פון איר ערשט קינד, ווי עס איז איצט דער פאַל ביי איר, דעמאָלט נעמט ארום א מאָדנע געפיל פון פרייד, פון גליקלעכקייט וואָס האָט איבערפולט דאָס כוס, און סע גיסט זיך אריבער איבער די ברעגן, מע דערפרייט זיך מיטן נייעם לעבן וואָס האָט אויפגעשפּראָצט פון א הייסער, און צו מאָל נישט פון אזא הייסער, אָבער דאָך פון א ליבשאַפט-מינוט — איז עס דאָך א פרייד, ווייל עס איז סטיכיש, נאַטירלעך, אפילו נישט בלויז מענטשלעך נאָר אויך אפילו חייהש...
יאָ, עס איז ביי יעדן אזוי, חוץ ביי נישט-דערוואַרטע פאַלן, ווען דאָס שפּראָצן איז געקומען, למשל, ביי נישט חתונה-געהאַטע, וואָס קאָנען זיך נישט ווייזן אין דער עפנטלעכקייט מיט אן אויפגעהויבענעם בויך, ווייל עס איז א בושה ארויסצוווייזן אז מען איז געבליבן מעוברת קעגן ווילן... אָבער אין אזעלכע פאַלן ווי ביי איר, ווען זיי זענען יאָ חתונה-געהאַטע? אין אזעלכע פאַלן מוז דאָס זיין א פרייד...

נו, מוז זי דאָך אָנערקענען דעם ריינעם אמת, אז עס איז פאַר איר גאָר קיין פרייד נישט. אדרבה, זי פילט א מין רחמנות אויף יענעם באַשעפעניש וואָס דריי-געט שוין, רירט זיך, גיט אָנצוהערן, ווייזט סימנים אז עס איז און עקזיסטירט און קלאַפּט אָן ווי אין דער „טיר" פון דער וועלט: סע וויל ארייַנקומען...

וואָס ווייסט דען דער מענטש, וואָס סע קאָן אויף אים וואַרטן? וואָס קאָן מען דען דערוואַרטן פון אזא באַשעפעניש וואָס האָט נאָך קיין צורה פון קיין מענטש נישט, פון א באַוואוסטזיניקן זיין איז דאָך שוין אָפּגערעדט. יאָ, דאָס קינד וואָס איז אין בויך פון דער פאַרזאָרגטער מוטער ווייסט טאַקע נאָך נישט צו זיין

„וואכזאם“, ווייל סע האָט דאָך נאָך נישט קיין פּאָליטישע צוגרייטונג, האָט נאָך נישט קיין „פּאָליטישן־ניוואָ“ ... אָבער זי, די מוטער, זי האָט דאָך יאָ א פּאָלי־טיש־אידעאָלאָגישן ניוואָ, ווייסט זי דאָך, אז סע קומט א קינד, וואָס איידער עס איז נאָך געבוירן, וועט עס שוין האָבן אויף די אקסלען אזא שווערע משא, א מין הויקער, וואָס וועט איינבייגן מיט דער שווערקייט דעם גלייכסטן רוקן. א משא אויפן רוקן? ניין. דאָס איז, פארשטייט דיך, נאָר מעטאפאָריש גערעדט. וואָלט מען עס אָנגערופן אויף פּשוט מענטשלעך לשון, וואָלט געדארפט געזאָגט ווערן, אז די משא איז נישט אויף קיין שום רוקן, נאָר ערגעץ אין א דאָסאר, ווען דאָס קינד, וועט דארפן שרייבן אין זיין אויטאָביאָגראפיע אז דער פאָטער איז געווען ...

ביים געדאנק פון „שרייבן“ אויטאָביאָגראפיעס האָט זיך בעטי ווי אויפגע־וועקט ווי פון א קאָשמאר. אייגנטלעך, וויפל אויטאָביאָגראפיעס האָט זי שוין אָנגעשריבן אין איר לעבן, וואָס איז נאָך ביי איר ערשטער יוגנט?! ... יאָ, דאָס איז איינע פון די שווערסטע מאָמענטן, ווען מע הייסט אָנשרייבן א „קאָמפּלעקטי־רונג“ צו דער אויטאָביאָגראפיע. פאר וואָס א „קאָמפּלעקטירונג“? ווייל מע קאָן דאָך נישט זאָגן פּשוט אַן „אויטאָביאָגראפיע“, מע האָט דאָך שוין אזוי פיל אָנגעשריבן, אז מע ציילט שוין נישט וויפל, זאָגט מען א „קליינע קאָמפּלעק־טירונג“, וואָס באטייט פאקטיש, אז מע דארף אָנשרייבן פון דאָס ניי אַלץ, נאָר מיטן באדינג, אז דאָס מאָל זאָל מען שוין שרייבן מער איינצלהייטן, מער פּרטים, ווי מע האָט געשריבן פריער.

דער מענטש פרעגט זיך, אין אזא מאָמענט, וואָס וויל מען אייגנטלעך, וואָס איז מען שוין געוואויר געוואָרן, וואָס מע האָט נאָך פריער נישט געוואוסט און אליין נישט געשריבן, וואָס איז מען איצט אויסן? ...

איז אָט דאָס קליינע באשעפעניש, איידער עס איז נאָך ארוים פון זיין מו־טערס בויך, טראָגט עס שוין, לײדער נאָך אומבאוואוסטזיניק, די לאסט פון דעם וויפלטן מאָל „קאָמפּלעקטירן“ די אויטאָביאָגראפיע. מע מאָנט אז עס זאָל ארויסשרייבן מיט אַלע פּרטים, אַלץ, וואָס און ווי אזוי עס איז געשען מיטן פאָטער ... נו, טאקע, דאָס קינד וועט דאָך אוודאי קיין מאָל נישט וויסן וואָס צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער ווייטיקדיקער שאלה, וועט עס זיך ראנגלען מיט אַן אומבאוואוסטער שולד — אָבער זי, בעטי, זי וועט דאָך איצט, אפשר שוין טאקע מאָרגן אין דער פרי, דארפן געבן אזא „קאָמפּלעקטירונג“, זי וועט דאָך נישט אין יאָרן ארום, נאָר טאקע איצט, אויף דער הייסער מינוט, ווי מע זאָגט, דארפן ענטפערן מיט אַלע פּרטים, ווי אזוי זי האָט אים באגעגנט, ווי אזוי זי

האָט געמאכט מיט אים קענטשאפט, וועלכע סע זענען געווען פריער און וועלכע סע זענען איצט זייערע באציונגען, וואָס זי האָט געוואוסט פריער און וואָס זי ווייסט איצט וועגן אים, אָדער — האָט זי אפשר נישט געוואוסט און ווייסט אפילו אויך איצט נישט, אפשר האָט ער זיך אויסבאהאלטן פון איר (וואָס איז פיל מסוכנדיקער, ווייל: וואו איז געווען איר „וואכזאמקייט"?), אפשר איז זי... ווער זענען געווען זיינע נאָענטע גוטע-ברידער, זענען זיי געווען אויך אירע פריינד, זענען זיי געקומען צו זיי אין הויז, אפשר זענען זיי, דאָס הייסט אז זי, איז גע-גאנגען צו זיי אין הויז?...

דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן ביי איר שווינדלען, פון די צו פיל פרעגצייכנס, וואָס האָבן זיך געקייטלט און געצויגן ווי איין לאנגער אומענדלעכער פאָדעם, ביי וועלכן מע זעט נישט קיין עק. און מיט אזעלכע פארפּלאָנטערטע מחשבות איז זי, דאכט זיך, איינגעשלאָפן — און אפשר איז זי גאָר נישט איינגעשלאָפן נאָר געלעגן אין איר בעט, אָבער נישט אויסגעטון, נאָר אזוי ווי זי איז געקומען פון איר ארבעט, אומגעגעסן וועטשערע...

וואָס איז פון אָט דעם אלעמען וואָר און וואָס איז בלויז חלום?

וואָס איז בלויז פאנטאזיע צי אפילו קאָשמאר, און וואָס איז די רויע ווירקלעכקייט, אין וועלכער זי לעבט איצט, אויסגענאָגט ווי א פליג, ווען זי איז געפאנגען געוואָרן אין דער נעץ פון א ריזיקער שפּין, וואָס נאָגט און נאָגט...

האלוצינאציעס, קאָשמאָרן אויף דער וואָר.

## 5. „רייניקונגען“

בעטי האָט געוואוסט אז זי באגייט אן עוולה, ווען זי האָט געבעטן איר א פריינד, נישט בלויז א חבר, אז ער זאָל איר העלפן, אז זי זאָל קענען נאָך איין מאָל ארײַנקוקן אין דאָסאר פון איר מאן, נאום דאנטשולעסקו. זי איז איצט נײַגעריק געוואָרן צו וויסן, וואָס און ווען. נישט וואָס סע געפינט זיך שוין אין אים. דאָס האָט זי דאָך שוין געזען, איידער זי האָט זיך באשלאָסן מיט אים חתונה צו האָבן.

דעמאָלט איז דאָס איר נישט אָנגעקומען אזוי שווער. לויט איר ארבעט האָט זי געהאט דאָס רעכט צו זען דעם דאָסאר פון א חבר. ער איז דאָך דעמאָלט נאָך געווען פרעמד צון איר, אין די אויגן פון די חברים. זיי האָבן דאָך דעמאָלט נאָך נישט געוואוסט, אז זי גרייט זיך חתונה האָבן מיט אים. אָבער איצט, ווען זיי זענען שוין נישט קיין פרעמדע, בפרט אין אן אָנגעשטרענגטער, געשפּאנטער אטמאָספער, ווי דאָס איז איצט, איז דאָס שוין לגמרי נישט געווען אזוי לײַכט. זי האָט געוואוסט, אז יענער חבר וויל איר נישט אָפּזאָגן. ער וואגט עס נאָך נישט צו טון מיט איר. אָבער אז סע וועט קומען דערצו, וועט ער זאָגן, אז אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה, האָט זי בײַ אים געפאָדערט דעם דאָ-סאר. אמת, ער איז געווען דערבײַ ווען זי האָט אים „שטודירט“, אזוי א זי איז נישט געבליבן אליין אומבאמערקט, אָן אויפזיכט, אז זי זאָל קענען עפּעס ארויס-נעמען אָדער גאָר ארײַנלייגן ... נאָר, זי האָט דען געוואָלט עפּעס ענדערן?!

יאָ, זי האָט שוין געקאָנט זײַן דאָסאר, זי איז אָבער איצט נײַגעריק געווען צו זען, נישט וואָס סע געפינט זיך שוין דאָרט, נאָר וואָס מע קאָן נאָך דאָרט צוטשעפּען, צו דעם וואָס איז שוין דאָ, כדי סע זאָל זײַן דאָרט וואָס עס איז נאָך נישטאָ ...

ווען זי האָט געמישט די בלעטער הין און צוריק, האָט זי מער נישט געפונען אין אים ווי יענע בײַזוויליקע באמערקונג, אז ער האָט „טענדענצן“ צו אוממאָ-

ראַלישקייט, אָבער זי האָט דאָך געוואוסט דעם גאַנצן אמת, אַז דאָס איז נישט געווען מער ווי אַ נאַרישער אייפערזיכטיקער אָפּטו, פון אפשר אַן אימפּאָטענטן מאַן, דווקא ווייל נאָום האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו מאָראַליש, ווען ער האָט געוואָרנט דעמאָלט יענערס מאַן, אַז ער זאָל זיך מיט איר אָפּגעבן מערער, נישט לאָזן זי צו פיל אַליין, ווייל פונעם אַליין לאָזן וועט אים גאָר קיין גוטס נישט אַרויסקומען אין זיין פאַמיליע-לעבן... יאָ, וועגן זיין „אוממאָראַלישקייט" האָט זי נישט פאַר וואָס צו זיין באַזאָרגט. מער קאָן זי געפינען אַ סיבה צו זיין פאַרזאָרגט וועגן וואָרט „טענדענצן"... דאָס איז אַזאַ מין מסוכנדיק וואָרט, וואָס קאָן אויסגעבּרייטערט ווערן, אויסגעטייטשט ווערן, איבערגעפירט ווערן אויך אויף אַנדערע נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע אויסטראַכטע-נישן, וועגן וועלכע מע האָט אפילו קיין מאָל נישט געחלומט...

יאָ, זי האָט געפונען נאָך עפּעס, וואָס ביז איצט האָט זי עס נישט באַמערקט, אָדער דעמאָלט נאָך נישט געשאָנקען געגנוג אויפמערקזאַמקייט... נישט אין איינער נאָר אין עטלעכע רעפערענצן איז ער כאַראַקטעריזירט געוואָרן פאַר אַ „באַקוועמלעכן", וואָס האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן פאַר קלייבּירגער-לעכע „טענדענצן", (ווידער אַמאָל די זעלביקע פראַזע!) איבערבלייבסלען אין זיין פּאָליטישער דערציונג. אָבער זי האָט דאָך געוואוסט דעם ריינעם אמת, אַז אַלץ וואָס מע וואָלט נאָר געוואָלט אים „אָנהענגען", נאָר דאָס איין איינציקע נישט, דאָס וועט מען בשום אופן נישט קאָנען. זי געדענקט דאָך נאָך יענע שווערע טעג, ווען ער איז אַרומגעלאָפן כמעט באָרוועס אויף די גאַסן פאַרקויפן די פאַר-טיי-צייטונג, „די פונק", וואָס מע האָט נאָך דעמאָלט עפנטלעך צוריקגעשטויסן ברוטאַל, מיט ביזיונות, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט, נאָר פאַרשפּרייט די צייטונג מיט אַזאַ געטרייישאַפט, הגם יעדער האָט געוואוסט, אַז ער האָט דעמאָלט קוים געגעסן איין מאָל אין טאָג, מיטאָג, אין דער קאַנטינע... יאָ, דעמאָלט נאָך, אין זייער אָרעמער קאַנטינע, וואָס מע האָט דעמאָלט קוים אָרגאַניזירט מיט גאָר באַשיידענע מיטלען, ווען אין לאַנד איז געווען אַ הונגער, סיי פון די פאָלגן פון דער מלחמה, סיי צוליב דער שלעכטער גערעטעניש נאָך דער טריקעניש וואָס איז געווען אין דער מאָלדאַווע און פאַרשפּרייט הונגעריקע איבערן גאַנצן לאַנד, בפרט אין דער טראַנסילוואַניע, וואו דער הונגער איז געווען אַ ביסל מילדער... דעמאָלט איז ער אויך געווען „באַקוועם"?!... יאָ, דאָס ווייסט זי שוין בעסער פון יעדן. ווייל יענע וואָס וועלן אפשר זוכן ביי אים אין דאָסאַר כדי אויסצוגע-פינען עפּעס אָן וואָס זיך „אָנצוכאַפּן", אָדער אָנצוטשעפּען, וועלן נישט געפי-נען גאָרנישט, אָבער זיי וועלן אויך וועגן דעם נישט געפינען קיין שום שפּורן...

זהא ראייה; אויך איצט, ווען זיין גורל הענגט אויף א זייער דינער האָר, ווענן זועלכן ער ווייסט נאָך נישט און אנט אפילו נישט אין וואָס פאר א סכנה ער געפינט זיך, אויך איצט לויפט ער ארום ווער ווייסט אין וועלכע בלאָטעס אין די דערפער, ווי דער שליח פון דער פארטיי, ניין, נישט אזוי פון דער פארטיי, וואָס הייבט אָן ווערן פאר איר אן אבסטראקטער באגריף, ווייל ווען מע רעדט ארויס דאָס וואָרט „פארטיי“, דארף מען דאָך פארשטיין „חברים“ וואָס רעדן אין איר נאָמען — און יענע חברים זיצן דאָך מיינסט אין דער היים, אין אמתער באקוועמלעכקייט, נאָר ער, איר נאום, דער וואָס איז אזוי בייזוויליק כאראקטעריזירט פאר א „באקוועמען“ (מסתמא האָט מען דעמאָלט געגעבן איין רעפערענץ, אז מערערע חברים זאָלן זי, אין איילעניש, איבערקאָפּירן אין זייער נאָמען, כדי די צאָל רעפערענצן זאָל זיין א פולשטענדיקע, אנדערש ווי קאָן זיך עס דערקלערן אז אלע האָבן דעם זעלביקן סטיל ביים אָנשרייבן דעם דאָזיקן גראָבן שקר?!), ער „שלאָפט“ אויך איצט אוודאי נישט, נאָר איז אין די ערשטע רייען פונעם קאמף מיטן „שונא“, וואָס לויערט שוין נישט אין די בערג מיטן געווער אין די הענט, נאָר אין די יישובים מיט מער באהאלטענערע וואָפן, אזוי ווי למשל, ווי אין אָט דעם איצטיקן פאל, וואָס גיט איר איצט נישט קיין רו, אז זי זאָל קאָנען טון רואיק איר ארבעט ...

... ווי דען קאָן זי זיך דאָס דערקלערן, אז אזא נאום זאָל זיין אין א סכנה צו ווערן ארעסטירט, נאָר בלויז צוליב דעם, וואָס אין א געוויסער צייט האָט ער געארבעט צוזאמען, אָדער אונטער דער אָנפירערשאפט פון איינעם וואָס איז ארעסטירט געוואָרן, צוליב וואָס און צוליב וועמעס שולד ... און אפשר, איז איר אדורכגעפלויגן א געדאנק, און אפשר איז גאָר יענער אויך פונקט אזוי אומשולדיק ווי איר נאום, נאָר צוליב דעם ווייל אויך זיין שעף איז איצט געפאלן אין אומחן און סע גייט אזוי ווי א קייטן-עקספּלאָזיע?! סע קומט פאָר אז זי לעבט גאָר איבער די לאנגסטיקע צייטן, ווען א חבר איז דעמאָלט ארעסטירט געוואָרן פון דער אמאָליקער פאשיסטישער פּאָליציי, אָדער געהיים-פּאָליציי, און אויב ער האָט נישט געהאט קיין כוח אויסצושטיין די פייניקונגען, האָט ער ארויסגעגעבן (דעמאָלט פלעגט מען עס רופן: „ארויסגעשפּיגן!“) זיין העכערע און נידעריקערע פארבינדונג פון דער אילעגאלער פּאָליטישער טעטיקייט, און אזוי האָט מען יעדן טאָג ארעסטירט אן אנדערן חבר ... יאָ, כמעט פונקט אזוי קומט עס פאָר אויך היינט?

נו, „איבערמאכן די וועלט“ דאָס קאָן זי בשום אופן נישט. זי וויל עס אפילו נישט טון. סע קלעקן ביי איר נישט די כוחות. זי וואָלט געוואָלט בלויז „איבער-

מאכן" איר אייגן ווערטל. יאָ, בלויז איר „אייגן" ווערטל, וואָס איז אין דאָזיקן פאַל געווען אויך איר מאַנס ווערטל. זיי זענען דאָך איצט שוין פאַרבונדן מיט זייערע גורלות, אויך ווען זי וואָלט עס נישט געוואָלט. היינט מאכט מען שוין נישט קיין חילוק צווישן איינעם און דעם צווייטן, דאָס איז שוין אַזוי אָנגענומען, אַז איינער „צאָלט" אויך פאַרן צווייטן, הגם ער האָט נישט געהאַט און וואָלט נישט געדאַרפט האָבן קיין שום מגע-ומשא מיט דעם וואָס אַן אַנדערער „טוט", אָדער מע זאָגט בלויז אַז ער האָט „געטון"... וואָלט יעדער איינער געטראָגן דאָס אחריות בלויז פאַר זיינע אייגענע מעשים, וואָלט דאָך די סכנה נישט געווען אַזוי גרויס. זענען דען שוין אַלע סאַמע פּראָוואָקאַטאָרן, פאַררעטער, וואָס האָבן זיך „אַריינגעגנבעט" אין די רייען פון דער באַוועגונג, כדי זי אונטערצוגראָבן פון אינעווייניק?...

מאָדנע, האָט זי זיך געטראַכט, און אַ ציניש שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן און אויפן טרויעריקן פאַרזאָרגטן פּנים. וואָלט זי איצט עמעער אָנגעקוקט, וואָלט ער געקאָנט מיינען אַז זי איז אַראָפּ פון עם זינען, ווען זי שמייכלט אַזוי צו זיך אַליין. יאָ, מאָדנע האָט זי געטראַכט: די רייען פון דער באַוועגונג זענען דאָך דעמאָלט געווען אַזעלכע שיטערע, זיי זענען דאָך דעמאָלט, אין דער אונטערגרונטיקער טעטיקייט, געווען אַזוי ווייניק... און איצט, לאָזט זיך גאָר אויס, אַז סע זענען געווען דעמאָלט אַזוי פיל פּאָליציי-אַגענטן צווישן זיי, אַזוי פיל פּראָוואָקאַטאָרן... נו, ווער זשע איז געווען דער אמתדיקער רעוואָלוציאָנער? ווער זשע האָט דאָך אויפגעהויבן די פאָן, ווער זשע האָט דאָך אויפגעהאַלטן דאָס אַזוי שוואַך טליענדיקע פלעמל פון דער שיער אויסגעלאָשענער באַוועגונג?... לויט דעם וואָלט דאָך געמוזט אויסקומען, אַז נישט קיין אַנדערע ווי די פּאָליציי-אַגענטן גופא האָבן אָנגעפירט מיט יענער טעטיקייט... אַבסורד!

אַבסורד? יאָ, פאַר אירע איצטיקע גריבלענישן, ווען זי האָט געוואָלט דערגיין צום סוד פונעם היינטיקן מצב, האָט עס אויסגעזען אָדער אויסגעוויזן צו זיין אַן אַבסורד גריבלעניש, וואָס דערפירט צו אַבסורדע מסקנות. דאָס קאָן דאָך אַזוי נישט זיין. דער קלאָרער מענטשלעכער פאַרשטאַנד, וואָס מע וויל צו מאָל אָנרופן „לאָגיק" דערלאָזט עס נישט... יאָ, די לאָגיק. אָבער איצט זעט זי דאָך באַשיימפּערלעך אַז נישט די לאָגיק רעגירט, נאָר די ווילקיר פון אַ האַנט,

אָדער פון א קאָפּ, וואָס רעדט מכלומרשט אין נאָמען פון דער פּארטיי, אָבער פאקטיש ווירקט דאָך ממש ווי א שונא?! ....

נו, ווער זשע איז דער דאָזיקער שונא, אז אפילו דער העכסטער, דער גרעס־טער, נישט בלויז איז ער מסכים מיט די דאָזיקע אזוי גערופענע „רייניקונגען" פון די רייען, נאָר ער גיט דאָך די אָנווייזונגען ... און וועמען זשע קאָן מען שוין האָבן צוטרוי?! ...

## 6. שולדיק-אומשולדיק

בעטי איז נאָך אַלץ געגאַנגען צון איר אַרבעט, הגם זי וואָלט געוועזן שוין גע־מעגט זיצן אין דער היים, זייענדיק אין די הויכע חדשים, קוים זעגען געבליבן עטלעכע וואָכן פאַרן געבוירן, האָט זי דאָך געמעגט זיצן אין דער היים — אָבער זי איז דאָך געגאַנגען צו דער אַרבעט ... אמת, נישט צו די רעגולערע שעהען. זי איז שוין נישט געזעסן שפּעט אין אָוונט, ווי זי פלעגט עס טון פריער, ווי סע טוען אויך איצט אַנדערע חברים, אָבער דאָך איז זי געגאַנגען צו דער אַרבעט, כאָטש, לפנים, אַז זי זאָל ווייזן אַז זי איז אָנוועזנדיק ... דאָס האָט ביי איר געהאַט א טאָפּלטן חשבון: ראשית וועט זי זיך נישט אָפּרייסן פון די טאָג־טעגלעכע גע־שעעגישן, וועט ווייסן וואָס סע קומט פאָר אין דער דאָזיקער אַזוי געשפּאַנטער צייט, און והשנית, האָט זי דאָך געוואָלט ווייזן איר געטריישאַפט, אַז זי איז נישט קיין „קליינבירגערין" וואָס שטעלט העכער אירע פּערזענלעכע אינטערעסן (גע־בוירן א קינד, איז דאָך לכל־הדעות א פּריוואַטער, פּערזענלעכער ענין, וואָס מע קאָן מקריב זיין פאַר די אינטערעסן פונעם כלל, פון דער באַוועגונג!) ...

איר אַרבעט? ניין, געאַרבעט האָט זי כמעט שוין גאָרנישט. קודם איז זי שוין נישט געוועזן ביכולת צו טון עפּעס. פיזיש וואָלט זי נאָך אפשר געקאָנט עפּעס אויפטון, אָבער מאָראַליש איז זי דאָך געווען פיל מער אָפּגעשוואַכט, א שברי־כלי, אַז זי זאָל זיך קאָנען קאָנצענטרירן צון עפּעס אַן אַרבעט.

מאָדנע, האָט זי געטראַכט ביי זיך, פון פאָרגט האָב איך א הויכן בויך, וואָס שטערט מיר ווינציקער אין מיין טעטיקייט, ווי דער נישט־אָנזעעוודיקער „הויקער" וואָס איך האָב הינטער מיר, וואָס שטערט מיר פיל מער אַז איך זאָל קענען איבערטראַכטן כאָטש איין ענין, א פּשוטן אפילו ... זי איז נישט געווען ביכולת זיך אָפּצורייסן דווקא פון אירע „פּערזענלעכע" אפשר טאַקע „קליינביר־גערלעכע" אינטערעסן אירע — אָבער וואָס וואָלט מען געוואָלט פון איר דער־וואַרטן, זי זאָל נישט זיין קיין „קליינבירגערין" און זיך אַרויסווייזן פאַר א „מו־

טיקער חברטע" וואָס שטעלט העכער די אינטערעסן פונעם כלל, ווי די אינטע־רעסן פון איר ארעסטירטן מאַן?! ... ניין, נישט פון איר מאַן, נאָר פון א חבר, וואָס זי איז איבערצייגט אז ער איז אומשולדיק, האָט קיין שום סיבה נישט אויף צו זיין ארעסטירט, ווי א שונא פון דער באוועגונג, פאַר וועלכער ער האָט מקריב געווען נישט זיינע יוגנט־יאָרן, נאָר ממש די סאמע קינדער־יאָרן?! ... און וואָס זאָל זי טון, ווען דער דאָזיקער חבר איז „צופאַליק" דער פאָטער פון איר קינד, דעם נאָך נישט געבוירענעם?! ...

זי האָט זיך אוועקגעזעצט אָנשרייבן א „מעמאָריע", זי מוז דאָך עפּעס אונ־טערנעמען, נישט אזוי צו ראטעווען אים, איר מאַן, ווי זיך, ווי איר קינד ...

יאָ, אָט דאָס וועט טאקע זיין דער הויפּט־פּונקט אין איר מעמאָריע. צו פּרואוון אויפווייזן אז ער איז אומשולדיק, אז זי איז ערוב פאר זיין אומשולדיקייט, דאָס איז מער ווי א תפילת־שווא. נישט נאָר וואָס קיינער וועט דאָס איר נישט גלייבן, נאָר זי וועט מיט אירע אייגענע הענט אונטערחתמענען איר אייגענעם גזר, אז זי סאָלידאריזירט זיך מיט אים, הייסט דאָך עס, אז ...

אין מאָמענט ווען זי איז אָנגעקומען צום דאָזיקן געדאנק, איז צו איר גע־קומען א חבר, דער אָרגאניזאטאָר פון פארטיי־קעמערל, און האָט איר געגעבן צו חתמענען דעם „צוזאמענרופער" צו דער מאָרגנדיקער זיצונג פונעם קעמערל, אין וועלכער מע וועט באהאנדלען דעם „פאַל" פון נאום דאנטשולעסקו ... ער האָט צוגעגעבן, אז זי זאָל זיך צוגרייטן, ווייל מע וואַרט דאָך פון איר, דווקא פון איר וואָס איז „געווען" זיין פרוי, אז זי זאָל אים עפנטלעך דעמאסקירן ...

זי האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר געחתמעט מעכאניש, אָבער זי האָט געפילט אז גלייך זי וואָלט געחתמעט איר אייגענעם טויט־אורטייל. יאָ, מע האָט שוין אפילו נישט געזאָגט „חבר נאום", נאָר סתם „נאום דאנטשולעסקו". יאָ, ער איז שוין פארמשפּט, נאָך איידער די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן, נאָך איידער די דיסקוסיעס האָבן זיך אָנגעהויבן, דאַרף זי שוין נעמען דאָס וואָרט און אים „דעמאסקירן" ... זי, איר „געוועזענעם" מאַן?!... פון וואו נעמט זיך עס, אז ער איז שוין איר געוועזענער מאַן?

זי האָט שוין נישט געהאט קיין כוח אפילו צו עטעמען. זי האָט געפּראכט ווי א געשטאָפּטע גאנדז. נו, האָט זי געבעטן א חברטע, זאָל איר העלפן גיין אהיים. זי פילט זיך נישט גוט. זי האָט געפילט א שוואכקייט אין איר גאנצן קערפּער, גלייך ער וואָלט געווען אָנגעגאָסן מיט שווער בליי, לאָזט זי נישט בא־וועגן מיט קיין שום אבר נישט. אויך די געהירן זענען ביי איר ווי פארגליווערט געוואָרן און איז נישט אין שטאנד צו דערטראָגן א געדאנק ביזן סוף. ניין, זי

האָט געמאַכט אַ גרויסן פּעלער, וואָס זי האָט נישט גענומען דעם לעגאַלן אור־לויב פאַר דער געבורט... צוליב וואָס און צוליב וועמען איז זי זיך מקריב און גייט איצט, מיטן הויכן בויך, צון איר ארבעט?! ...

נו, מילא, ביי דער מאָרגנדיקער זיצונג וועט זי שוין נישט זיין אַנוועזנט. זי איז אין די הויכע חדשים און קיינער קאָן נישט דערוואַרטן פון איר, אַז זי זאָל אין אירע באַדינגונגען גיין צון אַזאַ איר פּריילעכער זיצונג, אויסהערן אַלץ וואָס מע וועט זאָגן וועגן... יענעם, וואָס איז „געווען", און זי דאַרף נאָך נעמען „דאָס וואָרט"?! ...

ניין, אויף דעם האָט זי שוין קיין כוחות נישט. זי איז דערגאַנגען צום סוף, צום סוף...

צום סוף? ווי אַזוי דאָס, סע הייבט זיך דאָך ערשט רעכט אָן?

אָבער דאָס האָט זי נישט געוואוסט. אָדער נאָך נישט געוואוסט.

... דעם צווייטן טאָג, בעת מע האָט מסתמא ביי דער זיצונג דיסקוטירט (אייגנטלעך איז שוין נישט געווען פיל וואָס צום דיסקוטירן. מע דאַרף דען נאָך וועגן עפּעס דיסקוטירן, ווען אַלץ איז אַזוי קלאָר ווי דער טאָג... וועלכער טאָג?), אָדער דעמאַסקירט איר מאַן, האָט זי אין דער היים געשריבן די מעמאַריע, אין וועלכער זי האָט געפּרואווט זיך אַראָפּרעדן פונעם האַרץ:

„טייערע חברים,

געוויינטלעך הייבט מען אָן אַזאַ בקשה מיט די באַנאַלע ווערטער „מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ בלוטיק האַרץ", אָבער ניין, איך וועל די דאָזיקע ווערטער־פאָרמולע נישט ניצן. קיינעם וועט דאָך נישט אינטערעסירן די טרערן פון מיינע אויגן צי אפילו דאָס בלוט וואָס טריפט פון מיין פאַרוואונדיקט האַרץ. ניין, נישט אַזוי האָט מען אונדז דערצויגן, אַז מיר זאָלן אַמאָל אַפּעלירן צו אַזעלכע קליינבירגערלעכע מליצות מיט ביליקע סענטימענטאַלישקייטן. איך וועל נישט אַפּעלירן צו קיינעם און וויל נישט אַרויסרופן קיין רחמנות, ווייל לויט מיין מיינונג נייטיק איך זיך נישט אין קיין רחמנות, נאָר אין יושר. יאָ, יושר און גערעכטיקייט, פאַר וועלכער איך, פונקט ווי אַנדערע מיינע חברים האָבן מקריב געווען זייערע יונגע יאָרן, זיך אָפּגעזאָגט פונעם לעבן, האָבן געשמאַכט אין תפיסות, ווען עס איז נייטיק געווען, נאָר צו דערהאַלטן הויך די פאָן פון דער רעוואָלוציע. ניין, דעמאָלט האָבן מיר נישט געבעטן קיין רחמים, ווייל מיר האָבן געהאַט פאַר אונדז, אָדער קעגן אונדז, אַ ביטערן קלאַסן־שונא, וואָס אַנשטאָט רחמים וואָלטן מיר אים בלויז נעגעבן סאַטיספּאַקציע, אַז אים האָט זיך

איינגעגעבן אונדז צו דערגרינדעריקן. האָבן מיר טאַקע פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן, מוטיק געשוויגן ווען מע האָט פון אונדז געוואָלט עפּעס געוואויר ווערן, און גערעדט האָבן מיר נאָר דעמאָלט, ווען מיר האָבן געוואָלט אַרויסזאָגן אונדזער קרעדאָ. מחמת דעם האָבן מיר דעמאָלט נישט געבעטן קיין רחמים. מיר האָבן נישט געבעטן קיין גערעכטיקייט, ווייל מיר האָבן אַזאַ גערעכטיקייט נישט געהאַט ביי וועמען צו בעטן. ביי וועמען זאָלן מיר געוועזן בעטן גערעכטיקייט, ביים שונא, ביים קלאַסן-שונא, וואָס האָט געהאַלטן פאַר „גערעכט" נאָר דאָס וואָס איז געווען אין אינטערעס פון אים און זיין קלאַס?! ... היינט, אויך היינט ווייל איך נישט בעטן קיין רחמנות נישט אויף מיר, וואָס האָב היינטער מיר אַ געטרייע איבערגעגעבענע טעטיקייט, וואָס קיינער וועט נישט וואַגן צו שטעלן אין ספק. איך בעט אויך נישט קיין רחמנות אויף מיין מאַן, וואָס איז מסתמא (מסתמא? פאַר וואָס זאָל זי נישט שרייבן אַז „גאַנץ זיכער"?!) אויך פּונקט אַזוי אומשולדיק ... נאָר, אויב עס איז יאָ פאַראַן אַ חשד, אַז ער האָט אין אַ געוויסן מאָמענט אַרויסגעוויזן אַ שוואַכקייט און נישט דעמאַסקירט צו דער צייט זיין געוועזענעם שעף, איז עס דאָך רעכט פון מיר, און אויך פון אים, פּונקט אַזוי פון יעדן ערלעכן פּאַרטיי-מיטגליד, וועמען עס איז טייער דער כבוד און דער פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי, אַז מע זאָל מאַכן אַן אָביעקטיווע אויספאָרשונג, כדי מע זאָל פעסטשטעלן אויב ער האָט עפּעס אַ שולד? פאַר וואָס איז ער שוין ווי פאַרמשפּט געוואָרן, נאָך איידער די אויספאָרשונג האָט זיך נאָך אָנגעהויבן? ... נאָך מער, אַפילו די שולד פון זיין געוועזענעם שעף, וועמען ער האָט געדאַרפט דעמאַסקירן, איז דאָך אויך נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן?!...

אָט פאַר וואָס איך האָב קיין שום סיבה נישט אויף צו בעטן רחמנות, נישט אויף מיר, ווי געזאָגט, נישט אויפן חבר נאום דאַנטשולעסקו (בכיוון האָט זי נישט געזאגט „אויף מיין מאַן", כדי צו האבן די געלעגנהייט אונטערצושטרייכן דאָס וואָרט „חבר", וואָס אַנדערע האָבן עס שוין אויסגעמיטן, שוין איצט, נאָך איידער ער איז פאַרמשפּט געוואָרן!) ... אָבער דאָך וועל איך פאַרבייסן און דערשטיקן אין מיר די ווייטיק און דאָך בעטן רחמנות. יאָ, רחמנות אויפן נאָך נישט געבוירענעם קינד, וואָס איז די פּרוכט פון אַן ערלעך צוזאַמענלעבן פון צוויי חברים, וואָס האָבן געווידמעט זייער גאַנץ לעבן דער באַוועגונג ...

מיט וואָס, זאָגט איך בעט אייך, האָט זיך פאַרשולדיקט דאָס נאָך נישט געבוירענע קינד, אַז איידער סע וועט נאָך קאָנען אַרויסרעדן צום ערשטן מאָל דאָס וואָרט „טאַטע", וועט עס שוין געשטעמפּלט ווערן ווי אַ זון פון אַ ... ווי אַזוי דאָס? אַ נאָך נישט געבוירן קינד זאָל שוין טראָגן אַזאַ שענדלעכן קין-צייכן,

פאר א נישט באַגאַנגענער זינד, פון א קיינעם נישט באַגאַנגענער זינד?... א פאָטער, וואָס וועט אפשר שוין קיין מאָל נישט זען זיין אייגן קינד, זאָל אים איבערלאָזן אַזאַ טרויעריקע ירושה, אַז יענעם זאָל זיין אַ בושה אויף זיין גאַנץ לעבן צו דערמאָנען אפילו זיין נאָמען, נאָר צוליב אַ „טעות" פון אַ נישט נאָרמאַלער צייט, ווען מע האָט נישט קיין צייט און אפשר אויך נישט קיין גוטן ווילן אויף אויסצופאָרשן אויב זיין פאָטער איז טאַקע באמת געווען שולדיק אינעם חטא פון נישט דעמאַסקירן זיין אייגענעם שעף, וועלכער האָט אויך פון זיין זייט באַגאַנגען דעם זעלביקן חטא אַז ער האָט נישט דעמאַסקירט צו דער צייט זיין שעף?! ... אנו, זאָל מען אַ טראַכט טון, זיך שטעלן אין מיין מצב, ווען מיין קינד וועט אויפוואַקסן און אָנהייבן פרעגן שאלות, ווי אַ קינד, יעדעס קינד האָט דאָך אַ טבע ווען סע הייבט קוים אָן רעדן פרעגט עס — וואָס זשע וועל איך אים קאָנען ענטפערן?! וואָס איז געווען זיין פאָטער, וואָס פאַר אַ פאַרברעכן איז זיין פאָטער באַגאַנגען, קענען וועמען, ווער האָט אים פאַרמשפּט, פאַר וועלכן חטא, אַז ער זאָל אים איבערלאָזן אַזאַ שענדלעכן שם פון אַ „תפיסהניק", פון אַן אויסגעשלאָסענעם פון דער געזעלשאַפט, טאַקע פון דער נייער געזעלשאַפט, פאַר וועלכער ער גופא, צוזאַמען מיט זיין מוטער, דאָס הייסט מיט מיר, האָבן ביידע געקעמפּט ביז מע האָט זי געזען פאַרפעסטיקט?... אנו, זאָל מען מיר געבן אַן עצה, איצט ווען עס איז נאָך אפשר צייט איבערצוטראַכטן און אויספאָרשן אָביעקטיוו, אנו, זאָל מען מיר זאָגן, וואָס זאָל איך דעמאָלט זאָגן פאַר מיין־זיין קינד?...

... איך וויל אפילו נישט אַ טראַכט טון אויף איין רגע, אין וועלכן מצב דאָס נאָך נישט געבוירענע קינד וועט זיך געפינען, ווען סע וועט אונטערוואַקסן, סע וועט אָנהייבן גיין אין שולע, סע וועט זיך שפּילן צווישן אַנדערע קינדער, ווען יעדעס קינד וועט זיך באַרימען אַז זיין פאָטער איז... אַז יענעמס פאָטער איז... וואָס וועט ער זאָגן אַז עס איז זיין פאָטער? וואָס וועט ער קאָנען ענטפערן, ווען די קינדער וועלן אים פרעגן וואו עס איז זיין פאָטער, וואָס עס איז געווען זיין פאָטער, וואָס? אַ פאַררעטער, איינער וואָס האָט נישט באַוויזן צו דעמאַסקירן זיין אייגענעם שעף, וועלכער איז אפשר געווען אַ ... וואָס וועט ער קאָנען ענטפערן פאַר זיינע שול־חברים מיט וועלכע ער וועט זיך שפּילן אין די אומשולדיקע קינדערישע שפּילן, אַזוי ווי סע שפּילן זיך מסתמא אויך אייערע קינדער, אייערע, איר וואָס האָט דעם גורל פון זיין פאָטער אין אייערע הענט, און אַנשטאָט צו טראַכטן ערנסט וואָס צו טון מיטן דאָזיקן גורל, פאַרטראַצעט מען אים, לייכטזיניק, ווי קאָרטן־שפּילער דאָס נישט פאַרהאַרעוועטע געלט, וואָס

ער פֿאַרשפּילט עס מיט דער זעלביקער לייכטזיניקייט, פּונקט אַזוי ווי ער האָט עס אפֿשר פֿריער געוואונען פֿון דעם אַנדערן קאָרטן־שפּילער?!... אפֿשר וואָלט איר טאַקע אַ טראַכט געטון אַז דאָ האַנדלט זיך נישט אין קאָרטן־שפּיל, אין וועלכע קינדער האָבן איינגעלייגט קנעפּלעך אָנשטאָט מינצן, אַז דאָ האָט מען נישט איינגעשטעלט קיין מינצן אין דאָזיקן טרויעריקן טראַגישן שפּיל, נאָר ממש אַ מענטשלעכע נשמה, אַ לעבן פֿאַר וועלכן... ניין, נישט וועגן זיין לעבן, צי אַפֿילו וועגן מיין לעבן, רעד איך דאָ. ניין, איך האָב דאָך שוין געזאָגט פֿון פֿריער, אַז איך וויל ביי קיינעם נישט בעטן קיין רחמנות, איך מוז אָבער בעטן, אויך קעגן מיין ווילן אָדער אַפֿילו איבערצייגונג, רחמנות, יאָ, אויב עס איז נייטיק אויך רחמנות פֿאַרן קינד וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן, אויב עס געפֿינט זיך נישט קיין יושר פֿאַר זיין פֿאָטער"...

... בעטי האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט שוין מער נישט געקאָנט שרייבן ווייטער. וואָס זאָל זי שרייבן ווייטער? סע וועט דען עפּעס העלפֿן?! אדרבה, זי האָט דאָך געפֿילט אַז אַזוי ווי זי האָט זיך פֿאַרגאַלאָפּירט אין איר שרייבן די „מעמאָריע" וועט זי גאָרנישט פּועלן. אדרבה, זי האָט שוין געזען אַז בלויז פּונעם טאָן, מיט וועלכן זי האָט זיך פֿאַמעלעך אַריינגעגליטשט אינעם שרייבן איר בקשה, האָט זי דאָך געזען אַז העלפֿן וועט עס נאָר אויף צו פֿאַרערגערן איר אייגענעם מצב. יאָ, נאָך אַזאַ מעמאָריע וועט מען נאומס מצב נישט פֿאַרלייכטערן. אדרבה, מע וועט זי אַריינלייגן אין זעלביקן קעסעלע ווי אים, מע וועט זיי ביידע... און דעמאָלט? וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט איר נאָך נישט געבוירענעם קינד, וואָס וועט עס דעמאָלט קאָנען ענטפֿערן, ווען מע וועט אים פֿרעגן נישט בלויז אויפֿן פֿאָטער, נאָך אויך אויף זיין מוטער, וועלכע איז באַגאַנגען נישט קיין אַנדערן חטא, ווי אָנשטאָט זיך אָפּצוזאָגן פֿון איר מאַן, דעם קינדס פֿאָטער, זי זאָל אים „דעמאַסקירן" ביי דער זיצונג, ווען מע וועט דיסקוטירן דעם „פֿאַל", אָנשטאָט זי זאָל קומען מיט „אַן אָפֿן הארץ" און מוטיק דעמאַסקירן יענעם וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין די רייען פֿון דער פּאַרטיי, האָט זי זיך פֿאַראייניקט מיט די שונאים פֿון דער פּאַרטיי כדי אונטערצוגראָבן פֿון אינעווייניק... אָנשטאָט דעם, קומט זי מיט אַזאַ מעמאָריע, וואָס באַשולדיקט גאָר יענע וואָס משפּטן?! ניין, אַזוי וועט זי קיין יושר נישט געפֿינען, און רחמנות אוודאי נישט.

זי האָט אויפֿגעהערט דאָס שרייבן.

... ווען מע זאָל קאָנען אַלע מאָל אויפקלערן, יעדן פאַל באַזונדער, פאַר וואָס א מענטש האַנדלט אין א געוויסן מאָמענט אַזוי און נישט אַנדערש...

די מענטשן, וועלכע זעען אויס צו זיין אַזעלכע פאַרשטענדיקע ווען סע האַנדלט זיך אין די עניגים וואָס אינטערעסירן נישט זייער אייגענע פּערזאָן, פאַר וואָס זענען זיי דעמאָלט אַזעלכע פאַרשטענדלעכע, אַז זיי קאָנען געבן אַזעלכע גוטע עצות, ממש ווי פון א חכם — און די זעלביקע מענטשן, ווען סע האַנדלט זיך אין זייערע אייגענע אינטערעסן, אין זייער אייגענער פּערזאָן, אויך אין די וויכטיקסטע פּראָבלעמען זייערע — זענען זיי נישט ביכולת ארויסצוּווייזן די מינדסטע פאַרשטענדעניש און אדרבה, דעמאָלט באַגייען זיי די גרעסטע נאַרישקייט, אַז מע שטייט און מע וואונדערט זיך: ווי איז עס מעגלעך געווען, אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל באַגיין אַזא שטות? ...

... אין דער גמרא איז פאַראַן אַן ענלעכער פאַל, וואָס מע וואָלט געקאָנט נעמען פאַר א מעטאַפער: „אין אדם רואה נגע עצמו“. פאַרצייטנס, אַז א מענטש האָט געהאַט א מכה, א געשוויר, האָט ער געדאַרפט גיין זיך ווייזן צו א כהן (אַנשטאָט צו א דאָקטער!), אַז ער זאָל זען אויב עס איז אַן אַנשטעקנדיקע מכה, און ער מוז איזאָלירט ווערן אָדער נישט. דער כהן האָט ארויסגעזאָגט „טהור“ אָדער „טמא“. ווידער אַז דער כהן גופא האָט געהאַט אַזא מין מכה, האָט ער געדאַרפט גיין זי ווייזן צו אַן אַנדערן כהן, ווייל — קיינער קאָן נישט זען און אורטיילן וועגן זיין אייגענער מכה... ווען סע האַנדלט זיך וועגן זיין אייגענער מכה איז ער שוין מער קיין „פאַרשטענדיקער“ נישט, און קאָן באַגיין א נאַרישקייט.

בעטי איז טאַקע באַגאַנגען די דאָזיקע נאַרישקייט. ניין, פאַרברעכן, ווען זי האָט די מעמאַריע יאָ אוועקגעשיקט...

# 7. עלנט

... ווען בעטי איז צו זיך געקומען, האָט זי געעפנט די אויגן ווי א נייגע־בוירענע. זי האָט קודם נישט געוואוסט וואו זי געפינט זיך, פונקט אזוי ווי ווען איינער פארלירט זיין זכרון, און ווייסט נישט גאָרנישט וואָס עס איז מיט אים געשען ביז אין דער דאָזיקער מינוט. אלץ הייבט זיך ביי אים אָן מיט „היינט". עס איז ווי א ווייס בייגעלע פאפיר, אויף וועלכן עס איז נאָך נישט גאָרנישט אָנגעשריבן, קיין איינציק אות נישט. אלץ איז ערשט ביים אָנהייב. יאָ, אזוי האָט זיך געפילט בעטי אין די ערשטע מינוטן, ווען זי האָט זיך דערזען אין דער שפיטאָל, אליין אין א סאלאָן, מיט נאָך איין ליידיק בעט, אויף וועלכן סע זעצט זיך פון מאָל צו מאָל די קראנקן־שוועסטער וואָס קומט און גייט, שלייכט זיך ווי א קוים אָנזעעוודיקער ווייסער שאָטן, וועלכע זי האָט קודם באמערקט ווי אין א חלום, דערנאָך ווי דורך א טול, דערנאָך שוין א ביסל קלאָרער, אז זי קומט זען וואָס זי טוט, טוט א טאפ איר דופק.

בעטי האָט זיך געפילט פארלייכטערט פון דער משא, וואָס האָט געדרוקט איר בויך, איר שווער געמאכט דאָס עטעמען. יאָ דער בויך אירער איז נאָך אלץ ווי אויפגעשוואָלן, אָבער זי האָט שוין נישט געפילט דאָס קינד אין איר ... הייסט עס, האָט זי זיך אָפגעגעבן חשבון, אז איך בין שוין איבערגעקומען, איך האָב שוין געבוירן ... און מער האָט זי נאָך נישט געוואוסט גאָרנישט, נישט ווי אזוי עס איז געשען, נישט אפילו ווי אזוי זי איז אהער אָנגעקומען אין דאָזיקן שפי־טאָל, גאָרנישט ווייסט זי נישט גאָרנישט, ביז ווי לאנג אָדער זי וועט זיך אליין עפעס דערמאנען, אָדער עמעצער וועט עס איר דערציילן. אָבער ווער?

אחוץ דער קראנקן־שוועסטער, וועלכע האָט איר געמאכט צו רעגולערע שעהען די איינשפריצונגען און צון איר אזוי פריינדלעך געשמייכלט און גאָרנישט גע־רעדט, האָט זי דאָך נאָך מיט קיינעם נישט מיט וועמען צו רעדן א וואָרט.

זי האָט געפרואווט עפעס פרעגן די קראנקן־שוועסטער, נאָר יענע האָט מיטן זעלביקן „שוועסטערישן" שמייכעלע זי בארואיקט און זי געבעטן אז זי זאָל

האָבן געדולד און נאָך נישט רעדן, ווייל זי טאָר זיך נישט באַמיען אפילו אַרויס־צורעדן עטלעכע ווערטער, זי דאַרף זיך אויסרוען... יאָ, זי וועט אַלץ געוואויר ווערן צו דער צייט, אָבער לעת־עתה דאַרף זי אפילו זיך נישט מאַטערן וואָס און ווי אַזוי, זי האָט דאָך צייט, זאָל זי קודם רוען...

אָבער ווי קאָן מען רוען, אַז די געהירן רוען שוין נישט. זי האָט דאָך אָנגע־הויבן צו שטעלן פראַגן זיך אַליין, וואָס עס איז געשען, ווי אַזוי איז עס געשען, ווער האָט זי אינטערנירט אַהער, ווי אַזוי האָט זי געבוירן, און דאָס קינד?... זי האָט עס דאָך בכלל נאָך נישט געזען און נישט געהערט?...

אומזיסט זאָגן געוויינטלעך די דאָקטוירים פאַר די פּאַציענטן, אַז מע דאַרף רוען און אפילו נישט טראַכטן וועגן גאָרנישט, נאָר וועגן געזונט ווערן, ווען דער מוח רוט נישט, נאָר שטעלט פראַגן, פאַרקייטלטע איינע און דער אַנדערער. אומזיסט וויל מען אַז דער חולה זאָל זיין רואיק, ווען ער קאָן עס נישט זיין?! ווי אַזוי, למשל, וואָלט מען געוואָלט אַז אַ מוטער, וואָס וועקט זיך קוים אַדורך ווי פון אַ חלום אָדער אפילו אַ קאָשמאַר, און דערוואוסט זיך, נאָך דעם ווי זי האָט זיך אַדורכגעוועקט פון דער אַנעסטעזיע, אַז זי איז שוין אַ מוטער, אָבער דאָס קינד ווייזט איר נאָך קיינער נישט?!...

אָנו, טראַכט זיך בעטי, און אַ צופרידענער שמייכל צעגיסט זיך אויף איר בלייך געזיכט, וואָס האָט זי געבוירן אַ יינגעלע צי אַ מיידעלע?... יאָ, בעסער וואָלט, דאַכט זיך, געווען פאַרן קינד און אפילו אויך פאַר איר מצב, אַז סע זאָל זיין אַ מיידעלע. סע וואָלט בעסער געווען אַזוי. אַ מיידעלע שטעלט ווינ־ציקער פראַגן, סע שטעלן זיך ווינציקער פּראָבלעמען אין אַ געוויסער הינזיכט. אַ מיידל פאַרלירט זיך, ווי אַ נעפּל אין אין־סוף, ווען זי האָט חתונה, אַז אפילו דער נאָמען פאַרלירט זיך...

נו, אויב בעטי איז שוין דערגאַנגען צו אַזעלכע מחשבות, האָט זי געקאָנט זיך באַהערשן און נישט שטעלן קיין פראַגן?! האָט זי טאַקע צוגעמאַכט די אויגן, גלייך זי וואָלט געוואָלט זיין אָפּוועזנט פונעם אַרום ביז די קראַנקן־שוועסטער וועט צוריק קומען. אָבער אַז זי וועט שוין יאָ אַריינקומען, וועט זי זי שוין נישט אָפּלאָזן ביז זי וועט איר נישט אויפקלערן כאָטש דאָס מינדסטע וואָס זי האָט דאָס רעכט זיך צו דערוויסן. אויב זי איז שוין יאָ אַ מוטער, איז מעג זי דאָך וויסן וואָס זי האָט געבוירן?... און טאָמער לעבט נישט דאָס קינד? האָט זיך ביי איר איינגעבויערט אַזאַ פראַגע, וואָס וואָלט יעדן נאַטירלעכן מענטשן גע־קומען אויפן געדאַנק אין אַזעלכע באַדינגונגען. איז עס דען דער ערשטער פאַל, אַז אַ קינד וואָס ווערט געבוירן פאַר דער צייט, ווי עס איז געשען ביי איר, זאָל

ניִשט איבערלעבן?! ... אָט דאָס האָט נאָך מער געשטערט איר רו, וואָס זי האָט
געוואָלט מיט איר גוטן ווילן אויף זיך ארויפצווינגען. זי האָט געעפנט ברייט
די אויגן, אָן דעם זי זאָל זיך רירן אָדער אויסדרייען אויף א זייט, ווייל יעדער ריר,
יעדע מינדסטע באוועגונג, האָט דאָך איר געמאכט אזעלכע ווייטיקן, גלייך זי
וואָלט געהאט צעקרישלט גלאָז אין איר בויך ... איז זי געלעגן, ווי מע זאָגט,
„אויף געהאקטע וואונדן" און געווארט. יאָ, געווארט. אָבער דער מוחווארט
ניִשט, ער מאָלט אין דער פאָרשטעלונג בילדער פון די סאמע שווארצסטע חלו-
מות אויף דער וואָר. און פאמעלעך, פאמעלעך, ווי א גנב אויף די שפּיץ פינגער,
האָבן זיך פאר איר צוריק אויפגעוויקלט אירע זאָרגן פון ערב ... ערב וואָס?
אפילו דאָס ווייסט זי דאָך אויך נאָך ניִשט אויף קלאָר, וואָס עס איז געווען איר
„ערב", ווייל דער פאָדעם פון איר זכרון האָט זיך דאָך איבערגעריסן אין דער טיף,
שוין פון לאנג, גלייך סע וואָלט געווען אן אייביקייט, הגם עס איז ניִשט געווען
מערער ווי צוויי-דריי טעג, דאכט זיך.

צו ביסלעך זענען איר צוריק געקומען די בילדער, וואָס זענען געוואָרן
פארשטויסן פון די ווייטיקן וואָס האָבן זיך באוויזן פאר דער צייט און זי תיכף
אויעקגעלייגט און אָנגעוואָרן דאָס באוואוסטזיין. טאקע מחמת די מאָראלישע
ווייטיקן זענען געקומען אויך די פיזישע און ארויסגערופן די געבורט פאר
דער צייט. איצט, אז זי האָט זיך שוין יאָ אדורכגעוועקט סיי פון די נארקאָטיקן,
סיי פון איר פארשלאָפענער אָדער פארחלומטער וועלט, האָבן זיך ווידער גע-
יאוועט די זאָרגן: נאום, זי, און דאָס „שוין געבוירענע קינד' ...

יאָ, די קראנקן-שוועסטער האָט איר שוין קוים געזאָגט, מיטן זעלביקן
שמייכעלע, דעם גוט-ווילּיקן, אז יאָ, זי האָט שוין געבוירן א קינד, הגם עס איז
נאָך זייער א שלאבעריקס, קוים האָט עס געוואויגן צוויי קילאָגראם, אָבער סע
לעבט. אמת, מע פלאָגט זיך מיט אים, סע ליגט נאָך אין וואטע ווי אן אתרוג צי
אן אבן-טוב, אָבער סע לעבט ... די דאָקטוירים באמיען זיך עס צו דערהאלטן·
גיין, זי דארף זיך ניִשט מאכן קיין זאָרגן, זי דארף עס נאָך ניִשט זייגן. זי קאָן
עס אפילו נאָך ניִשט זייגן, אָבער מע שפּייזט עס קינסטלעך ... סע וועט מסתמא
איבערלעבן. אזוי מיינען די דאָקטוירים. די הויפּט-זאך איז איצט ניִשט דאָס
קינד. זי איז איצט די זאָרג פון די דאָקטוירים, ווייל זי האָט פארלוירן צו פיל
בלוט ... אָבער אז זי איז שוין יאָ באוואוסטזיניק, איז דאָך שוין א גוטער סימן.
איר האָט ניִשט געזען פריער דעם דאָקטער, ווען ער איז דאָ געווען און אייך
באהאנדלט? איר האָט דאָך, דאכט זיך, יאָ געענטפערט אויף זיינע פראגן, אויף
זיינע אויפמונטערנדיקע ווערטער? האָט איר דאָך געהערט פון זיין אייגן מויל,

אז אלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג, נאָר איר דאַרפט זיך אויסרוען... אַלץ איז אין דער בעסטער...

ווי אַזוי דאָס, טראַכט זיך בעטי, דער דאָקטער איז געווען ביי איר, זי האָט אפילו געענטפערט אויף זיינע עטלעכע פראַגן — און איצט דערמאָנט זי זיך אפילו נישט וועגן דעם? מסתמא איז זי נאָך געווען פאַרשלאָפן און געענט־פערט פון חלום...

דער דאָקטער איז שפּעטער ווידער געקומען. מסתמא האָט אים די שוועס־טער מודיע געווען אַז דער פּאַציענט איז צו זיך געקומען און מע קאָן שוין מיט איר רעדן. איז ער ווידער געקומען:

— מזל־טוב אייך, איר האָט א שיינעם ברונעטן יינגאַטש! — האָט דער דאָק־טער כמעט אויסגעשריגן, מיינענדיק אַז מע הערט אים נישט, מיט האָפּערדיקע אויפמונטערנדיקע רייד, ווי געוויינטלעך ער טוט עס מיט יעדער יולדת — וועל־כער האָט אונדז אָנגעטון געגוג צרות, אָבער איצט איז ער שוין אין אָרדענונג... אין דער בעסטער אָרדענונג...

— איך קאָן אים זען? — האָט בעטי קוים אַרויסגערעדט, ווייל די טרערן האָבן זיך ביי איר געשטעלט נישט אין די אויגן, נאָר אין האַלדז און געוואָרגן אַז די רייד האָבן קוים געקאָנט אַרויס אויף אירע בלאַסע ליפּן — איך וויל אים זען.

— נאָר נישט געאיילט — האָט דער דאָקטער פאַרגעזעצט מיט דער זעלביקער פרייליכקייט, גלייך ער וואָלט דערציילט אַנעקדאָטן — מיט דער געבורט האָט איר זיך טאַקע א ביסל געאיילט. איר האָט נאָך געדאַרפט וואַרטן כמעט א קנאַפּן חודש... אָבער איצט דאַרפט איר אייך נישט אײַלן. איר וועט אים זען, איר וועט אים זייגן, אַז נישט נאָר דער יינגאַטש וועט זיך אָנזעטיקן, נאָר אפילו איר גופא וועט אויך זיין זאַט פון זיינע געוואַלדעס...

— הייסט עס, אַז איך האָב געבוירן צו העכער דעם אַכטן חודש? — האָט בעטי זיך געוואונדערט — איך האָב נישט געוואוסט ביז היינט אַזעלכע פאַלן. איך האָב געוואוסט, אָדער מע געבערט צו דער צייט, צו די ניין חדשים, אָדער מע געבערט פאַר דער צייט, א זיבעלע...

— עי, איר האָט באַוויזן אַזא קונצשטיק, וואָס איז נישט געוויינטלעך. און טאַקע צוליב דעם נישט אַזא פרייליכער פאַל — האָט דער דאָקטער זי אויפגעג־קלערט אַז זי זאָל וויסן ווי אַזוי עס איז געשען — איר האָט געבוירן צו דער געפערלעכסטער צייט, ווי מע זאָגט, נישט אַהער און נישט אַהין, צו די אַכט חדשים מיט עפּעס... אין אַזעלכע פאַלן איז דאָס קינד טאַקע זייער האַקלדיק, קאָן קוים אויסהאַלטן די נייע סביבה, עס איז אים איצט פיל שווערער ווי עס איז אים געווען ביי דער מוטער אין בויך. אָבער — האָט דער דאָקטער פאַרענדיקט

מיט א שמייכל וואָס וואָלט אויפגעמונטערט דעם סאַמע פאַרצווייפלטסטן מענטש — דער עיקר איז, וואָס איר זענט שוין געקומען צו די כוחות. מער זענען מיר גע־ווען אין דעם פאַל באַשעפּטיקט און פאַרזאָרגט מיט אייער מצב. אין אַזאַ לאַגע איז די ערשטע זאָרג אונדזערע די מוטער. נו, איצט איז שוין דאַכט זיך פאַרי־בער אַלעס. אי די מוטער אי דער יינגאַטש זענען אויסער יעדער געפאַר...

— ווי אַזוי איז עס געשען? — האָט בעטי קוים אַרויסגערעדט, אַז מע האָט זי קוים געהערט.

— דאָס וועט איר נישט געוואויר ווערן פון אונדז — האָט דער דאָקטער געזאָגט — אדרבה, דאָס וועט איר אונדז קאָנען אויפקלערן... איר האָט אויפ־געהויבן א משא? איר האָט געהאַט אַן אויפרעגונג? וואָס איז געשען ערב דער „קריזע“. ווען מע האָט אייך אהער אינטערנירט?...

בעטי האָט צוגעמאַכט די אויגן. זי האָט געפילט אַז די אויגנלעפלעך פאַלן שווערע און שליסן זיך ווי ביים איינשלאָפן אָדער ביים חלשות. זי איז נישט געווען בכוח צו ענטפערן, אפילו וואָס זי האָט יאָ געוואָלט זאָגן דעם דאָקטער, האָט זי נישט געהאַט קיין כוח, ווייל סע האָט זיך אָנגעהויבן צו ראָלן פאַר אירע אויגן יענער פילם, דער טראַגישער פילם, וועלכער סע האָט זיך איבערגעריסן אין סאַמע ראָלן, ווען זי איז געווען אונטערן מאַראַלישן דרוק, ווען זי האָט נאָך געקאָנט איבערגעבן איר „מעמאַריע“ אָבער איז שוין נישט געווען בכוח צו גיין אַליין אהיים, מע האָט איר געדאַרפט העלפן... זינט דעמאָלט ווייסט זי דאָך שוין גאָרנישט, וואָס עס איז מיט איר געשען.

איצט הערט זי, ווי דער דאָקטער פרעגט זי צי זי האָט אויפגעהויבן א „משא“. אוי, וואָס פאַר א שווערע משא זי האָט אויפגעהויבן.. אָבער נאָך מער, זי האָט דאָך די משא נאָך נישט „אַראָפּגעלייגט“, זי פילט דאָך די משא נישט אויף אירע אַקסל, ווי געוויינטלעך מע טראָגט א משא, נאָר זי פילט די משא אויף דער ברוסט, זי קאָן קוים עטעמען... קאָן זי דאָס זאָגן דעם דאָקטער? איז זי געלעגן מיט די צוגעמאַכטע אויגן, כדי אויסצומיידן געבן אַן ענטפער, וואָס זי האָט נישט געקאָנט געבן... דער דאָקטער האָט באַמערקט, אַז זי וועט אים שוין איצט נישט ענטפערן, האָט ער א ווינק געטון דער קראַנקן־שוועסטער, אַז זי זאָל מיט אים אַרויסגיין פונעם סאַלאָן, אָבער ער האָט זי ווידער געשיקט איר מאַכן אַן איינשפּריץ, זאָל די פּאַציענטין שלאָפן, וואָס מער שלאָפן, א מעת־לעת צי אפילו צוויי, זאָל זי א ביסל צו זיך קומען זיך שטאַרקן אין די כוחות. ער איז דאָך געווען נישט נאָר א גינעקאָלאָג, במשך זיין לאַנגער פּראַקטיק האָט ער דאָך שוין געהאַט נישט איין פאַל, ווען דער חולה האָט מער געליטן פּסיכיש

ווי פיזיש, סיי ווען עס איז געשען, ניין, בפרט ווען עס איז געשען ביים גע־בורט פון א נישט חתונה־געהאט מיידל? .. נו יאָ, די דאָזיקע פרוי איז טאקע יאָ פארהייראט, אָבער קיין שום מאן האָט זיך דאָך נישט געמאָלדן זיך צו אינטע־רעסירן זינט זי איז דאָ אינטערנירט, וועגן איר מצב ... יאָ, עפּעס א פרוי, דאכט זיך, אז זי האָט געזאָגט אז זי איז א שכנטע אָדער א מומע, א באָבעס א צוואָק. מסתמא יענע וואָס האָט זי אהער געבראכט. מער האָט קיינער זיך נישט אינטע־רעסירט ...

# 8. אָווידיו – עובדיה

ווען דער דאָקטער האָט געהאַלטן אַז בעטי איז שוין בכוח צו פּרוּוון אָנזייגן איר קינד, האָט מען איר געבראַכט אַ בינטעלע, פאַרדעקט און איינגעהילט אַ פּיצינקע באַשעפעניש,. וואָס מע האָט געזאָגט אַז אָט אַ דאָס איז איר קינד, זאָל זי עס אָנזייגן...

בעטי האָט מיט ציטערנדיקע הענט, נישט בלויז פון שוואַכקייט, נאָר אויך פון אַ פאַרשטענדלעכער עמאָציע, גענומען דאָס בינטלע, אָוועקגעשאַרט פונעם קליינעם פּנימל דאָס טיכעלע און דערזען... זי האָט שיער נישט געחלשט, אָבער זי האָט זיך געמוזט שטאַרקן, זיך מאַכן כאָטש גלייכגילטיק, כדי נישט צו פאַרראָטן אירע געפילן בעת די קראַנקן־שוועסטער קוקט איר נאָך יעדע באַוועגונג, יעדע גרימאַסע, שוין פון געוואוינהייט, ווי אַזוי זי וועט רעאַגירן אויפן ערשטן בליק אויף איר נאָר וואָס געבוירן קינד.

—דאָס קינד איז מיינס? — האָט בעטי געפרעגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, וואָס האָט מער אויסגעזען ווי אַ צוריקגעהאַלטן קראַמפּן — עס איז דאָך שוואַרץ ווי אַ נעגער? — זי האָט שיער נישט געזאָגט „ווי אַ קראָ“ אָבער זי האָט זיך דערמאַנט אַז אַזוי מאַכט מען חוזק פון די ציגיינער...

— עס איז אַ שיין „ציגיינערל“ — האָט די שוועסטער געזאָגט, ווי געוויינטלעך מע פאַרצערטלט אַ שיין קינד. זי האָט דאָך נישט געהאַט פון וואַנען צו ווייסן אַז איר זאָג, וואָס אין אַן אַנדערן פאַל איז עס אַ שפּאַס, איז איצט אַ שטאָך־וואָרט — מיט געקרייזלטע האָר, וואָס הלוואַי וואָלט איך זיי געהאַט, וואָלט איך איינגעשפּאָרט גיין יעדן מיטוואָך און דאָנערשטיק צום קאָאַפּאָר...

בעטי האָט שוין נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר פּאַמעלעך, מיט נישט דערפאַרענע באַוועגונגען אַרויסגענומען איר כמעט אָנגעשוואָלענע ברוסט און אים געשטופּט אין מיילעכל אַריין... קודם האָט דאָס קינד נישט געוואוסט וואָס מע וויל פון אים, אָבער די קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָט דאָך שוין יאָ אַזוי פיל דערפאַרונג, האָט אַרויסגעהאָלפן, אַריינגעשטופּט דאָס ווערצעלע פון דער

מוטערם ברוסט אין ברוינעם מיילעכל, וואָס האָט נישט געעפנט די אויגן אָבער דאָך אָנגעהויבן זויגן, אַז באַלד האָט בעטי דערפילט ווי א שטאָך אין דער זייט, גלייך מע וואָלט איר אריינגעשטאָכן א נעדעלע. אָבער פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט זי זיך צוגעוווינט און זי האָט געפילט אזא אָנגענעם געפיל, גלייך מע וואָלט זי געגלעט איבער דער ברוסט, איבערן פּנים, איבערן קאָפּ, מע וואָלט זי געלאַשטשעט, אַזוי ווי זי האָט עס נאָך קיין מאָל נישט געפילט... מסתמא, האָט זי געטראַכט, אָט דאָס הייסט זיין א מוטער.

בעת זי האָט געזייגט דאָס קליינע אומשולדיקע-שולדיקע נפשל... איז אָנגעקומען דער ערשטער באַזוכער (סע זענען דען געקומען אויך אַנדערע?) וואָס איז איר געקומען ברענגען א בלום... און אויך א בשורה. מאַרסעל, יאָ-יאָ, יענער מאַרסעל, וועלכן זי האָט געהאַלטן אַז ער איז נישט ווערט מע זאָל אים ענטפערן אויף זיין „גוטן-טאָג", טאַקע אָט יענער, דער איינציקער פון אירע חברים אָדער פריינד, גוטע פריינד, וואָס האָבן זיך פריער געהאַלטן מיט איר פאַר איינענע... זי האָט דאָך שוין כמעט נישט קיין אַנדערע משפחה ווי אירע חברים. אָט יענע קומען נישט זען וואָס זי טוט, צי זי לעבט צי נישט, צי זי האָט געבוירן צי „אָפּגעוואָרפן"... יאָ, מאַרסעל איז איצט געקומען און איר דערלאַנגט די בלום, א שעמעוודיקער, ווי סע קומט באַגרוסן א געליבטער, נאָר אַזוי פיל וואָס זיין צוריקגעהאַלטנקייט איז נישט געווען פון קיין אמתן געליבטן, נאָר פון איינעם וואָס איז געקומען פאַר רחמנות, וואָס איז געקומען איר אָנטראָגן אָדער פירלייגן אַז זי זאָל זיך גוט באַטראַכטן די זאַך און אפשר אריינגעבן אויף א גט... ער וועט עס דערלעדיקן, אַז סע זאָל זיך נישט פאַרציען ביז ווער ווייסט ווען, איין איין וואָך-צוויי און — פאַרטיק...

בעטי האָט זיך איינגעהאַלטן, הגם עס איז איר אָנגעקומען שווער. זי האָט אים געוואָלט ארויסטרייבן ווי ווען מע טרייבט ארוים א קרעציקן קויטיקן הונט, אַז ער זאָל נישט פאַרשמירן די פּאָדלאָגע מיט זיינע בלאָטיקע לאַפּעס, זי האָט זיך איינגעהאַלטן, נאָר שטיל געפרעגט:

— פאַר וואָס מיינסטו אַז איצט, ווען איך בין דאָ אין שפּיטאָל און האָב געבוירן אָט דאָס פּיצינקע קינדעלע — זי האָט עס געווינגט פאַר זיינע אויגן; אים עס צו ווייזן — אָט דאָס שוואַרצינקע קינדעלע (זי האָט שיער נישט ארויסגעזאָגט „דאָס ציגיינערישע קינדעלע"!), זאָל עס בלייבן ווי א יתום פון דעם אומשולדיקן פאָטער?...

— חברטע בעטי, גלייב מיר אַז איך וויל בלויז דיין טובה. קיינער ווייסט נישט אַז איך בין צו דיר געקומען, און איך וואָלט אפילו נישט געוואָלט מע

זאָל עס וויסן — האָט ער געזאָגט מיט אן אויפריכטיק פארזאָרגטער מינע — גלייב מיר אז איך וויל דיין טובה... מע קאָן דאָך איצט דעם מצב נישט ענדערן. איז טאקע אין אינטערעס, ווי דו זאָגסט, פונעם דאָזיקן קינד, אז דו זאָלסט דיך גטן... דו מוזסט דאָך ראטעווען וואָס מע קאָן נאָך אָפּראטעווען...

— וואָס זאָל איך ראטעווען? — האָט זי זיך ווי צעשריגן — ווען זאָל איך ראטעווען, מיך, אים, דאָס קינד?!... פון וואָס זאָל איך עס ראטעווען?!...

— איבעריקנס — האָט ער שוין געזאָגט א ביסל אָפּהענטיק ווי א רעזיג־ניהטער — דו וועסט עס נאָך צייט האָבן צו באטראכטן...

מארסעל איז אוועק, כמעט אומגעזעגנט. עס איז אריינגעקומען דער דאָק־טער, וועלכער האָט געוואָלט פארשרייבן דאָס ניי־געבוירענע קינד, מוז מען דאָך אים געבן א נאָמען...

בעטי איז געווען ביי דער מיינונג אז... זי האָט געזאָגט, אז מע זאָל זי לאָזן א שעה־צוויי צייט איבערצוטראכטן, ווייל זי האָט אפילו נאָך נישט גע־טראכט ביז איצט אז זי דארף געמען אָט דעם דאָזיקן באשלוס אָנעם פאָטער. יאָ באלד, שפּעטער א ביסל, וועט זי זאָגן וואָס פאר א נאָמען מע זאָל געבן דעם יינגעלע... נאָך איידער דער דאָקטער וועט אהיים גיין צום מיטאָג.

זי האָט געטראכט, אז בעסער וואָלט געווען צו געבן א „נייטראלן‟ נאָמען. מע זאָל נישט זיין קיין ספּעציפישער נאָמען. נישט פון דעם און אויך נישט פון יענעם — בעסער וואָלט געווען א נאָמען, א לאטיינישער, למשל, וואָס וואָלט געקאָנט זיין גילטיק פאר... אויך פאר איר, אויך פאר אים, פאר נאומען, ווען ער וואָלט איצט דאָ געווען. זי מוז דאָך איצט טראכטן פאר ביידע. דער באשלוס וויל זי זאָל זיין גילטיק פאר ביידע. האָט זי זיך שואל־עצה געווען מיט אים, אין געדאנק: אָווידיו... דאניעל... גאבריעל...

יעדער איינער פון אָט די נעמען וואָלטן געקאָנט זיין אויך יידישע, ווען מע וואָלט געוואָלט זאָגן: עובדיה, דניאל צי גבריאל...

דווקא איצט, ווען זי איז געלעגן אין שפּיטאָל, פארגעסן און פארלאָזט פון יעדן, קיין איין חבר איז נישט געקומען זיך אינטערעסירן מיט איר געזונט, צי מיט איר גורל — דווקא איצט איז איר געקומען אין זינען, אז פאר איר וואָלט גאָר פּאסיק געווען אז איר קינד זאָל טראָגן אזא מין נאָמען... ווען זי האָט עס געזאָגט דעם דאָקטער, האָט יענער געשמייכלט, אז ער קאָן פארשרייבן בלויז איין איינציקן נאָמען, נישט דריי. נאָר אין פאל, ווען זי וויל דווקא אז דאָס קינד זאָל האָבן דריי נעמען, דאָס וועט פאר אים זיין נישט אָנגענעם, ווען ער וועט אין שולע, אין מיליטער... איז זאָל זי זיך אנטשליסן: אָווידיו?

— יאָ, אָווידיו! — האָט זי מסכים געווען.

— בלייבט עס „אָווידיו“ — האָט דער דאָקטער אויפגעשריבן און צוגעגעבן

— עס איז א שיינער לאטייניִשער נאָמען, נאָכן פארגלותטן רוימישן פּאָעט, וועלכער האָט געלעבט זיינע לעצטע יאָרן ביי אונדז, ביים שווארצן ים, אין דער דאָבראָדזשעא... דאָ, אין דעמאָלטיקן „טאָמיס“ און היינטיקער „קאָנסטאנצא“ האָט ער אָנגעשריבן זיינע בארימטע „עלעגיעס“...

די אסאָציאציעס פונעם דאָקטער, פונעם פּאָעט מיט זיינע עלעגיעס האָבן ארויסגערופן א סימבאָלישע טרויער-שטימונג ביי בעטין, ווען זי האָט געהערט דעם דאָקטערס רעפלעקסיעס.

שפּעטער מיט עטלעכע מינוט האָט איר די שוועסטער געברענגט די מעטריקע פון איר קינד: אָווידיו מארקאָוויטש...

— פאר וואָס „מארקאָוויטש“? — האָט זי א פרעג געטון, ווי אָן איר ווילן.

— דער דאָקטער האָט אזוי פארשריבן — האָט די קראנקן-שוועסטער אומשולדיק געהויבן מיט די אקסלען — מסתמא האָט אים אזוי געזאָגט יענער חבר וואָס איז ביי אייך נאָר וואָס געווען. ער האָט אָפּגעוואָרט, מיט אים עפּעס גערעדט און מסתמא זענען זיי אזוי געקומען צון א הסכם... איר הייסט דאָך אויך ביידע נעמען, אי אייער געבוירן-נאָמען אי אייער מאנס נאָמען... וואָס זשע איז א נפקא-מינה?

בעטי האָט שוין פארשטאנען. עס איז געווען מארסעלס מיינונג. נו, מיט דער שוועסטער האָט זי דאָך נישט וואָס צו פירן קיין וויכוחים, זי האָט דאָך קיין שום שולד נישט דערין. זי איז דאָך בלויז דער שליח...

ווען זי האָט דעם צווייטן טאָג איבערגעפרעגט דעם דאָקטער, האָט יענער אויך געזאָגט דאָס זעלביקע, נאָר עפּעס מער פארהוילענע געדאנקען האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט איצט אין זיינע רייד. זי האָט פארשטאנען, אז דער דאָקטער ווייסט שוין עפּעס מער ווי זי גופא וועגן איר מצב... דאָך האָט זי געפרעגט:

— איך וואָלט געוואָלט, אז מיין קינד זאָל טראָגן אויך זיין פּאָטערס נאָמען

— האָט זי געזאָגט אָן אויפגערעגטע — ער איז דאָך נישט קיין ממזר...

— ווי אזוי איר ווילט — האָט דער דאָקטער געהויבן גלייכגילטיק מיט די אקסלען כדי נישט ארייִנצוגיין אין אן אומאָנגענעמען וויכוח — איך האָב געשריבן ווי אזוי „מע“ האָט געמיינט אז עס איז בעסער... אָבער אז איר ווילט, זוען איר וועט וועלן, וועט מען קאָנען צושרייבן וואָס פאר א נאָמען איר וועט נאָר וועלן. צו דעם איז קיין מאָל נישט צו שפּעט... איך דאָ, אין שפּיטאָל, קאָן שוין גאָרנישט ענדערן. מע טאָר נישט מאכן קיין קאָרעקטורן אין א מעטריקע... דאָס טוט מען בלויז אָדער אין דער פּרימעריע אָדער דורכן טריבונאל...

# 9. „אוי — ווײ“

ביז בעטי האָט געקאָנט ארויס פון שפּיטאָל האָט געדויערט כמעט זעקס וואָכן. די דאָקטוירים האָבן זי נישט געוואָלט ארויסלאָזן פריער. זי פון איין זייט און דאָס קינד פון דער צווייטער זייט, איז נאָך נישט געווען גענוג געשטאַרקט אז מע זאָל זי קאָנען ארויסלאָזן. קודם האָט זי זיך נישט געאײַלט. פשוט, זי האָט נישט געהאט וואוהין זי זאָל זיך אײַלן. אהיים? ווער האָט זי דען געוואַרט אין דער היים? דאָ, אין שפּיטאָל, האָט זי דאָך געהאט לכל־הפחות פאַרזיכערט דאָס נייטיקסטע וואָס זי האָט גענדאַרפט האָבן אי פאַר זיך און אי פאַרן קינד... אין דער היים, ווער און וואָס וואַרט זי? מאָרגנע, זי האָט נאָך קיין מאָל זיך נישט געפילט אזוי עלנט ווי איצט. זי האָט יאָרן לאנג געלעבט אָפּגעריסן אויך פון דעם ביסל רעשטל פון איר משפּחה. זי האָט זיי קיין מאָל נישט דערמאָנט, ביז זי האָט זיי פאַרגעסן. דערנאָך האָט זי שוין אפילו נישט געוואוסט ווער סע לעבט נאָך פון אירע אפילו נישט נאָענטע קרובים און ווער נישט. זי האָט נישט געוואוסט וואו זיי געפינען זיך. זי האָט נישט געוואוסט ווייל זי האָט זיך קיין מאָל נישט צו פיל אינטערעסירט. עס איז איר געווען גענוג — אויף צו פאַרגעדענקען זייערע אַלטע אדרעסעס, ווען זי פלעגט שרייבן די „אויטאָביאָגראַפיעס“ האָט זי שוין געוואוסט צו שרייבן, ווי אַן אײַנגעחזרטן רעפּרען: דער וואוינט דאָ, יענער וואוינט דאָרט. אויב זיי לעבן יאָ צי נישט האָט זיך איר נישט פאַראינטערעסירט. ווי אזוי זיי לעבן — דאָס האָט זי כמעט קיין מאָל נישט געוואוסט, ווייל זי האָט נישט געוואָלט וויסן... וואָס קאָנען זי אינטערעסירן עפּעס „קלײנבירגער“, וואָס פאַרערגערן איר אויטאָביאָגראַפיע, זי האָט דען געהאט אין איר משפּחה כאָטש איין „פּראָלעטאַריער“, ווי אויף א רפואה? צו וואָס זשע דאַרף זי האָבן זייער אדרעס? ... פאַר איר איז געווען גענוג איר נײַע „משפּחה“, די פּאַרטײַ, פאַר איר האָט זי אוועקגעגעבן איר יוגנט, אירע בעסטע יאָרן.

איצט, ווען זי איז געלעגן אויפן שפּיטאָל־בעטל, האָט זי זיך דערפילט אזוי עלנט, אזוי פאַריתומט... פון די אַלע געוועזענע חברים, געוועזענע פרײַנד,

איז זי געבליבן אליין, אליין מיט איר קליין עופעלע, וואָס האָט אזא שיינעם פאַר איר נאָמען: אָווידיו... אָווידיו מארקאָוויטש... פאַר וואָס פלעג זי זיך איצט צו מאָל צעפּעסטען צום קינד און אים זאָגן: „חבר אָווידיו!" ... קיין איינער פון די חברים איז נישט געקומען זען אין שפּיטאָל צי זי לעבט נאָך צי נישט...

מאָדנע, האָט זי זיך געטראַכט, דאָרט ליגנדיק אויפן הארטן בעטל (אַלע בעטלעך פון די שפּיטעלער, הגם זיי זענען פיל ווייכער ווי אין דער היים, זעען זיי דאָך אויס פיל הארטער, ווייל מע ליגט אויף זיי ווי צוגענאָגלט?!), האָט זי דאָך געהאַט גענוג צייט אויף צו טראַכטן, האָט זי טאַקע געטראַכט: וואו איז די אַמאָליקע פּראָלעטארישע סאָלידאַריטעט? ... אַמאָל, נאָך פאַר דער מלחמה, אז א חבר איז אַמאָל, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אוועקגעפאַלן קראַנק, האָט מען אָרגאַניזירט, מען איז געגאַנגען מבקר-חולה זיין, מע האָט זיך אינטערעסירט אויב יענער קראַנקער חבר צי סתם חבר וואָס געפינט זיך אין אן עת-צרה, אפילו ווען ער איז נישט קראַנק, איז מען געגאַנגען זען וואָס ער טוט, אויב סע פעלט אים עפּעס, אויב מע קאָן אים מיט עפּעס ארויסהעלפן, אויב נישט מיט עפּעס אנדערש, איז כאָטש מיט א גוט חבריש וואָרט... און איצט? איצט קאָן מען אויסגיין ווי א הונט, קיינער וועט דיר קיין טרונק וואַסער נישט דערלאַנגען. מע ווייסט אפילו נישט צי דו נייטיקסט זיך אין עפּעס... קיינער זעט קיינעם נישט. קיינעם אינטערעסירט קיינער נישט. יעדער איז פאַר זיך, בלויז פאַר זיך.

פון וואַנען שטאַמט די דאָזיקע נישט-מענטשלעכע באַציונג? פון וואַנען שטאַמט דער דאָזיקער „קליינבירגערלעכער" עגאָיזם? ... יאָ, אַמאָל וואָלט מען עס אָנגערופן קליינבירגערלעכער עגאָיזם — איצט ווי אַזוי זאָל מען עס היינט אָנרופן, אויב שוין נישט קיין „קליינבירגערלעכער", ווייל קיין שום חבר איז דאָך שוין נישט קיין קליינבירגערלעכער, אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך א „חבר" ... אין ווי אַזוי זשע זאָל מען עס היינט אָנרופן: „חברישער" עגאָיזם, מורא פאַר דער אייגענער שיין, פּחדנישער עגאָיזם, „וואַכזאַמקייט" פאַר אָפּהיטן די אייגענע פעל?! ... סיי ווי אַזוי מע וועט עס שוין אָנרופן, אָבער א פאַקט איז, ווי זי האָט זיך איצט עס אליין איבערצייגט, איז זי געבליבן עלנט, אליין, אָן קיינעם: די משפּחה אירע האָט זי אין דער פריער יוגנט פאַרלאָזט. מע קאָן אויך זאָגן אז זי האָט „פאַרטריבן" פון זיך אויך די ווינציקע נישט-נאָענטע קרובים וואָס לעבן נאָך אפשר ערגעץ. זי האָט עס געטון צוליב אירע „חברים", וועלכע האָבן זי איצט איבערגעלאָזט, אָדער פאַרטריבן פון זייערע רייען. קיינער איז נישט געקומען זען וואָס זי טוט, מיט וועלכע קאַשמאַרן זי קעמפט ביי נאַכט (זינט זי איז

א קינפּעטאָרין זענען, דאכט זיך, די נעכט גאָר לענגער געוואָרן. קיין מאָל האָט זי נישט געוואוסט אז א נאכט קאָן אזוי לאנג זיין, ווי איצט ווען זי דאַרף זיך אָפּט אדורכוועקן, זייגן דאָס קינד!). קיינער איז נישט געקומען זען מיט וואָס פאר א שווארצע מחשבות זי ראַנגלט זיך אין די לאנגע עלנטע טעג (זי האָט זיך קיין מאָל נאָך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אז טעג קאָנען אזוי לאנג זיין, ווען דו ביסט איבערגעבליבן אליין, קיינער זאָגט דיר קיין גוטן-טאָג נישט, ווען יעדער איינער מיידט דיך אוים ווי א קרעציקן!). קיינער זעט זי נישט, קיינעם אינטע־רעסירט זי נישט ... בררררר!

... אמאָל, פלעגט מען האָבן עמעצן, מע פלעג געהערן עמעצן. מע האָט גע־האט, אויב נישט א פּארטיי-קעמערל, איז א העכערע „פארבינדונג" צי א נידערי־קערע „פארבינדונג", מיט וועמען מע האָט זיך געקאָנט שואל-עצה זיין, זיך אדורכרעדן אראָפּצורעדן פונעם הארץ. איצט, מיט וועמען זאָל זי רעדן, מיט די שטומע ווענט?! ... מאָדנע, אזוי מאָדנע, ביז איצט האָט זי געהאט מיינסט יידישע חברים, ווייל סע זענען בכלל געווען מערער יידישע חברים, נישט ווייל זי האָט זיי געזוכט. אדרבה, געזוכט האָט מען נישט-יידישע, אָבער געפינען, אויך אָנעם ווילן, האָט מען זיי געפונען ... מאָדנע, אז איצט ווען זי איז געבליבן אָן קיינעם, איז זענען דווקא זיי געווען די ערשטע וואָס האָבן אויסגעדרייט דעם רוקן צו איר... יאָ, מארסעל, איז געווען א קלייגער אויסנעם, ער איז יאָ געקומען כאָטש איין מאָל, אין שפּיטאָל זי זען ... דווקא ער, וועגן וועלכן זי האָט קיין מאָל נישט געהאט די בעסטע מיינונג וועגן אים, ער איז יאָ געקומען ...

פון דער שפּיטאָל האָט זי ארויסגענומען די זעלביקע מומע, וואָס האָט זי דאָרט אינטערגירט. די זעלביקע מומע, וואָס בעטי האָט זיך מיט איר געשעמט אָנצוזאָגן אז זי איז א קרובה, פלעג זי זי פאָרשטעלן פאר א „שכנטע" ...

ווען די מומע האָט געזען צום ערשטן מאָל דאָס קינד, האָט זי זיך צון איב געפרייט און געפרעגט בעטין:

ווי אזוי הייסט דאָס קליינע „מלאכל"? — בעטי האָט זיך געוואונדערט, פאר וואָס זי זאָגט נישט „ציגיינערל" ...

— אָווידיו — האָט בעטי געענטפערט מיט עפּעס א שטאָלץ, אז קיינער האָט נאָך אזא שיינעם נאָמען נישט געהערט — אויף יידיש הייסט עס „עובדיה", א ביבלישער נאָמען ...

— אָווידיו, עובדיה ... איך וועל אים זאָגן „אויוווי" — האָט די מומע איב שוין צעצערטלט — איך וועל אים טאקע רופן „אויוווי", אמת, סע קלינגט עפּעס ווי „אוי-וויי" ...

... פון דער מומעס שפּאַס האָט בעטי עפּעס אויפגעכאַפּט. זי האָט עס שפּע־טער באַניצט אין איר אַ ליד ... זי האָט דאָך איצט געקאָנט שרייבן וויג־לידער, ווען זי האָט געהאַט אורלויב נאָך דער געבורט. קיינער האָט זי נישט געשטערט, און אין די שלאָפלאָזע נעכט האָט זי געקאָנט זיך אָפּגעבן מיט איר ליטעראַ־רישער טעטיקייט...

זי האָט זיך געמאַכט צייט אויך שפּעטער, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. זי איז דאָך שוין מער נישט געווען אַזוי פאַרנומען ווי פריער. זי האָט דאָך שוין מער נישט געאַרבעט ווי אַ פּאַרטיי־פונקציאָנערן. מע האָט זי דאָך אין דער צייט איבערגעשטעלט אויף אַ „לייכטערער" אַרבעט, זי זאָל אַרבעטן ביי די פּראָ־פעסאָינעלע פאַראיינען, דערנאָך ביים רויטן־קרייץ ... נישט צוליב עפּעס אַנדערש, האָט מען נישט פאַרגעסן איר צו זאָגן, נאָר כדי סע זאָל איר זיין לייכטער.

בעטי האָט זיך צוביסלעך דערזען אויף אַן אַנדערער מדרגה, אויף אַ פּיל נידעריקערער ווי פריער. זי האָט דאָך תמיד געוואוסט אַז דאָס לעבן בכלל איז איינגעטיילט אין מדריגות, אין טרעפּ אויף דער לעבנס־לייטער... און איצט האָט זי אויך שוין געוואוסט אַז דער מענטש שטייט דאָך היינט שוין נישט צו־פיל צייט אויף איין און דער זעלביקער מדריגה, אָדער אַרויף אָדער אַראָפּ; נאָר נישט שטיין אויף דעם זעלביקן טרעפּל און פאַרשימלט ווערן אויפן זעלביקן טרעפּל, אפילו נישט צו מאָל אויף דער זעלביקער לייטער...

# 4.

## הינטערן אייגענעם שאָטן

אין יענע טריבע צייטן פון חשכות,
פון פערזאָנען־קולט מהומה,
דער שטן געהאט האָט די שליטה,
די הערשאפט געהאט האָט די טומאה.

מחיצות צווישן היימישע מענטשן,
קאָשמארישע שאָטנס ווי ממשותדיקע ווענט;
צווישן פארוואָגלטע פאָטערס און זין,
און ווי מיט חרמות געבונדענע הענט.

סע טרענקען זיך אין די אייגענע טרערן,
פארבלאָנדזשעטע מענער און פרויען,
פון לאבירינטן געפינען קיין אויסוועג,
זיך אָנצוכאפן אין ראטעווענדיקע שטרויען.

אין פינצטער געזוכט האָט בעטי א טרייסט,
אין ליטעראַרישע ביימער און צווייגן,
אין משל־מעשיות און משל־פערזן,
הינטערן אייגענעם שאָטן און שווייגן...

געפרואווט האָט זי זיך אויסבאהאלטן,
הינטערן פאָטעטישן־מעטאפערדיקן שאָטן,
פאר איר קינד א ליכטיקן מאָרגן,
א מער יושרדיקערן עתיד צו דערראָטן...

הלוואי! ...

# 1. טאַטי?

פאַר בעטין איז עס געווען א טאָג פון טיפער עמאָציע. זי האָט זיך געגרייט זוי אמאָל, פארצייטנס, סע האָט זיך געגרייט א פארזעסענע מויד, און געוואַרט אויף אן „אָרגאַניזירטער" באַגעגעניש מיט א חתן־בחור, אָדער בעסער געזאָגט, אויף א חתן־קאַנדידאַט. סע זענען דאָך שוין אדורך עטלעכע יאָר, שווערע יאָרן, פולע מיט ווייטיקדיקע איבערלעבענישן פאַר איר, און מסתמא אז נאָך ווייטיקדיקערע פאַר אים, פאַר נאָומען. און פאַר וואָס זאָל זי נישט אָנערקענען אז זי איז נישט קיין אויסנעם, סע זענען געווען דאָך יאָרן שווערע פאַר יעדן, פאַר יעדן. יעדער האָט דאָך איבערגעלעבט אין די דאָזיקע יאָרן נישט בלויז מאָמענטן פון נויטן, פון מאַטעריעלע נויטן, וואָס זענען רעלאַטיוו צום לייכטסטן אויסצוהאַלטן. יאָ, עס איז געווען א צייט וואָס איז געווען נאָך מער שווערער איבערצולעבן ... סע זענען געווען צייטן ווען מע האָט געגעסן „פחד" מיט „ברויט" ... מע האָט געגעסן „מורא", געשמירט אויף רעפטלעך ברויט, אזוי ווי מע שמירט פוטער אויף א רעפטל ברויט, גוט אָנגעוואַרעמט, א ביסל געפּענעצט, אז די פוטער זאָל זיך צעטאָפּען אויפן ברויט, סע זאָל זיך לייכט איינזאַפּן אין ברויט — אזוי האָט זיך דאָך איינגעזאַפּט אויך די מורא, די אַלגעמיינע מורא, וואָס מע האָט איבערגעלעבט פון אָוונט ביז אין דער פרי, און ווי אָן דער קלענסטער פּויזע האָט די מורא פּונקט אזוי באַגלייט פון דער פרי ביזן שפּעטן אָוונט, ווען מע האָט זי, די מורא, שוין נישט געגעסן מיטן רעפטל ברויט, נאָר מיט צעריסענע שטיקלעך חלום, ווייל מען איז איינגעשלאָפן, און די מורא האָט זיך פאַרוואַנדלט אין קאָשמאַרן ...

איצט, הייסט עס, אז דער מצב האָט זיך געביטן. דער אַלגעמיינער מצב אין לאַנד האָט זיך געביטן. דער נעפּל פון פחד, די וואָלקנס פון דער מורא, האָבן זיך א ביסל אויסגעלייטערט און דער אויסגעבלויעטער הימל האָט שוין געקאָנט ווייזן עטלעכע שטראַלן פון א גילדענער זון.

האָט בעטי שוין אָנגעטון דאָס קליינע זינדעלע אירס, וואָס איז געוואַקסן כמעט אָן דאגות, פריי פון דער מורא, וואָס סע האָבן איבערגעלעבט די דערוואַקסענע, אומשולדיק פון יעדער באַוואוסטזיניקער „זינד", האָט דאָס קינד געוואוין־וועט, ווי א ציגעלע אויפן פרייעם פרילינגדיקן פּאַשע־פעלד. זי האָט עס צוגעקעמט, אויסגעצוואָגן און זיך געלאָזט גיין צון איר ערשטער באַגעגעניש מיטן אַרעסטירטן נאַום, דער פאָטער פון איר קינד, וואָס ער האָט נאָך ביז היינט נישט געהאַט די זכיה עס צו זען...

זי האָט געהאַט א טאָפּלטע עמאָציע. אי פאַר זיך אי פאַרן קינד. זי האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וועלכע וועט זיין די רעאַקציע פון אים, ווען ער וועט זען דאָס ערשטע מאָל זיין קינד, ווענן וועלכן ער האָט מסתמא נישט איין מאָל געחלומט אין זיינע שווערע נישט־אויסגערוטע נעכט פון אַן אַרעסטאַנט, וואָס ווייסט אפילו נישט פאַר וואָס ער איז אַרעסטירט; פּונקט אַזוי האָט זי זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אַזוי ער וועט עס אויפנעמען ווען ער וועט זי דערזען, שוין נישט מיט אירע רויטלעך־בלאָנדלעכע האָר, וואָס ער פלעגט זיי אָנרופן „גילדענע"... ניין, איצט זענען זיי דאָך שוין דאָ און דאָרט געגוג „באַזילבערטע", הגם פון צייט צו צייט האָט זי זיי שוין אָנגעהויבן אונטערפאַרבן, כדי צו דערהאַלטן איר געוועזענע, יונגטלעכע קאָלירן.

... ווי אַזוי וועט ער אויפנעמען זי? ווי אַזוי וועט זי קאָנען זיך איינהאַלטן און נישט אַרויסווייזן איר איבעררראַשונג, ווען זי וועט אים זען, וועלכער זעט מסתמא אויך נישט אויס ווי ווען מע פאָרט צון א חתונה, נאָר ווי ווען מע קומט פון א לוויה?... און, בפרט, וואָס וועט פאַרגעדענקען דאָס קליינע קינד, נישט איצט, נאָר שפּעטער מיט יאָרן, צענדליקער יאָרן? ביי אים וועט זיך דאָך עס איינקריצן אין זיין קינדישן מוח און דאָרט פאַרבלייבן איינגראַווירט אין זיין קינדישן זכרון, אויף זיין גאַנצן לעבן, נישט דאָס בילד פון א פאָטער מיט וועלכן מע געוויינט זיך פון די ערשטע קינדערישע טעג, וואָכן, חדשים, יאָרן, אין אַלע פּאַזעס, ווען דער פאָטער איז נאָך אויך א ביסל „קינדיש" און שפּילעוודיק, אויף וועמענס אַקסל סע רייט נישט זעלטן דאָס קינד, איז דאָך דער פאָטער דער ערשטער שפּיל־חבר פון כמעט יעדן קינד, איידער סע געפינט אין דרויסן שפּיל־חברים... איצט וועט ער געפינען איינעם פאַר וועלכנס אויסזע סע וועט גאַנץ זיכער קודם זיך דערשרעקן, ווען מע וועט אים זאָגן: אָט דאָס איז דיין פאָטער...

אמת, בעטי האָט געפּרואווט אים צוגרייטן, דעם קליינעם אָווידיו, אַז זיין פאָטער איז „קראַנק". ער איז אין א סאַנאַטאָריע, ביז... ביז ער וועט געזונט ווערן. ער איז דאָרט נישט אַליין, סע זענען נאָך פאַראַן אויך אַנדערע עלטערן

פון קינדער, וואָס מוזן דאָרט איבערזיין א צייט, ביז זיי וועלן זיין גענצלעך אויסגעהיילט. דערנאָך וועלן זיי אהיימקומען, ווער פריער און ווער שפּעטער... איצט, בעט זי אים, אָווידיון, אַז ער זאָל זיך פאַרהאַלטן ציכטיק, מיט דרך־ארץ צו זיין פאָטער, ער זאָל אים ארויסווייזן ליבשאַפט, כדי ער זאָל אים נישט דער־צערענען, וואָס וואָלט אים געשאָדט צו זיין געזונטהייט, דאָס וואָלט נאָך מער געקאָנט פאַרלענגערן זיין דאָרט בלייבן, ווייט פון אים, אָווידיון, און פון איר זיין מוטער...

אזוי האָט בעטי געפּרוּווט אויסרעדן דעם קינד, פאַקטיש האָט זי דאָך דאָס אַלץ גערעדט בלויז צו זיך גופא... וואָס פאַרשטייט דען א קינד? ער האָט נישט געהערט פון קיין שום שפּיל־חבר זיינעם, אַז זיין פאָטער זאָל זיין אזוי קראַנק, אַז ער זאָל אים נישט האָבן געזען קיין איין מאָל, קיין איין איינציק מאָל, זינט ער איז געבוירן געוואָרן... וואָס פאַר א מין שווערע קראַנקייט קאָן דאָס שוין זיין?! און וואָס פאַר א פאָטער קאָן דאָס שוין זיין?!... האָט ער טאַקע מיט זיין קינדישן שכל געפרעגט די מוטער:

— צו וואָס זאָל איך אויך גיין? — האָט אָווידיו מיט קינדישער אומשול־דיקייט געפרעגט, און אין זיינע אויגן האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען טיפן טרויער, אויפריכטיקן, אויף וואָס בלויז קינדער זענען אין שטאַנד — צו וואָס דאַרף איך אַזא טאַטע, וואָס איך קאָן אים נישט, וועלכער איז נישט נייגעריק געווען צו וויסן ווי אזוי איך זע אויס, ער איז דאָך נאָך קיין מאָל נישט געקומען מיך זען ווי אזוי איך זע אויס, ווי אזוי איך קאָן שוין גיין און אפילו פאָרן אליין אויפן טריציקלעטל...

— רעד נישט אזוי, מיין ליבינקער — האָט בעטי מיט אָנגעפּולטע באַטרעטע אויגן אים אויסגערעדט — מע טאָר אזוי נישט רעדן וועגן א „טאַטי". ער האָט דאָך דיך ליב, זייער ליב, פיל מער אפילו פון מיר... נאָר ער האָט נישט געקאָנט קומען... ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו דאָס שוין אליין פאַרשטיין, אַז ער לעבט דאָרט אפשר בלויז מיטן איינציקן געדאַנק צוזאָמען, צו דיר. בלויז מיטן איינציקן האָפן צו דיר דערהאַלט ער זיינע כוחות גובר צו זיין זיינע „קראַנקע" ווייטיקן... דיין טאַטע איז א העלד, ער איז דאָך נישט קיין פּשוטער מענטש, ווי סע זענען די טאַטעס פון דיינע חברים, מיט וועלכע דו שפּילסט דיך... אזעלכע ווי ער זענען זעלטענע, זעלטענע, מיט א באַזונדערן גורל, אויף וואָס דו וועסט אמאָל שטאָלץ זיין (אַז אויך דאָס איז א ליגן, האָט דאָך בעטי זייער גוט געוואוסט, אָבער רעדנדיק מיטן קינד, וואָס האָט סיי ווי סיי גאָרנישט פאַרשטאַנען פון אירע רייד, האָט זי געזאָגט וואָס עס איז איר געקומען אויף די ליפּן, ווערטער אין

וועלכע זי האָט געגלייבט — פּונקט דעם היפּוך!) ווען דו וועסט עם פאַרשטיין, און שפּעטער מיט יאָרן, ווען דו וועסט זיין א פאָטער, וועסטו עם דערציילן מיט שטאָלץ (אז אָך און ווי צון אזא שטאָלץ!) פאר דיינע קינדער (בעסער זאָלן זיי שוין פון אזא מין „שטאָלצקייט" זיין באַהיט און באַשירעמט!) ... יאָ, זונעלע מיינער.

בעטי האָט זיך פאַררעדט, גלייך זי וואָלט נישט גערעדט מיט איר קוים פיר יעריקן זינדל, נאָר גלייך זי וואָלט גערעדט מיט א דערוואַקסענעם, וועלכער וואָלט פאַרשטאַנען נישט נאָר דאָס וואָס זי זאָגט אים, נאָר אפילו דאָס וואָס זי האָט נישט געזאָגט, נאָר געלאָזט אָנצוהערן, צווישן די „שורות" ... און באמת, האָט זי דאָך דאָס גערעדט נישט מיטן קינד, וואָס האָט דאָס נאָך נישט געקאָנט תופס זיין נאָר מיט זיך גופא, זי האָט דאָך זיך גופא אויסגערעדט מיט אָט די שיינע פראַזן, אין וועלכע זי האָט אמאָל, אין די ערשטע חדשים פון זייער צע־שיידן זיך, נאָך געגלייבט, ביז סע זענען אדורך אויך יאָרן, און זי האָט זיך איבערצייגט, אז דאָס זענען נישט מער ווי חלומות, פראַזן וואָס זי האָט אריינ־געפלאָכטן אין אירע פערזן, אין די נישט־געשלאָפענע נעכט, ווען זי האָט אויס־געשפּרייט אויפן פּאַפּיר איר געמיט, סיי אין פערזן סיי אין פּראָזע, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געדרוקט. יאָ, איין מאָל צי גאָר צוויי מאָל האָט זיך איר יאָ איינגעגעבן אָפּצודרוקן צוו א ליד, אָבער נישט אונטער איר נאָמען. איר נאָמען האָט דאָך שוין נישט געקאָנט דערשיינען אין קיין שום צייטשריפט נישט פונעם לאנד. האָט זיך עס איר איינגעגעבן אונטער א פּסעוודאָנים. דאָס הייסט אז די רעדאַקציע, אָדער טייל פון זיי, האָבן יאָ געוואוסט אז זי איז עס. אָבער ארויס, אין דרויסן, האָט מען עס נישט געוואוסט ... ביז מען איז עס געוואויר געוואָרן און מע האָט צוגעמאכט, ניין, א טראַסק געטון מיט דער רעדאַקציע־טיר אז זי איז שוין ווידער געבליבן אין דרויסן ...

איצט וועט זי קוקן אין פּנים אריין, נישט פּאָעטיש גערעדט, מעטאַפאָריש, נאָר ממש קוקן אין פּנים, פון דער רויער ווירקלעכקייט. ווייל, וואָס קאָן זיין רויער ווי א יונג לעבן וואָס איז פאַרמשפּט זיך צו עלטערן פאר דער צייט בליי־בנדיק אומאויסגעלעבט? וואָס קאָן זיין ווירקלעכער ווי א לעבן וואָס איז איינ־געשפּאַרט הינטער קראַטעס צווישן פיר ווענט, ווי א פייגעלע אין א שטייגל, ביי וועלכן די פליגעלעך ווערן אַטראָפירט, געליימט פון נישט האָבן קיין אָרט צום פונאנדערשפּרייטן? וואָס קאָן זיין ...

אירע געדאַנקען זענען געוואָרן איבערגעריסן פון א רוף:

— צום ארעסטאנט דאנטשולעסקו נאום, פאמיליע דאנטשולעסקו! — ווער איז געקומען?

בעטי האָט געהערט ווי דער רוף האָט זיך איבערגעחזרט, אָבער זי האָט נישט געוואוסט אז דאָס מיינט מען טאקע זי... זי האָט נישט געהאט קיין כוח אָפּצוענטפערן.

זי האָט צוגעפּרעסט מיט איר קאַלט-פאַרשוויצטער האַנט דאָס ווייכע וואַרעמע הענטל פון איר יינגל, וואָס גייט זיך איצט באַגעגענען צום ערשטן מאָל אין זיין נאָך נישט אויסגעלעבטן קינדשין לעבן — מיט דער סאַמע רויעסטער, מיט דער סאַמע ווירקלעכסטער לעבעדיקער רעאַליטעט, וואָס ער וועט אפשר שוין האָבן פאַר זיינע אויגן אויף זיין גאַנצן גאַנץ לעבן...

# 2. אָן ווערטער

... צען מינוט האָבן זיי געהאט פאר זייער באגעגעניש, נאָך העכער פיר יאָר זינט זייער צעשיידן. אין דער דאָזיקער צייט זענען אריבער אזוי פיל געשעע־נישן איבער זיי ביידע און איבער יעדן איינעם באזונדער, וואָס וואָלט געקאָנט קוים דערציילט ווערן אין צען יאָר רואיק צוזאמענלעבן... איצט דארפן זיי זיך דאָס זאָגן אין בלויז צען מינוט, ווייל דער מיליציאָנער שטייט דאָך דערביי און ער וואכט, נישט מע זאָל רעדן וואָס מע „טאָר״ נישט (וואָס מעג מען דען יאָ?) און נישט מע זאָל רעדן צו פיל. שטייט ער מיטן זייגער אין דער האנט, ווי אן ארביטער מיט א כראָנאָמעטער ביי ספּאָרט־פארמעסטונגען: צען מינוט...

זי, בעטי, האָט זיך צוגעגרייט, אז זי זאָל אים דערציילן דאָס סאמע וויכ־טיקסטע פאר אים, פאר זיי, אז ער זאָל ווערן אויפגעמונטערט און האָבן כוח אויסצוהאלטן זיין גיהנום אויך אויף ווייטער, אויף וויפל עס איז נייטיק... אז זי זאָל אים דערציילן ווי אזוי זי האָט עס איבערגעלעבט און אויסגעהאלטן. ווי אזוי זי האָט איבערגעלעבט נישט בלויז דעם פירלייג, נאָר אויך צוריקגע־וויזן און זיך נישט אונטערגעגעבן, אדרבה, זיך אקעגנגעשטעלט דעם שטארקן דרוק וואָס מע האָט אויסגעאיבט קעגן איר, מיט דראָונגען, מיט שיקאנישע רדיפות, אז זי זאָל ארייננגעבן אויף א גט... זי זאָל אים דערציילן ווי אזוי... איצט, אָבער, ווען זי שטייט שוין מיט אים פּנים־אל־פּנים, האָט זי געפילט אזא מין ליידיקייט אין איר מוח, אז זי האָט נישט געקאָנט ארויסרעדן קיין איין איינציק וואָרט. און די סעקונדעס גייען, די מינוטן רינען...

ער, נאום האָט זיך אויך צוגעגרייט צו אָט דער באגעגעניש, ווי מע גרייט זיך צו א באגעגעניש מיט א געליבטער, וואָס מע האָט שוין נישט געזען ווער ווייסט וויפל צייט. די באגעגעניש איז זייער א קורצע. גלייך ער וואָלט געשטא־נען אין א וואגאָן־פענצטער, „זי״ שטייט אויפן פעראָן מיטן אויפגעהויבענעם קאָפּ צו זיין פענצטער, גרייט צו שלינגען יעדעס וואָרט זיינס... מוז ער דאָך

זיך איילן און זאָגן גיך, אין איילעניש, ווי ליב ער האָט זי, ווי פיל ער טראַכט צון איר, גיך, ווייל אָט-אָט רירט זיך די באַן און וועט זיך א לאָז טון, פאָרן, פאָרן, זיי ווידער צעשיידן אויף ווער ווייסט וויפל צייט. מוז ער זיך דאָך איילן, איר זאָגן צערטלענדיקע ווערטער, וואָס זאָלן דאָ, ביי איר אין די אויערן, כדי איר געבן כוח און אויסדויער, אז זי זאָל אים קאָנען וואַרטן ביז ער וועט זיך צוריק קערן צון איר, אָבער ווען? ... יאָ, ער מוז איר אַראָפוואַרפן פון דאָ, פו- נעם פאָרנדיקן וואגאָן עטלעכע ליבע-ווערטער, וואָס זאָלן פאַלן ווי טראָפנס טוי און האלטן פריש, גרין, שפּראָצנדיק, לעבעדיק, סע זאָלן נישט פאַרוועלקט ווערן, זיי זאָלן נאָך בלייבן גרין, ביז ער וועט... יאָ, אלץ איז טאַקע אזוי גע- ווען ביי אים אין געדאַנק צוגעגרייט, נאָר איצט קומען גאָר נישט די ווערטער ביי אים ארויס אויף זיינע אויסגעטרוקנטע ליפּן. יאָ, דאכט זיך, אז זיי באַוועגן זיך, וואָלטן עפּעס געוואָלט ארויסברעננען, נאָר מע הערט לגמרי גאָרנישט, גלייך ווי ביי א גוסס...

... זענען זיי ביידע געשטאַנען ווי פאַרשטומט, ווי פרעמדע, וואָס האָבן זיך קיין מאָל אין זייער לעבן נישט באַגעגנט, האָבן גאָרנישט געמיינזאַמס און ממילא וואָס זיך צו זאָגן... אדרבה, זיי לאַנגווייליקן זיך, און גלייך זיי וואָלטן גאָר געוואַרט אז די „צען מינוט" זאָלן זיך ענדיקן וואָס גיכער, אז זיי זאָלן „באַפרייט" ווערן פון אָט דער אומאָנגענעמער באַגעגעניש, וואָס איז אויף זיי ווי אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אָן זייער גוטן ווילן און איצט איז זי אזוי פיינ- לעך פאַר זיי ביידע, הגם קיין איינער פון זיי וועט עס נישט וואגן אמאָל אַרויס- צוזאָגן דעם דאָזיקן ריינעם אמת...

זי איז געשטאַנען א ווײַלע און געקוקט אויף אים און געשוויגן. אָבער דאָך האָט זי ביי זיך געטראַכט אז... עפּעס איז עס גאָרנישט ער. ניין, דאָס איז דאָך נישט איר מאַן. עס איז א פרעמדער, וואָס קוים ענדלט ער צו דעם אמאָליקן געוועזענעם נאָען-נאָום, מיט וועלכן זי האָט חתונה געהאַט, און פון דער דאָ- זיקער פאַראייניקונג איז געבוירן געוואָרן אחוץ דאָס דאָזיקע פעך-שוואַרצע יינגעלע, וואָס שטיים דאָ, נעבן איר, ווי אַן איבערגעשראָקענער שטומער עדות און ווייסט נישט צו וואָס מע האָט אים אהער געבראַכט, אחוץ אָט דעם דאָזיקן איבערגעשראָקענעם יינגעלע איז דאָך געבוירן געוואָרן אויך א משונהדיק פּחדים- דיקער קאָשמאַר, אין וועלכן זי לעבט, ניין, זי פּייניקט זיך עם איבערצולעבן און קוים-קוים וואָס סע געלינגט איר זייער ווינציק דערפון ... יאָ, דאכט זיך, אז עפּעס איז עס גאָרנישט ער, דער וואָס שטייט דאָ, נעבן איר, איז גאָר עלטער מיט פיל יאָרן פון איר, ווען פאַקטיש איז זי דאָך געווען עלטער פון אים...

דער דאָ, איז גאָר נישט אַזוי שוואַרץ ציגײַנעריש ווי זי האָט אים אַמאָל געקאָנט, מיט זײַנע שײַנע פּעך־שוואַרצע געקרײַזלטע האָר. אדרבה, דאָס פּנים זײַנס איז גאָר בלאַס־געלבלעך, וואָס סאַמעוועט מיט אַ טויטן־קאָליר. קיינער וואָלט עס גאָרנישט גענומען פֿאַר אַ ציגײַנערישן אויסזע. די האָר, הגם נאָך אַלץ אַ ביסל געלאָקט, זענען זיי שאָטען־גרויליך, גאָרנישט קיין ציגײַנערישע האָר. זיי זענען אָפּגעבליאַקעוועטע, האָבן פֿאַרלוירן די קאָליר. איין סימן פֿון די אַמאָליקע צײַטן איז בײַ אים יאָ נאָך פֿאַרבליבן, די אויסגעשפּיציקטע קין־באַקן מיט די בײַנער־דיקע שאַרפֿקייטן, וואָס גיבן אים דעם קוים אַמאָליקן מענערישן אויסזע, אַז זי זאָל קאָנען זאָגן אַז ער איז עס... יאָ, דאָס ייִנגעלע וואָס זי האַלט בײַם הענטל און דריקט עס צו זיך, כּדי זי זאָל זיך נישט פֿילן דאָ אַזוי פֿאַרפֿרעמדט, איז גאָרנישט ענלעך צו אים. בעת ער איז אַזאַ בלאַסער, איז דאָס ייִנגלע אַזוי שוואַרץ, אַז מע וואָלט אָקערשט געקאָנט מיינען אַז עס איז אַ מעטיס פֿון אַן אמתדיקן אַפֿריקאַנער נעגער געבוירן...

ער, נאָום, איז געשטאַנען און געקוקט אויף איר, וועלכע האָט אים איצט אויסגעוויזן אַזוי יונג, אַזוי שיין, גאָרנישט יענע וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים, יענע מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט כּמעט נאָר צוליב איין איינציקן מאָטיוו, כּדי זײַן קינד זאָל זײַן אַ נישט־שוואַרצער, זײַן קומענדיקער יורש זאָל נישט זײַן מער קיין „ציגײַנער“, נאָר זאָל גיכער ראָטן אין איר און האָבן בלאָנדע, אפֿילו רויטלעכע האָר, זאָל ער האָבן האָר פֿון סײַ וועלכן קאָליר, גרין, געל, בלוי, ווײַס — נאָר נישט שוואַרצע, מע זאָל אים מער נישט נאָכשרײַען „ציגײַנער“! ...

איצט, זעט ער זי גאָר אַנדערש ווי ער האָט זי געזען אין דער גאַנצער צײַט במשך זײַן זיצן אין דער תּפֿיסה און טראַכטן און אויסטראַכטן איר אויסזע, אַזוי ווי ער האָט זי געדענקט, אָדער נישט דווקא געדענקט, נאָר אים האָט זיך אַזוי אויסגעדאַכט, מיט קנייטשן בײַ די ווינקלען פֿון אירע אויגן, מיט טיפֿע קאַרבן וואָס האָבן צעטיילט איר ברייטן שטערן אין אַן אויפֿגעאַקערט פֿעלד, וואָס האָט איר געגעבן אַן אויסזע פֿון אַ געעלטערטן „ווײַסנשאַפֿטלער“ אָבער האָט זי אַזוי געעלטערט דעמאָלט אין זײַנע אויגן, אַז ער האָט געזוכט ווי אויסצומײַדן זיך צו ווײַזן מיט איר צוזאַמען, כּדי מע זאָל אים נישט פֿרעגן צי דאָס איז זײַן אַ מומע... קיינער וואָלט דאָך נישט געקאָנט דעררעטן אַז דאָס איז זײַן פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט נאָר וואָס חתונה געהאַט, נישט ווײַל ער האָט זיך פֿאַרליבט אין איר, נײַן, ליב געהאַט וואָס ליבע הייסט, דאָס האָט ער זי קיין מאָל נישט, סײַדן זי געשאַצט און געערט פֿאַר איר קלוגשאַפֿט, פֿאַר איר

דערפּארונג, פאַר איר פּאָזיציע אין דער באַוועגונג ... יאָ, דאָ, אין דער תּפיסה, דאָ וואָלט ער יאָ געקאָנט זאָגן אַז ער האָט געטראַכט וועגן איר מיט גרויס ליב־שאַפט, מיט בענקעניש וואָס האָט פאַרנומען זײַן גאַנץ זײַן. אין זײַנע געדאַנקען, זײַנע אויסגעטראַכטע בילדער אין דער פאַנטאַזיע, האָט ער דאָך זי געזען, אין אַלע אירע געשטאַלטן. נישט אָנגעטון, ווי געוויינטלעך, נאָר נאָך מער ווי אַזוי זי האָט פאַר אים אויסגעזען ווען זי איז געווען מיט אים אינטים, אויסגעטון ... האָט ער דאָך אין זײַן פאַנטאַזיע געגלעט איר נאַקעטע ברוסט, געפירט זײַן האַנט, איצט די געמאָזאָליעטע האַנט פון דער שווערער אַרבעט, וואָס ער האָט דאָ גע־האַט אויסצופירן, האָט ער געפירט זײַן האַנט מיט די פונאַנדערגעשפּרייטע פינ־גער ביז ווײַן ווערצעלע און שפּילעריש זי צוריקגעפירט, דערנאָך איבער איר קער־פּער, פון דער טאַליע אַראָפּ, איבער די לענדן, ביז די קניען און צוריק אַרויף — אין זײַן פאַנטאַזיע ... יאָ, אָבער ער פילט איר צאַפּל.

איצט שטייט זי פאַר אים, אויף דער וואָר, נישט אין זײַן פאַנטאַזיע, און ... זי איז דאָך גאָר נישט יענע פון זײַנע חלומות, זי איז דאָך גאָר ייִנגער, אפילו שענער, פּריציזשער אָנגעטון ... אויף אַזאַ אײַנער וואָלט ער דאָך נישט געוואַגט אפילו אין זײַן תּפיסה־היקער פאַנטאַזיע צוצורירן זיך צו איר, בפרט נאָך צו פירן זײַן קויטיקע האַנט איבער איר ווייסן, קרישטאָלענעם, איידעלן פּרוואַיִשן קערפּער ... יאָ, דאָס איז אַן אַנדערע. מיט אָט דער האָט ער אפילו נישט וואָס צו רעדן. וואָס קאָן ער איר זאָגן און וואָס וואָלט זי אים געקאָנט ענטפערן ווען ער זאָל אפילו זי עפּעס פרעגן? ...

און ווער איז דאָס דאָזיקע קליינע באַשעפעניש נעבן איר, וואָס ציטערט מיטן הענטל אָנגעכאַפּט, קראַמפּהאַפטיק, אין איר האַנט? אָט דאָס איז זײַן זון, זײַן זון, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן פון אַ בלאָנד־האָריקער פרוי, נאָר כּדי ער זאָל האָבן סײַ וואָס פאַר אַ קאָליר אויף דער וועלט נאָר נישט שוואַרצע „ציגײַ־נערישע" האָר?! ... ניין, אָט דעם וויל ער בכלל נישט זען, קיין מאָל זאָל ער אים פאַר זײַנע אויגן נישט זען ... עס איז נישט זײַן קינד. עס איז אַ ממזר, וואָס זי האָט אוודאי געמאַכט מיט אַן אַנדערן, נישט מיט אים, נישט מיט אים — ווײַל ער האָט דאָך געוואָלט אַז זײַן זון זאָל נישט זײַן שוואַרצהאָריק?! ...

זענען זיי געשטאַנען אַזוי דרײַ: ער, זי און דאָס קינד, וואָס איז געוואָרן ווי אַ מחיצה צווישן זיי, גלײַך דאָס וואָלט געווען אַ טאָפּלט געפּיל פון אַזאַ מין קאָנטראַסט און אויך די סיבה, וואָס וואָלט זיי געדאַרפט פאַראייניקן און אויך גלײַכצײַטיק צעשיידן, צעשיידן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אויף אייביק ... ווײַל צײַט באַטײַט „אייביק"? ...

... און די מינוטן זענען געווען, ווי סע רינט דאָס דינינקע זאַמד אין אַ קלעפּסידרע, ווי סע רינט דאָס בלוט פון אַן אויפגעשניטענער אָדער, ווי סע רינט אַ ריזשקעלע טרערן ביי אַ קראַנק אויג, ווען די דריזן זענען שוין נישט בכוח צו צוימען די טרערן און סע רינען און סע רינען און סע...

האָט זי געעפנט דאָס מויל צום ערשט:

— ווי גייט עס דיר, נאָום? — און אירע ווערטער האָבן אים אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן אַזוי פרעמד, אַזוי פרעמד, גלייך ווי איינער פון די מיליציאָנערן, וואָס האָבן די אויפזיכט אויף זייערע באַוועגונגען דאָ, אין דער תפיסה, וואָלט אים געפרעגט אויף חוזק, ווי ער פילט זיך...

האָט ער נישט געענטפערט, נאָר געקוקט צון איר, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אויסגעדרייט דעם בליק, כדי נישט צו דאַרפן זען דאָס זינדל, וואָס ער קאָן אים נישט אָנקוקן, אָן שינאה, נאָר ער קאָן פשוט נישט זען אים, דעם שוואַרצן, אַזוי ווי ער האָט מסתמא אויסגעזען ווען ער איז אַ קינד געווען...

האָט זי ווידער אַ מאָל געפּרוּוט איבעררייסן די שטומקייט, וואָס האָט זיך געשטעלט צווישן זיי, נישט ווי אַ דינע מחיצה פון דעם דראָטענעם געפלאָכטענעם צוים וואָס האָט פונאַנדערגעשיידט בעת זייער איצטיקער באַגעגעניש, נאָר ווי אַ דיקע געמויערטע תפיסה-וואַנט וואָלט געשטאַנען צווישן זיי, נישט בלויז איצט אין די רינענדיקע מינוטן, נאָר פון תמיד אָן, און אויף תמיד, אויף תמיד...

זי האָט געמוזט עפּעס פּרוּוון זאָגן, ווייל די צייט וואַרט נישט, און באַלד וועלן זיי זיך מוזן ווידער צעשיידן, ווער ווייסט אויף וויפל צייט:

— נאָום, ליבער, זאָג עפּעס אַ וואָרט — האָט זי זיך ווי געבעטן ביי אים, ווייל עס איז איר געווען אַ בושה פאַרן דאָזיקן קינד, וואָס איז אַן עדות פון אַזאַ ספּעקטאַקל וואָס ער פאַרשטייט עס אוודאי נאָך איצט נישט, אָבער גאַנץ זיכער וועט ער, אויך אָן זיין ווילן, דאָס פאַרגעדענקען מסתמא, אויף זיין גאַנצן לעבן, אַז זיין פאָטער איז געווען אַזוי „קראַנק" אַז אפילו קיין איין וואָרט האָט ער נישט אַרויסגערעדט — זאָג עפּעס, סיי וואָס, נאָר רעד אַרום עפּעס אַ וואָרט, אויב נישט פאַר מיר, איז כאָטש פאַרן קינד...

נאָום האָט געקוקט, ווי סע קוקט אַ בלינדער אין דער ווייטער טיף, נאָר זעט גאָרנישט אין זיין נאָענטער אַרומיקייט. ער האָט נישט געזען, ווייל ער האָט גאָר-נישט געוואָלט פון זיי, פון יענע וואָס זענען געקומען איצט „שטערן" זיין רו. ער וויל שוין קיינעם נישט זען, פון קיינעם נישט הערן... פון וועמען, פון אָט דעם קליינעם שוואַרצן „טייוועלע", וואָס זי זאָגט אַז עס איז זיין זון, זיין זון?!...

אז בעטי האָט געזען, אז קיין ענטפער באקומט זי נישט אויף אירע רייד, וואָס זי האָט געפּרואווט ארויסרייסן צוזאמען מיט שטיקער פון איר צעבלוטיקט האַרץ, האָט זי זיך געשטארקט און זיך געוואָנדן ווי צום קינד, אָבער מיינען האָט זי דאָך אַלץ געמיינט אים, אפשר וועט איר אזוי געלינגען ביי אים ארויס־צורופן כאָטש איין וואָרט, דאָס איינז זאָל זיך פונאנדערטאָפּען, כאָטש איין וואָרט זאָל ער ארויסרעדן, אויב נישט קיין ווארעם וואָרט פון א מאַן צו זיין פרוי, וועלכע האָט אזוי פיל געליטן נאָר אים צו בלייבן געטריי, נישט צו מאכן דעם זעלביקן פארברעכן וואָס אנדערע אויף איר אָרט האָבן יאָ געטון, נאָר זי האָט זיך אקעגנגעשטעלט דעם שטראָם און נישט געמאכט קיין בקשה אויף א גט, נאָר כדי אזוי ארום צו מאניפעסטירן איר סאָלידאריטעט מיט איב, ווי א באווייז אז זי האלט אים פאר אן אומשולדיקן קרבן. אויב דאָס איז נישט גענוג, אז זי זאָל פארדינען ביי אים כאָטש איין דערמוטיקונגס וואָרט, איז זאָל ער כאָטש זאָגן א ווארעם וואָרט, אָדער כאָטש לפּנים א וואָרט, אז דאָס קינד זאָל הערן זיין קול, דאָס ערשטע וואָרט פון זיין פאָטער וואָס איז טאקע אפשר „קראנק" און זיצט אין א סאנאטאָריע און קימערט זיך נישט מיט זיין איינציק קינד — אָבער ער איז נישט שטום...

אז בעטי האָט געזען אז גאָרנישט העלפט איר פון אים ארויסצורייסן כאָטש איין וואָרט, האָט זי געפּרואווט נאָך איין מאָל, דאָס לעצטע מאָל:

— אָווידיו — האָט זי זיך מכולמרשט געוואָנדן צום קינד מיט א שפּי־לערישן טאָן, ווי ווען מע רעדט צו א קינד, אָבער מע מיינט נישט אזוי דאָס קינד, נאָר יענעם וואָס איז אָנוועזנט ביים דאָזיקן מכלומרשטן אומדירעקטן שמועס — זעסטו טאטין, זעסטו, דאָס איז דיין טאטי... ער האָט דיך ליב, זייער ליב. טאָג און נאכט טראכט ער צו דיר...

נאום האָט זיך צעהוסט, אין א טיפן הוסטן וואָס ענדיקט זיך קוים, אזוי ווי סע קאָנען הוסטן שווינדזיכטיקע, וואָס האָבן שוין אויסגעהוסט איין לאָפּ פון זייערע לונגען, עס איז קוים נאָך געבליבן עפּעס פונעם צווייטן לעפּל... ער האָט זיך אויסגעדרייט, אז זיי זאָלן נישט באמערקן אים הוסטנדיק (און אפשר האָט ער גאָר געוואָלט אויסבאהאלטן א טרער?). ער האָט צוגעלייגט די רעכטע האנט צום מויל, צו פארשטעלן — און מיט דער לינקער האנט האָט ער זיך אָנגעלענט אָן דעם דראָטענעם צוים, וואָס האָט זיי צעשייד...

דאָס דאָזיקע פיינלעכע בילד האָט געמאכט א סוף צו זייער „שמועס", אין די צען מינוט, אויף וועלכע זיי האָבן געהאט דאָס רעכט זיך אדורכצורעדן נאָך העכער פיר יאָר פון זיין אָפּזיצן אין תפיסה...

דער מיליציאָנער וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט, האָט אויסגערופן:

— פאַרטיק, סע האָט זיך געענדיקט די צייט!... יעדער אין זיין קעמערל, יעדער זאָל צוריק אין זיין קעמערל!...

נאָום האָט זיך טאַקע געלאָזט גיין, הוסטנדיק, צוריק פון וואַנען ער איז פריער געקומען, פריער מיט צען מינוט, וואָס האָט אויסגעוויזן ווי אַן אייביקייט. ער איז פאַמעלעך געגאַנגען, זיך ווי געשלייכט ווי אַ שאָטן, אָן דעם אַז ער זאָל געוועזן האָבן אַרויסגערעדט אַ וואָרט, אָן דעם אַז ער זאָל געווען אויסדרייען דעם קאָפּ און כאָטש מיט אַ וואונק זיך געזעגענען פון זיין פרוי, פון זיין קינד... אדרבה, סע האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז ער איז געווען צופרידן וואָס די צען מינוט האָבן זיך שוין ענדלעך געענדיקט און אַז ער דאַרף נישט שטיין דאָרט מיט זיי אין אַזאַ פיינלעכן שווייגן...

אפשר איז דאָס גאַנצע צעהוסטן זיך ביי אים נישט געווען עפּעס אַנדערש ווי אַן אויסרייד, אַז ער זאָל נישט אַרויסרעדן כאָטש איצט, אין דער לעצטער מינוט קיין איין איינציק וואָרט?!...

יאָ, מע האָט אָנגעזען, אַז פאַר אים איז דאָס גאַנצע באַגעגעניש געווען מער ווי פיינלעך...

... פאַר וואָס זאָל זי נישט אָנערקענען: אויך פאַר איר איז עס געווען...

# 3. קינדישע פראגן

סע געשעט דען דאָס ערשטע מאָל? וויפל מאָל האָט עס זיך געטראָפן אויך מיט איר, מיט בעטין, אז הלוואי וואָלט עס גאָרנישט געשען, איידער אזוי... עס איז דאָך פיל ערגער געווען פאר איר, און אוודאי און אוודאי פארן קליינעם קינד, דאָס פיינלעכע באנגעגאנגיש מיטן פאָטער.

זי איז געקומען אויפן וועג צוריק, ווי ווען מע קומט פון א לוויה און מע געפינט נישט קיין טרייסט-וואָרט, נישט צו טרייסטן די אבלים, אפילו נישט זיך אליין, וואָס מען איז קוים א קרוב מיטן פארשטאָרבענעם, זי האָט כמעט נישט געהערט ווי דאָס קינד חזרט איבער איין פראגע נאָך דער אנדערער, ווארט אן ענטפער און באקומט נישט... ביז דאָס קינד האָט זיך אליין געפרואווט ענט-פערן:

... — איאָ, מאמי, דער טאטי איז קראנק... איך האָב געזען אז ער־הוסט זייער שטארק — האָט אָווידיו געפרואווט אזוי אָנבינדן א שמועס מיט זיין שווייגנ-דיקער מוטער. ער האָט געפילט, אז ער מוז עפּעס זאָגן, רעדן עפּעס, די מוטער מוז אים עפּעס ענטפערן, אויב נישט ברעכט ער אָט-אָט אויס אין א קינדישן געוויין.

— אוודאי, אוודאי, מיין ליבינקער — האָט זיך בעטי אָנגעכאפּט אין זיינע רייד, ווי א טרינקענדיקער כאפּט זיך אָן אין א שטרוי — האָסט דען נישט געזען ווי אזוי ער האָט, נעבעך, געהוסט?!...

אין דער זעלביקער מינוט איז אָבער געקומען בעטין אויפן געדאנק: אפשר האָט ער טאקע נישט געקאָנט רעדן, צוליב דעם הוסטן, וואָס זי ווייסט נישט זיין אמתדיקן באטייט. ער האָט דאָך קיין מאָל נישט געליטן אויף דער לונג. וואָס פּלוצעם צעהוסט ער זיך, איצטער, אין מיטן זומער?!... זי האָט גע-זוכט אן ענטפער אויף זיין שווייגן, וואָס האָט געשטראָלט מיט גלייכגילטיקייט (אויב נישט דווקא מיט שינאה!) און נישט געפונען... ניין, זיין שווייגן איז נישט געווען קיין קרענקלעכס, הגם זיין אויסזע איז יאָ געווען אזוי קרענקלעך

אז א „שענערן פון אים ליגט מען אין קבר“, ווי מע זאָגט זיך א ווערטל. גיין, נישט צוליב זיין אמתדיקער קרענק, נישט אזעלכע וואָס זי האָט אויסגעטראַכט פאַר א תירוץ צו זאָגן פאַר זייער קינד. עס איז טאַקע מעגלעך, זייער מעגלעך אַז פונעם „גוטן“ לעבן און פונעם וואוילטאָג פון דער תפיסה, זאָל ער טאַקע זיין קראַנק אויף אַן אמתן, אָבער דאָס שווייגן זיינס איז דאָך פשוט געווען א שינאהדיקס. זי האָט דאָך געפילט אַז פון זיינע בליקן האָט געשטראַלט שינאה... פאַר וואָס, צו וועמען איז געווען געוואָנדן זיין שינאה? צו איר, צום קינד, צו וועמען? ער איז דאָך געווען אַזוי איבערפולט מיט שינאה, אַז סע האָט אויסגעזען אַז ער האָט פיינט אַפילו זיך גופא?! ... פון וואַנעט נעמט זיך צון א מענטש, צון אַזאַ גוטן מענטש ווי ער איז פריער געווען, אַזוי פיל מאָס שינאה? וואָס האָט ער איבערגעלעבט במשך די פיר יאָר, אַז ער זאָל זיך פאַרוואַנדלען פון א „מלאך“ אין א „שד“?! ...

אומזיסט, דאָס גאַנצע גריבלען האָט נישט קיין זינען, ווייל זי וועט אויף אירע פראַגן קיין ענטפער נישט קאָנען באַקומען, ביז זי וועט נישט וויסן עפּעס ממשותדיקס, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אים, ווי אַזוי מע האָט אים אַרעסטירט, ווי אַזוי מע האָט אים געמשפּט (אויב מע האָט אים יאָ געמשפּט?), פאַר וואָס מע האָט אים פאַרמשפּט און אויף וויפל צייט? ... ביז איצט האָט זי דאָך גאָרנישט געקאָנט זיך דערוויסן. קיינער האָט איר גאָרנישט געזאָגט. יעדער איינער האָט זיך ווי אויסבאַהאַלטן פון איר, אויך אַפילו ווען זיי וואָלטן יאָ עפּעס געוואוסט, האָבן זיי אויסגעמיטן צו רעדן מיט איר, און נישט פאַרפירט קיין שום שמועס וועגן דעם דאָזיקן ענין. אויב זי איז געווען אויף אַן אוידיענץ ביי אַזעלכן, וואָס האָט שוין נישט געקאָנט אָפּקומען מיט „איך וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת, איך קאָן נישט דעם פאַל“, אויב אַזאַ איינער האָט דאָס שוין נישט געקאָנט זאָגן, ווייל מע וואָלט עס אים נישט געקאָנט גלייבן, האָט יענער געזאָגט בלויז מיט א שמייכל:

— ליבע חברטע בעטי, איר זענט אייך מקריב אומזיסט... די פּאַרטיי האָט אָפּגעשאַצט אייער טעטיקייט, איר האָט באַקומען מעדאַלן, איר האָט אויך היינט א פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן... פאַר וואָס האָט איר אייך נישט גע׳גט? וואָס וואַרט איר? איר האָט א קינד, איר דאַרפט עס וואַקסן אין גייסט פון...

בעטי פלעג אין אַזעלכע מאָמענטן נישט קאָנען אויסהערן ביזן סוף, די דאָזיקע אויסגעדראָשענע פראַזן. זיי האָבן זי שוין געאיבלט. וואָס, מישטיינס-געזאָגט, פאַר א פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט האָט זי? זי ציילט ביים רויטן-קרייץ וויפל חודשלעכן ביישטייער מע מאָנט איין אין אַן אָרעמען קאָאָפּעראַטיוו?!..

דאָס איז די פּאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, אירע?! זי וואָלט שוין ליבער געאַר־בעט אין אַ פּאַבריק ווען די כּוחות וואָלטן ביי איר געקלעקט. דעם אמת ווייסט זי דאָך אָבער יאָ, אַז די כּוחות לאָזן זיך אויס ביי איר. פון טאָג צו טאָג איז עס ערגער... דער בלוטדרוק לאָזט זי נישט רוען. אָט וואַקסט ער און הייבט זיך ביז צו 200 גראַד און צו מאָל נאָך מערער, אָט פאַלט ער אַראָפּ און דערגרייכט דעם אידעאַלן ניוואָ פון 140—130 גראַד. אָט דאָס זאָגן דאָך נישט בלויז די דאָקטוי־רים, וועלכע פּרוּוון איר אויסרעדן אַז דאָס איז צוליב די דאגות וואָס זי מאַכט זיך... יאָ־יאָ, זיי ראָטן זי טאַקע אַז זי זאָל זיך נישט אויפרעגן אויף גאָרנישט. זי דאַרף זיך אָפּהיטן דאָס געזונט, אויב זי וויל זוכה זיין אויפצוּוואַקסן איר קינד. דאַרף זי זיין וואָס רואיקער, וואָס מער רוען און שלאָפן רואיק און עסן צו דער צייט, רואיק, זיך נישט אויפרעגן, אויף גאָרנישט טאָר זי זיך נישט אויפ־רעגן...

יאָ, די דאָקטערישע עצות זענען זייער שיין און גוטע, פּונקט אַזוי ווי פון אַ רבי... אָבער צוריק געשמועסט, קאָן מען אין אַזעלכע אומשטאַנדן זיך לעבן רואיק און וואויל און זיך נישט אויפרעגן?!... דאַכט זיך אַז ער, נאָום, ווייזט אויס אַז ער איז שוין יאָ דערגאַנגען צו אָט דער מדריגה, אַז ער זאָל זיך אויף גאָר־נישט אויפרעגן. והא ראיה, אַז אפילו איצט, ביי זייער וויזיט ביי אים, האָט ער זיך פאַרהאַלטן אַזוי רואיק, אַזוי אינדיפערענט, גלייך נישט אים וואָלט מען געמיינט... יאָ, אָט דאָס הייסט זיין רואיק (אַז אָך און וויי, האָט בעטי ביי זיך געטראַכט, צון אַזאַ רואיקייט!)... אַזאַ מין רואיקייט געפינט מען בלויז ביי טויטע, אָדער וואָס גרייטן זיך שוין צום וועג פון געגעצלעכער רו, וואו קיינער רעגט זיך שוין מער נישט אויף, וואו קיין בלוט־דרוק מעסט מען שוין נישט... דאַכט זיך אַז נאָום איז שוין אויפן וועג פון אַזאַ רואיקייט... וואָס קאָן געבוירן ווערן נאָר אין אַ מוח, וואָס איז שוין איבערפולט געוואָרן און סע רינט שוין אַריבער, ווי וואַסער גיסט איבער פון אַ צו פולן גלאָז־בעכער, די גלייכגילטיקייט, צוליב דער אָפּהענטיקייט צו די צו פיל ליידן, צו פיל מורא, צו פיל פּיינען, צו פיל דערנידעריקונגען, צו פיל חוזק, צו פיל ציניזם, צו פיל טרערן, צו פיל בלוט, צו פיל טרעטן מיט די פיס דעם אייגענעם „איך", צו פיל זיך אויסבאַהאַלטן הינטערן אייגענעם שאָטן...

איז דאָך כמעט דאָס גאַנצע משפחה־לעבן זייערס, הגם אַזאַ קורצע צייט, אָבער דאָך פאַרגעקומען הינטערן שאָטן פון דעם אייגענעם איך, הינטערן איי־גענעם שאָטן...

# 4. „פאַרכאַפּטע"

ווען נאום האָט זיך צוריקגעקערט פון דער באַגעגעניש מיט זייניקע, וואָס האָבן אים געמאַכט דעם ערשטן וויזיט נאָך פיר יאָר צעשיידן, האָט ער געפילט אַ מעליאָווע טעם אין גומען. ער האָט אַזוי פיל אַרויסגעקוקט אויפן וויזיט, אַז ער זאָל זען זיין זינדל, זיין פרוי און... וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען? בעסער וואָלטן זיי זיך נישט געזען. יאָ, עס איז געווען מער ווי פיינלעך. עס איז געווען ווייטיקדיק פאַר ביידע צדדים. וואָס, אייגנטלעך, האָט ער זיך דערוואַרט? וואָס פאַר אַ טענות האָט ער געקאָנט האָבן צו זיי, סיי צו זיין פרוי, וועלכע האָט זיך דאָך נישט אָפּגעטרייסלט פון אים, ווי סע האָבן געטון כמעט דאָס רוב פון זיינע תפיסה חברים, סיי, און בפרט, צו זיין קינד... וואָס איז שולדיק אין דער גאַנצער געשיכטע זיין קינד?! ווייל ער האָט שוואַרצע האָר, ווייל סע האָט אַראָפּגעירשנט געגנוי זיין ציגיינערישע צורה. נו איז וואָס? האָט ער דען שוין נישט צייט געהאַט במשך די דאָזיקע יאָרן וואָס ער פאַרבראַכט דאָ, אין דער תפיסה, זיך צו איבערצייגן אַז צו זיין אַ ציגיינער איז ווינציקער בושה ווי צו זיין אַן „אוממענטש" פון סיי וועלכער נישט-שעמעוודיקער נאַציאָנאַליטעט?!... וואָס פאַר אַ שולד האָט דאָס פיצינקע (ביי זיך האָט ער מיט סאַטיספאַקציע געטראַכט: שייניקע און גאָר חנעוודיקע) ייִנגלע, וואָס סאַמעוועט אַזוי גוט מיט אים, פונקט ווי צוויי טראָפּן וואַסער?... אדרבה, ער וואָלט דאָך געדאַרפט זיין שטאָלץ מיט דעם, וואָס זיין זון סאַמעוועט מיט אים, מיט זיין פאָטער, און נישט מיט קיין שכן... וואָס ער וויל זיך שוין נישט אָנגעהערן צו זיין אָפּשטאַם?! דאָס איז זיין אַ פערזענלעכע טראַגעדיע, וואָס ער וואָלט זיך דערמיט געדאַרפט שעמען, און צו מאָל, צווישן זיינע אינטימע געדאַנקען, ווען ער פירט איבער אַ סך-הכל מיט זיך גופא אויף זיינע מעשים פון די לעצטע יאָרן, ווייסט ער דאָך אַז עס איז צום באַדויערן. צו וואָס האָט אים געטויגט זיך איינצורייסן און אָקעגנשטעלן זיין פאָטער, ווען דער אַלטער האָט נישט מסכים געווען אַז ער זאָל בייטן

זיין נאָמען פון נאָאַן אויף נאום, צי פון דאנטשו אויף דאנטשולעסקו? יאָ, ערשט איצט האָט ער זיך דאָך שוין איבערצייגט, אז גערעכט איז געווען זיין פאָטער און נישט ער ... מאָדנע, ווען ער קומט אָן צו אָט די דאָזיקע געדאנקען, אָנשטאָט ער זאָל כאָטש איצט, אין געדאנק, בעטן מחילה ביי זיין פאָטער, וואָס ער האָט אריבערגעטרעטן איבער זיין פאָטערלעכן וואָרט, אָנשטאָט דעם באַשולדיקט ער גאָר דעם פאָטער, פאר וואָס ער, דער פאָטער, האָט זיך מיט אים נישט גענוג געראנגלט, אז ער זאָל אים טאקע נישט דערלאָזן באגיין אזא שטות, וואָס איז אים איצט א גאָר קליינער כבוד. וואָס האָט ער געוואָלט, אז זיין פאָטער זאָל צושפרינגען אים שלאָגן, שוין דעמאָלט ווען ער איז שוין געווען א דערוואקסענער?!...
יאָ, ער וואָלט איצט טאקע אזוי געוואָלט, אז זיין פאָטער זאָל געווען קעמפן מיט אים אפילו פיזיש און נישט דערלאָזן אָפּווישן זיין פאמיליע־נאָמען אזוי לייכט, א נאָמען מיט וועלכן זיין פאָטער איז געווען שטאָלץ מיט אים, א נאָמען פון אַן ערלעכן ציגיינער, וואָס האָט געלעבט פון ערלעכער מלאָכה, געווען געשאצט און געערט פון אלע, נישט־ציגיינער און ציגיינער, וועלכע האָבן אים טאקע אויסגעזויילט מיטן דאָזיקן נאָמען ווי זייער „בוליבאשא“, זיך צוגעהערט צו זיין אַן עצה און אָפט מאָל אויך צו זיין פסק־דין אין זייערע סיכסוכים ...
.. איצט, ווען ער האָט זיך געזען ווי אין שפיגל, אין אויסזען פון זיין אייגן זינדל, האָט ער זיך אויפגעפירט אזוי אכזריותדיק פרעמד און אפילו פיינטלעך און אויסגעמיטן נישט נאָר ארויסצורעדן א וואָרט, א ווארעם פאָטערלעך וואָרט, צום דאָזיקן אומשולדיקן קינד זיינס, נאָר ער האָט אויך אפילו אויסגעווייכט יעדן מינדסטן בליק. פאר וואָס? נאריש וואָס נארישער קאָן שוין נישט זיין. רישעותדיק וואָס שלעכטער קאָן שוין נישט זיין. ווען וועט ער נאָך האָבן אזא גינציקע געלעגנהייט?

און וואָס שייך זיין פרוי, בעטי, וואָס איז זי שולדיק אין זיין גאנצן אומגליק? איז עס דען בלויז זיין טראַגעדיע — עס איז דאָך פונקט אזוי אויך איר אומגליק, נאָך אפשר פיל פיינלעכער, ווייל זי איז דאָך דאָרט, אויף דער פריי און מוז קוקן אין די אויגן ווינציקער די פריינד, אָבער נאָך מערער די שונאים, וואָס האָבן גורם געווען אז ער זאָל דאָ פארפוילט ווערן, נאָך אזוי יונג, צוליב באַשולדיקונגען פון ווערטער, וועלכע זענען איצט געשטעלט געוואָרן אין דער צירקולאציע, ווי פאלשע מטבעות ...

מאָדנע, האָט נאום זיך געטראכט. יעדע עפּאָכע, יעדער פעריאָד, וואָס ער האָט צייט געהאט צו באמערקן אפילו נאָר אין זיין קורצן לעבן, האָט אין דער צירקולאציע א געוויסן באגריף, א טערמין, א וואָרט, וואָס באקומט א געוויסן

באַטייט, אַן אַנדערן ווי געוויינטלעך, אַפילו אַן אַנדערן ווי דער טייטש פון ווער־טער־בוך ... איצט, אַ שטייגער, איז געשטעלט געוואָרן אין דער צירקולאַציע אַ מטבע וואָס מע רופט אָן „פּראַקטיציאַניזם", „אַנטי־מלוכהניק", סעקטאַריזם אַ גלאַצניק, וואָס פֿאַרמאָגט נישט קיין „וואַכזאַמקייט־געפֿיל", און דאָס זעט אויס ווי אַ מעשענע מטבע. אַ גלאַנציקע מינץ וואָס מע קאָן אויסבייטן אויף קלענערע מטבעות, וואָס ער איז נאָך צום דערליידן, אָבער לײַדער קאָן מען די דאָזיקע „פּראַקטיציאַניזם"־מטבע צו מאָל אויפֿבייטן אויף גרעסערע מטבעות, הגם אויך פֿאַלשע, אָבער דאָך אויבנאויפֿיקע מיט אַ גרעסערער וויכטיקייט אָדער ווערטי־קייט, וואָס אַז מע שטעלט זי אויף אַ וואָגשאָל, קאָן מען פֿאַרשלעפּט ווערן, ווי ער איז פֿאַרשלעפּט געוואָרן, אהער אין דער דאָזיקער תּפֿיסה, וואָס האָט געהאַט אַן אָנהייב, אָבער קיינער ווייסט אים איצט נישט צו זאָגן, ווען זי וועט האָבן אַ סוף ...

... פֿאַרשלעפּט געוואָרן? יאָ, אָט דאָס וואָלט דאָך געווען דאָס פּאַסיקסטע וואָרט, אויב ווערטער קאָנען נאָך פֿאַררעכנט ווערן היינט פֿאַר פּאַסיק, אויף אויסצודריקן עפּעס וואָס מע וויל, נישט דאָס וואָס מע וויל נישט, נאָר מע טײַטשט אין אים אַריין, מיט מער אָדער ווינציקער בייזוויליקייט ...

ער איז דאָך דאָ געוואויר געוואָרן, וואָס ביז איצט האָט ער זיך אַפילו נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז דאָס קאָן אַמאָל מעגלעך זיין, אַז מע זאָל אַזוי „פֿאַרכאַפּן" מענטשן?! ... ביי אים איז עס געווען גאָר פּשוט: מע האָט אים גערופֿן, איז ער געקומען. ער האָט זיך דען געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז אַוועקגיין וועט ער שוין פֿון דאָרט נישט, נאָר מע וועט אים אַרויפֿלייגן אייזערנע קייטלעך אויף די הענט?! אָבער דאָך איז עס געווען מער־ווייניקער אָן צערעמאָניעס ... דאָ האָט דאָך איינער פֿון זיינע תּפֿיסה־חברים דערציילט עפּעס אַזוינס, וואָס אין די סאַמע אווענטוריסטישסטע פֿילמען וואָלט מען עס נישט געקאָנט זען. ער האָט געוואוסט, אַז די אַמאָליקע, בירגערלעכע צי אַפילו פּאַשיסטישע פּאָליציי אָדער געהיים־פּאָליציי, סיי וועלכן נאָמען זי זאָל געווען האָבן, איז דעמאָלט געקומען, זיך אַריינגעבראָכן אין אַ הויז, ביי טאָג צי ביי נאַכט, געזאָגט דעם באַקאַנטן באַנאַלן פּסוק: אין נאָמען פֿונעם געזעץ ... אמת, עס איז געווען „זייער" געזעץ, אָבער דאָך ... איצט טוט מען עס גאָר אַנדערש. אויף אַ גאָר אָריגינעלן אופֿן. אויב דעמאָלט האָט די משפּחה פֿונעם געפֿאַנגענעם געוואוסט אויף קלאָר, אַז דער פֿאָטער, צי מאַן, איז אַרעסטירט געוואָרן, האָבן זיי כאָטש געוואוסט אַזוי פֿיל. אמת, עס איז דאָס מינדסטע, אָבער דאָך עפּעס. היינט ווייסט די משפּחה לגמרי נישט וואָס עס איז געשען, וואו ס׳ע געפֿינט זיך דער פֿאַרפֿאַלענער ...

נו, ער איז שוין דאָ. ער זיצט שוין אין תפיסה. האָט שוין אזוי פיל געלערנט, אין זיינע פּאָליטישע קורסן, וואָס ער האָט אזוי פלייסיק זיך געלערנט, האָט ער דעמאָלט זיך נישט אויסגעלערנט אזוי פיל ווי דאָ. אָבער דאָך איז ער נאָך נישט געקומען אָדער נאָך נישט דערגרייכט צו יענער מדריגה, אז ער זאָל פארשטיין דעם סוד, ווען מען ניצט עס אז די מענטשן זאָלן פארפאלן ווערן אָן שפּורן?! פאר וואָס זאָגט מען נישט אָפן, דעם אמת, בקול רם, אז די גאנצע משפּחה, און אפילו שכנים זאָלן וויסן אז דער און דער איז א „גנב“, א „גזלן“, א „שפּיאָן“, א „פאררעטער“, אן „אנטי-מלוכהניק“, אן אויסוואורף, וואָס מע וויל נאָר הערן און געדענקען. מע קאָן דאָך זאָגן פּונקט אזוי, אז דער און דער איז א „פּראַק-ציאָניסט“, א „סעקטאַריסט“, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פונעם „קאָלעקטיוו“, וואָס נעמט נישט אָן קיין „קריטיק“ — בקיצור, איינער וואָס האָט געשפּיגן אין דער קאַשע, אָדער ער האָט געפייפט אין קלויסטער, און טאַקע פאר דעם ארעסטירט מען אים...

צו וואָס טויגן די סודות פון פארפאלן ווערן, אז די גאנצע משפּחה זאָל משוגע ווערן טראַכטנדיק, וואו ער איז אהינגעקומען?! אפשר איז גאָר אזוי בעסער, אז די מורא זאָל זיך פארשפּרייטן איבער דעם גאנצן ארום, אזוי ווי סע שפּרייט זיך אוים א שטיקנדיקער רויעך?!...

נישט לאַנג, האָט איינער דערציילט אזא מין נישט-גלייבלעכע „מעשה“:

ערב זיין „פארכאַפּן“ האָט מען אים גערופן צום שעף. דאָרט זענען נאָך געווען נאָך צוויי-דריי חברים, וואָס האָבן אין אלגעמיין געשוויגן, און אויב זיי האָבן שוין יאָ ארויסגעזאָגט עפּעס א וואָרט, איז עס געווען פול מיט העפלעכ-קייטן. זיי האָבן אויסגעזען צו זיין מענטשן מיט ווייסע הענטשקעס, פיינע איי-דעלע לייט, ווי די ענגלישע פּאָליציי, וואָס האָבן אפשר אין זייער לעבן נישט ארויסגעלאָזט אויף זייערע ליפּן א „ניין“... אויף אלעמען האָבן זיי מסכים גע-ווען און געזאָגט בלויז „יאָ“...

דער שעף האָט געהאלטן א קורצע דרשה, ווי ביי א זיצונג, ווען מע דיסקו-טירט וויכטיקע פּראָבלעמען. אייגנטלעך האָט מען דאָך איצט אים געזאָגט נאָר וויכטיקע, גאָר וויכטיקע זאכן... די פּארטיי האָט צוטרוי צון אים, ער איז א פּארטרוילעכער חבר, א פעאיקער מענטש און אזוי ווייטער, ווייטער, ביז ער איז דערגאנגען צום תוך פון דער זאך. איצט וועט ער נאָמינירט ווערן דירעקטאָר פון דער אונטערנעמונג איקס, וואָס איז פון גרויסער וויכטיקייט, און טאַקע מחמת דעם דארף מען דאָרט האָבן אזא פעאיקן און פּארטרוילעכן מענטשן

ווי ער איז. יאָ, ער האָט אים נאָך מכלומרשט געפרעגט: „זענט איר גרייט ...״ ער האָט אפילו נישט געוואַרט אז דער שעף זאָל ארויסזאָגן די גאנצע פראַגע, האָט ער באַלד אים אונטערבראָכן און געזאָגט: „אוודאי בין איך גרייט, אויף סיי וואָס פאר אַן אויפגאבע וואָס די פּארטיי וועט מיר אָנטרויען״ ... די אָנוועזנדיקע שווייגנדיקע חברים האָבן אויף דעם זייער צופרידן געשמייכלט, ווי איינער רעדט, אז אוודאי וועט א זעלנער זיך נישט אָפּזאָגן אויסצופירן קיין באַפעל ... (מע מעג דאָ באַמערקן אין די האַלבע־לבנות, אז שפּעטער מיט יאָרן וועט נאָכדאַנטשולעסקו געוואויר ווערן, אז ווען מע האָט סטאַלינען דערציילט, אז זיין אייגענער שוואָגער, ווי פיל אנדערע, איידער מע האָט זיי אויסגעשאָסן ווי די הינט, האָבן זיי אויסגערופן „זאָל לעבן דער חבר סטאַלין!״ זאָל דעמאָלט סטאַלין געוועזן ארויסלאָזן מיט זיין ציניש׳ן שמייכל די באַקאַנטע רוסישע פּאָרנאָגראַפישע קללה „אין דער מוטער״!) ... מע האָט מיר געגעבן צייט א האַלבע שעה, אז איך זאָל אהיימגיין, מיר נעמען דאָס נייטיקסטע אויף צו פאָרן אין דער שטאָט איגרעק, אויף מיין נייעם פּארטרווילעכן פּאָסטן. מיך האָט שוין געוואַרט א בילעט אין שלאָף־וואַגאָן, כדי איך זאָל זיין אויסגערוט, מאָרגן פרי, ווען איך וועל זיך מעלדן אויף מיין נייער פּאָסטן, זאָל איך זיין גרייט צו נעמען אין די הענט אריין מיין נייע ארבעט און באַווייזן וואָס איך קאָן, אז די אָנפירערשאַפט האָט זיך נישט טועה געווען, ווען מע האָט מיר ארויסגעוויזן אזא צוטרוי, צון אזא וויכטיקער ארבעט ... הייסט עס, אז מיין פרוי האָט געוואוסט, אז איך פאָר אין דער שטאָט איגרעק — וואָס סע וועט דאָרט זיין, ווען און ווי אזוי, וועל איך שפּעטער איר מודיע זיין. אפשר וועט זי גאָר דארפן זיך איבערציען, כדי צו וואוינען צוזאמען מיט מיר? ... נו, שטעלט אייך פאָר, אז איך בין קיין מאָל נישט דערפאָרן צו דער שטאָט איגרעק. אין שלאָף־וואַגאָן? ניין. אפילו אהין בין איך שוין אויך נישט דערגאַנגען ... דער בילעט איז טאַקע געבליבן ביי מיר אין קעשענע, אָבער די מאַשין, דער אויטאָמאָביל וואָס האָט מיך געזאָלט פירן צום וואָקזאַל, האָט מסתמא פארקערעוועט „על־פּי־טעות״ און איך בין דערפאָרן אהער ... וואָס ווייסט מיין משפחה וועגן מיין גורל, האַ? אנו, זאָגט מיר, איך בעט אייך — האָט ער פארענדיקט זיין אינטערעסאַנטע געשיכטע מיט א ציניש געלעכטערל, וואָס האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים, וואָס האָט גאָרנישט אויסגעדריקט, אפילו נישט קיין רוגזה. פּשוט, ער איז שוין גלייכגילטיק צון אַלעמען, גלייך ער וואָלט נישט דערציילט וואָס עס איז געשען מיט אים, נאָר ווי עפּעס א קינדער־מעשה פון טויזנט און איין נאַכט, וועגן, אַלי־באַבאַ מיט די פערציק גזלנים ...

יאָ, נאָום קאָן עס אויפֿן היינטיקן טאָג נישט פֿאַרשטיין, צו וואָס דאַרף מען אַזעלכע קינציקע אָפּנאַרערישע שטיק? וועמען דאַרף מען און וועמען וויל מען אַזוי כיטרע-נאַריש אָפּנאַרן?! ... וואו, אין וועלכע שולן האָבן עס די „חברים" אויסגעלערנט, אַז אַפֿילו די ראַפֿינירטסטע ערגסטע פּאָליציי האָט עס נישט גע-טון אַזוי, אויף אַזאַ אופֿן ...

זיי האָבן דאָרט נישט געהאַט קיין צייטונגען צו לייענען. בכן, זענען זיי געווען געגצלעך איזאָלירט פֿונעם דרויסן. זיי האָבן געוואוסט וואָס מע האָט זיי געזאָגט אין די פּאָליטישע לעקציעס, וואָס מע האָט פֿאַר זיי געהאַלטן פֿון צייט צו צייט, אָבער געזאָגט האָט מען דאָך נישט אַלץ וואָס עס איז געשען, אַפֿילו נישט דאָס וואָס די צייטונגען האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט. מע האָט זיי געזאָגט בלויז אַזוי פֿיל וויפֿל מע האָט געהאַלטן אַז מע מוז זיי זאָגן, אָבער וויפֿל עס איז זיי ניצלעך ... אַזוי למשל, האָט מען אַפֿילו נישט געזאָגט אַז עס איז דאָך עפּעס געשען אין לאַנד, אַז עפּעס האָט זיך געביטן אין דעם אופֿן ווי מע באַגייט זיך שוין מיט מענטשן, אויך ווען מע האַלט זיי פֿאַר שונאים ... ניין, זיי האָבן דאָרט דערפֿון נישט געוואוסט, ווייל קיינער האָט דאָך נישט געהאַט קיין מינדסטן אינ-טערעס, אַז זיי זאָלן זיך עפּעס דערוויסן. דער איינציקער מקור אויף עפּעס גע-וואויר צו ווערן זענען געווען די פֿרישע אַרעסטירטע, וואָס זענען אָקערשט אָנגעקומען, אָבער זיי זענען וואָס אַמאָל געקומען זעלטענער, און האָבן געוואוסט צו דערציילן וועגן דאָס און יענץ. אָבער לעצטנס זענען שוין אַזעלכע געקומען זייער זעלטן ...

פֿיל מענער זענען אַזוי אַרום געוואויר געוואָרן, אַז זייערע פֿרויען, ברידער צי שוועסטער, אָפּט מאָל אויך עלטערן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייערע „שענד-לעכע" מעשים, און האָבן באַדויערט וואָס זייערע מענער צי ברידער האָבן זיך פֿאַרקויפֿט פֿאַרן שונא ...

נו, אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווען בעטי איז געקומען צון אים, מאַכן אים אַ וויזיט צוזאַמען מיטן קינד, הייסט דאָך עס, אַז זי האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון אים, און אַוודאי שוין נישט גע׳גט — איז פֿאַר וואָס זשע האָט ער זיך מיט איר אויפֿגעפֿירט אַזוי ווילד פֿרעמד, אַזוי פֿיינטלעך?! ... און דאָס קינד?

יאָ, נאָום האָט שוין חרטה געהאַט, וואָס ער האָט אויסגעגאָסן זיין ביטערניש אויף זיינע אייגענע, וואָס ליידן געווען אויך אָן זיין בייטראָג צו זאָלצן זייערע וואונדן ...

ליידער האָט ער דעמאָלט נאָך נישט געוואוסט, אַז נישט אַלץ קאָן מען אָפּקומען, אָדער פֿאַרריכטן, מיט תשובה און מיט חרטה. יאָ, דאָס וועט ער אויך

מסתמא געוואויר ווערן, ווי מערער זאכן ביז היינט, אז סע זענען פאראן זאכן וואָס קאָנען נישט פארריכט ווערן מיט חרטה. פאראן זאכן אויף וועלכע סע העלפט שוין נישט קיין שום תשובה, עס איז שוין צו שפעט. יאָ, אין אזעלכע פאלן איז, ווייזט אוים, שוין נישט גילטיק יענץ באקאַנטע ווערטל, אז בעסער שפעטער איידער קיין מאָל נישט. ניין, עס איז בילכער פריער איידער שפעטער, ווייל צו מאָל איז דער „שפעטער" שוין צו שפעט, און סע העלפט שוין צו גאָר-נישט, און דער שפעטער איז שוין דעמאָלט גלייך מיטן „קיין מאָל"...

פון וואנען זאָל ער געוועז זיך איצט פאָרשטעלן, אז בעטין וועט ער שוין מער קיין מאָל נישט זען און וועט שוין נישט האָבן די געלעגנהייט איר אויס-צודריקן זיין חרטה אָדער תשובה?!...

# 5. שאפן – הייסט לעבן

בעטי האָט געפילט א ווייטיק ביי דער ברוסט. אמת, זי האָט זיך שוין ווי צוגעוויינט דערצו, גלייך אזוי וואָלט געדארפט זיין. אדרבה, ווען די ווייטיקן האָבן אויף א צייט אויפגעהערט, דעמאָלט האָט עס איר אויסגעזען נישט נאָר־מאל. אָבער אויסצוהאלטן די דאָזיקע שוין באוואוסטע ווייטיקן איז איר נישט אזוי לייכט. צו מאָל זענען זיי אזוי שטארק, אז סע קומט איר אָן צו שרייען... אָבער ווער וועט הערן? אָט פאר וואָס זי דארף ליידן, איבערליידן און זיך באהערשן אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך, ביז... סע גייט א ביסל פאריבער, און... אין אזא פויזע האָט זי גענומען דאָס פאפיר און דאָס שרייבפענדל און זיך אוועקגעזעצט שרייבן.

זינט א צייט האָט זי געפילט אזא מין נויטווענדיקייט עפּעס צו שרייבן, עפּעס וואָס עס איז איר געקומען אין זינען. האָט זי עס אויסגעדריקט, פאר־פלאָכטן און פארוועבט מיט אירע אָנגעוווייטיקטע געפילן, אין ווערטער. צו מאָל איז עס געווען אין פערזן און צו מאָל איז עס געווען אין פּראָזע. אָבער סיי די פערזן און סיי די פּראָזע איז געווען א לירישע, וואָס האָט אויסגעדריקט איר שטימונג, אירע געפילן, איבערגעלאָדענע מיט ליידן, מיט דערשטיקטער ווייטיק (לעצנטס אויך מיט פיזישער ווייטיק!), מיט פארבאהאלטענער בושה, ביזיונות וואָס זי האָט געהאט איבערצושטיין אין די לעצטע יארן, אויף וואָס זי האָט נישט געהאט נישט פאר וועמען זיך צו באקלאָגן איר ביטער מזל, נישט פון וועמען צו דערווארטן א דערמוטיקונגס־וואָרט. פון וועמען? איז איר געבליבן דאָס איין און איינציקע צו טון, אויסצודריקן איר פארביטערט הארץ בלויז פאר זיך גופא. האָט זי עס געטון מיטן שרייבפענדל אויפן פאפיר.

דערפילנדיק א שטאָך אין דער ברוסט, האָט זי זיך אויף א ווײַלע אָפּגע־שטעלט, צוגעלייגט די האנט צון איר ברוסט און צוגעפרעסט, כדי אָפּצושוואכן א ביסל די שטארקע ווייטיק, אָדער גאָר צוצופרעסן איר הארץ, וואָס מוטשעט זיך און וויל ווי ארויספליען, קלאָפּנדיק אזוי האסטיק, מיט אומגעזעענע פליגל...

אמת, עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. סע וואָלט שוין צייט געווען אַז זי זאָל זיך לייגן שלאָפֿן, אָבער זי האָט זיך נישט געלייגט, און זיך נישט געקאָנט דערקלערן פֿאַר וואָס זי לייגט זיך נישט. ווייל זי קאָן נישט שלאָפֿן? איז וואָלט זי דאָך כּמעט געלעגן האָריזאָנטאַל און אפילו דאָס וואָלט דאָך אויך געקאָנט לינדערן אַ ביסל אירע שטאַרקע ווייטיקן... אָבער זי האָט זיך נישט געלייגט, זי האָט נישט געוואָלט זיך לייגן. ווער און וואָס האָט זי געשטערט? אפשר האָט איר דאָס אונטערבאַוואוסטזיין זי צוריקגעהאַלטן אַז זי זאָל זיך נישט לייגן און נישט פֿאַרשלאָפֿן דאָס ביסעלע וואָס איר האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז זי האָט נאָך צו לעבן... יאָ, קיין שום דאָקטער האָט עס איר נאָך נישט געזאָגט אָפֿן. אָבער דאָך האָט מען איר שוין געגעבן אָנצוהערן, אַז עס איז מעגלעך... יאָ, דערווייל האָט מען געזאָגט אַז עס איז „מעגלעך“, אַז מע וועט מוזן פּרואוון זי אָפּערירן און אויסשניידן ביי איר אַן איבעריק „שטיקל“ פֿון דער לינקער ברוסט... נו, דאַרף מען דען זאָגן פֿאַר אַ היינטיקער פֿרוי מער, זי ווייסט דען נאָך נישט וואָס דאָס קאָן באַטייטן?!

אויך מחמת דעם, ניצט זי אויס יעדע פֿרייע מינוט, ווען די ווייטיקן שטילן זיך אויף אַ ביסל, און כּדי גובר צו זיין אירע טונקלע געדאַנקען, אָדער דערמיט גובר צו זיין אירע טרויעריקע געדאַנקען — שרייבט זי. נאָך מער, זי באַמיט זיך אַז אפילו אָן איר ווילן זאָל זיך נישט „אריינגנבענען“ אין איר שרייבן קיין מרה־שחורה. דאָס הייסט, אַז זי וויל טאַקע אויסדריקן אירע פֿינצטערע געפֿילן אין איר שרייבן — אָבער אויף קיין פֿאַל זאָל דאָס נישט זיין קיין גאַל־אויסגוס. זי וויל נישט אַז ווען סע וועט זיך אפשר געפֿינען אַ לייענער פֿאַר איר שרייבן (דאָס איז דאָך דער ציל פֿון סיי וועלכן שרייבן און שרייבער אין אַלע צייטן און אין אַלע אומשטאַנדן!) זאָל ער געפֿינען „גאַל“. ניין, דאָס איז נישט איר אופֿן שרייבן. אדרבה, אין אירע שורות, אין די טרויעריקסטע, דאַרף זיך געפֿינען כּמעט אַ טראָפּן הומאָר — איז עס טאַקע צו מאָל גאַליקער הומאָר, ציניש סאַטירע, אַז מע לאַכט נישט, זאָל מען כּמעט שמייכלען, אָבער דאָך מיט טרערן... טאַקע דערפֿאַר איז איר שרייבן נישט קיין „צייטפֿאַרטרייב“, פּונקט אַזוי ווי פֿאַרן „לייענער“ (אויב ער וועט אַמאָל זיך אויסגעפֿינען פֿאַר אירע שורות!) זאָל עס נישט זיין קיין „צייטפֿאַרטרייב“, נאָר אַרויסצולייענען פֿון אירע שורות (און פֿאַר וואָס נישט אויך פֿון צווישן די שורות?) איר מעסאַזש, וואָס זי וויל איבערשיקן אויב נישט קיין אַנדערן, איז כּמעט פֿאַר...

פּלוצים האָט זי פֿאַר זיך דערזען אַ ווידיון. דאָס קינד האָט זיך אַדורכגעוועקט, געזען אַז דאָס ליכט ברענט, אַז די מוטער זיצט פֿאַרטראַכט ביים טיש

און שרייבט עפּעס, האָט זיך עס דערגענגטערט. האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר געקוקט פאַרחידושט, ווי פאַרוואונדערט סע קאָן קוקן אַ ייִנגעלע מיט נאָך נישט אויסגעשלאָפענע אייגעלעך. ווען די מוטער האָט עס דערזען, אַזוי שטייענדיק פאַרגאַפט, האָט זי אים אַ גלעט געטון איבערן קעפּל:

— דו שלאָפסט נישט? — און אים גענומען אויף דער שויס, הגם ער איז שוין געווען גענוג גרויסלעך און פאַר איר שוין שווער אים אויפצוהייבן — האָסט עפּעס געחלומט?

דער אמת איז, אַז דאָס ייִנגעלע האָט גאָרנישט געחלומט, אָבער אַז זי האָט אים אַזוי געפרעגט, האָט זי אים דערמיט סוגערירט אַז ער זאָל זאָגן יאָ:

— איך האָב געחלומט, אַז דו שרייבסט אַ בריוול פאַר טאַטין — האָט דאָס קינד געזאָגט, דאָס וואָס עס האָט געטראַכט, אָדער אויסגעטראַכט איצט, אויף דער וואָר, נישט אין שלאָף...

— ניין, מיין ליבינקער — האָט בעטי געזאָגט מיט מוטערלעכער הארציקייט — איך שרייב נישט קיין בריוול. מע דאַרף נישט שרייבן... ער ווייסט אַלץ וועגן אונדז, איך דאַרף אים נישט שרייבן...

— אָבער פאַר וואָס שרייבט ער נישט? — האָט דאָס ייִנגל געפרעגט נאַיוו, אומשולדיק, ווי אַ קינדישע פראַגע קאָן צו מאָל אויסזען און אַרויסזאָגן אמתן, אויף וועלכע אפילו דערוואַקסענע קאָנען קיין תשובה נישט געבן. אויך די גרויסע דווקא דערוואַקסענע קאָנען נישט געבן קיין ענטפער — מיר ווייסן דאָך פון אים גאָרנישט, וואָס ער טוט, צי ער הוסט נאָך?...

— נו, ער וועט שוין אהיימקומען — האָט זי אים געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכל, ווי מע פלעגט זאָגן: „ווען משיח וועט קומען", ווען מע האָט שוין קוים געגלייבט אין אַזאַ צייט — דעמאָלט וועט ער אונדז דערציילן אַלץ, אַלץ... איצט גיי לייג זיך צוריק שלאָפן.

— וואָס שרייבסטו, אויב נישט קיין בריוו? — האָט שוין דאָס קינד געפרעגט ווייטער, דאָס מאָל שוין נייגעריק.

— איך שרייב אַ מעשהלע...

— אַ מעשהלע? דערצייל עס מיר — האָט ער זיך ווי געבעטן, אַנידערזעצנדיק זיך נעבן איר, אויף אַ בענקל.

— ניין, ליבינקער, קודם איז איצט נישט קיין צייט פאַר דיר אויסצוהערן מעשיות. דו דאַרפסט איצט שלאָפן, זאָלסט וואַקסן, גרויס-גרויס — איבעריקנס איז דאָס נישט קיין מעשה פאַר קינדער...

— גרויסע דארפן אויך מעשיות? — איז שוין צוגעשטאנען דאָס קינד — איך האָב געמיינט אז נאָר קינדער דערציילט מען מעשיות, גרויסע קאָנען דאָך איינשלאָפן אויך אָן מעשיות?!

— נו, זעסטו, אָט די דאָזיקע מעשה וואָס איך שרייב איצט איז דווקא פאר גרויסע... און ווען דו וועסט אונטערוואקסן, גרויס ווערן, וועסטו זי לייענען, און אויב זי וועט דיר געפאלן די דאָזיקע מעשה, וועסטו נישט איינשלאָפן. יאָ, מיין ליבינקער, גרויסע שלאָפן איין פיל שווערער פון קליינע...

— פון א מעשה קאָן מען „נישט-איינשלאָפן"? — האָט זיך קינדיש גע־וואונדערט אָווידיו — איך האָב געוואוסט אז פון א מעשה שלאָפט מען איין, אפילו דער דערציילער, נישט נאָר דער וואָס הערט זי אוים?!...

— נו, ווען דו וועסט עלטער ווערן און קאָנען לייענען אליין א מעשה, און בפרט פארשטיין אליין א מעשה, וועסטו באנעמען וואָס סע ווערט דערציילט אין איר, און צו מאָל אויך דאָס וואָס סע ווערט גאָר פארשוויגן און נישט-דערציילט, וועסטו זען אז מע קאָן זעלטן איינשלאָפן ביי אזא מעשה...

— אויב מע קאָן נישט איינשלאָפן פון דער מעשה וואָס דו שרייבסט איצט — האָט אָווידיו געזאָגט ווי מיט א קינדישן חוזק — איז שוין נישט כדאי זי צו שרייבן, וועמען זשע טויג זי, אז אפילו איינשלאָפן...

— נישט צום איינשלאָפן דארף מען מעשיות — האָט זי אים אונטערבראָכן, זי האָט טאקע געמיינט אז זי וועט אים איצט אויפקלערן וועט ער פארשטיין און אויך פארגעדענקען, וואָס זי זאָגט אים איצט... ווען וועט זי האָבן אזא גוטע געלעגנהייט מיט אים צו פארפירן אזא שמועס, וואָס זי וואָלט געוואָלט אז ער זאָל פארגעדענקען?

יעדער מענטש, סיי ער איז א פראָפעסיאָנעלער שרייבער, סיי ער איז עס נישט, פילט א נויטווענדיקייט צו דערציילן פון דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט, איבערצוגעבן פון דער דערפארונג, אָדער חכמה, וואָס אים דאכט זיך אז ער איז מחויב עס איבערצולאָזן, ווי א ירושה, אויך פאר די קומענדיקע דורות. זי? יאָ, אויך זי פילט אזא חוב, הגם זי האָט איצט נישט קיין שום אויסזיכטן אז דאָס וואָס זי שרייבט וועט ערגעץ ווען אמאָל געדרוקט ווערן. שוין לאנג ווי זי האָט נישט פארעפנטלעכט גאָרנישט. אפשר איז דאָס ווייל זי שרייבט נישט קיין געראָטנס. אפשר איז עס איצט נישט „אקטואל". אפשר איז זי אָפגעריסן פון דער „ווירקלעכקייט", וואָס ווערט איצט „אָפגעשפיגלט" אין די פובליקאציעס. ביי איר זעט דאָך אוים די ווירקלעכקייט גאָר אנדערש. עפעס ווי אין א קרומעם שפיגל, פארהוילן און אפילו דעפאָרמירט... בכן, פאסט זיך עס נישט אריין

אין די היינטיקע רעמען. אָדער אפשר איז איר „בילד" גאָר צו קליין און די רעם איז היינט צו גרויס, אָדער איז די רעם נישט אזוי גרויס, נאָר איר בילד איז גאָר צו קליין — אנדערש ווי אזוי דערקלערט זיך עס, וואָס איצט פּובליקירט מען שוין נישט גאָרנישט, הגם פון צייט צו צייט שיקט זי אין די רעדאַקציעס צון א ליד, אין וועלכן זי זינגט וועגן שלום, וואָס אין אויף קיין פאַל נישט מינדער פון דער פּאָעזיע וואָס מע פאַרעפנטלעכט איצט... פונקט אזוי איז עס מיט איר פּראָזע. זי האָט אָנגעשריבן עטלעכע סקיצן, כמעט רעפּאָרטאַזשן פונעם „היינטיקן" לעבן — און מע האָט איר אפילו נישט געענטפערט פון די רעדאַקציעס, איז וואָס זשע קאָן זי זיך דערוואַרטן פון איר שרייבן?!...

יאָ, אנומלט האָט זי געשיקט א מעשהלע-משל, פון א קראָ און א „האָן מיט א הון" און האָט יאָ באַקומען אן ענטפער. א באַמערקונג, נישט געחתמעט, אָבער דאָך איז עס געווען אן ענטפער.

ניין, זי קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון צו שרייבן. דאָס איז דאָך כמעט דער הויפּט-מאָטיוו פון איר זיין. וואָלט זי נישט געשריבן, דאַכט זיך, וואָלט זי שוין נישט געפילט אז זי לעבט נאָך, וואָלט זי נישט געפונען קיין זינען אין איר לעבן. בכן, לעבט זי, כל-זמן, זי שרייבט, זי שאַפט. און ווידער פאַרקערט. אזוי לאַנג זי לעבט נאָך, וועט זי שרייבן און שאַפן... מע דרוקט נישט? דאָס אין טאַקע נישט גוט. דאָס נעמט ביי איר צו דאָס ביסל לופט, וואָס זי דאַרף האָבן צום עטעמען שעפעריש, סע פעלט איר „אָקסיגען". זי פילט אזא טרוקנקייט ווי א נישט-באַנעצטע בלום, אָבער דאָך לאָזט זי נישט אָפּ איר שרייבן. זי זאָגט זיך: אויב מע דרוקט נישט איצט, איז אפשר וועט מען דרוקן שפּעטער... די וועלט איז דען שוין אויס?

אויב נישט, וועט זי עס כאָטש לאָזן פאַר איר זון, זאָל ער עס לייענען און געוואויר ווערן, וואָס זיין מוטער האָט געטראַכט אין די נישט געשלאָפענע נעכט, ווען זי האָט געוואַכט איבער זיין בעטל, אז ער זאָל קאָנען רואיק שלאָפן.

— יאָ, מיין ליבער — האָט זי פאַרענדיקט איר געדאַנק — ווען דו וועסט אויסוואַקסן און זיין א באַוואוסטזיניקער, וועסטו דיר אפשר מאַכן צייט און אדורכלייענען אָט די דאָזיקע מעשה, וועסטו נישט קאָנען „איינשלאָפן", וועסט מוזן טראַכטן וועגן לעבן, וועגן דער היינטיקער וועלט און וועגן אַלץ וואָס סע געשעט ארום אונדז און מיט אונדז... איצט לאָמיר זיך לייגן שלאָפן.

כדי אים איינצושלעפן, האָט זי זיך אויך געלייגט. אָבער זי האָט נישט געקאָנט שלאָפן, נאָר צוגעמאַכט די אויגן און געטראַכט, וועגן אופן ווי אזוי

זי זאָל פאַרענדיקן די מעשה, וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו שרייבן וועגן יוסף פּלאַוויוס.

איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז סע געלינגט איר צו שרייבן, צו זאָגן אין דער דאָזיקער מעשה, כאָטש אַ טייל פון וואָס זי וואָלט געוואָלט איבערגעבן איר זון, אַז ער זאָל וויסן אָט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל יידישע געשיכטע, פון אַמאָל און פון היינט ...

איר האָט זיך געדאַכט, אַז דערציילנדיק די דאָזיקע מעשה, באַהאַלט זי זיך, און אויך איר דור, הינטערן אייגענעם שאָטן ...

... פאַר אַ דוגמא, דאַכט זיך, אַז עס איז כדאי איבערצודערציילן כאָטש עפּעס פון איר שרייבן, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך איר, ווי אַ ירושה-טעסטאַמענט, אַ מין צוואָה פאַר איר זון, פאַר אונדז:

# 5.

# ליטעראַרישע צוואָה-ירושה

דאָס דאָזיקע מכלומרשטע געשיכטע-קאַפּיטל,
פֿון אַלטצייטלעכע ווייטנס,
איז ווי א סיפּור בתוך מעשה,
פֿון אַן אַמאָליקן „פּלאַוויוס“ פֿון פאַרצייטנס,

אָבער אויך פֿון א היינטיקן נאָענטן,
לאָמיר אים אָנרופֿן „פּאַלוויאָנעסקו“ ...

(פאַר וואָס נישט „פּלאַוויאָסאָוו“,
צי גאָר „פּלאַוויאָסאָוויטש?!) —

אָנגעשריבן פֿון בעטי מאַרקאָוויטש,
פֿון פֿריער, נאָך בעת איר לעבן,
בעת געראַנגלט זי האָט זיך מיטן טויט,
געוואָלט איבערלאָזן א צוואָה-ירושה,
פאַר שפּעטער — פאַר א מאָרגנרויט ...

איז עס אהער געוואָרן אַריינגעפּלאַנצט,
נישט צופֿאַליק —
(גאָרנישט אויף דער וועלט
געשעט נישט צופֿאַליק),
נאָר מיט א כוונה,
מעטאַפֿאָריש, פֿאַרהוילן — אויסצומיידן די סכנה.

הגם מיט משלימדיקע רמזים,
אויסבאהאלטענע,
זאָגט עס שוין דאָך אָן בעסערע צייטן,
פון נאָך דער קולט-שואה,
נאָכן גייסטיקן חורבן,
ווען די קלימאטן
צום גוטן זיך בייטן,

אויב נישט פאר זיך —
איז פאר די יורשים.
דער עתיד באווייזט זיך פארן זינדל,
נא, אָט איז ער —
פארטראכט זיך,
פארטיף זיך,
פאָרש אים! ...

# 1. יוסף פלאוויוס

## א

יוסף איז ארוים, ווי אַן אַ ציל, שפּאַצירן איבער די גאַסן פון רוים. ער האָט געוואָלט איינעטעמען אַ ביסל פרישע לופט. געוואָלט דערמיט זיך אויפלעבן, דערמונטערן. אָבער, וואו וואָלט ער געפינען אַזאַ מין „לופט"?

ווען סע האָט אים ארומגענומען אַזאַ מין יאוש-געפיל, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דאָס צימער, וואָס איז געווען פאַרטונקלט, בלויז שאָטנס האָבן זיך געשלייכט ארום אים, אויף די ווענט, אויפן סופיט, ארום אים, אין אים — האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין איינציקן קאָשמאַר, וואָס האָט אים באַוועלטיקט, אים געהאַלטן ווי אַ געפאַנגענעם אין זיין איינענער נעץ...

אַ געפאַנגענער? יאָ, דאָס קאָן ער זעלבסט פאַרשטיין, קיין אַנדערער אויף דער וועלט נישט. די אַנדערע מיינען דאָך אַז ער איז אַ פרייער, אַז ער האָט זיין „פרייהייט" אויסגעקויפט זיך ביי די רוימער, און אין דער ערשטער ריי ביי טיטוסן, דורך זיין פאַרראַט, ווען ער האָט איבערגעלאָזט זיינע ברידער, זיינע קאַמפחברים מיט וועלכע ער האָט געקעמפּט קעגן די רוימישע באַצווינגער, און ווען ער האָט געמיינט, אָדער זיך איבערגעצייגט אַז דער קאַמף איז שוין אַן איבעריקער, אַז די מלחמה איז אַ פאַרשפּילטע, דעמאָלט האָט ער אויסגעדרייט דעם „דישל" און איז אַריבער אויף דער זייט פון די מעכטיקע, וועלכע האָבן שוין איינגענומען כמעט די גאַנצע וועלט, בלויז דאָס קליינע אָבער דאָך ווידערשפּעניקע יהודה-לענדל האָט נישט געוואָלט אויפהייבן די הענט און זיך אונטערגעבן. בעסער האָבן זיי אויסגעוויילט דעם בכבודיקן טויט, נאָר נישט צו ליידן די בושה פון דעם באַזיגטן...

נו, יאָ. עס איז טאַקע אמת, ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן ווי אַ „העלד". ער האָט בעסער פאַרשטאַנען, הגם עס איז אים נישט געלונגען דאָס צו איבערצייגן אויך די אַנדערע, אַז עס איז ביליקער פאַר אים צו בלייבן לעבן און צו זיין ניצ-

לעך פאַר זיין פאָלק א „לעבעדיקער"... א טויטער, אפילו מיטן העלדישסטן טויט, וועמען קאָן ער ניצן?

דאָס האָט ער געטראַכט תמיד, און דאַכט זיך, אז קיין חרטה דאַרף ער אויף דעם נישט האָבן. אמת, ביי זיך, אין זיין אינעווייניקסטן „איך", האָט ער דאָך צו מאָל געמוזט מודה זיין, אז דאָס זיין „ניצלעך זיין פאָלק" איז אפשר נישט מער ווי אַן אויסרייד... והא ראיה, זייער ווינציקע ווילן אים דאָס גלייבן. זיינע אייגענע ברידער, זיינע אייגענע געבטיקע מיטקעמפער, וועלכע זענען נאָך גע-בליבן לעבן, אָבער זענען געפאַנגענע, געבונדענע אין קייטן, געפירט געוואָרן איבער די גאַסן פון רוים, פאַרן און נאָכן רייטוואָגן פון טיטוסן, יענע ווילן דאָך אפילו זיין נאָמען נישט ארויסרעדן. און אויב עמעצער טוט עס יאָ, ביי א געלעגנהייט, ווען זיי שפּינען זייערע זכרונות פון יענע בלוטיקע טעג און נעכט, ווען דער טויט האָט געלאָקערט איבער זייער פאַכענדיקער נשמה — דעמאָלט שפייען זיי אוים ביים דערהערן זיין נאָמען, ווי מע שפּייט אוים ביים דאווענען, ביי „עלינו", ווען מע דערמאַנט וועגן געצנדינסט און געצנדינער... ניין, יענע ווילן אים דאָס נישט מוחל זיין, נישט דאָס וואָס ער איז פריי בעת זיי זענען אין די קייטן און געמוטשעט ביי די שווערסטע ארבעטן, און אויך נישט דאָס, וואָס ער איז א לעבעדיקער געבליבן...

טאַקע מחמת דעם, ווען ער איז דערגאַנגען צו אָט דעם טרויעריקן קאַפּיטל, צו באַשרייבן די לעצטע שעה פונעם באַלאַגערטן יודפת, וואו ער איז געווען דער קאָמאַנדאַנט איבער די באַלאַגערטע קעמפער, די פאַרטיידיקער פון גליל, וועלכע האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט אונטערגעבן, הגם זיי זענען שוין געווען איבערצייגט אז די מפּלה זייערע איז אן אומפאַרמיידלעכע, האָבן זיי אָבער געוואָלט ליבער טייטן זייערע ווייב און קינדער מיט זייערע אייגענע הענט, כדי זיי זאָלן נישט אריינפאַלן אין די הענט פון די שונאים, אז זיי זאָלן נישט געפייניקט ווערן, פאַרגעוואַלטיקט ווערן פון די ווילדע חיילות, אָנגעפירטע פונעם נישט ווייניקער ווילדן און אכזריותדיקן טיטוס הרשע, זאָלן נישט צו-לאָזן אז זייערע קינדער זאָלן פאַרקויפט ווערן פאַר שקלאַפן, אָפּגעריסן פון זיי-ערע משפחות און פון זייער שטאַם... וועמען ניצט אזא לעבן, האָבן זיי זיך געטראַכט?

אזוי האָבן זיינע חברים געטראַכט און באַשטאַנען אזוי צו ענדיקן מיט זייער לעבן. ער האָט אָבער דאָס נישט געוואָלט. ער האָט געהאַלטן, און צייטנווייז האַלט ער עס אויך היינט נאָך אזוי, אז צו שטאַרבן איז קיין מאָל נישט צו שפּעט. וואָס שייך די בושות, האָט ער געפּרואווט אויך זיי איינרעדן, אז דוד המלך האָט

רעכט געהאט ווען ער האט געזאגט „לא המתים יהללו יה", אז טויטע קאנען שוין סיי ווי סיי נישט לויבן גאט, און מיטן טויט קאן מען שוין גארנישט אויפטון. אזוי האט ער געטראכט, אבער אז ער האט זיי דאס נישט געקאנט איבערצייגן, אז זיי זאלן נאכטון נאך אים און זיך אונטערגעבן — האט ער דעמאלט באשלאסן צו בלייבן לעבן, פאר יעדן פרייז, דורך סיי וואס פאר אן אופן, אויך ווען ער וועט בלייבן איינער אליין ... זיין לעבן וועט דאך האבן א ציל. צו שרייבן די געשיכטע פון אט די גרויזאמע מלחמות ... אויב ער וועט זיי נישט באשרייבן, איז ווער וועט זיי באשרייבן?! ער זאל זיך פארלאזן אויף די נישט-יידישע היסטאריקער, וועלכע וועלן סיי ווי סיי שרייבן אזוי ווי זיי וועט אויסקומען בעסער, נאר דעם אמת נישט?! ...

יא, דאס אלעס איז זייער שיין און גוט. אבער ווען סע קומט דערצו, ווען ער זעצט זיך שרייבן די דאזיקע געשיכטע, וואס ער דארף נישט שעפן פון קיין פרעמדע מקורות, נאר ער האט דאס רוב געשעענישן פערזענלעך איבערגעלעבט און באצאלט אזוי טייער, אז אפילו זיינע אייגענע ברידער שפייען אויס ביים דערמאנען זיין נאמען?! ...

ארומגייענדיק איבער די רוימישע גאסן, אין וועלכע סע ווימלט מיט מענטשן אלערליי, האט ער נישט מיט וועמען זיך איבערצוגריסן, מיינסט זעגען עס דאך פרעמדע. היימישע קאן מען דא שווער באגעגענען. די היימישע זענען דאך ווייט פון רוים. זיי קעמפן, אדער בעסער געזאגט, זיי פירן אן מיט די קאמפן אויף נאכן איינגעמען כמעט די גאנצע וועלט, איצט דארף מען דאך אויך אומעטום „איינשטילן" די אויפשטאנדן, וואס פלאקערן אויף דא און דארט, גלייך א פייער וואס מע קאן נישט אויסלעשן געגצלעך.

און סע וואלט זיך אים זייער געוואלט כאטש עטלעכע ווערטער צו רעדן מיט א היימישן, אויף לשון-קודש אדער אויף לשון-אראמיש, זיין מוטער-שפראך. אפשר וואלט ער אזוי געקאנט אויספרישן אין זיין מוח, כאטש זכרונות פון זיין יוגנט, פון זיין היימלאנד, ווען ער איז נאך געווען א בכבודיקער כהן פון א מיוחסדיקער משפחה, ווען זיין נאמען איז ארויסגערעדט געווארן מיטן גרעסטן יראת-הכבוד. יא, סע וואלט זיך אים געוואלט, אבער וואו געפינט מען א היימישן, וואס זאל זיין פריי, אויף דער גאס?

און אויב אפילו עס איז יא נאך פאראן עמעצער דא, וואס איז נישט קיין געפאנגענער, נאר דא געלעבט ווי א תושב נאך פארן איינגעמען ירושלים פון טיטוסן, אזעלכער באהאלט זיך אויך אויס און זאגט נישט ארוים אז ער איז א ייד ... אמת, געווען א שטיקל צייט, אבער זייער א קורצע צייט, אפילו דעמאלט

ווען טיטוס האָט געבראַכט זיינע געפאַנגענע פון יהודה געבונדענע אין קייטן, דערנאָך געשלאָגן מטבעות מיט דער אויפשריפט „יודעא קאַפּטאַ“, געבוויט דעם טריומף-טויער, יאָ, דעמאָלט איז קיין בושה נישט געווען פאַר אַ רוימישן בירגער צו זאָגן אַז ער איז אַ ייד, ווייל — וועלכעם פאָלק צי וועלכע מדינה האָט אַקעגנגעשטעלט אַזאַ האַרטנאַקיקן ווירדיקן ווידערשטאַנד ווי יהודה? פאַר וועלכער מדינה, פאַר וועלכן טריומף האָט מען נאָך געשלאָגן מטבעות לכבודן באַזיגן די אויפשטענדלער אָדער באַלאַגערטע? ניין, בלויז יהודה האָט עס באַוויזן און עס פאַרדינט, נישט מיט זייער גרייס, נאָר מיט זייער גבורה, מוטיקייט און עקשנות צו קעמפן ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאַרן פאַרטיידיקן זייער לאַנד, זייער כבוד און זייערע הייליקטימער...

יאָ, אָבער ער? יוסף בן מתתיהו הכהן, פאַרדינט אויך פון אָט דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ, אויך ווען דער דאָזיקער שטאָלץ איז אַ געבראָכענער?!

ניין, ער האָט דערמיט גאָרנישט צו טון. אדרבה, ער איז פון די „אַריבערלויפער“ צו די באַצווינגער, וואָס קיין שום ייד וויל זיך מיט אים מער נישט אָנזאָגן קרובישאַפט, אויך אפילו נישט מיטשטאַמיקער. ער איז געבליבן פון דרויסן, אויסגעוויינִיק, ווי אַ פאַרוואָגלטער הונט, אָן אַ בעל-בית... ניין, אַ בעל-בית האָט ער דווקא יאָ, און נאָך וואָס פאַר אַ בעל-בית?!... איינער, וואָס שפּירט אים נאָך אפילו זיינע געדאַנקען, און דאָס נאָך אַלעמען, ווען ער האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל הכנעהדיקע געטריישאַפט, צו פרייזן מער די פרעמדע באַצווינגער ווי די איינענע באַצווונגענע...

דאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. דאַכט זיך, אַז צוויי סוחרים רעדן צווישן זיך לשון-אַראַמיש, אויסגעמישט מיט לשון-קודשדיקע ווערטער. זיי דינגען זיך איבער אַ סחורה. אָבער סיי דער קויפער און סיי דער פאַרקויפער רעדן אַרום די מטבעות אין דער העברעאישער שפּראַך, נישט אין אַראַמיש און אוודאי שוין נישט אין לאַטייניש אָדער גריכיש, וואָס איז די אומגאַנגס-שפּראַך דאָ, אויפן מאַרק. זיי רעדן וועגן סלעים, שקלים, הגם אַזעלכע מינצן זענען שוין בכלל דאָ נישט גילטיק... ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס טוען זיי שוין פון געוואוינהייט, וואָס זיי ווילן זיך נישט אָפּגעוווינען... ביי זיי אין זכרון לעבן נאָך די דאָזיקע מטבעות, און אויב זיי לעבן, הייסט דאָך עס, אַז אפילו דאָס פאָלק לעבט נאָך אויך, און אויב דאָס פאָלק לעבט נאָך, מעג עס זיין ווי אַ קליין רעשטל — וועט דאָס פאָלק פון יהודה קיין מאָל נישט אונטערגיין...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואָלט פּרואוון זיין מזל:

— שלום, שלום צום ווייטן און נאָענטן! — האָט ער אויסגערופן מיטן גע־ווײַנטלעכן גרוס. ווען יידן באַגעגענען זיך — פון וואו זענען יידן?

די צוויי יידן האָבן אים אָנגעקוקט מיט חשד, ווײַל לויט זיין לבוש האָט ער נישט געהאַט קיין יידישן אויסזע. ער איז נישט געווען ענלעך נישט צו קיין געוועזענעם געפאַנגענעם, וואָס מע האָט נאָר וואָס באַפרייט, אָבער אויך נישט מיט א היגן תושב. זיין אויסשפּראַך איז געווען מיט א העלעניסטישן אקצענט. דאָס הייסט דאָך, אז ער איז פון ארץ־יהודה. זענען זיי א ווײַלע געשטאַנען, אים אָנגעקוקט מיט פאַרשנדיקע בליקן און געשוויגן. האָבן אפילו נישט געענט־פערט אויף זיין פראַגע. אָבער צום סוף האָט איינער אים יאָ געענטפערט, אָבער בלויז מיט א קעגן־פראַגע, ווי געוויינטלעך יידן טוען:

— פון וואו איז א ייד?

— אויב ער איז א ייד? — האָט צוגעגעבן דער צווייטער...

יוסף איז נישט געווען פאַרוואונדערט אויף זייער קאַלטער באַגעגעניש. ער האָט געוואוסט, אז עס איז א צייט ווען איינער איז דעם אַנדערן חושד. מע קאָן קיין מאָל נישט וויסן אויף וואָס מע קאָן זיך דערוואַרטן, פון אן אומבאַקאַנטן נייגעריקן פרעגער... איז בעסער זיך נישט צו אײַלן מיט קיין תשובות, נישט ארײַנלאָזן זיך אין קיין שמועס, אויב מע ווייסט נישט מיט וועמען מע האָט צו טון.

איין זאַך איז פאַר אים אָבער געווען קלאָר, אז קיינער פון זיי האָט אים נישט דערקאָנט. אויב אזוי, האָט ער זיך געטראַכט, איז א גינציקע געלעגנהייט פון זיי געוואויר צו ווערן, דאָס וואָס אים פּלאָגט אין דער לעצטער צייט. אָט איז א געלעגנהייט, האָט ער געטראַכט, צו געפינען אן ענטפער אויף דער פראַגע וואָס ער געפינט קיין תירוץ נישט. ווי אזוי צו ענדיקן דאָס קאַפּיטל געשיכטע וואָס ער שרייבט איצט:

— איך וועל אייך אויסזאָגן דעם אמת — האָט יוסף געזאָגט מיט א שמייכל, א געצוואונגענעם, כדי צו פאַרהוילן דעם ליגן וואָס ער וויל זיי זאָגן, נאָר בלויז אויסצופּרואוון זיי, צו זען וואָס וועלן זיי אויף דעם זאָגן — איך בין דער לעצ־טער געבליבן לעבן, צוזאַמען מיט יוסף בן מתתיהו הכהן, פון דעם באַזיגטן יודפת...

און אז ער האָט געזען, אז זיי זענען געבליבן פאַרשטומט און ארויסגעוויזן נישט מער ווי ביטול, אז זיי גלייבן אים נישט, האָט ער צוגעגעבן:

— איך בין געבליבן דער לעצטער, וואָס האָב געדאַרפט דערשטעכן מיין בן־זוג, יוספן, און דערנאָך מיך אליין דערשטעכן...

דעמאָלט האָט שוין איינער פון די סוחרים געפרעגט מיט א בייזן טאָן, גלייך ער וואָלט איצט געהאַט די שווערד אין די הענט און דאַרף עמעצן דערשטעכן אויף טויט:

— און פאַר וואָס האָט איר נישט אויסגעפירט אייער שבועה צו אייערע חברים, וועלכע זענען דערשטאָכן געוואָרן, לויטן גורל, פאַר אייך? ... וועמען ווילט איר פירן ביי דער נאָז, מיטן גורל, וואָס איז נישט מער ווי אַן אויסגעטראַכטע מעשה פון יענעם פאַררעטער, דער „שבת-ייד", וועמעס נאָמען וועט פאַרפּוילט ווערן ווי פון א רשע, א רוצח, וועלכער האָט זיך געקאָנט מכלומרשט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער א „גורל", וואָס איז אַזוי אויסגעפאַלן ווי אַזוי אים האָט זיך געוואָלט, אַז ער זאָל בלייבן דער לעצטער, אָדער ווי איר ווילט זאָגן, אַז איר ביידע זענט געווען די לעצטע? ...

יוסף האָט שוין נישט געהאַט וועמען צו ענטפערן, אָדער פאַר וועמען זיך צו פאַרענטפערן. ביידע סוחרים האָבן צוזאַמען אים אויסגעדרייט דעם רוקן און אים איבערגעלאָזט. נישט געוואַרט אפילו אויף זיין א דערקלערונג. און דאָס האָט אים ווינציק געחידושט. ער האָט דאָך שוין געוואוסט, אַז דאָס איז די אַלגעמיינע שטימונג ביי היגע יידן.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזא באַגעגעניש מיט זיך גופא, צו זען אין אַזא שפּיגל דאָס אייגענע פנים, האָט נישט געקאָנט גורם זיין אים צו דערמונטערן, אַז ער זאָל זיין בכוח פאָרצוזעצן שרייבן זיין געשיכטע, זיין וואַריאַנט פון „יידישן קריג" ...

אין זיין מוח איז פאַרבליבן, לעת-עתה, אומפאַרשטענדלעך דאָס נייע שימפּוואָרט, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט: „שבת-ייד". ער האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען זיין באַטייט. וואָס האָבן זיי דערמיט געוואָלט זאָגן?

## ב

ווען יוסף איז אַהיימגעקומען, האָט ער ווידער געפונען צעשויבערט זיינע כתב-ידן. ער האָט עס באַמערקט פון דער ווייטנס, אַז עמעצער האָט גענישטערט אין זיינע פאַרמעטן ...

יאָ, מע מיינט בלויז אַז ער איז א פרייער, אָבער פאַקטיש איז ער דאָך פּונקט אַזא געפאַנגענער ווי אַלע. דער חילוק איז נאָר, וואָס זייערע קייטן אויף די פיס זעען זיך אָן, בעת זיינע הענט און פיס זענען געבונדן מיט קייטן וואָס זיי זעען זיך נישט אָן. בלויז ער פילט זיי. נאָך מער, ער הערט אויך זייער געקלאַנג,

נישט נאָר פון פּשוטע קייטן, נאָר פון גאַנצע גלעקער. בעת ער טוט זיך א ריר, מאַכט א מינדסטע באַוועגונג, פאַרטייבן זיי זיין געהער און דערמאָנען אים אז ער איז אויך נישט קיין פרייער, ווי אַנדערע מיינען עס, נאָר א געפאַנגענער, פאַרשלעפּט אהער פון יהודה, פונעם פאַרוויסטן און פאַרשוועכטן געבורט-לאַנד זיינעם...

נו, וואָס וויל מען נאָך פון אים? ער האָט דאָך שוין נאָכגעגעבן אַלע דינג. ער האָט דאָך שוין פאַרקויפט נעבן זיין גוף אויך זיין נשמה, נאָר זיך אויסצו-קויפן דאָס ביסעלע רו, וואָס איז אין דער אמתן קיין מאָל קיין רו נישט געווען, נאָר קוים א ביסעלע מעגלעכקייט אז ער זאָל קאָנען פאַרזעצן זיין שוואַכקייט צו שרייבן. יאָ, שוואַכקייט... עס איז דאָך דער זינען פון זיין עקזיסטענץ. צו-ליב דעם האָט ער מקריב געווען זיין נאָמען, צוליב דעם איז ער דערנידעריקט געוואָרן צו דער מדריגה פון א „פאַררעטער“ (איצט שוין אויך צון א „שבת-גוי“ וואָס ער ווייסט נאָך נישט דעם גאַנצן באַטייט!), נאָר צוליב דעם, אז ער זאָל קאָנען טון זיין אַרבעט — צו שרייבן די געשיכטע פון זיין פאָלק.

ער האָט דאָך געפילט אז אויף אים רוט דער רוח-הקודש, אויך ווען ער איז נישט בכוח פאָרצוזעצן אין פינקטלעכן נוסח פון די נביאים, פאָרצוזען אויך דעם עתיד, ווי סע פלעגן טון אין די פריערדיקע צייטן פאַר אים די נביאים, און צו מאָל זאָגט ער עס טאַקע, אז ער פילט אויך א ניצוץ פון דאָזיקן רוח-הקודש, צו זען דעם עבר. און דאָס איז אפשר צו ווינציק? אויף צו זען דעם עבר, קלאָר און דייטלעך, אזוי ווי ער זעט אים, דאַרף מען דען נישט האָבן קיין רוח-הקודש?!

האָט ער דאָך געוואָלט ציען ווייטער דעם פאָדעם פון דער געשיכטע, פון וואו סע האָט זיך געענדיקט דער „דברי הימים“ פון תנך, ביז צו זיין צייט — האָט מען אים דאָס שוין נישט געלאָזט.

אייגנטלעך האָט עס אים קיינער קיין מאָל נישט געזאָגט, אז ער זאָל דאָס נישט שרייבן. קיינער האָט עס אים נישט פאַרבאָטן. חלילה, ער איז דאָך א „פריי-ער“ און מעג טון וואָס עס איז רעכט אין זיינע אויגן... טיטוס פּערזענלעך חזרט דאָך עס געגנוג אָפט מאָל איבער, אז ער איז נישט בלויז א פרייער רוימישער בירגער מיט אַלע בירגער גלייך, נאָר אדרבה, ער איז איינער פון זיינע נאָענטע מקורבים, פון זיינע יועצים, און אז ער הערט זיך צו צו זיינע מיינונגען... יאָ, אָבער דאָך אזוי, האָט מען עס געגעבן אָנצוהערן, אומדירעקט, דורך א דריטן, אז טיטוס וואָלט גערן געלייענט די געשיכטע (אָדער כראָניק) פון זיינע שלאַכטן, פון זיינע העלדנטאַטן, וואָס ער האָט באַוויזן אין יהודה, און בכלל אין יענעם פעלד-צוג פון יענע מיזרח-לענדער...

איז אים נישט איבערגעבליבן עפּעס אנדערש ווי זיך אונטערצוגעבן. אַן אנדערע ברירה האָט ער דען געהאַט?! האָט ער זיך גענומען צו דער ארבעט פון דאָס ניי. דאָס הייסט, אז ער האָט געמוזט ארבעטן גלייכצייטיק אויף צוויי שטחים. ביי טאָג האָט ער אָנגעהויבן שרייבן די געשיכטע פון די „יידישע מלחמות", דאָס הייסט, די לויב-געזאַנגען צו די רוימער, און ביי נאַכט האָט ער געשריבן די יידישע געשיכטע, וואָס האָט געפעלט און איז פון קיינעם נאָך נישט געשריבן געוואָרן ביז צון אים...

מאָדנע, האָט יוסף ביי זיך געטראַכט, אפילו דער נאָמען פונעם ספר איז אויך א גראָבער שקר... עס איז דען א געשיכטע פון די „יידישע מלחמות"?! עס איז דאָך, ווי סע קומט אויס, אויך אָן זיין ווילן אפילו, די געשיכטע פון זיינע, טיטוסעס, „מלחמות"...

סע האָט זיך אָבער געשטעלט פאַר אים איין איינציקע ברירה: אָדער ער שרייבט דאָס, וואָס דער „באַרעמהאַרציקער זיגער", טיטוס, דערוואַרט פון אים, און ער לעבט איבער און קאָן אזוי ארום אויך אָנשרייבן דאָס וואָס זיין האַרץ גלוסט און וואָס זיין געוויסן דיקטירט...

זיין „געוויסן"? ביי אָט דעם געדאַנק האָט ער ביטער געשמייכלט, גלייך ער וואָלט געשטאַנען נישט פאַר א שפּיגל, אין וועלכן ער זאָל זיין פאַלשקייט זען, נאָר ער קוקט אָן אַן אנדערן, וואָס ענדלט אזוי מיט אים, גלייך ווי א צווילינג-ברודער... אויך דאָס דאָזיקע וואָרט, „געוויסן", סאַמעוועט מער מיטן וואָרט „פאַרראַט", שקר, זעלב-נאַרעריי... וואָס זאָל ער זיך אָנשיכורן מיט וואָסער? ער האָט זיך פאַרקויפט אַן געלט... ער האָט זיך איבערגעענטפערט אין די הענט פון די שונאים פון זיין שטאַם, האָט אָפּגעשוואַכט די הענט פון יענע העלדישע ווידערשטענדלער דורך זיינע רעדעס, פלאַמיקע דעפּעטיסטישע דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין סאַמע ברען פון די שלאַכטן, כדי ארוםצוווייזן זיין געטריישאַפט צו די זיגער, אָבער אונטערן אויסרייד אז עס איז שוין אומזיסט דער קאַמף, האָט ער זיי גערופן אז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן, אראָפּלייגן די וואָפן, אוועקוואַרפן די שווערדן און זיך ראַטעווען דאָס לעבן... שקרים, לויטער שקרים... וויפל לעבנס האָבן זיך דען באמת געראַטעוועט? גאָרנישט מיט נישט. ער ווייסט דאָך דעם גאַנצן אמת, אז אלע די וואָס האָבן זיך טאַקע אונטערגעגעבן, אוועקגעלייגט דאָס געווער פון די הענט — זענען אויסגעקוילעט געוואָרן אויף די סאַמע אכזריותדיקסטע אופנים. נאָך מער, ער האָט דאָס אַלץ געמוזט צוקוקן מיט זיינע אויגן, גלייך דאָס וואָלט געווען זיין שטראָף (צי שכר?) מצד די פּראָטעקטאָרן זיינע, אַנשטאָט זיי זאָלן אים שוינען...

כאָטש אַזוי פיל האָט ער דאָך פאַרדינט ביי זיי, אַז מע זאָל אים שוינען, אַז ער זאָל נישט מוזן צוקוקן ווי יענע וואָס האָבן זיך שוין יאָ צוגעהערט צו זיינע דרשות, און האָבן זיך אונטערגעגעבן, האָבן נישט געהאַט קיין בעסערן גורל ווי די וואָס האָבן געקעמפט ביזן לעצטן אָטעם זייערן כדי צו פאַרטיידיקן זייער כבוד...

יאָ, איצט איז ער שוין דאָ, אין רוים. עס איז שוין טאַקע אחר-המעשה. אַלץ האָט זיך שוין געענדיקט. די דראַמע איז שוין אָפּגעשפּילט געוואָרן און קיין שום פירהאַנג וועט זיך שוין מער נישט ווידער אויפהייבן, אַז מע זאָל קאָנען זי איבערשפּילן אַנדערש ווי אַזוי זי איז שוין אָפּגעשפּילט געוואָרן דעמאָלט, דאָרט, ביי די חרובע מויערן פון דעם אַמאָל באַרימטן און הייליקן ירושלים, ביי די סקעלעטן פון די אומגעקומענע פאַר דורשט און הונגער אין דער באַלאַגערונג...

יאָ, ער וואָלט דאָך טאַקע אָנגעשריבן וועגן דעם אויך אַ „דראַמע", אַ פיל מער טעאַטראַלישע ווי די באַרימטע העלענישע דראַמעס. ער וואָלט דאָך נישט געדאַרפט אויסטראַכטן קיין שום פיקציעס נישט, פון קיין געטער, געטינס צי גייסטלעכע. סע וואָלט דאָך שוין געווען גענוג און איבער גענוג פאַר מאָנומענטאַלע דראַמעס, ווען ער זאָל באַשרייבן אויף אַ פּאַרמעט, דאָס וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ווען ער האָט געדאַרפט צוקוקן צו אָט דעם אַלעמען, נישט בלויז צו די ליידן פון זיין מוטער, פון זיין פּערזענלעכער דראַמע פון זיין משפּחה — נאָר אַפילו פון דער גרוייזאַמער דראַמע פון זיין שטאַם... אָבער ווער לאָזט אים שרייבן אַזעלכע מין „דראַמעס"?!

יאָ, ער האָט זיך שוין איבערצייגט, אַז טיטוס דאַרף נישט קיין ליטעראַטור, קיין קונסט (הגם ער זאָגט, אַז ער איז אַ מעצענאַ!), ער דאַרף בלויז די שבחים, וואָס ער „יאָסעפוס" מיט זיין שרייבערישן טאַלאַנט, זאָל אים צושרייבן מיט חניפה, דווקא ווייל ער איז ייִד. דווקא ווייל ער איז איינער פון די גרעסטע און פּעאיקסטע געווזענע קריגס-פירער, איז ער דאָך דער סאַמע באַגלייבטסטער עדות פון זיינע, טיטוסעס, „העלדישע" אויפטועכצער... יאָ, פאַר אים איז עס שוין מער ווי קלאָר, אָבער וואָס קאָן ער שוין טון, האָט ער דען אַן אַנדערע ברירה?!...

יאָ, פאַר אים איז עס שוין איצט מער ווי קלאָר. איצט, ווען ער האָט געהערט אַז מע רופט אים מיטן צונאָמען „שבת-ייד", האָט ער זיך אינטערעסירט. ער האָט אָפּגעשטעלט, אין אַ טאָג, אַ ייד אויף דער גאַס און אים געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס הייסט אַ „שבת-ייד"?

— איר ווייסט נישט? — האָט יענער זיך געוואונדערט — וואָס סע הייסט א „שבת-גוי" ווייסט איר דאָך מסתמא יאָ?

— אוודאי ווייס איך — האָט יוסף אים געענטפערט — א „שבת-גוי" איז א נישט-ייד, וואָס באדינט א יידיש הויז מיינסט שבת. א שטייגער, אין די ווינ-טערדיקע שבת-פרימאָרגנס, ווען די נעכט זענען לאנגע און די טעג זענען קור-צע, קומט ער אין א יידיש הויז אָנצינדן א ליכט, כדי מע זאָל זען מעביר צו זיין די סדרה. צו מאָל מאכט ער אויך פייער, כדי מע זאָל נישט ליידן פון קעלט, וכדומה...

— אָט זעט איר — דערקלערט אים דער געפרעגטער — איצט וועלן מיר קאָנען געבן אייך צו פארשטיין, וואָס סע הייסט א „שבת-ייד"... אָבער מע דארף אייך קודם עפּעס דערציילן בכדי איר זאָלט עס דערגרונטעווען: א „שבת-גוי" איז געקומען פארן בית-דין של-מעלה, האָט מען, פארשטייט זיך, אים געמישפּט פאר זיינע מעשים. האָט זיך געשטעלט די פראגע: האָט ער דאָס געטון, דאָס באַ-דינען א יידישע-משפּחה, צוליב א מיצווה, אָדער בלויז פארן שטיקל רעפטל חלה פונעם ווייסן קוילעטש צי פארן גלעזעלע שבתדיקע שליבאָוויצע, צו וועלכן ער האָט פון תמיד געגלוסט, וואָס ער האָט באקומען ווי זיין שכר? ... נישט ווייסנ-דיק ווי אזוי דאָס צו פּסקענען, האָט דער בית-דין של-מעלה אים צוריקגעשיקט אויף דער ערד, ער זאָל מגולגל ווערן נישט סתם אין א ייד, נאָר אין א סאמע חשובסטן מנהיג ביי יידן, סיי לויט זיין כהנישן יחוס, סיי לויט זיינע לומדישע און אנדערע מנהיגישע פעאיקייטן... איצט, הייסט עס, איז ער שוין אין א מצב ווען ער דארף דינען „יידן" נישט ווי א „גוי", נאָר ממש ווי א ייד און נישט סתם א פּשוטער ייד, נאָר ווי א מיוחסדיקער חשובער כהן, כמעט א כהן-גדול... איצט, פארשטייט זיך, אונטערן אויסרייד אז ער דינט „זיין" פאָלק און שטאָט דינט ער נאָר די „גוים"... ער טוט אָפּ אלץ וואָס אין דער קאָרט, כדי ער זאָל אויסנעמען און געפינען חן אין די אויגן פון זיינע בעלי-בתים, די „גוים"... אדרבה, ער טוט שויך אָפּט מאָל אויך לפנים משורת-הדין. ער באשפּייט זיינע אייגענע ברידער (וועלכע ער זאָגט מכלומרשט, אז ער טוט זיי בלויז השתדלנות-דיקע טובות!), נאָר אָרויסצוווייזן זיין געטריישאפט צו די „גוים"... אָט אזא מין „ייד", אין פריערדיקן גילגול איז ער געווען א „שבת-גוי" — איז איצט שוין א „שבת-ייד", אין דינסט פון די שונאים פון די יידן... איצט האָבן זיי שוין זייער אייגענעם „שבת-ייד" און קאָנען אים שוין אָנווייזן: אָט, אייער איי-גענער מנהיג, ער איז דאָך נישט קיין „גוי", און אפילו נישט קיין פּשוטער ייד, נאָר ממש א „כהן" און דאָך... ווערט אזא „שבת-ייד" וואָס איז פיל ערגער פון

א „גוי" גוט באצאָלט. מע גיט אים אָפּ כיבודים. אָנשטאָט א גלעזל שליבאָוויצע צי א רעפּטל ווייסע חלה, צאָלט מען אים אויך מיט דרייסיק זילבער-שטיקלעך, נאָר צו „קויפן" זיין נשמה, ער זאָל זיך פּאמעלעך, פּאמעלעך אראָפּגליטשן אראָפּ, אראָפּ, פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך, ביז ער איז שוין דערגאַנגען אין גאנצן „דאָרט"... ער איז שוין מער נישט אין דינסט פון „זיין" שטאם, ווי ער האָט עס געזאָגט אין אָנהייב. ער איז שוין איצט אין גאנצן א פארקויפטע נשמה, א מה-יפיתניק-יידל... אָט דאָס איז א „שבת-ייד". אָבער פאר וואָס פרעגט איר עס?

— פּשוט — האָט יוסף געענטפערט ווי פארשעמט, פאררוימלט. ער האָט מורא געהאט, אז יענער זאָל אים נישט דערקענען. אָבער ווי אָן זיין ווילן האָט ער ווייטער געפרעגט — פאר וואָס זשע פארגלייכט מען אים צון א „שבת-גוי"?

— ניין, פארגלייכן קאָן מען אים צון א „שבת-גוי" לגמרי נישט... בעת דער „שבת-גוי" איז א צדיק, העלפט ארויס א צווייטן מיטמענטש, אָן דעם אז ער זאָל זיין א פאררעטער פון זיין אמונה אָדער אייגענעם שטאם — איז דער „שבת-ייד" א פּשוטער פאררעטער, הגם ער באניצט זיך נאָך אַלץ מיטן אוים-רייד, אז ער דינט „אויך זיין פאָלק"... איז עס טאקע נישט צום פארגלייכן, אָבער לינגוויסטיש איז דאָס וואָרט פון דאָרט פארוואנדלט געוואָרן...

יאָ, פאר יוספן איז איצט שוין מער ווי קלאָר, האָט ער געמוזט שלום מאכן מיט זיין גורל. ווי און וויננד איז צון אזא גורל... פון דראמעס שרייבן קאָן ער איצט שוין אפילו נישט חלומען. נישט צוליב דעם האלט מען אים אין רוים, כלומרשט ווי א „פרייעם" בירגער... ער מוז שרייבן די שבחים פונעם „העל-דישן קריגס-פירער", דעם אימפּעראטאָר פון דער רוימישער אלהערשערישער מלוכה.

שרייבט ער, די פארמעטלעך הויפן זיך טעגלעך אויף זיין שרייב-טיש. ער האָט דאָך נישט געקאָנט אָנהייבן מיט טיטוסן. סע וואָלט דאָך צו פיל געריסן די אויגן, אז ער איז נישט מער ווי א געצאָלטער מערסענאר, וועלכער „קעמפט" מיט זיין געגנדזענער פעדער, הגם ער טינקט זי נישט איין אַלע מאָל אין דער טינט, נאָר ממש אין זיין אייגן בלוט, וואָס טריפט פון זיין פארוואונדיקט יידיש הארץ, בעת ער דאַרף שרייבן די שבחים פון זיינע שונאים, וואָס האָבן חרוב געמאכט זיין אייגענע היים און זיין אייגן פאָלק...

האָט ער אָנגעהויבן מיט העכער הונדערט יאָר פאר טיטוסן, כדי צו לויבן די רוימער בכלל. ער האָט דאָך געמוזט צושטעלן דעם פּלאַן פון זיין „געשיכטע",

כדי דער אימפעראטאָר זאָל האָבן אַן אנונג, וואָס סע געשעט מיט זיין שרייבן די געשיכטע ...

אויך דאָ האָט טיטוס אים דאָס נישט געזאָגט דירעקט, נאָר ער האָט אונטער־געשטעלט א דריטן, וואָס זאָל אים געבן אָנצוהערן אז „סע וואָלט געווען רעכט אין די אויגן פונעם הערשער, אז ער זאָל זען דעם פּלאַן פון זיין ווערק פון פריער איידער ער הייבט אָן זיין ארבעט" ...

האָט יוסף צוגעשטעלט אזא פּלאַן פאר זיבן ביכער. פאר וואָס דווקא זיבן? דעמאָלט האָט ער דאָך נאָך נישט געוואוסט וויפל ביכער סע וועלן ארומנעמען זיינע ווערק. ער איז דאָך געווען א קינסטלער, א ליטעראט. און קיין שום שרייבער אויף דער וועלט קאָן נישט פאָרויסזאָגן אָדער פאָרויסזען, מיט אזא פּינקט־לעכקייט, אז סע וועלן זיין דווקא זיבן ביכער. קאָן גאָר זיין אז סע וועלן זיין בלויז זעקס? און אפשר גאָר וועלן זיי ווערן אכט? ער האָט עס אוודאי נישט גע־קאָנט פאָרויסזען. עס איז דאָך באוואוסט אז א שרייבער, ווי א וואנדערער, סיי אויף דער יבשה סיי אויפן ים, לאָזט זיך ארוים שווימען, צו מאָל מיט און צו מאָל קעגן די כוואליעס, ווי אזוי דער ווינט וועט שוין בלאָזן. צו מאָל אים אונ־טערצוטרייבן און צו מאָל אים צוריקצוהאלטן, צו מאָל אויך צו שטעלן אים אין סכנה פון א שטורעם, אויף וועלכן מע קאָן זיך פון פריער נישט ריכטן און אים אויך נישט פאָרויסזען ... ביים שרייבן ווייסט דאָך אויך דער קינסטלער נישט גענוי, ווי אזוי און וואוהין די „כוואליעס" וועלן אים פארטראָגן. סע מאכט זיך דאָך נישט זעלטן, אז ווען דער שרייבער הייבט אָן שרייבן זיין ווערק, דע־מאָלט מיינט ער אז ער איז דער האר איבערן גורל פון זיינע פערסאָנאזשן, פון די געשריבענע געשעענישן.

יאָ, ער מיינט עס בלויז אזוי. פאקטיש לאָזט זיך דאָך אוים צו מאָל טאקע ביים סאמע אָנהייב פון זיין ארבעט, אז ער, דער שעפער, איז שוין נישט בעל־בית איבער זיין שאפונג. נאָר ער איז ארונטערגעוואָרפן אונטערן גורל פון זיינע פערסאָנאזשן. זיי געוועלטיקן איבער אים. זיי דיקטירן אים, ווי אזוי און וואָס ער זאָל ווייטער שרייבן. דער קינסטלער גופא, דער שרייבער, דארף זיך גוט האלטן אין זיין „שיפל" אז ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן און זיך דערטרענקען צו־זאמען מיט זיינע פערסאָנאזשן אין גאנג פון די געשעענישן, אין גאנג פון די זיג־זאגן פון דער געשיכטע וואָס ער שרייבט ... איז פון וואו האָט זיך צון אים גענומען די צאָל „זיבן"?

אויך דאָס איז געווען א מין רמז פון זיין צוגעהעריקייט צו זיין פאָלק און שטאם ... הגם מע האלט אים פאר אן אָפּטריניקן, איז ער בלב ונפש א היימי־

שער. און ווי א געטרייער צו זיין שטאם, איז אויך ביי אים הייליק די צאָל זיבן. טאקע מחמת דעם און נישט וועגן אן אנדערער סיבה האָט ער איינגעטיילט זיין פּלאַן, וואָס ער האָט איבערגעשיקט צו טיטוסן פון גאנצע „זיבן ביכער“...

אמת, שוין אין יענעם פּלאַן האָט מען געקאָנט זען, וואוהין דער ווינט בלאָזט... אז ער איז דער משורר פונעם אימפּעראַטאָרס הויף... א מערסענאַר מיט דער פעדער אויפן פּארמעט...

אָבער, וואָס איז אים איבערגעבליבן צו טון? ווען ער האָט נאָך געהאַט די שווערד אין זיינע הענט האָט ער שוין נישט געקאָנט קעמפן, איז וואָס קאָן ער שוין היינט אויפטון?!

האָט ער זיך געלאָזט „שווימען“ מיטן ציל צו געפינען אן איינענעם האפן, וואו ער זאָל אָנאנקערן זיין געשיכטע-שיפל, צו זיין ניצלעך פאר זיין פאָלק, פאר זיין שטאם — אויך ווען ער דאַרף דערפאר באַצאָלן מיט חניפות לגבי זיינע שונאים, וואָס האָבן אים און זיין שטאם און זייערע הייליקטימער גרויזאם חרוב געמאכט, ווער ווייסט אויף וויפל הונדערטער צי גאָר טויזנטער יאָרן...

גאָר, האָט מען דען אים געלאָזט שווימען אזוי ווי א גינציקער ווינט וואָלט אים געטריבן, ווי די כוואַליעס פון זיין קינסטלערישן טאלאנט און ווילן וואָלט אים געטריבן?!

אָט, טאקע צוליב דעם האָט ער זיך נישט געוואונדערט, אז ער האָט געפונען וואָס ער האָט געפונען, ווען ער איז אהיימגעקומען פון זיין שפּאציר איבער די רוימישע גאסן, כדי זיך א ביסל אויסצולופטערן די געהירן מיט זיינע פארפּלאָנטערטע געדאנקען, די שווערע מחשבות וואָס האָבן באַלאסטיקט זיין געוויסן און געשטערט אים פון זיין שעפערישער טעטיקייט. אז ער איז אָבער אָנגעקומען אהיים און געפונען צעשויבערט זיינע כתב-ידן, די פארמעטלעך זענען געווען פארמישט, קאָנטיק פון אן עם-הארצישער האנט — האָט ער שוין נישט געהאט קיין מנוחה פון זיין גאנצן שפּאציר... בעסער וואָלט ער שוין נישט געווען ארויסגעגאנגען פון זיין שטוב.

ווען ער איז אין דער היים? ניין. דעמאָלט טוט מען עס נישט אזוי גראָב. דעמאָלט, אין זיין אָנוועזנהייט, וואגט מען נישט צו נישטערן אין זיינע כתבים. עס איז שוין באוואוּסט, אויך ער, דער רוימישער טיראן האָט עס שוין געוואוסט. מיט געוואלד קאָן מען דאָס נישט אויפטון. פּונקט ווי ליבע מיט געוואלד זענען זיך סותר איינס דאָס צווייטע, אָדער עס איז „ליבע“ אָדער עס איז „געוואלד“...

יאָ, מע קאָן זיך דינגען א מערסענאַר, סיי ער זאָל קעמפן פאר דיר מיט דער שווערד, סיי מיט דער פען — אָבער דאָס וועט נישט זיין מערער ווי א ביליקער

און נידעריקער מערסענאר, עפּעס א שמירער, א פּאיאַץ — אָבער אויף קיין שום אופן וועט עס נישט זיין קיין קינסטלער, א טאַלאַנטירטער שרייבער, וואָס זאָל פאנגען די הערצער פון זיינע לייענער — מע זאָל אים גלייבן...

יאָ, אויך טיטוס האָט עס געוואוסט און זיך געמוזט מיט דעם רעכענען.

## ג

יאָ, יוסף איז טאַקע אויגנשיינלעך געווען א „פרייער" בירגער, נישט קיין געפאנגענער. אָבער קייטן האָט מען אים אָנגעטון. מיט אומגעזעענע קייטן האָט מען אים געבונדן פאַמעלעך די הענט, אז אפילו ער גופא האָט עס קוים געפילט. און ווען ער האָט עס שוין יאָ דערפילט — איז עס שוין געווען שפּעט, צו שפּעט.

שפּעט? גאָרנישט האָט ער דאָך נישט פאַרשפּעטיקט און נישט געקאָנט פאַרשפּעטיקן, ווייל גאָרנישט האָט ער שוין נישט געקאָנט אונטערנעמען קעגן זיין גורל. ער האָט דאָך שוין איצט געמוזט טאנצן ווי אזוי אנדערע האָבן אים געשפּילט. ער איז דאָך שוין נישט געווען מער ווי א געצייג אין די הענט פון זיין טיראַן. אַלץ וואָס יענער האָט געוואָלט, אַלץ, אַלץ אָן אויסנעם, האָט ער שוין געקאָנט באַקומען ביי זיין פרייעם „שקלאַף" יוסף פלאוויוס, וועלכער האָט אויך מיט זיין נייעם נאָמען אויסגעדריקט זיין אונטערטעניקייט און חניפהדי־קייט צו די פלאוויוסישע אימפּעראַטאָרס פון רוים. ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט אָפּגעמעקט זיין יידישן „איך" און אָנגעטון אויף זיין כהנישן קאָפּ א רוי־מישן „נאָמען", ווי אן אמתדיקער שקלאַף...

אויך דאָס האָט דאָך געקערט צו זיינע קייטן.

ווען ער האָט זיך גענומען שרייבן יענע זיבן ביכער, האָט ער דאָך עס גע־שריבן אין זיין לשון, אין העברעאישן אראמיש. נו, ווי אזוי וועט זיך עס דער־ווּיסן דער „האר", וואָס ער שרייבט און מיט וואָס ער ברענגט זיך אָן די צייט? אוודאי וועט מען אים נישט האַלטן אויף די הוצאות פון דער רוימישער מלוכה כדי ער זאָל אָנשרייבן די געשיכטע פון זיין חרוב געמאַכט פאָלק... יאָ, אויב ער שרייבט עפּעס וואָס איז ניצלעך פאַר דער רוימישער זיגערישער מלוכה, דאָס יאָ, דעמאָלט שוינט מען נישט קיין הוצאות. טיטוס גופא האָט געגעבן אזעלכע אָנווייזונגען...

אָבער ווי אזוי וועט ער זיך קאָנען איבערצייגן אז יוסף טוט דאָס טאַקע אין זיין אינטערעס, צו לויבן זיינע העלדישקייטן, הגם ער האָט געליטן אזעלכע

בושהדיקע מפלות ביים איינגעמען דאָס הייפל יידישע קעמפער ... „קעמפער"? זיי זענען דען ווערט אָנגערופן צו ווערן קעמפער?! זיי זענען דאָך געווען פּשוטע פאַנאַטיקער, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן ווי אַנדערע האָבן עס געטון, אויף אַנדערע שלאַכט-פעלדער פיל שטאַרקערע און פיל מערערע אין דער צאָל פון זיי?

יאָ, טיטוס איז געווען נייגעריק צו וויסן באַצייטנס מיט וואָס זיין „פריינד" ברענגט זיך אָן די צייט, פאַר אים אַזוי טייערע צייט (אַ מענטש ווייסט דען ביז ווען ער לעבט, אָדער רעגירט?), אַז יענער זאָל זיך איילן און שרייבן זיינע העל-דישקייטן ... אָבער אויך דאָס האָט ער אים נישט געזאָגט דירעקט אין אַ פּערזענ-לעכן שמועס מיט יוספן, נאָר אים געלאָזט אָנצוהערן דורך אַ דריטן:

— דער אימפּעראַטאָר וואָלט זיך גערן פאַרווילט מיט זיינע פאַרצייכענונ-גען, מיט זיינע שילדערונגען וועגן די העלדישע קאַמפן אין יהודה, בפרט ביים בייקומען ירושלים, דאָס בית-המקדש... אָבער ער פאַרשטייט דאָך נישט די אַראַ-מעאישע שפּראַך ... כאָטש אַ רעזומאַט, ווען ער זאָל קאָנען לייענען, אויב נישט אין לאַטייניש, ווייל ער, דער מחבר, באַהערשט נאָך נישט גענוג גוט די לאַטיי-נישע שפּראַך, איז כאָטש אין העלעניש ...

אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק ביי יוספן, אַז אויב ער שרייבט עס נישט אין ביידע שפּראַכן גלייכצייטיק, איז כאָטש אַ רעזומאַט מאַכט ער כמעט יעדן טאָג ... נישט חלילה כדי צו ווייזן עס דעם רוימישן „צענזאָר", נאָר סתם ווייל ער וויל אַז אויך זיין פרוי, וועלכע רעדט שוואַך אַראַמיש, זי איז דאָך פון-נעם אינדזל קרעטאַ און רעדט העלעניש — איז מאַכט ער פאַר איר דעם רעזו-מאַט ... פאַרשטייט זיך, אַז אויב דער „צענזאָר" וויל זיך אויך באַקענען מיטן רעזומאַט, אָדער ער וויל אים אויך ווייזן „עמעצן" (ער האָט עס נישט אַרויס-געזאָגט, אַז דער עמעצער איז נישט קיין אַנדערער ווי דער אימפּעראַטאָר גופא!), איז מהיכי-תיתי ...

אַגב, איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס יוסף האָט טאַקע געהערט דאָס וואָרט „צענזאָר". דאָס איז נישט קיין פּשוט וואָרט אין לאַטיינישן לשון, נאָר אַ פונקציע אין דער רוימישער מלוכה, אין מלוכה-אַפּאַראַט: איינער וואָס איז דער אויפזעער איבער מלוכהש בעל-בתישקייט, אָבער אויך איבערן היטן די מלוכה-סודות, אַז די שרייבער זאָלן נישט אַנטפּלעקן אין זייערע ווערק אַזעלכע סודות, וואָס קאָנען ברענגען שאָדן פאַר דער מלוכה, אָדער דעם כבוד פונעם אימפּעראַטאָר ...

אַזוי האָט יוסף זיך באַקענט מיט דער צענזור, וואָס האָט קודם געטראָגן אַ כאַראַקטער פון פריינדלעכער באַראַטונג איבער קונסט בכלל, איבער פּאָעזיע,

איבער ליטעראַטור — ביז ער איז דערגאַנגען צו קאָנקרעטע אָנווייזונגען, אפילו שוין אָן הענעטשקעס, כמעט ווי א זשאַנדאַרמסקער פעלדוועבל, אז „דאָס" וועט נישט געפאַלן דעם אימפּעראַטאָר, בכן, דאַרף מען דאָ און דאָרט אַנדערש שרייבן: דאָ דאַרף מען עפּעס אויסמעקן, דאָרט דאַרף מען „עפּעס" צוגעבן.

יוסף האָט זיך נישט אַקעגנגעשטעלט. עס איז נישט כדאי געווען עס צו טון. אייגנטלעך איז דאָך געגאַנגען אין נאַרישע באַמערקונגען, וואָס זענען נישט געווען קיין עצמדיקע, פּרינציפּיעלע ענינים, נאָר אין קליינע סטיליסטישע אויסבעסערונגען, וואָס לויט זיין מיינונג זענען זיי געווען גראָב-ייִנגישע, געמאַכט פון א סאָלדאַטישן שטיוול... נו, איז ווערט זיך איינצורייסן וועגן א נאַרישקייט?! האָט ער עס נאָכגעגעבן. זאָל יענער אויך האָבן א באַפרידיקונג, אז ער האָט אויך עפּעס געטון, אז ער נעמט נישט אומזיסט זיין שכר פון דער מלוכה-קאַסע (און דער שכר איז דאָך נישט געווען קיין גאָר קליינער. אדרבה, דער צענזאָר האָט דאָך באַקומען מער ווי דער שרייבער גופא!). ער האָט עס געטון אזוי, מיט אזא טאָן, גלייך ער וואָלט גאָר געוואַרט מיט זיין שרייבן אז דער צענזאָר זאָל קומען און אים געבן „עצות" ווי אזוי פאַרצוזעצן ווייטער זיין אַרבעט. אוודאי איז עס אים מער ניחא געווען אז דאָס זאָל באַקומען א כאַראַקטער פון א פריינדלעכער מיטאַרבעט, ווי א באַציונג פון אן אַרויפגעצוואונגענער משא פאַר אים.

אזוי איז עס געגאַנגען א שטיקל צייט, בשלום, אָן קאָנפליקטן, וואָס ער האָט געוואָלט אויסמיידן פאַר יעדן פּרייז, ווייל ער האָט געוואוסט אז קיין שום סיכסוך וועט זיך נישט ענדיקן לטובת אים. ער טאָר נישט פאַרגעסן ווער ער איז, און וואו, אין וועלכע אומשטאַנדן ער געפינט זיך.

דער סיכסוך איז אָבער יאָ פאָרגעקומען. פיל פריער ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. אָבער נישט צווישן אים און דעם אימפּעראַטאָר. חלילה. מיטן אימפּעראַטאָר קאָן דאָך קיינער קיין מאָל קיין סיכסוך נישט האָבן. אויב שוין יאָ, איז עס גאָר נישט קיין סיכסוך. ווייל א סיכסוך קומט פאָר צווישן צוויי צדדים און דער אימפּעראַטאָר (ווי אַלע אימפּעראַטאָרס פון אומעטום און פון אַלע צייטן!) איז בלויז איין איינציקער צד — אן „אחד"... דער צווייטער צד עקזיסטירט דאָך נישט, כל זמן דער אימפּעראַטאָר איז אויף זיין טראָן, אָדער ער לעבט נאָך...

אויך נישט מיטן צענזאָר האָט יוסף נישט געהאַט דעם סיכסוך, נאָר מיט זיך גופא. יאָ, יוסף איז געקומען אין סתירה, מיט זיין אייגענעם „איך", מיט זיינע אויסערעדענישן פון ביז דעמאָלט. ער האָט דאָך געמיינט, אז ער וועט געפינען אָן אויסוועג, אָדער ווי די רוימער זאָגן, א „מאָדוס וויווענדי", א מין שלום

מאכן מיט זיינע אינטערעסן צו שרייבן די געשיכטע פון זיין שטאם, אָדער בע־סער געזאָגט, פאַרצוזעצן דעם דברי־הימים פון תנך ביז צו זיין צייט, און פאַר דער דאָזיקער „קאָנצעסיע" וועט ער אויך מאכן פון זיין זייט א קאָנצעסיע און וועט שרייבן אויך די זיבן ביכער מיט די שבחים צום אימפּעראַטאָר טיטוס... אמת, דאָס איז פאַר אים א ווייטיקלעכע פשרה, א קאָמפּראָמיס וואָס האָט אים געקאָסט בלוט. בלוט וואָס האָט געטריפט פון זיין פאַרוואונדיקטן יידישן האַרץ בעתן שרייבן יעדעס וואָרט, יעדעס אות, וואָס איז געווען אין סתירה מיט זיין געוויסן. אָבער, וואָס האָט ער געקאָנט טון? גאָרנישט שרייבן וואָלט דען פאַר אים בעסער געווען?! מע וועט דאָך זען, יענע וואָס וועלן אמאָל, שפּעטער מיט דו־רות, שטודירן זיינע ווערק, יענע וועלן דאָך זען וואָס עס איז געשריבן פון אים, מיט זיין אייגענעם רצון, אויף וואָס סע וועלן עדות זאָגן אויך די אָנדייטן וואָס ער מאַכט צווישן די שורות... מע וועט דאָך קאָנען אויסשיילן גאָר לייכט יענע שטעלן וואָס מע שרייבט אים צו, די שבחים צום אימפּעראַטאָר, וואָס זענען אזוי בולטע צוגעגעבן, צוגעשטיקעוועט, אז אויך א בלינדער קאָן זיי אָנטאַפּן און אוועקמאכן מיט דער האַנט, ווי ווען מע פאַרציט אין א זייט א פירהאַנג, און פאַרשטיין פון זיין געשיכטע דאָס, וואָס ער וואָלט געוואָלט און שטרעבט זיך טאַקע אָן מיט אַלע זיינע שרייבערישע מעגלעכקייטן, אז זיי זאָלן זיין באַפּעס־טיקטע און בלייבן, איבערלעבן אַלע צענזורישע אויסבעסערונגען, וואָס ער איז מחויב צו מאכן, קעגן זיין ווילן.

אזוי האָט ער זיך געוואָלט איינרעדן, און צייטנווייז האָט ער עס אויך ער־לעך געגלייבט, נאָר דעמאָלט ווען זיינע אומגעזעענע קייטן אויף זיינע שריי־בערישע הענט זענען נאָך געווען א ביסל לויזער. און אונטער אָט דעם דראַנג איבערצוהיפּערן די שוועריקייטן און שטרויכלונגען אויף זיין דערנערדיקן וועג, האָט ער צונעאײלט זיין אַרבעט. געזעסן טאָג און נאַכט און געשריבן, געשריבן אָנגעהויפט די פּאַרמעטלעך אויף זיין טיש, דערנאָך זיי געגנייט אין א מאַפּע, זאָלן זיך נישט פאַרמישן... אָבער ער, דער צענזאָר, ער האָט זיך גאָרנישט געאײלט. אדרבה, ער האָט ווי געפּרוּאווט פאַרהאַלטן דעם טעמפּאָ פון זיין גע־איילטער אַרבעט, הגם ער האָט נישט געהאַט קיין אַרויסגעזאָגטע סיבות דערצו. ער פלעגט נעמען מיט זיך אחוץ דעם רעזומאַט, אויך דעם כתב־יד, אונטערן אויסרייד, אז ער וויל אויסלערנען לייענען אַראַמיש... דעם אמת האָט אָבער יוסף זיך דערוואוסט, אז ער וויזט די כתב־ידן פאַר געלערנטע וואָס קאָנען יאָ די דאָזיקע שפּראַך. און נישט בלויז פאַר איינעם, נאָר פאַר מערערע. כדי זיך צו איבערצייגן אז „איינער" נאַרט אים נישט אָפּ, קאָנטראָלירט עס דורך

א צווייטער און אויך א דריטער, אויף אזא אופן, אז יענער ערשטער זאָל אויך נישט וויסן אז ער איז קאָנטראָלירט, אויב ער זאָגט דעם אמת, אויב ער מאכט אים די ריכטיקע איבערזעצונג. פונקט אזוי ווי סע האָט געטון פּטאָלאָמעוס צוריק מיט העכער דריי הונדערט יאָר.

יוסף איז דערפון געוואויר געוואָרן, צופאַליק, בעת ער פּלעג מאכן זיינע געוויינטלעכע שפּאצירן אין די הינטערגעסלעך פון רוים. דאָרט וואו ער איז נישט געווען באקאַנט, און ער האָט געקאָנט כאַפּן א שמועס מיט א ייד, אָן דער ריזיק אז יענער זאָל וויסן מיט וועמען ער רעדט...

און עס איז געווען אין איינעם א טאָג, ווען יוסיפוס איז ארויסגעגאַנגען אין זיין געוויינטלעכן טעגלעכן שפּאציר, האָט ער געפונען א קופּקעלע יידן, וואָס האָבן ארומגערינגלט איינעם פון זיי, וועלכער האָט דערציילט עפּעס, ווי שעפּטשענדיק אין דער שטיל, בעת אלע ארום אים האָבן אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, צוגעבויגן אן אויער נישט צו פארלירן קיין איין וואָרט אפילו פונעם דערציילער. איבערפרעגן קאָן מען דאָך נישט אין אזא געלעגנהייט, מע טאָר דאָך נישט אונטערברעכן אזא דערציילער... האָט יוסיפוס אויך צוגעבויגן אן אויער און צו זיין גרויסער דערשטוינונג האָט ער געהערט זיין „מעשה“, וועלכע ער האָט באשריבן ערשט צוריק מיט צוויי טעג:

... ווען די רוצחים פון וועספּאסיאנוס און טיטוסן האָבן איינגענומען די שטאָט יודפת, די הויפּטשטאָט פון גליל, אין וועלכער סע האָט געהערשט דער פאררעטער „יאָשקא“ (מע האָט שוין אפילו נישט אָנגערופן אים „יוסף“!), האָט ער געוואָלט אריבערגיין צו די שונאים. עס איז נישט געווען גענוג, וואָס ער האָט איבערגעענטפערט דעם גאנצן גליל אין די הענט פון דעם מלכות הרישעה, נאָר האָט געוואָלט פארזיגלען זיין פארראַט מיטן איבערגעבן אויך די לעצטע פערציק גיבורים, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבעדיקע, אָבער האָבן בשום אופן זיך נישט געוואָלט איבערגעבן אין די הענט פון די רוצחים. זיי האָבן דאָך געוואוסט וואָס סע וואַרט זיי ביי די רוימער, זיי האָבן דאָך געזען מיט זייערע איי־גענע אויגן, אז יענע וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן, נאָך דעם ווי די רוימער האָבן געשוואוירן אז סע וועט זיי געשענקט ווערן זייער לעבן, אז אפילו א האָר פון זייער קאָפּ וועט נישט געמינערט ווערן, אויב זיי וועלן נישט שטעלן מער קיין ווידערשטאַנד, אויך זיי זענען דערהרגעט געוואָרן אויף אן אכזריותדיקן אופן. נאָך מער, זייערע פרויען זענען געשענדט געוואָרן פאַר זייערע אויגן, די קינ־דער זייערע זענען דערפּייניקט געוואָרן צום טויט, און ערשט דערנאָך, נאָך

דעם ווי זיי האָבן דאָס אַלעס געמוזט צוזעז, צו די דאָזיקע מעשים תעתועים, ערשט דערנאָך זענען זיי אויך דערהרגעט געוואָרן...

פיל, פון די דאָזיקע גיבורים האָבן זיך געבעטן ברחמים, אז מע זאָל זיי כאָטש שוינען דערמיט, אז מע זאָל זיי קודם הרגענען, כדי זיי זאָלן נישט מוזן צוקוקן די אכזריותן איבער זייערע פרויען און קינדער, אָבער אפילו דאָס האָט מען זיי נישט געוואָלט צוליב טון, הגם מע האָט זיי פאַרנאַרט אַז מע וועט זיי שענקען זייער לעבן.

מחמת דעם האָבן די איבערגעבליבענע פערציק גיבורים געזאָגט צו יאָש־קאַן: מיר וועלן נישט געבן די געלעגנהייט פאַר די שונאים, אַז זיי זאָלן זיך שפּעטן פונעם שארית יהודה. קיין לעבעדיקע וועלן מיר זיך נישט אי־בערגעבן אין זייערע הענט, בעסער וועלן מיר אַליין אויסטייטן אונדזערע מש־פּחות, איידער זיי איבערליווערן צו די הענט פון די רשעים, אַז זיי זאָלן זיי שענדן און פּייניקן. דערנאָך וועלן מיר אַליין שטאַרבן פון אונדזערע אייגענע הענט. דאָס מיינען מיר איז אַ כבוד פאַר אונדז און פאַר אונדזער שטאַם, פון וועלכן גאָט האָט פאַרהוילן זיינע אויגן. אויך דו, יוסף בן מתתיהו, אונדזער קאָמאַנדאַנט, דאַרפסט אויך אַזוי טון. די רשעים טאָרן נישט לייגן זייערע טמאָ הענט אויף אונדזער לעבעדיקן קאָמאַנדאַנט, וועלכער האָט אַזוי בכבודיק געקעמפט... אדרבה, האָבן די גיבורים געזאָגט צו יוספן, דו דאַרפסט האָבן דעם כבוד צו שטאַרבן דער ערשטער צווישן אונדז. יאָ, דו...

אַז יאָשקאַ האָט דערהערט די דאָזיקע רייד, האָט ער מסתמא פאַרשטאַנען אַז די דאָזיקע מענטשן זענען אַנטשלאָסן אויסצופירן זייער שבועה, זיך נישט איבערצוגעבן לעבעדיקע אין די הענט פון די רוימער, האָט ער געפּרואווט נאָך איין מאָל זיי איבעררעדן. ער האָט געהאַלטן איינע פון זיינע געקינסטלטע דרשות, ער ווייסט דאָך, אַז דרשות האַלטן קאָן ער. אָבער די גיבורים האָבן זיך נישט געלאָזט איבעררעדן פון זיינע פאַלשע רייד, זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען צו אים, זיי האָבן מער נישט רעספּעקטירט זייער מיליטערישן קאָמאַנדאַנט, האָבן פאַר־געסן פון מיליטערישער דיסציפּלין און האָבן געצויגן זייערע שווערדן פון די שיידן. נאָך מער, איינער פון זיי האָט זיך אַזוי דערהיצט און צוגעשפּרונגען בענטער צו יאָשקאַן און האָט אויסגעשריגן: אויב דו ווילסט פאַרשוועכן דיין נאָמען פון אַ כהן, אַ קאָמאַנדאַנט, דאַן וועלן מיר דאָס נישט דערלאָזן. מיר וועלן דיך טייטן צום ערשטן אויף קעגן דיין ווילן, ערשט דערנאָך וועלן מיר גע־פינען אויך אונדזער טויט, דורך אונדזערע אייגענע הענט. אויב מיר זענען נישט געווען בכוח צו זיגן אָדער צו לעבן ווירדיק, לאָמיר כאָטש אומקומען וויר־

דיק ... אז יאָשקא האָט דאָס דערזען, האָט ער שוין גוט פאַרשטאַנען אַז קיין אַנדערער אויסוועג איז פאַר אים נישטאָ, ווי צוצוטראַכטן אַ תחבולה. דאָס הייסט, אַז לפנים זאָל ער זאָגן אַז ער איז מסכים צו שטאַרבן מיט זיי צוזאַמען, אַזוי ווי זיי האָבן זיך אַלע שוין איינפאַרשטאַנען, אָבער ... נישט ער דאַרף זיין דער ערשטער. בעסער וועט מען וואַרפן גורל ...

(דער דערציילער האָט געמאַכט צייכנס פון אָנדייטן מיט פינגער מיט אַן אויג, ווי איינער רעדט, אָט וואָס פאַר אַ פאַלשער מענטש דער פאַררעטער איז. ער האָט זיך „אַרויסגעדרייט" אַז מע זאָל אים נישט טייטן דעם ערשטן, כדי ער זאָל ניצול ווערן) ...

... מיר זענען דאָ, האָט יאָשקא צו זיי געזאָגט, איין און פערציק מאַן (ער האָט שוין נישט געזאָגט גיבורים און אויך נישט חיילים, נאָר סתם „מאַן"!). וועלן מיר וואַרפן גורל צום ערשט ווער סע זאָל שטאַרבן פריער, דערנאָך וועלן מיר מאַכן אויך לויט אַ גורל צוואַנציק פּאָרלעך. יעדעס פּאָרל וועט וואַרפן גורל צווישן זיך ווער סע זאָל פריער שטאַרבן, ביז סע וועט אָנקומען צום לעצטן פּאָרל, וואָס וועט אויך וואַרפן גורל צום לעצטן מאָל. ווער וועמען סע זאָל צו ערשט טייטן אָדער זיי וועלן ביידע מיט אַ מאָל זיך שטעכן מיט די שווערדן ...

... פאַרשטייט זיך, די מענטשן האָבן צוגעשטימט צו זיין עצה, זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט אָנען אפילו אַז דאָס גאַנצע איז נישט מער ווי זיין אַ תחבולה. אָבער, וויי, זיי האָבן נישט געוואוסט ווי ביטער זיי האָט מען אָפּגענאַרט ... והא ראיה: יאָשקא לעבט, ער האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון זיינע „פריינד" ... און ער האָט נאָך די העזה צו זאָגן אַז ער, מיט זיין פּאָרל, דער לעצטער וואָס זאָל געווען בלייבן לעבן צוזאַמען מיט אים, איז אויך ניצול געוואָרן, ווייל ער האָט מסכים געווען מיט אים זיך צו שאַנעווען און זיך נישט הרגענען, כדי סע זאָלן איבערבלייבן עדות וועגן זייער גבורה ... עס איז אַ שקר. ער האָט אים מסתמא געטייט, אָן דעם אַז ער זאָל נאָך וואַרטן אויף זיין הסכמה. צו וואָס וואָלט אים געטויגט אַן עדות, וואָס זאָל קאָנען דערציילן דאָס גאַנצע פאַלשקייט פון זיינע תחבולות מיטן גורל, וואָס איז נישט געווען מערער ווי אַן אָפּנאַרעריי, כדי ער זאָל זיך אַליין אָפּראַטעווען? ... וועמען וויל ער דערציילן אַזעלכע גוזמאות אָדער שקרים אַז דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז דווקא ער, דווקא ער, זאָל בלייבן דער לעצטער?! ...

יוסיפּוס האָט מער נישט געקאָנט זיך צוהערן צום שמועס. ער האָט אַוועקגעשפּאַנט מיט פאַמעלעכע גנבישע טריט, אַז מע זאָל אים נישט באַמערקן. אפשר גאָר וואָלט אים עמעצער דערקענט?

אזוי האָט ער זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז די פּאַרמעטלעך וואָס סע נעמט ביי אים דער צענזאָר, אונטערן אויסרייד אַז ער וויל פּשוט זיי זען, ער וויל זיך לער־נען לייענען, איז נישט מער ווי א שקר. זיי ווילן אים נישט זאָגן אָפן, אַז זיי האָבן נישט קיין צוטרוי צו זיינע רעזומאַטן, וואָס ער גיט זיי צו לייענען.

מחמת דעם האָט ער טאַקע אָנגעהויבן שרייבן די רעזומאַטן מער אויספּיר־לעך, מער געטרייער דעם אָריגינאַל. נאָך מער, ער האָט אָנגעהויבן שרייבן קאַפּיטלעך מיט נאָך מער חניפות און שבחים וועגן די רוימער בכלל, וועגן וועספּאַסיאַנוסן און זיין זון טיטוס, וועגן געשעענישן וואָס האָבן בכלל נישט געהאַט קיין שום שייכותן מיט „יידישע מלחמות“, וואָס איז אייגנטלעך די טעמע פון זיין ווערק. אָבער ער האָט זיי אָנגעשריבן דווקא צוליב דעם, זיך צו קויפן צוטרוי, וואָס ער האָט געזען אַז ער האָט זי שוין נישט מער.

און דאָך, ווען ער קומט אַהיים, געפינט ער צעשויבערט זיינע כתב־ידן...

דעם אמת געזאָגט, האָט ער שוין נישט קיין צוטרוי צו קיינעם. ער האָט שוין אָנגעהויבן חושד זיין אויך זיין פרוי, אַז אונטערן דרוק פון די רוימער, זיינע „פריינד“, זאָל זי אים אויך נאָכשפּיאָנירן...

## ד

נו, אויף דעם האָט ער זיך נישט גערעכנט, אַז ער וועט אַמאָל דערגיין צו אַזאַ טרויעריקן מצב, אַז ער זאָל זיך בעטן דעם טויט. יאָ, עס איז שוין פאַר־שוואונדן דער אַמאָליקער שטאַרקער באַגער צו לעבן און איבערלעבן, אויך אפילו ווען ער האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַרן דאָזיקן איבערלעבן אַזאַ טייערן פּרייז... און ער האָט דאָך טאַקע באַצאָלט א זייער טייערן פּרייז פאַר זיין איבער־לעבן. דאָס ווייסט קיינער נישט אַזוי גוט ווי ער גופא, ווי טייער ער האָט באַצאָלט פאַרן דאָזיקן לעבן, פון וועלכן ער איז שוין איצט איבערזאַט... איצט שטעלט ער זיך שוין נישט זעלטן די פראַגע: האָט עס זיך געלוינט צו צאָלן אַזאַ טייערן פּרייז, נאָר צו בלייבן לעבן? און זיין טראַגעדיע איז נאָך גרעסער, וואָס ער ווייסט נאָך עד־היום נישט וויפל סע וועט זיין דער סך־הכל פון דעם פּרייז, וואָס ער מוז אַלץ צאָלן און צאָלן, ער צאָלט דאָך און צאָלט און סע דערגייט נישט צו קיין עק און קיין סוף. וויפל ער צאָלט איז אַלץ נישט גענוג. אַלץ פאָדערט מען ביי אים מערער. יאָ, אדרבה, וואָס מערער ער צאָלט, וואָס מערער עס איז די נאָכ־גיביקייט זיינע, אַלץ גרעסער בלייבט דער „חוב“, אַלץ עזותדיקער זענען די פאָדערונגען לגבי אים. ער גייט דאָך פון איין פּשרה צו דער צווייטער, ער קוי־

לערט זיך אראָפּ וואָס נידעריקער, וואָס נידעריקער, וואָס טיפער, אָט איז ער שוין אזוי נאָענט צום תהום, צו וועלכן ער איז דערגאנגען קעגן זיין ווילן — נו, וואָס וויל מען נאָך פון אים? ער האָט זיך איינגעשיכורט מיטן פּסוק פון תהילים, אז „לא המתים יהללו יה“, אז נישט די טויטע קאָנען לויבן גאָט ... נו יאָ, דע־מאָלט האָט ער טאקע אזוי געגלייבט, אז עס איז בעסער צו לעבן, אויך ווען מע מאכט פּשרות, ווען מע מוז מאכן קאָנצעסיעס מיטן אייגענעם געווימן, אָבער — ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט דאָס, וואָס ער ווייסט ערשט איצט: די טויטע קאָנען טאקע שוין נישט לויבן גאָט, זיי האָבן אָבער א גרויסן פּאָרטייל, וואָס ער, דער לעבעדיקער, האָט עס נישט: זיי קאָנען אויך שוין נישט לעסטערן גאָט ... און ער, דער לעבעדיקער, לעסטערט דאָך גאָט, זיין שטאס, אלץ דאָס וואָס איז ביי אים געווען אמאָל אזוי הייליק, אָט דאָס אלץ טרעט ער איצט מיט זיינע קנעכטישע פארקייטלטע פיס. צוליב וואָס? צוליבן דאָזיקן לעבן?!

איצט האָט ער שוין פארשטאנען דעם אנדערן פּסוק פון תהילים, אז „לא אמות כי אחיה ואספר מעשה יה“, איך וויל נישט שטארבן נאָר לעבן און דערציילן די מעשים פון גאָט ... איז עס טאקע ריכטיק. יאָ, אָבער מיטן באדינג, נאָר מיטן דאָזיקן באדינג, אז מע זאָל דערציילן בלויז די מעשים פון גאָט. יאָ, געטלעכע מעשים אויך פון מענטשן ... אָבער ער, דערציילט ער דען געטלעכע מעשים, ער דערציילט דאָך מערער די טייוולאָנישע מעשים?! ...

צו דער דאָזיקער מסקנה איז ער דערגאנגען, ווען דער צענזאָר האָט אים צוריק געבראכט די כתב־ידן זיינע מיט עטלעכע „קליינע“ אויסבעסערונגען, טאקע אין אָריגינאל, אין אראמעאישן טעקסט ... ער האָט זיך קוים געקאָנט איינהאלטן און נישט אָנהייבן וואָיען ווי א שאקאל אין דער מדבר, פאר אויפ־רעגונג. קוים האָט ער זיך געקאָנט באהערשן. אָבער דער צענזאָר האָט געדארפט זיין ממש בלינד, אז ער זאָל נישט באמערקן, ווי דאָס בלוט איז אים געקומען אין געזיכט, דערנאָך איז ער געוואָרן טויט בלאס. ער האָט געמוזט טרינקען א זופּ וואסער כדי ער זאָל נישט אומפאלן.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט דער צענזאָר געפרעגט מיט פאלשער פריינד־לעכקייט — איר פילט אייך נישט גוט?

— אין די לעצטע טעג — האָט יוסף קוים ארויסגעשטאמלט, און נישט געווען בכוח צו פארענדיקן — פיל איך זיך נישט אזוי גוט ... דער דאָקטער זאָגט, אז איך בין אויסגעשעפּט פון צו פיל ארבעט ...

יוסף האָט אויסבאהאלטן דעם אמת, אונטערן אויסרייד פון זיין א שוואַכ־קייט פון וועלכער ער האָט נישט געליטן. אדרבה, ער האָט דעמאָלט געליטן ווען

ער האָט נישט געאַרבעט. האָט דאָך בלויז די אַרבעט זיינע אים דערהאַלטן ביים לעבן. אָן דער דאָזיקער אַרבעט וואָלט ער שוין געווען אַ „טויטער", נישט בלויז פיגוראַטיוו גערעדט, נאָר ממש אָן איבערצולעבן. איז דאָך דאָס, זיין שרייבערישע טעטיקייט, געווען די איינציקע גייסטיקע שפּייז וואָס האָט אים דערהאַלטן זיין וויטאַליטעט. אָבער יוסף האָט דאָך דאָס נישט געקאָנט זאָגן אָט דעם דאָזיקן נאַקעטן אמת, אַז ער איז שוין דערגאַנגען צו די לעצטע כוחות זיינע. ער איז שוין דערגאַנגען צום ברעג פון זיינע קאָנצעסיעס. מער קאָן ער שוין נישט. מער וויל ער שוין נישט...

ערשט איצט האָט ער פאַר זיך דאָס קלאָרע בילד פונעם פּרייז וואָס ער צאָלט פאַרן ווילן איבערצולעבן און צו זיין ביכולת צו שרייבן, צו שאַפן, איבערצולאָזן נאָך זיך אַ ווערק וואָס זאָל איבערלעבן דורות און אים אָפּצאָלן אַ שטיקל שכר פאַר זיינע ליידן, וואָס מוטשען אים אַזוי טאָג און נאַכט און גיבן אים נישט קיין מנוחה. איצט, ווען דער צענזאָר האָט אים געבראַכט די כתב-ידן מיט די „קליינע" אויסבעסערונגען, וואָס דער אימפּעראַטאָר האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק אים אַרויסצוהעלפן אין זיינע באַשרייבונגען וועגן די מלחמות פון די יידן...

נאָך איז עס נישט גענוג, וואָס ער האָט אָפּגענייגט פון זיין ערשטן, הויפּט ציל צו שרייבן כאָטש אַ טראָפּן פון אַ ים, פון די גבורות פון די חיילות פון יהודה און גליל, און ער האָט צו ביסלעך אויסגעדרייט דעם „דישל" צוצושרייבן אַלע זיגן פאַר די רוימער, הגם ער ווייסט דאָך דעם אמת, אַז אין גאַנצן גאָענטן מיזרח האָבן זיי נישט באַגעגנט אַזאַ האַרטנאַקיקן ווידערשטאַנד ווי ביי דעם קליינעם הייפל קעמפער פון זיין גליל, וואָס ער האָט אַזוי העלדיש פאַרטיידיקט — עס איז נאָך נישט גענוג?!

איצט איז ער דערגאַנגען צום סוף פון זיינע כוחות. ער האָט געזען, אַז סע רעדט זיך נישט פון פּשרות, פון אַ מין אָפּמאַך צווישן אים און דעם טיראַן, וואָס גיט זיך אַרוים פאַר אַזעלכן, הגם ער זאָגט מיט שיינע ריידעלעך, אַז ער איז אים מכלומרשט אַ פריינד און אַ פאַרערער... איצט זעט ער דאָך באַשיימפּערלעך אַז ער איז נישט מערער ווי אַ געצייג אין זיינע הענט...

צוריק מיט עטלעכע טעג האָט ער באַקומען די זעלביקע פאַרמעטלעך, דאָס זעלביקע כתב-יד, מיט הוספות וואָס סע האָט געמאַכט אַ פרעמדע האַנט. ניין, נישט קיין סטיליסטישע אויסבעסערונגען. זיין סטיל קאָן קיינער, אין גאַנצן רוים, נישט אויסבעסערן. ער איז דאָך אָן אָנערקענטער מייסטער פונעם וואָרט... אָבער, סע זענען געמאַכט געוואָרן „קליינע" אויסבעסערונגען, וואָס האָבן נישט פיל געענדערט דעם תוכן. די אויסבעסערונגען האָבן זיך בלויז באַגנוגט מיטן

פארמעקן אייניקע שארפקייטן פון זיינע אויסדריקן, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט כאָטש עפּעס פון די שווערע שלאכטן וואָס די יידישע חיילות האָבן געפירט קעגן די רוימער. די שווערע פארלוסטן וואָס די רוימער האָבן געליטן אין יענע שלאכטן, וואָס זענען געווען אזוי נאָענט פון א מפּלה פון די אזוי האָפערדיקע רוימישע חיילות, אזוי גוט באוואָפנט מיט מאָדערנע וואָפן, אחוץ די רייטער האָבן זיי געהאט געקאָוועטע קאטעפּולטן, בעק, צו שטורמען די פעסטונגען — און דאָך האָבן די יידישע גיבורים ביי זיי צוגענומען אויך די וואָפן און מיט זייערע אייגענע וואָפן זיי געשלאָגן, אז אָט-אָט זענען זיי געבליבן בבושה ... נו, יאָ. ער האָט עס נישט געקאָנט באשרייבן, הגם ער האָט עס אליין איבערגעלעבט, געזען מיט זיינע אייגענע אויגן. ער האָט זיך באגניגט בלויז מיטן לאָזן אָנצוהערן וועגן עפּעס פון דעם אלעמען. לאָגיש רעדנדיק, איז עס דאָך אייגנטלעך א שטות. ווי אזוי וויל מען אונטערשטרייכן דאָס העלדישקייט פון די רוימער, ווען זיי האָבן נישט געהאט מיט „וועמען“ צו קעמפן און ארויסווייזן זייער גבורה?! ... אָבער, ער האָט עס געמוזט פארשווייגן און געליבט ביזן הימל דאָס „בארעמהארציקייט“ פון וועספּאסיאן און שפּעטער פון זיין זון, טיטוס ... האָט מען דעמאָלט געמאכט „קליינע“, אזוי האָט מען דאָך אים געזאָגט, אז בלויז „קליינע“ גאָר קליינע אויסבעסערונגען וואָס האָבן נישט קיין גרויסן באטייט פארן גאנצן ווערק ... האָט ער נישט געזאָגט גאָרנישט. וואָס האָט ער דען געקאָנט זאָגן? האָט ער אראָפּגעשלונגען די ביטערע „קרייטעכצער“, ווי ווען מע שלינגט איין א רפואה, כדי פּטור צו ווערן פון א ווייטיק, א מחלה. איז דאָך דאָס זיין „מחלה“ ... האָט ער געמאכט די געפאָדערטע אויסבעסערונגען און נישט באקלאָגט זיך פאר קיינעם (צו וועמען זאָל ער זיך, אייגנטלעך, באקלאָגן?), ער האָט אויסגעשטראָכן דאָס וואָס מע האָט פון אים פארלאנגט, און צוגעשריבן דאָס וואָס מע האָט אים „סוגערירט“ אויסצובעסערן ... איצט, ביי דער צווייטער צענזור, אָדער קאָרעקטור, האָט מען ווידער געמאכט „קליינע“ אויסבעסערונגען: מע האָט אויסגעשטראָכן אלץ וואָס ער האָט געשריבן און געבליבן איז בלויז דאָס וואָס מע האָט פריער צוגעשריבן. איז דאָך סוף-כל-סוף ארויסגעקומען, אז דאָס אלעס האָט ער שוין בכלל נישט אָנגעשריבן. דאָס גאנצע איז דאָך שוין געשריבן פון יענער פרעמדער האנט, וואָס מאכט די „קליינע“ אויסבעסערונגען ...

דאָס איז דאָך שוין עפּעס גאָר נייס. ביז איצט האָט ער געהאַט פאלן, אז מע זאָל „אויסבעסערן“ אָבער איצט האָט ער געהאט פאלן, אז מע זאָל „אויסבעסערן דאָס שוין אויסגעבעסערטע“ ... עס איז דאָך שוין נישט געבליבן אין דאָזיקן קאפּיטל קיין איין שורה, וואָס זאָל זיין אָנגעשריבן פון זיין האנט און זיין

מוח... איצט, אז מע וועט לייענען דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, אונטער זיין חתימה, וועט עס דאָך הייסן, אז דאָס עדותשאַפט איז זיינע. ער זאָגט ארוים דאָס דאָזיקע, ווי אַן עד-ראיה, וואָס האָט דאָס אַלץ מיטגעמאכט, אָבער ווי קאָן ער דאָס אראָפּ-שלינגען? עס איז דאָך שקר וכזב. עס האנדלט זיך דאָך שוין נישט וועגן חני-פה צום טיראַן, נאָר ממש רכילות אויף די גיבורים מיט וועלכע ער האָט צוזא-מען געבלוטיקט אין יענע שלאַכטן?!

אזוי ווייט איז ער שוין דערגאַנגען?

... אָן זיין ווילן, גלייך עמעצער וואָלט געשטויסן זיין האנט, האָט ער אָנגע-שריבן אויפן כתב-יד, אין דיאַגאָנאַל פונעם פּאַרמעט: „אמות ולא אחיה", איך וויל ליבער שטאַרבן און נישט דערציילן די מעשים פון... געטראַכט האָט ער צום פּרינציפּ: „יהורג ולא יעבור"...

ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם פּאַראַפראַזירטן פּסוק. ער האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר זיין אייגן געוואַגטקייט און האָט זיך אָפּגעשטעלט באַצייטנס.

ער האָט הרטה געהאַט אויף אַלץ. בעסער וואָלט ער געווען אומגעקומען צוזאמען מיט זיינע קאַמפּס-חברים אין יענער הייל ביי יודפת...

צוליב דעם האָט זיך אים געלוינט צו פעלשן אזוי נידערטרעכטיק יענעם „גורל" אז ער זאָל בלייבן לעבן?!...

## ה

יוסף איז פאַרבעטן געוואָרן צו טיטוסן. דער אימפּעראַטאָר וויל אים זען. ער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען צוזאמען מיט זיין פרוי, דאָס האָט גע-וואָלט זיין א פריינדלעכער באַזוך, ווי מע נעמט אויף אין „הויף" א קינסטלער, א טרובאַדור. אָבער יוספן האָט עס נישט גערירט. ער איז געווען אין די לעצטע טעג אזוי אַפּאַטיש צו אַלעמען און צו אַלץ, אז אים האָט שוין נישט אינטערע-סירט קיין כיבודים ביים אימפּעראַטאָר.

ער האָט זיך דערזען ווי איינער וואָס מע שטעלט אים אריין אין חרם, ווי איינער וואָס איז טמא געוואָרן און מע האַלט אים מחוץ למחנה. וועמען, אים? וועלכער איז געווען פון די חשובסטע כוהנים, פון איין זייט פון די חשמונאים און פון דער צווייטער זייט פון די מכבים, ער איז איצט ארויסגעשטויסן סיי פון זיינע יידישע ברידער, וועלכע האַלטן אים פאַר א „קאָלאַבאָראַציאָניסט", וואָס האָט פאַרראָטן זיינע אידאַלן און זיין פאָלק, סיי פון די רוימישע אזוי גע-רופענע „פריינד"... יאָ, ער ווייסט דאָך שוין וואָס פאַר א גוטע פריינד זיי זע-

נען פאַר אים. איצט, ווען דער צענזאָר האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו ווייזן דעם אימפּעראַטאָר, ווען ער האָט שוין אויפגעהערט צו שרייבן, מסתמא האָט זיך יענער באַאומרואיקט און איצט האָט ער אים גערופן מכלומרשט אויף א וויזיט, אָבער פּאַקטיש האָט עס דאָך אויסגעוויזן ווי אַן אַרויסרוף צו אַ פאַרהער, אַז ער זאָל אויפקלערן די סיבה, פאַר וואָס ער שרייבט שוין גאָרנישט אין די לעצטע טעג, אפילו שוין וואָכן...

בעתן א מכלומרשטן פריינדלעכן שמועס, האָט דער אימפּעראַטאָר אים געפרעגט:

— וואָס איז געשען, מייסטער פּלאַוויוס, וואָס דו שרייבסט נישט דיינע ווערטיקע ווערק?

— דער רוח-הקודש האָט זיך ווי אָפּגעטון פון מיר — האָט אים יוסף געענטפערט א פאַרביטערטער — דער דאָקטער האָט מיר פאַרבאָטן. זינט א צייט לייד איך פון שלאָפלאָזעקייט, דער קאָפּ טוט מיך שרעקלעך וויי, סע שווינדלט מיר פאַר די אויגן... ווען איך האָב אזא מין קריזע פון קאָפּווייטיק, בין איך ממש אוים מענטש....

— יאָ, דו דאַרפסט זיך נישט לאָזן, דאַרפסט זיך פלייסן — האָט דער אימפּעראַטאָר ווי בדרך אגב אים אונטערגעמונטערט. ער האָט זיך געמאַכט אַז ער נעמט אָן די אויפקלערונג ווי אַן אויפריכטיקע — איך האָב גערעדט מיטן דאָקטער... ער האָט מיר אָבער דערקלערט אַז אומטעטיקייט פאַר אזא מענטש ווי דו ביסט, פאַר א שרייבער בכלל, איז פיל ערגער ווען ער איז נישט טעטיק ווי ווען ער איז עס יאָ...

יוסף האָט אויף דעם נישט געענטפערט. ער האָט דאָך אויך געוואוסט אָט דעם דאָזיקן דאָקטערישן סוד. א שרייבער, א קינסטלער בכלל, לעבט אזוי לאַנג ווי ער איז טעטיק, דאָס איז זייך בעסטע רפואה. ווען ער הערט אויף צו זיין טעטיק, ווען ער הערט אויף צו שאַפן, דעמאָלט ווערט אַטראָפּירט נישט בלויז זיין מוח, נאָר די גאַנצע וויטאַליטעט פאַרשווינדט און האָט שוין קיין כוח נישט בייצושטיין די מחלות — דעמאָלט גייט ער אריבער אין דער פאַזע פון „אומשטאַרבלעכקייט“...

זענען אריבער וואָכן, חדשים — יוסף האָט שוין מער נישט אָנגעשריבן קיין איין איינציק אות נישט פון זיין געשיכטע. איז עס דאָך נישט צום ערשטן מאָל, ווי ער מאַכט אזא לאַנגע הפסקה. ער האָט דאָך שוין אמאָל איבערגעריסן זיין שרייבערישע טעטיקייט און עטלעכע יאָר געגעבן בלויז לעקציעס פון געשיכטע און העלעניסטיק.

ווען מע האָט אים געפרעגט, וואָס ער שרייבט, מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך — האָט ער געענטפערט, אז ער איז שוין מער קיין שרייבער נישט... דער רוח-הקודש האָט זיך פון אים אָפּגעטון...

ער האָט אָנגעהויבן קומען אין די יידישע קרייזן. ער איז געקומען אין שיל אריין און זיך געמאכט אז ער הערט נישט די איראָנישע באַמערקונגען אויף זיין חשבון. אדרבה, ער האָט עס אָנגענומען באהבה ווי אן אמתער בעל-תשובה. ער האָט עס אָנגענומען ווי א מין עונש אויף דער וועלט. ער האָט זיך שוין מער נישט אויסבאהאלטן, נישט געלעבט מער ווי א נזיר, נאָר ווי איינער וואָס זוכט די יידישע געזעלשפט. ער געהערט דאָך דער דאָזיקער געזעלשאפט, איז פאר וואָס זאָל ער זיך גופא אויסשליסן פון איר? צו מאָל ווייזט מען אים קעגנערשאפט, כמעט שינאה. איז וואָס? ער פארדינט דאָך עס, איז ווי אזוי קאָן ער האָבן טע-נות צו די גלויבנס-ברידער, וועלכע ער האָט פארלאָזט און זיך באַגנוגט צו פאקטירן מיטן שונא...

עס איז פאריבער א צייט, א ווייטיקדיקע, פאר יוספן. ער האָט נישט געקאָנט לעבן אומגעשריבן און האָט נישט געקאָנט שרייבן, ווייל עס האָט אים נימאס גע-מאכט זיין לעבן... אָבער שרייבן האָט ער דאָך געמוזט. ער האָט דאָך געפילט זיין חוב צו שרייבן דאָס וואָס אנדערע קאָנען נישט אָנשרייבן, ווייל זיי ווייסן דאָך נישט ווי אזוי סע האָט אפילו אויסגעזען ירושלים, דאָס בית-המקדש פארן חורבן, ווי אזוי עס איז חרוב געמאכט געוואָרן; ווי אזוי עס איז אונטערגעגאנגען דאָס היימלאנד זיינס פון יהודה און גליל.

נישט-שרייבן איז קיין לעזונג נישט צו זיין פּראָבלעם. נישט פּראָבלעם — נאָר ממש דראמע... ער מוז שרייבן. ער מוז געפינען בלויז אן אויסוועג, ווי אזוי צו שרייבן. אין געבליבן אז ער זאָל פירן א טאָפּלטן חשבון: אויף יווניש וועט ער לאָזן אזוי ווי סע געפעלט פאר די הערשער, ליובנדיק די רוימער, אין ווע-מענס שאָטן ער לעבט. ווידער אויף יידיש-אראמיש לשון וועט ער שרייבן א ביסל אנדערש, אז די קומענדיקע דורות זאָלן אים דן זיין לכף זכות.

... צום סוף פון „יידישן קריג" האָט ער טאקע אָנגעדייט מיט דעם פילזאָגנ-דיקן פּסוק: „וועגן דעם אופן, ווי אזוי עס איז געשילדערט געוואָרן די מלחמה פון די רוימער קעגן די יידן, זאָל אורטיילן דער לייענער"...

א באַווייז, אז פאר זיינע יידישע ברידער האָט ער געשריבן אנדערש, גאָר אנדערש ווי פאר די העלענען און רוימער, קאָן מען זען אין ספר „יוסיפון". דאָרט איז עס אָנגעשריבן מיט מער הארץ, מיט מיטגעפיל צו דער גרויסער טראַגע-

דיע פון זיין שטאַם. דאָרט, אין יענעם ספר, ביים סוף, האָט יוסף אויסגעדריקט זיין ליבשאַפט צו זיין לאַנד און פאָלק. ער האָט געענדיקט מיט א קלאָג און מיט א האָפענונג:

„ווײ צו אונדז וואָס אונדזער פּראַכטיקע שטאָט איז חרוב געוואָרן און עס איז פאַרוויסט געוואָרן אונדזער בית-המקדש, אין וועלכן עס איז געווען אונ־דזער האָפענונג און אונדזער שטרעבן, עס איז פאַרברענט געוואָרן אונדזער היכל און מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן פונעם לאַנד פון אונדזערע אָבות. מיר האָבן נישט קיין מאַכט ניצול צו ווערן פון אונדזער גלות, וואָס איז געקומען אויף אונדז צוליב אונדזערע זינד און מיר זענען געוואָרן פאַרשקלאַפט מיט געבויגענע קעפּ ... אָבער, סע וועט קומען א טאָג און א סוף און גאָט וועט באַווייזן אונדז אויסצולייזן, אָמן“.

(מע דאַרף דאָ באַמערקן, אז בעטי מאַרקאָוויטש האָט אָנגעשריבן אָט די דאָזיקע אַלעגאָרישע דערציילונג, אין זין האָבנדיק א געוויסע אַקטועלע „מעשה“, אָבער זי האָט איבערגעחזרט דעם טעות, וואָס פיל פאַר איר האָבן געמאַכט. למען האמת דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אז דאָס ספר „יוסיפון“ איז נישט געשריבן געוואָרן פון יוסף בן מתתיהו, נאָר פיל שפּעטער מיט איבער טויזנט יאָר, פון איינעם יוסף בן-גוריון) ...

אזוי האָט ער עס אָנגעשריבן און זיך באַרואיקט. ער האָט זיך איבערגע־געבן אין די הענט פון די לייענער, ווי עס טוט יעדער קינסטלער, צי שרייבער — זאָל אים דער לייענער פון די קומענדיקע דורות משפּטן. ער האָט געטון, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב, אז ער דאַרף עס טון, אזוי ווי סע האָט געהאַלטן רבי יוחנן בן זכאי, וועלכער איז אויך אריבער צו די רוימער כדי צו ראַטעווען וואָס מע האָט נאָך געקאָנט אָפּראַטעווען: דעם יידישן גייסט אין זיין ישיבה, וואָס ער האָט געגרינדעט מיט דער הסכמה פון די רוימער, אין דער שטאָט יבנה ...

## 2. עפּילאָג צו „פלאוויוס“

נו, בעטי מאַרקאָוויטש איז טאַקע דערגאַנגען כמעט ביזן סוף פון איר מעשה, זועגן יוסף פלאוויוס, וואָס זי האָט אָנגעשריבן ווי א מין צוואה־ירושה, ווייל וואָס עפּעס אנדערש קאָן דאָס נאָך זיין, אז קיין שום אויסזיכטן אויף צו ווערן איצט פארעפנטלעכט קאָן אפילו קיין רייד נישט זיין. אפילו אויך נישט מיט קיין פּסעוודאָנים, ווי זי פלעגט דאָך פון צייט צו צייט „אריינשמוגלען“ עפּעס א ליד צי א סקיצע און חתמענען עליסאבעטא מאַרקאָ, צי ע. אָקראַם (דאָס הייסט געלייענט פון לינקס אויף רעכטס, דער זעלביקער נאָמען!). דאָס דאָזיקע, וואָס זי האָט איצט אָנגעשריבן, איז דאָך נישט צום פארעפנטלעכן איצט, אין די דאָזיקע שטיף־מוטערישע אומשטאַנדן, נישט בלויז פאר איר, נאָר פאר פיל, אָנשטענדיקע אָרנטלעכע מענטשן, און אפילו פאר נעכטיקע חברים, ווי זי איז... ניין, זי האָט דאָך שוין לכתחילה געוואוסט, אז דאָס שרייבט זי פאר קומענדיקע צייטן, אין וועלכע זי האָט געגלייבט. יאָ, געגלייבט, אין די סאַמע פינצטערסטע פאר איר טעג און נעכט, האָט זי דאָך הייליק געגלייבט אז אזעלכע צייטן וועלן קומען. אָבער ביז דעמאָלט, ווער ווייסט צי זי וועט עס דערלעבן, איז כאָטש אזוי פיל זאָל בלייבן פון איר פאר איר זון, זאָל כאָטש ער עס לייענען און ווּיסן ווי אזוי סע האָט געטראַכט זיין מוטער, כאָטש אונטער דער פאָרעם, וועגן אופן ווי אזוי זי האָט דערציילט די מעשה מיט פלאוויוסן, וועלכער האָט דאָך אויך געלעבט אין נישט נאָרמאַלע צייטן, איז זאָל ער ווּיסן איר זון, פון וואַנען ער שטאַמט, וואָס סע האָט געטראַכט וועגן אזא לעבן זיין מוטער, אָבער...

בשעתן שרייבן, איצט ווען זי איז שוין דערגאַנגען צום סוף, איז איר געקומען א נייער געדאַנק. נאָר זי? נאָר אזעלכע שרייבער ווי זי דאַרפן טראַכטן, אז דאָס וואָס זיי שרייבן וועלן אין א שיינעם טאָג געלייענט ווערן פון זייערע קינדער צי גאָר אייניקלעך, מיט איין וואָרט, די נאָכקומענדיקע דורות?!

אדרבה, טאַקע פון איר מעשה וועגן פלאַוויוסן, דרינגט דאָך אַרויס אַ גאַר ביי̈ער מצב, אַ גאַר אַנדער פּראָבלעם, ווי זי האָט עס געוואָלט פאַרגלעטן אַזוי שיין, אַז פלאַוויוס, און אויך אַנדערע אין זיין מצב, קאָנען געפינען אַן אויסוועג, אַז מע זאָל זיי דן זיין לכף זכות, אויך דעמאָלט ווען זיי האָבן געשריבן, גערעדט קעגן זייערע ברידער, קעגן זייער געוויסן, נאָר צוליב דעם איינציקן פאַקט, אַז זיי זאָלן קאָנען איבערלעבן די נישט-גינציקע אומשטאַנדן, נישט בלויז צו ראַטעווען זייער נישטיק, נישט-ווירדיק לעבן, נאָר אויך אַזוי אַרום זיך אויסקויפן מעגלעכקייטן, דורך שטיוול-לעקעריי און חניפות צום אייגענעם הענקער, צוצושרייבן אים לויב-געזאַנגען מיטן איינציקן ציל, אַז אַזוי אַרום וועט מען דאָך קאָנען כאָטש צווישן די שורות „אַריינשמוגלען“ אויך פונעם אמת, ווי אַזוי יענער דור האָט געלעבט, אָדער נישט געלעבט נאָר געפּייניקט געוואָרן — כדי סע זאָל עפּעס בלייבן פאַרצייכנט פאַר זייערע קינדער, פאַרן קומענדיקן דור, צי אַפילו דורות?!

יאָ, זי האָט איצט געטראַכט, אַז דער פאַרצייכענער דאַרף דאָך האָבן אין זינען אויך דעם פאַקט, אַז די קומענדיקע דורות וועלן טאַקע האָבן וואָס אַרויסצולייענען פון זיינע כראָניקעס, אָבער ווי אַזוי וועלן זיי אים משפטן, ווי אַזוי וועלן זיי קוקן אויף אים, וועלכער האָט אפשר ערלעך געמיינט, בלויז אויסצוניצן די דאָזיקע, אפשר איינציק מעגלעכע, געלעגנהייט, אויף צו פאַרשרייבן, צו פאַרצייכענען כאָטש צווישן די שורות וואָס און ווען?! ...

אנו, לאָמיר אַ טראַכט טון, ווי אַזוי וועלן קוקן די קומענדיקע דורות, וואָס וועלן אַפילו קיין אנונג נישט האָבן וועגן יענע צייטן, ווען די רוימער האָבן איינגענומען כמעט די גאַנצע וועלט, האָבן באַזיגט פעלקער, אונטעריאָכט זיי אָן שום טענות ומענות, געקוילעט, פאַרקויפט פאַר שקלאַפן די גיבורים, פאַרוואַנדלט אין זונות די פרויען, געקוילעט די קינדער, און דערנאָך זענען זיי נאָך געלויבט געוואָרן פאַר זייערע „העלדנטאַטן“?! און ווער האָט זיך נאָך צוגעקלעפּט צו די כראָניקער זיי צו לויבן?! ... נו, קאָן מען געפינען אַ זכות פאַר אַ פלאַוויוס, וואָס האָט טאַקע אפשר אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, יאָ, אין דער טיף פון זיין געוויסן וואָס ער האָט נאָך אפשר יאָ פאַרמאָגט, אָבער געמוזט אונטערדריקן און אויסבאַהאַלטן זיינע אמתע געפילן, כדי צו קאָנען איבערלעבן, נישט בלויז פיזיש נאָר אויך קינסטלעריש, ווי אַ כראָניקער, אַ שרייבער? ... עס איז אפשר טאַקע נישט אַזוי ניִדערטראַכטיק ווי דאָס איבערלעבן פיזיש, ווייל מע קאָן אויך געפינען נישט בלויז אַ כלומרשטן אויסרייד, נאָר אויך אַ גוטן ערלעכן אויסרייד-סיבה, אַז אַזוי אַרום ראַטעוועט ער אָפּ פון פאַר-

געסנקייט, נישט די רוימישע מעשים, וואָס ווערן געזונגען פון זיינע אייגענע מערסענאַרישע כראָניקער, נאָר אזוי ארום ווערט דאָך אויך פארהיט די גבורה פון זיינע אייגענע גיבורים, סיי יענע וועלכע ער האָט א צייט קאָמאַנדעוועט קעגן די דאָזיקע באַצווינגער, סיי יענע וואָס האָבן פאָרגעזעצט דעם קאַמף, אויך דעמאָלט ווען ער איז שוין אריבערגעגאַנגען צו די רוימער, ווייל ער האָט געזען אז דער קאַמף איז שוין א פארשפּילטער... איז דאָך אים פארבליבן דאָס איינציקע מיטל אויף צו האָבן די מעגלעכקייט עס צו פאַרצייכענען, אז קינדס-קינדער וועלכע וועלן דאָך נאָך איבערלעבן זאָלן האָבן א מקור, וואָס זאָל זיי איינפּאַרמירן וועגן די גבורהדיקע שלאַכטן פון זייערע עלטער-עלטערן?!

יאָ, אלץ איז שיין פאר א פּראָזעאַלאָגיע, וואָס שמעקט מיט אדוואָקאַטישע דריידעלעך, וואָס ווילן געפינען א זכות אויך ווען זייערע קליענטן זענען יאָ שולדיק אין די מעשים, פאר וועלכע זענען אָנגעקלאָגט געוואָרן. אָבער יענע דורות, וואָס וועלן קומען שפּעטער און לייענען דאָס דאָזיקע געשריפטס, וואָס וועלן זיי קאָנען טראַכטן וועגן זייערע זיידעס-שרייבער, וואָס האָבן זיך פארקויפט פארן שונא, נישט פאר א טאָפּ לינדזן, נאָר פאר א מינדסטע מעגלעכקייט אָנצוגיין ווייטער מיט זייער געשרייבעריי, מיט זייער באַשמוציקן זייערע אייגענע ברידער, נאָר צו געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון זייערע באַצווינגער, וועלכע ווערן באַשריבן ווי „אויסלייזער"?...

בעטי האָט עס געזען כאָטש אויף איין ביסל צייט, בעת זי האָט זיך געשטעלט איבער איר דור, אריבער די היינטיקע צייטן, איבער צענדליקער צי אפשר גאָר איבער הונדערטער יאָרן, ווען סע וועלן זיין נייע דורות, ווי איצט זענען מיר נאָך יאָרטויזנטער נאָך די מלחמות פון די יידן קעגן די רוימער, ווי אזוי וועלן דעמאָלט אויסזען די „אייניקלעך", ווי אזוי וועלן זיי דעמאָלט משפּטן זייערע „שרייבער-זיידעס"?

... סע זענען דאָך די רייד דאָ וועגן א נישט אבי-ווער, נאָר וועגן אמתע, טאַלאַנטירטע דיכטער און פּראָזע-שרייבער, וואָס האָבן באַוויזן ביי פארשידענע געלעגנהייטן, אז זיי האָבן אויסגעשפּיצטע פּענעז, שאַרפע, פון וועלכע סע רינט נישט קיין פּשוטע טינט, נאָר ממש בלוט, ווען זיי דריקן אוים דאָס אמתדיקע, דאָס וואָס טריפט ארוים פון זייער אייגן פילנדיקן קינסטלערישן הארץ, נאָר... צוליב געוויסע סיבות פארבייסן זיי די ליפּן איין מאָל, א צווייט מאָל, ביז עס איז שוין געוואָרן כמעט א צווייטע, דערנאָך, נישט פיל שפּעטער, א שוין ערשטע נאַטור, ווען פון זייערע טאַלאַנטירטע פּענעז פון נעכטן, טריפט שוין היינט בלויז האָניק, זיסער דורכזיכטיקער האָניק, וואָס רעדט נישט מער מיט רייד

פונעם הארץ, נאָר מיט די ליפּן, וואָס זענען פאַרזיסט פון מאַטעריעלע אינטע־רעסן. עגאָיסטישע, וואָס זינגען שוין נישט קיין לידער, וואָס זאָלן עמעצן עמאָ־ציאָנירן נאָר זאָלן זיין „באַשווענצל־וואַסער" פון קירכלעכער ווירעך־ריחות, וואָס זענען פּראַקטיש, אויפן מאָמענט — אָבער וואָס וועט בלייבן פון אָט די ווירעך־ריחות? — גאָרנישט מיט נישט. סע וועט נישט בלייבן פאַר די מאָרגנדיקע דורות גאָרנישט.

גאָרנישט? אדרבה, סע וועט יאָ איבערבלייבן. אוודאי וועט יאָ איבער־בלייבן, ווייל גאָרנישט קומט נישט אהין אין אין־סוף, פון אַלץ און פון אַלעמען בלייבט דאָך עפּעס איבער, איז פון אָט דעם דאָזיקן וועט מסתמא אויך עפּעס איבערבלייבן. און די קינדער און קינדס־קינדער וועלן עס דערפילן, אין זייערע נאָזלעכער, וואָס וועלן שוין נישט זיין אזוי פאַרטעמפּט, און זיי וועלן שוין אפשר קאָנען אָפּשאַצן לויט זייערע אמתע ווערטן, ווי מע זאָגט, „אָביעקטיווע ווערטן" ... נו, וואָס וועט זיין דעמאָלט, וואָס וועט צו זיי דערגיין, גאָרנישט?! ניין, סע וועט יאָ דערגיין, נאָר אָנשטאָט אַן אָנגענעמער ריח, פון טליענדיקן ווירעך כדי דער גערוך זאָל וואָס מערער גערויערן און פאַרהאַלטן ווערן אין דעם פאַררייכערטן ארום, וועלן זיי גאָר דערפילן א שטינק ... (בעטי האָט אויס־געשטראָכן דעם מיאוסן אויסדרוק „שטינק" און האָט פון אויבן אָנגעשריבן: „נישט אָנגענעמען ריח"!). א ריח, וואָס וועט מאַכן אזאַן אַטמאָספער ארום די „איינקלעך־לייענער", אז זיי וועלן נישט נאָר אָוועקדרייען מיט דער נאָז, ווי אין א זשעטעט פון עקל, נאָר ממש זיי וועלן פאַרמישפּטן אזא מין פּחדנישע פאַרהאַלטונג פון זייערע זיידעס, וואָס האָבן געלעבט אין אזעלכע „העראָישע" צייטן ...

ניין, האָט בעטי געטראַכט, עס איז נישט גענוג אז דו זאָלסט האָבן דאָס גליק צי דאָס אומגליק צו לעבן אין דעצידירנדיקע העראָישע צייטן, ווען דו האָסט די געלעגנהייט, א מזלדיקע אָדער גאָר פאַר דיר א שלימזלדיקע, צו זיין אן עדות, צי בלויז א פּשוטער מיטצייטלער פון העראָישע איבערקערענישן, צו וועלכע סיי מע וויל יאָ סיי מע וויל נישט איז מען אויב נישט קיין אַקטיווער מיטבאַטייליקטער, איז כאָטש א מיטצייטלער, אפילו ווען כאָטש א פּאַסיווער, צושויער (עס איז נישט פאַראַן קיין פּאַסיווער צושויער, האָט בעטי צוגעשריבן, ווייל אויך דער צושויער רעאַגירט גאַנץ אַקטיוו, אויך דעמאָלט ווען ער מיינט אז ער איז בלויז א פּאַסיווער צושויער, ווייל קיין פּאַסיווע צושויער, אין נישט־פּאַסיווע מאָמענטן, זענען גאָר בכלל נישטאָ. ווייל, אין אזעלכע מאָמענטן איז דאָך אפילו דאָס אויבנאויפיקע פּאַסיווקייט אויך אַן אַקטיווער אַקט פון „נישט־

באטײליקן״ זיך, װאָס איז דער היפּוך פונעם אַקטיװן באַטײליקן. דאָס איז, הייסט עס, דער נעגאַטיװער אַקט פונעם פּאָזיטיװן... זאָגט מען דאָך אַז קיין נייטראַליטעט איז אין אַזאַ מין מצב נישט פאַראַן: אָדער-אָדער. אָדער מען איז פאַר אָדער מען איז קעגן. קיין מיטל-װעג איז פּראַקטיש נישטאָ. הגם דאָ און דאָרט, פון צייט צו צייט געפינען זיך אַזעלכע װאָס טרייסטן זיך מיט חלשות אַז זיי זענען ביי דער זייט. יאָ, סע מיינט זיך זיי בלויז אַזוי אויס, אַז זיי שטייען ביי דער זייט. יאָ, סע דאַכט זיך אַזוי אויס, װאַרטן זיי צו, ביז די װאַסערן װעלן זיך אויסלייטערן, װעלן זיין פון צװישן יענע װאָס װעלן זיך אַרויסזאָגן, שוין באַלד ביים סוף, װען מע װעט שוין װיסן אויף זיכער אויף װעלכער זייט עס איז דער נצחון, כדי מע זאָל נישט דאַרפן ריזיקירן. אייגנטלעך, איז דאָך דאָס דער זינען פון נייטראַליטעט בכלל, פון אָפּװאַרטן, קוקנדיק פון דער זייט במשך דער גאַנצער שלאַכט צװישן די „העגער״ װעלכע צעריסן זייערע קאַמען, צע-בלוטיקן זיך, אין דער צייט װען דו שטייסט זיך רואיק, װי גלייך נישט דיך מיינט מען. און ערשט דאַן, װען עס איז שוין קלאָר פאַר יעדן װי אַזוי די זאַך באַשטייט, אויף װעלכער זייט עס איז דער נצחון, דעמאָלט גייט מען אַרויס פון דער „נייט-ראַליטעט״... נאָך מער, דעמאָלט געפינען זיך נאָך אַזעלכע, װאָס האָבן די העזה זיך צו צעשרייען: האָב איך אייך געזאָגט? ... זעט איר, װאָס פאַר אַ בעל-העזהניק, ער באַנוגנט זיך נישט מיטן „ריװוח״ װאָס ער באַקומט מיט זיין פּח-דנישקייט, װאָס ער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, צו מאָל אויך מיט ספּאָר-טיװוישער הנאה, װי די אַנדערע „שלאָגן״ זיך, נאָר ער װיל אַחוץ דעם „ריװוח״, אויך באַקומען אַ מעדאַל פאַר זיין חכמה, װאָס ער האָט דאָס „געזאָגט״ פון פריער דורך זיין „שװייגן״...

ניין, בעטי האָט געפילט אַז זי װעט מוזן נאָך איבעראַרבעטן אָט די דאָזיקע מעשה מיט פלאַװיוסן, װאָס זי האָט געװאָלט מיט איר זאָגן כמעט איר צװאה פאַר איר זון...

יאָ, עס איז נישט זייער לייכט צו זיין אַ „כראָניקער״ פון זיין צייט. עס איז גאָרנישט אַזאַ לייכטע מלאָכה, װי סע װאָלט זיך אויסגעדאַכט פאַר איינעם װאָס האָט זיך נישט אַריינגעטראַכט אויף די פאָלגן פון אַזאַ כראָניק-שרייבעריי. זי? זי האָט איצט יאָ געהאַט צייט זיך גוט צו איבערלייגן, אויף אַלע זייטן, די פאָלגן װאָס קאָנען אַרויסקומען פון איר מעשה, װען זי האָט זיך געשטעלט אין דער ראָלע פון איר זון, װען ער װעט אונטערװאַקסן און מסתמא נישט געפינען קיין קלאָרע ענטפערס אויף זיינע פראַגן, װאָס ער האָט נישט געהאַט װער סע זאָל אים אויפקלערן, און װעט מסתמא אויך שפּעטער נישט געפינען קיין ענטפערס,

אמתדיקע, וואָס זאָלן אים זאָגן דעם אמת וועגן זיין פּאָטער, וועלכן ער האָט געזען אין אזא משונהדיקער ראָלע, וואָס זעלטן א קינד זאָל אזוי זען צום ערשטן מאָל זיין פּאָטער (און ווער ווייסט, אויב עס איז נישט געווען אויך דאָס לעצטע מאָל?) און וועט אים זאָגן עפּעס וועגן אמתדיקן לעבן פון זיין מוטער, וועגן איר, וועגן זיין מוטערס אָפּשטאַם?! איז האָט זי דאָך געוואָלט אז אויך דערמיט, מיטן דאָזיקן מכלומרשטן „היסטאָרישן" מעשהלע, זאָל ער באַקומען כאָטש עפּעס פון אן ענטפער ...

יאָ, איצט ווען זי איז געזעסן נאָך אין דער היים, געגאַנגען מכלומרשט צו איר ארבעט, איר נישטיקע ארבעט, צו וועלכער זי איז צוגעטיילט געוואָרן מער פון רחמנות, אז זי זאָל נישט שטארבן פאר הונגער, ווי איינע וואָס איז מיט א מאָל אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער געזעלשאפט, פאר וועלכער זי האָט מקריב געווען אירע שענסטע יוגנט-יאָרן, האָט זי דאָך געהאט גענוג צייט צו טראכטן. צו טראכטן, אז צו מאָל האָט זי געמיינט אז די געהירן וועלן ביי איר פּלאַצן פון אזוי פיל טראכטן — דערנאָך, דערנאָך האָט זי געהאט נאָך מער צייט צו טראכטן, ווייל זי האָט שוין נישט געהאט קיין מכלומרשטע ארבעט אויך נישט, נאָר געלעגן אויף איר שפּיטאָל-בעטל, צוגענאָגלט פון אירע פּיזישע ליידן, באַפּעפערטע, ווי מיט געווירצן, מיט אירע מאָראלישע ווייטיקן, פון וועלכע סע האָבן געטריפט, טראָפּן נאָך טראָפּן, אירע לעצטע געציילטע טעג ...

נו, האָט זי דאָך געהאט איצט צייט צו טראכטן און איבערצוטראכטן, אז אויף עפּעס אן אופן דארף זי דאָך, אדרבה, זי איז מחויב איבערצולאָזן פאר איר איינציקן זון, וועלכער וועט מסתמא אויסוואקסן און אפילו נישט ווילנדיק זיך שטעלן פראגן, איז פון וואנען וועט ער קאָנען באקומען ענטפערס, אויב נישט פון איר, וואָס זי וועט אריינלייגן, אין איר מעשהלע, פארגראָבן צווישן די שורות, ווי סע האָבן געטון אמאָל, אין די צייטן פון די פאשיסטישע רדיפות, ווען מע האָט פארשריבן, פארצייכנט, און פארגראָבן אין דער ערד, אין א כלי, א פלעשל, א בלעכן פּושקעלע ...

איצט דארף זי דאָך טון דאָס זעלביקע, נאָר אָנשטאָט באגראָבן אין דער ערד, דארף זי עס „אויסבאהאלטן" אין דער „עפנטלעכקייט", נאָר צווישן די שורות ... אויף וויפל סע וועט זיך איר איינגעבן? נו, דאָס איז שוין באַלאַנגען אין דער פעאיקייט פון איר פען, אז זי זאָל קאָנען גובר זיין, פון צייט צו צייט, אירע פיזישע ווייטיקן אז זי זאָל זיך קאָנען אָפּרייסן פון דער „קעגנווארט", זיך דערווייטערן פון זיך גופא, שאפן א „דיסטאַנץ" צווישן איר און „איר". צווישן דער היינטיקער און אמאָליקער צייט, אז סע זאָל אויסקומען פארהוילן און דאָך פארשטענדלעך ...

... מחשבות, מחשבות, פארפלאָנטערטע, ווי א קנײלעכל פאָדעם, וואָס איז פארפלאָנטערט געוואָרן פון אן אומבאוואוסטזיניק שפּילעוודיק קעצל ...

זענען דאָך אויך אירע מחשבות געווען, פון צייט צו צייט, אזוי פארפלאָנטערט פון די בארואיקונג-רפואות, פון די סעדאטיווע דאָקטערישע-מיטלען, וואָס האָבן געפּרואווט צו פארטעמפּן אירע ווייטיקן, און דערמיט ביסלעכווייז איינגעשלעפט אלע אירע חושים, זי זאָל נישט פילן די ווייטיקן און ממילא האָט זי דאָך שוין נישט געפילט אויך קיין איין קלאָרן דורכגעטראכטן געדאנק, אויף וועלכן זי זאָל אין שטאנד זיין, אז זי זאָל זיין ביכולת אים צו דערפירן ביז צון א לאָגישן סוף, אָן דעם אז זי זאָל נישט ווידער אריינפאלן אין איר געוויינטלעכן הינער-פלעט-שלאָף, וואָס די רפואות שענקען איר. איר לטובה אויפן מאָמענט, אָבער איר לרעה, ווען סע רעדט זיך וועגן אויסלעבן די לעצטע מאָמענטן מיט א קלאָרן פארשטאנד ...

בעטי ... נעבעך, אָרעמע, עלנטע בעטי ... חברטע מארקאָוויטש-דאנטשולעסקו ...

# 3. צולאָג צו „פלאוויוס"

... צום כתב-יד „פלאוויוס" פון אלישבע מרדכאָוויטש (ווען און ווער סע האָט אונטערגעחתמעט אָנשטאָט עליסאבעטא מארקאָוויטש, ווי זי האָט געהייסן, אָדער פארקירצט, ווי זי האָט זיך אָפט געחתמעט „בעטי מארקאָ", איז נישט באוואוסט. עס איז מעגלעך, אז זי גופא, בעטי, האָט זיך אזוי געחתמעט אין אירע לעצטע חדשים אָדער גאָר וואָכן פון איר לעבן, ווען זי האָט, ווי סע ווייזט אוים, איבערגעלעבט א פסיכישן קריזים, פיל א שווערערן ווי דעם פיזישן, ווען זי האָט געזאָרגט פארן מל'ע זיין איר זון, אים איבערצולאָזן אויף דער דאָזיקער וועלט מיטן נאָמען עובדיה מארקאָ, מעגלעך אז דעמאָלט האָט זי זיך גופא אויך גערופן מיט א בפירושן יידישן נאָמען, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן איר צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, סיי מיטן פירנאָמען סיי מיטן ביינאָמען?!) איז געוועזן צוגעהאָפטן עטלעכע בייגעלעך פאפיר, געשריבענע מיט א שרייבמאשין, אָן סיי וועלכער חתימה.

אין די דאָזיקע בייגעלעך האָט „עמעצער" איר געגעבן עצות, זיך ארויםגעזאָגט וועגן ליטערארישן ווערט פון דער דערציילונג. עס איז מעגלעך אז עס איז געוועזן א „האנט" פון א רעדאקציע, וואוהין זי האָט געהאט ארייגעשיקט איר כתב-יד סיי צום פארעפנטלעכן, סיי זי זאָל כאָטש באקומען עטלעכע שורות, אויב מע וועט נישט דרוקן, אין דער „רעדאקציע-פאָסט" פון דער פובליקאציע, כדי זי זאָל כאָטש אזוי ארום זיך דערוויסן, וואָס מע קאָן מיינען וועגן ליטעראריש-קינסטלערישן אָדער פאָליטיש-אידעאָלאָגישן ווערט פון דער דאָזיקער אלעגאָרישער דערציילונג.

ווי סע ווייזט אוים האָט מען אין דער פובליקאציע נישט געענטפערט אויף איר „שיקונג". אָבער מע קאָן זיך משער זיין, אז איינער א רעדאקטאָר, וועלכער האָט דאָך געוואָלט בלייבן אנאָנים, וועגן געוויסע סיבות, אָבער דאָך געשאצט די דערציילונג, האָט איר יאָ געענטפערט, אָן א חתימה ...

לויטן תוכן פון די באמערקונגען קאָן מען זען, אז דער רעדאקטאָר האָט דווקא יאָ פארשטאנען אירע דערציילונגען, מיט אירע אלע אלוזיעס און אָנצוהערענישן, זי אפשר אויך געהאלטן פאר א וויכטיקער ארבעט, הגם ער האָט עס נישט געקאָנט ארויסזאָגן בפירוש, ווייל אויב עס איז יאָ אזוי, איז פאר וואָס פארעפנטלעכט מען עס נישט? ... און פאר וואָס מע פארעפנטלעכט נישט אזא מין דערציילונג, וואָס איז נישט פּאסיק סיי לויט דער שפּראך, לויט דער טעמאטיק, לויט דער חתימה, וואָס איז אויך א נישט פּאסיקער נאָמען, און סיי לויט די מסקנות, וואָס ווערן געצויגן, נישט נאָר פונעם מחבר, נאָר אויך פון א לייענער וואָס וועט זיך פארטיפן און אפשר ארויסלייענען אויך צווישן די שורות, און גאנץ לייכט פארשטיין די אָנדייטן וואָס ווערן געמאכט נישט אזוי וועגן די רוימער מיט פלאוויוסן, ווי וועגן א היינטיקער נישט ארויסגעזאָגטער פּראָבלעם, וואָס האָט גאָר ווייניק וואָס צו טון סיי מיט די רוימער און סיי מיט פלאוויוסן...

דאָס קאָן מען זען אויך פון די „עצות" וואָס דער רעדאקטאָר גיט דער מחברין, אז ער וויל זיך פארזיכערן, אויב עמעצער וועט לייענען די „באמערקן", ווי ער רופט אָן זיין ענטפער, כאָטש ער איז נישט געחתמעט, זאָל מען זען, אז מע האָט גאנץ ערנסט גענומען און אויך מיט אויפריכטיקע כוונות איר געוואָלט ארויסהעלפן, אויפקלערן אז זי זאָל זיך נישט פארקערעווען אויף נישט געווינטשענע דרכים, וואָס זענען קעגן דער „ליניע" פון „סאָציאליסטישן רעאליזם"...

דער „עצה-געבער" זאָגט צווישן אנדערן:

„... די דערציילונג וויל אויפלעבן א היסטאָרישע פיגור, אפשר שוין א פּסיכיש דעסעקיליברירטן, וועלכער האָט איבערגעלעבט מוראדיקע שלאכטן. מעגלעך אז צוליב זיינע פיזישע וואונדן האָט ער געליטן אויך פּסיכישע טראוממאטישע וואונדן, וואָס האָבן זיך נישט פארהיילט, אויך פיל צייט נאָכן פארהיילן זיינע פיזישע וואונדן ... מע זעט דאָס אין די „שראמען" פון זיין פארוואונדיקטער נשמה, וועלכע באלאנסירט צווישן יאָ און ניין, צווישן געטריישאפט צו זיין אייגענעם פאָלק, ווי ער איז עס געווען פריער, בעת די שלאכטן און פאר זיין דורכפאל — און צווישן וואקלען זיך אויפן ראנד פון בגידה, ווען ער ווערט א „קאָלאבאָראציאָניסט" מיטן שונא, ווערט זיין הויף-דיכטער, אָדער הויף-פּאיאץ, לויבנדיק זיינע באצווינגער, כדי צו אנטוואָפענען מאָראליש זיינע אייגענע ברידער, וועלכע זעצן פאָר דעם קאמף, און גלייכצייטיק צו אנטוואָפענען אויך די אנדערע שכנישע פעלקער וועלכע האָבן געדארפט קומען נאָך דער ריי, מסתמא, צום קאמף קעגן זייער רוימישן באצווינגער ... אויף דעם האָט מען גענוצט פלאוויוסעס כראָניקעס?!

וואָס שייך דעם ליטעראַרישן ווערט, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז מע קאָן קיין מאָל נישט פונאַנדערטיילן דעם קינסטלערישן ווערט פונעם תּוכן. אַ ווערק קאָן נישט ווערטיק זיין קינסטלעריש-ליטעראַריש און אין דער זעלביקער צייט זאָל עס זיין שעדלעך לויטן תּוכן... יאָ, סע קאָן געשען עפּעס אַנדערש (וואָס עס איז מעגלעך אַז עס איז געווען דער פאַל מיט אייער דערציילונג „פּלאַוויום"!), אַז דער העלד פון דער דערציילונג זאָל זיך נוקם זיין אין זיין שעפער, דעם מחבר. עס איז דאָך מעגלעך אַז דער „גולם" (וואָס איז געשאַפן געוואָרן פונעם „מהר"ל", דעם לעגענדאַרן גולם-באַשאַפער, דער פּראַגער רבי לעוו), זאָל זיך מער נישט אונטערגעבן און נישט אויספאָלגן די געבאָטן פון זיין שאַפער, נאָר ווערן אַ זעלבשטענדיקע בריאה און צום סוף זיך גאָר אַקעגנשטעלן זיין באַשעפער...

עס איז מעגלעך, אַז אַזוי איז געשען מיט אייער „פּלאַוויום"...

... דער פּראָצעס פון שאַפן, קונסט בכלל, (און פאַר וואָס נישט אויך אייער אַ ליטעראַריש ווערק?) האָט מערערליי אופנים פונעם רעאַליזירן דאָס פאַרפּלאַנירטע קונסט-ווערק, אין דעם דאָזיקן פאַל, פון אַ דערציילונג, בפרט ווען סע רעדט זיך וועגן אַ היסטאָרישער דערציילונג. איך וועל מיר דערלויבן דערמאָנען דריי אופנים (עס איז אַוודאי פאַראַן מערער, אָבער איך דערמאָן בלויז די דריי!):

א). דער שרייבער נעמט זיך צו זיין שרייבן, ווי סע נעמט זיך אַן אַרכיטעקט אַן אַמאָליקער, ווען מע האָט געבויט די הייזער אויך פון האָלץ. דאָס הייסט, אַז קודם שטעלט ער אַוועק אַ יסוד, אַ פונדאַמענט פון עטלעכע ווינקל-שטיינער, אויף וועלכע ער פאַרלייגט קלעצער, פּאַרטיק אויסגעטעסעטע, איינעם אויפן אַנדערן און לאָזט בלויז איבער פּלאַץ פאַר טירן, פאַר פענצטער, וואו סע מאַכט זיך. וואו די לענג פון די קלעצער מאָנען פון אים. ער האָט עס נישט פאַרגעזען פון פריער, ער ווייסט אָבער אויף קלאָר פון פריער וויפל צימערן סע וועלן זיין. דאָס ווייסט ער שוין פונעם שטיינערנעם יסוד. אויך ווייסט ער אַז פון איין צימער אין צווייטן דאַרפן זיין טירן. וואו די טירן זאָלן זיין, פּינקטלעך אויף וועלכן אָרט, וועט ער זען במשך דעם דערהייבן די הילצערנע ווענט...

ב). פאַראַן נאָך איין אופן בויען. דער אַרכיטעקט פאַרלייגט אַ געמויערטן בנין, פון שטיינער צי פון ציגל. איז קודם בויט מען אויף אַ סקעלעט פון ווינקל-זיילן, פון דעם גאַנצן בנין און אויך פון די צימערן באַזונדער. צו מאָל הייבט מען אויך אויף דעם דאַך, ערשט שפּעטער דערגאַנצט מען די ווענט. דאָס הייסט, אַז מע פולט אויס מיט ציגל די ווענט, צווישן די זיילן וואָס זענען אויפגעהויבן

געוואָרן פון פריער. אויך אין דעם פאַל ווייסט שוין פון פריער דער ארכיטעקט, וואו סע וועט זיין א טיר און וואו א פענצטער.

ג). דער ארכיטעקט לאָזט זיך בויען א בנין, ער ווייסט נאָך נישט פּינקטלעך וויפל צימערן סע וועלן זיין. ער ווייסט דאָס נאָך נישט פון פריער, ווייל ער קאָן נאָך נישט פעסטשטעלן וויפל בוי-מאַטעריאַל ער האָט צו זיין פארפיגונג, איז ווייסט ער נאָך נישט וויפל פענצטער אָדער וויפל טירן סע וועלן קאָנען אָדער (צוליב מאנגל אין מאַטעריאַל!) מוזן אויפגעשטעלט ווערן. אין אזא פאַל האָט ער אפשר יאָ א מין פּראָיעקט, אָבער צי סע וועלן סטייען מאַטעריאַלן, דאָס ווייסט ער נאָך נישט, צי ער וועט האָבן מיט וואָס אויסצופארטיקן זיין פארפלאנירטן בנין, אזוי ווי ער האָט געהאט געוואָלט אים אויפבויען. אין דאָזיקן פאַל פירט דער ארכיטעקט-בויער נישט אָן מיטן בוי-פּראָצעס, נאָר להיפוך, די בוי-מעגלעכ-קייטן פירן אָן מיט אים און מיט זיין ארבעט ... איז געשעט אָפט מאָל, אז ער שטעלט א טיר דאָ, א פענצטער דאָרט, דערנאָך פארוואנדלט ער דאָס פענצטער אין א טיר, און ווידער דאָרט וואו סע האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו קאָנטורירן א טיר, ווערט גאָר א פענצטער, צי סע וועט געגנצלעך פארשטאָפּט ווערן און סע וועט בלייבן בלויז א בלינדע וואנט ...

... ביי אייער דערציילונג קומט אויס, ווי דער פאַל איז ביי דעם לעצטן ארכיטעקט-בויער. איר האָט אָנגעהויבן אויף איין וועג. דאכט זיך, אז איר זענט געגאנגען גלייך, נישט וואַקלענדיק, נאָר פּלוצים איז עפּעס געשען, אפשר ווייסט איר וואָס עס איז געשען, ווייל קיין אנדערער קאָן דאָך דאָס נישט וויסן בלויז פונעם לייענען, וואָס פאַר א סיבות האָבן גורם געווען אז איר זאָלט אָפּנייגן פון אייער אָנגעצייכנטן וועג, וואָס ער האָט זיך סקיצירט אין אָנהייב, ווען ער איז פארפלאנירט געוואָרן פון אייך גופא. צום סוף האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט, אז דער וועג האָט אייך (נישט איר דעם וועג!) פארקערעוועט, אפילו אָן אייער ווילן און וויסן ...

מע קאָן זען באשיימפּערלעך אז איר האָט קודם אָנגעשריבן דאָס צווייטע קאַפּיטל, דערנאָך דאָס ערשטע ... מעגלעך אז נישט. אייגנטלעך איז דאָס נישט אזוי וויכטיק. מעגלעך אז איר האָט אָנגעשריבן אין א סדר די קאַפּיטלעך, נאָר דערנאָך האָט איר געענדערט דעם סדר (וואו עס איז געווען א פענצטער, האָט איר גאָר געשטעלט א טיר!), איר האָט איבערגעשטעלט. דאָס קאַפּיטל דריי איז געוואָרן דאָס ערשטע קאַפּיטל, דאָס צווייטע קאַפּיטל איז געוואָרן ... דערמיט האָט איר אייך געוואָלט „נוקם" זיין נישט אזוי אין אייער דערציילונג, ווי אין

זיך גופא, וואָס איז נישט שווער צו באמערקן, אז די דערציילונג האָט אייך פאַר־פירט אויף קעגן אייער „באוואוסטזיניקן" ווילן...

ניין, איצט איז שוין שפעט. איצט קאָן מען שוין נישט איבערשטעלן ווי־דער די קאַפּיטלעך, אזוי ווי זיי זענען געשריבן געוואָרן לכתחילה. איצט דאַרף מען עס שוין לאָזן, אזוי ווי עס איז ארויסגעקומען... אָבער פארעפנטלעכן, זעט איר, דאָס איז שוין איצט קיין פּראָבלעם נישט, איצט קאָן מען שוין זאָגן גאָר לייכט, אז מע קאָן דאָס נישט פארעפנטלעכן, ווייל עס איז אויסגעקומען אנדערש ווי מע דאַרף, אנדערש ווי איר גופא האָט עס אפשר געוואָלט...

אויב מע קאָן די דערציילונג פארבעסערן און מאכן דרוקפעאיק?

אוודאי קאָן מען. אָבער מסתמא ווייסט איר דאָס פאָלקס־ווערטל, אז אפילו געפּולט קרויט איז גוט צו עסן פרישערהייט. אָנגעווארעמט נאָך דעם ווי עס איז אויסגעקילט געוואָרן, האָט עס שוין פארלוירן דעם טעם... אויב איר וועט איצט וועלן אויסבעסערן די „חסרונות", וועלן זיך אָנזען די „לאטעס" און געלאטעטע מלבושים קאָן מען נישט פארקויפן פאר קיין נייע...

מיין עצה? לאָזט עס אזוי, א שטיקל צייט. גיט זיך מער נישט אָפּ מיט דער דאָזיקער טעמע, כאָטש א יאָר־צוויי, דערנאָך מעגט איר זיך ווידער נעמען צון איר. דאָס צוליב צוויי טעמים: ראשית וועט איר זי שפּעטער מסתמא לייענען ווי א שפּאָגל־נייע ארבעט, אפשר ווי א פרעמדע, וואָס איז נישט ארוים פון אייער אייגענער פען — דעמאָלט וועט איר אפשר קאָנען מאכן די אויסבעסערונגען, וואָס וועלן זיין מער פּאסיק, ווי ווען איר וואָלט עס געטון איצט... והשנית, איז פאָרצוזען שוין פון איצט, אז... מע וועט שוין נישט דארפן מאכן קיין שום ענדערונגען. ווי סע ווייזן זיך די „צייטן", וועט בקרוב זיך פארפעסטיקן א נייער קלימאט, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אויפשפּראָצן ביי אונדז אין לאנד, אז אזא דערציילונג וועט מען נישט נאָר קאָנען פארעפנטלעכן, נאָר אדרבה, מע וועט זי זוכן מיט ליכט..."

אָט די דאָזיקע באמערקונגען זענען געפונען געוואָרן צוגעשפּיליעט צום כתב־יד „פלאוויום". אמת, היינט ניצן זיי שוין קיינעם נישט. בעטי האָט דאָך נישט געקאָנט אָננעמען זיין עצה, ווי ער האָט געזאָגט, אז שפּעטער מיט א צייט לאָמיר זאָגן א צוויי־דריי יאָר, זאָל זי איבערקוקן און מאכן אויסבעסערונגען ... עס איז שוין פאר איר נישט געווען גילטיק זיין עצה.

אזוי פיל קאָן מען באניצן די דאָזיקע „באמערקן", אז מע זאָל לייענען די דערציילונג, שוין מיט די אויפקלערונגען וואָס זענען געמאכט געוואָרן. ווייל

אויך זיי גיבן דאָך אַ ליכט אויב נישט דווקא אויף דער דערציילונג גופא, איז באַטש אויף די אומשטאַנדן, ווי אַזוי זי איז אויפגענומען געוואָרן אין יענער צייט ...

סע וואָלט בדאי געווען אָנצווייזן ווי אַ מוסטער אויך די אויבן דערמאָנטע משלים: „אַ משל מיט אַ קראָ", „אַ משל מיט אַ האָן", וואָס זענען געפונען גע־וואָרן אין די כתבים פון בעטין. הגם ליטעראַריש זענען זיי שוואַך, כמעט קינדיש־נאַיוו, אָבער דאָך וואָלט עס געווען אַ דוגמא פון אירע געדאַנקען אין יענער צייט.

*

* *

... אויפן כתב־יד פון בעטי מאַרקאָוויטש איז געווען צוגעשפיליעט אַ צעטעלע. מסתמא איז עס אַזוי צוריקגעקומען פון אַ רעדאַקציע:

„די קינדער מעשיות אין פערזן „אַ משל מיט אַ קראָ" און „אַ משל מיט אַ האָן" זענען אַ ביסל נאַיוו, אָבער ווי אַ קינדער־משל האָט עס אַ מאָראַל, וואָס איז פּאַסיק פאַר אַ געוויסער צייט, אַ געוויסער סביבה ...

געוויינלעך עצהן די רעדאַקציעס אָן אָנפאַנגער אַז ער זאָל לייענען און לייענען; אַרבעטן איבער זיך און נאָך אַ צייט זאָל ער ווידער צושיקן מאַטעריאַל. אפשר וועט מען שוין דעמאָלט, ווען ער וועט שוין זיין רייף, דאָס הייסט, אַ גע־צייטיקטער שרייבער, דעמאָלט וועט מען אפשר שוין פאַרעפנטלעכן פון זיין שרייבן.

איך קאָנען מיר אויסזאָגן דעם אמת, דעם ריינעם אמת, אַז אונדזער צייט־שריפט איז נאָך נישט גענוג „צייטיק" (און די צייט בכלל איז נאָך נישט גענוג געצייטיקט!) אַז זי זאָל דאָס פאַרעפנטלעכן. אפשר ... ניין, גאַנץ זיכער, אַז שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט, גאָר בקרוב" ...

# 6.

# א טרעפּל אראָפּ

דאָס קאפּיטל, זעקסטע, הייבט זיך אָן
מיט אַן איבהדיקן קלאָגעדיקן טאָן.

פון אלע ווינקלען האָט קדיש-שטימונג געלויערט,
אפילו דער דערציילער גופא האָט פארטרויערט,
הגם געוואָלט האָט ער עס מיט א שמייכל באווירצן,
(מרה-שחורה איז נישט קיין סגולה צום לעבן
און אוודאי און אוודאי נישט צום איבערלעבן) —
האָט ער קיין געלעגנהייט דערצו נישט געפונען,
אין שווארצן געהילט איז די מוזע געקומען.

אמת, פאראן אויך צו מאָל צון אזא פאל,
אויך דער טויט, א לוויה זאָל ווערן באנאל ...
אפילו געהילט אין שווארצן, א שיינע אלמנה,
א באטרערטע, אויסגעצוואָגענע אין געוויין,
זאָל באהאלטן אין אירע פאלדן א ביסעלע חן ...
איז עס אָבער דאָ נישט טרויעריק סתם,
נאָר ממש טראגיש, אַן אויפגעברויזטער ים.

מחמת נעבליבן איז גאָרנישט ...
טויט מיט טויט, אלץ אויסגעמישט ...

די „אלמנה“ איז „פאראשט“ געוואָרן,
ווידער דער „אלמן“ — איז נישטאָ.
געבליבן איז בלויז דער יתום דאָ.

אן אומבאוואוסטזיניקער יתום —
וואָס ווייסט א יתום, קינד,
איבערגעלאָזט אליין, הפקר אויפן ווינט?! ...

נו, וויפל איז דער שיעור צום וויינען,
וויפל קאָן מען טרערנדיק לייענען?

סוף-כל-סוף מוז מען דאָך אויסווישן די טרערן,
לאָזן שפּראָצן א שטראלעבל אָפּטימיזם,
כאָטש צווישן די שורות — צווישן וואָלקנס,
ס'זאָל אויף דער נשמה פרישער ווערן?! ...

אמת, דעם באַשערטן וויסטן גורל
קאָן מען זיך נישט דערווידערן —
אָבער פונעם לעצטן טרעפּל
קאָן מען מער שוין נישט נידערן! ...

# 1. עלנטע בעטי

בעטי איז געווען אָפּגעריסן, ווי א בלעטל פון א צווייג, וואָס האָט שוין נישט וואו צו זויגן קראַפט אויף צו דערהאַלטן דאָס גרינקייט, דאָס וואקסן, דאָס חיות. ערשט איצט האָט זי זיך אָפּגעגעבן חשבון, אז אייגנטלעך איז דאָך דאָס נאָר א האַלבער אמת. און, ווי באוואוסט, זאָגט זיך א ווערטל. אז א האַלבער אמת איז א גאַנצער ליגן. יאָ, א ליגן וואָס זי האָט זיך אַליין איינגערעדט, ווען זי פלעג נאָך שרייבן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק א נייע אויטאָבּיאָגראַפיע און געענטפערט אויף דער פראַגע: קרובים אין אויסלאַנד? דעמאָלט האָט זי מיט שטאָלץ געשריבן קורץ און אפילו האָפּערדיק: איך האָב נישט קיין קרובים, נישט אין לאַנד און נישט אין אויסלאַנד ... יאָ, זי האָט עס אזוי געשריבן פון אָנהייב אָן, ביז זי האָט שוין אַליין אויך אָנגעהויבן גלייבן אז אין דער אמתן איז עס טאַקע אזוי. פּאַקטיש האָט זי טאַקע נישט געהאַט קיין גאָר נאָענטע קרובים. די נאָענטסטע קרובים אירע, וואָס זענען געווען אזוי צו זאָגן פון ערשטן אָדער אפילו פון צווייטן גראַד, זענען דאָך אומגעקומען אין דעפּאָרטאַציע אין טראַנסניסטריע און טייל זענען אומגעקומען אין דעפּאָרטאַציע פון אוישוויץ. ווייל פון דער מוטערס צד זענען זיי געווען באַסאַראַבישע און פונעם פאָטערס צד זענען זיי געווען טראַנסילוואַנישע — האָט זי אָפּגעגעבן איר „אָפּצאָל“ אין ביידע זייטן, קיין מיזרח און קיין מערב. האָט זי טאַקע נישט געהאַט קיין גאָר נאָענטע קרובים, אָבער אין דער אויטאָביאָגראַפיע האָט מען דאָך אין יענער צייט געפרעגט נישט נאָר אויף די גאָר נאָענטע, מע האָט דאָך דעמאָלט געפרעגט אויך אויף געשוועסטער-קינדער, אפילו אויף א באָבעס-א-צוואָס, און אזעלכע קרובים האָט זי דאָך יאָ געהאַט, פּונקט אזוי ווי אַלע יידן ... וואו האָט מען נאָך געהערט אז א ייד זאָל נישט האָבן, נאָך דער שואה, קיין קרובים אין אויסלאַנד?! עס איז נישט פאַראַן קיין ייד, וואָס זאָל נישט האָבן קיין קרוב, אויב נישט אין ירושלים, איז כאָטש אין אוישוויץ ...

זי איז אַפּגעקומען מיטן ענטפער: איך האָב נישט און פּטור. קודם, הייסט עס, האָט זי זיי פאַרשווינגן באַוואוסטזיניק. ווער וועט זיך דען דערגיין, אַז ער־גען, זי גופא ווייסט נישט פּינקטלעך וואו, אין וועלכן ווינקל פונעם ערד־קויילעך, סע האָט זיך פאַרוואָרפן נאָך דער שואה, איר אַ געשוועסטער־קינדל?! האָט זי טאַקע אַזוי געשריבן. היינט אַזוי, מאָרגן אַזוי — ביז זי האָט טאַקע „פאַרגעסן" פון זייער עקזיסטענץ. יאָ, גאַנץ אויפריכטיק פאַרגעסן. דער מענטש געדענקט און פאַרגעדענקט (זאָגט דאָך אפילו פרויד, יאָ, זיגמונד פרויד, פון וועלכן מע האָט קודם געלאַכט, אַז ער איז אַ סעקסועלער מאַניאַק, אָבער היינט לאַכט מען דאָך שוין נישט מער פון אים. היינט גלייבן דאָך שוין אין אים און זיינע טעאָריעס אפילו די נעכטיקע גרעסטע סקעפּטיקער, אַז עפּעס איז דאָך אמת אין זיינע באַהויפּטונגען, צווישן וועלכע אויך די, אַז) אַ מענטש פאַרגעסט בלויז דאָס וואָס ער וויל פאַרגעסן. נו, איז דאָך אויך דאָס אמת, אַז זי האָט „באַגראָבן" אירע קרובים לעבעדיקערהייט, ווען זי האָט געשריבן אין אירע אויטאָביאָגראַפיעס אַז זי האָט נישט אַזעלכע. זי האָט דאָך שוין איצט געשריבן דעם גאַנצן אמת, וואָס זי האָט איצט אין אים געגלייבט, ווייל אַזוי פיל מאָל איבערחזרנדיק, אַז זי האָט נישט אַזעלכע קרובים, האָט זי דאָך שוין נישט געדענקט אפילו, אַז נישט דאָס איז דער אמת. איצט האָט זי שוין יאָ געשריבן דעם „אמת", זי האָט טאַקע שוין מער נישט אַזעלכע...

בלייבנדיק אָבער, אין די לעצטע יאָרן, אַזוי אַליין, אַזוי עלנט, ווי אַ פאַרגעסענער שירעם אין אַ וואַרט־זאַל, פאַרלאָזט פון אירע חברים און פאַרשטויסן אויך פון אירע פריינד, ערשט איצט האָט זי אָנגעהויבן זיך דערמאָנען, אַז זי האָט דאָכט זיך טאַקע יאָ געהאַט עמעצן. יאָ, דאַכט זיך, אַז דער דאָזיקער לעבט נאָך, אמת ער איז אַ געשוועסטער־קינד מיט וועלכן זי האָט געהאַט זויניק באַציונגען, ווייל זיי האָבן געהאַט אַנדערע אָנשויאונגען... אָבער דאָך איז יענער איר מוטערס שוועסטערס זון... וואו ער איז איצט, ווייסט זי טאַקע נישט, אָבער זי וואָלט געקאָנט געוואויר ווערן. וואָלט זי געשריבן צו די באַקאַנטע אַדרעסן, וואָס זי געדענקט נאָך אויסנווייניק, וואָלט זי דאָך געקאָנט באַקומען אויך זיין אַדרעס... ער האָט דאָך, דאַכט זיך, יאָ אַמאָל געשריבן, נאָר זי האָט נישט געענטפערט אויף קיין איינציקן בריוו, ווייל „זי האָט נישט קיין קרובים", וואָס וואָלטן דעמאָלט געקאָנט פּלעגען איר אויטאָביאָגראַפיע... איצט? איצט אינטערעסירט זי שוין מער נישט איר „אויטאָביאָגראַפיע", איצט

אינטערעסירט זי מער איר עלנטקייט, און נאָך מערער איז זי פאַרזאָרגט וועגן איר קינד, וועגן אָווידיון.

זי, בעטי, איז שוין אריבער דעם זעניט, פאר איר שטעלט זיך שוין מער נישט די פראגע. די פראגע שטעלט זיך שוין איצט בלויז פאר אים, פארן קינד. זי, ווי סע ווייזט אויס, וועט זי זיך מוזן אינטערנירן אין שפּיטאָל. זי קאָן דאָך שוין מער נישט איבערדולדן די ווייטיקן, אפילו שוין נישט אין דער היים, פון ארבעטן איז דאָך שוין אָפּגערעדט. איז דעריבער שטעלט זיך שוין איצט די פראגע פארן קינד. ווי אזוי לאָזט מען איבער אים און וואו?

וואס זאָל זי זיך נארן? אמת, סע האָט איר קיין שום דאָקטער נישט געזאָגט אָפן, אז זי האָט א קאנסער. ניין, מע האָט עס איר טאקע בפירוש נישט גע-זאָגט. אָבער דארף מען אזא זאך עמעצן זאָגן?!

און אז זי אינטערנירט זיך שוין אין שפּיטאָל, וועט זיך דאָך איר מצב מיט ווייניק וואס ענדערן. זי וועט דאָרט זיצן, ווי סע ליגן דאָרט נישט וויניציקע וואס זי ווייסט פון זיי, אז זיי וועלן שוין פון דאָרט קיין מאָל נישט ארויס אויף זייערע אייגענע פיס... מסתמא אז פונקט אזוי, ווייסן אנדערע אויך וועגן איר, נאָר מע רעדט דערפון נישט מיט איר.

וואו זשע לאָזט מען דאָס קינד?

זי וויל זיך צו מאָל מאכן פירוואָרפן. אז זי האָט אליין, מיט אירע איי-גענע הענט „אוועקגעהרגעט" אירע קרובים... שטותים. פון יענע קרובים קאָן זי דאָך אויך איצט נישט באקומען קיין שום הילף נישט. מיט וואס קאָנען זיי איר שוין איצט העלפן? לאָמיר זאָגן, אז זי וועט יאָ אויפגעמען איצט די פארבינדונגען, זי וועט אויסגעפינען זייערע אדרעסן, זי וועט זיי שרייבן, נו איז וואס?

זי דארף דאָך נישט איצט קיין קרובים „דאָרט", זי דארף דאָך זיי איצט האָבן „דאָ", און דאָ האָט זי קיינעם נישט.

(שפּעטער מיט יאָרן וועט אָווידיו יאָ געפינען אָט די דאָזיקע „דאָרטיקע" קרובים. אָבער איצט דערציילט זיך דאָך נישט וועגן וואס עס איז געווען שפּע-טער, נאָר וואס עס איז איצט, און איצט איז טרויעריקער ווי טרויעריק!)...

יאָ, ער, נאום, האָט יאָ משפחה. נו, איז וואס? זיין משפחה איז דאָך איצט נישט אירע. יאָ, זי איז געווען מיט אים ביי זיינע עלטערן, תיכף ווי זיי האָבן חתונה געהאט. און דאָס אויך אויף איר פארלאנג. ער האָט נישט געוואָלט אז די עלטערן זאָלן זי זען, אז זי איז א יידישקע? ער האָט מורא געהאט אז עמעצער פון זייניקע זאָל נישט לאָזן פאלן א וואָרט, אויך אָן זיין ווילן וועגן

(קענען?) „יידן"? יאָ, זי איז געווען דיע, וואָס האָט געזאָגט אַז זי וויל זיי קאָנען און אויך זייניקע זאָלן זי קאָנען, וואָס איז זיך דאָ אויסצובאַהאַלטן?!

קודם האָט ער געזאָגט ווי אַנטשלאָפן:

— נישט די עלטערן האָבן מיך מיט דיר חתונה געמאַכט... איך בין שוין אַ פּאָליעריקער — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, וואָס איז קיין שמייכל נישט געווען — איך בין שוין אַרויס פון אונטער זייער רשות...

— וואָס האָט דאָס צו טון מיט פּאָליעריקייט? — האָט בעטי דעמאָלט גע־טענהט — עלטערן בלייבן עלטערן אויפן גאַנצן לעבן און מען איז מחויב זיי צו שאַצן, זיי אָפּגעבן זייער כבוד. איז פאַר וואָס זשע זאָלן מיר זיי נישט מאַכן אַ וויזיט?

האָט ער געמוזט נאָכגעבן. זיי זענען געקומען אין אַ זונטיק. דאָרט אי־בערגענעכטיקט אַ נאַכט און מאָנטיק גאַנץ פרי זענען זיי אוועק. זיי מוזן דאָך גיין צו זייער אַרבעט. דאָס איז געווען אַלץ. מער זענען זיי שוין דאָרט נישט געווען. ווען זאָלן זיי געווען גיין צו זיי? זיי האָבן דען צייט געהאַט צו גיין אויף וויזיטן?!...

דערנאָך איז נאָום פאַרשוואונדן. זי האָט אפילו פּינקטלעך נישט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך. זי האָט זיך בלויז משער געווען, אַז ער איז „דאָרט", וואו סע זענען די איבעריקע, וואָס זענען פאַרשוואונדן...

דאָס קינד האָבן דאָך זיינע עלטערן קיין מאָל נישט געזען. אפשר וואָלט עס זיי נישט אינטערעסירט. און אפשר גאָר יאָ? אָבער זי, אינטערעסירט עס דען יאָ, אַז זיי זאָלן זיך מיטן קינד אינטערעסירן?... ניין, זי האָט פון זיי גאָרנישט צו דערוואַרטן. ראשית, ווייסט זי גאָרנישט, גאָרנישט וועגן זיי. מסתמא האָבן זיי אויך קיין גאָר גרויסע פרייד נישט פון זייער זון, וואָס איז פּלוצים געוואָרן אַ „פּאָרעץ", קענען זייער ווילן, בפרט קענען זיילן פונעם פאָטער, וועלכער האָט געוואָלט בעסער אים זען פאַר אַ גוטן בעל־מלאכה, נישט זיך אָפּגעבן מיט פּאָליטיק, וואָס איז לויט זיין מיינונג נישט פאַר קיין ציגיינער, פאַר אַן אָרנ־טלעכן ציגיינער, פלעג ער זאָגן, ווי סע האָט דערציילט נאָום, ווען ער האָט געוואָלט חוזק מאַכן פון זיין פאָטער... היינט? אפשר איז ער טאַקע גערעכט געווען, טראַכט ביי זיך בעטי, בעסער וואָלט ער געווען אַ גוטער בעל־מלאכה, איידער זיך אָפּצוגעבן מיט... „פּראַקציאָניזם" צי מיט אַנדערע „איזמען", וואָס זענען געווען נישט מער ווי אַ צרה־לייד אויף זייער ביידנס קאָפּ... היינט? אפילו ווען ער זאָל שוין פון דאָרט אַרויס, וואָלט מען דאָך אים שוין סיי ווי סיי געשיקט צו „בידעריקער" אַרבעט. איז וואָס פאַר אַן אויסוועג וואָלט ער

געקאָנט געפינען? וואָס פאַר א „נידעריקע ארבעט“ וואָלט ער געקאָנט טון, אז ער קאָן קיין שום מלאָכה נישט?! ... ער האָט אמאָל צוגעהאָלפן זיין פאָטער צו קלאָפן מיטן באראָז אויף דער קאָוואלניע. דאָס איז געווען דעמאָלט. קודם האָט ער שוין איצט קיין כוחות נישט דערצו. והשנית, איז דאָס א מלאָכה? אנדערע אויף זיין אָרט האָבן זיך גענומען צו זייער געוועזן פאך. האָבן זיך צוריקגעקערט צוריק צו זייער געוועזענער ארבעט. פונקט אזוי ווי סע קערט זיך אום א ספּאָרטלער נאָך א נישט געלונגענעם פארמעסט ... מע האָט נישט געקאָנט באקומען קיין מעדאלן, האָט מען זיך גענומען צו דער פריערדיקער מלאָכה, מע האָט זיך אָפּגעלאָזט פון ספּאָרט ... אָבער ער, צו וועלכער מלאָכה וואָלט ער זיך נאָך געקאָנט גענומען?!

נו, סיי ווי אזוי סע זאָל נישט זיין, דער מצב איז אזעלכער ווי אזוי ער איז. זי קאָן עס איצט שוין נישט איבערמאכן. מע קאָן קיין מאָל נישט אָנהייבן פונסניי. קיין מאָל נישט. הגם, סע דאכט זיך אוים אז מע קערט זיך אום צום געוועזענעם. ניין, מע קאָן קיין מאָל נישט צוריק גיין און זיך אומקערן וואו מען איז פריער געווען און אָנהייבן פון דאָס ניי. קיין מאָל נישט. ווייל דאָס לעבן שטייט נישט אויף איין אָרט. מע קאָן קיין מאָל נישט אָנהייבן פון דאָס ניי, ווייל עס איז נישטאָ אזא מעגלעכקייט. יאָ, מע קאָן אפשר אָנהייבן, אָבער נישט פון דאָס ניי. סע רעדט זיך בלויז אזוי. פאקטיש הייבט מען דאָך אָן „פון דאָס אלטע“, נישט פון דאָס ניי.

דאָס לעבן הייבט יעדער איינער אָן, אָן אויסנעם, בלויז איין איינציק מאָל. בלויז איין מאָל פאר אלע מאָל. א צווייט מאָל קאָן מען נאָר „זאָגן“ אז מע הייבט עס אָן, אָבער פאקטיש זעצט מען בלויז פאָר דעם וועג, אויף וועלכן מען איז פריער געגאנגען, נאָר העכסטנס מאכט מען א קליינעם אָפּנייג פונעם פריערדיקן וועג, און מע רעדט זיך איין, אז מע האָט אָנגעהויבן א נייעם וועג. קיין נייע וועגן זענען בכלל נישט פאראן, נאָר אלטע שוין אויסגעטרעטענע וועגן, אויף וועלכע דער מענטש גייט, און ווען ער האָט זיך דערזען אויף א פארבלאָנדזשעטן וועג, אויף וועלכן מען איז דערגאנגען, אויך אָנעם אייגענעם ווילן — דעמאָלט קראצט מען זיך אין קאָפּ, ווי א פויער ווען ער קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. דעמאָלט איז אָבער שוין צו שפּעט „אָנצוהייבן פון דאָס ניי“. עס איז שוין צו שפּעט. אין צווישן זענען פיל וואסערן אָפּגערונען. אין צווישן איז די צייט נישט געשטאנען אויף איין אָרט. דער מענטש האָט זיך אין צווישן געעלטערט.

אמת, ער גרויסט זיך, אז ער האָט באקומען אין צווישן א נייע „דערפארונג“, אָבער זי העלפט שוין כמעט נישט, פארן שוין פארגאנגענעם וועג ... פאַר דער

צוקונפט? אַט די צוקונפט איז דאָך אויך אַזוי פאַרנעפּלט פאַרן הײַנט, פּונקט ווי דער הײַנט איז געווען פאַרנעפּלט און אומבאַקאַנט „נעכטן”...

יאָ, דער מצב איז אַזעלכער ווי ער איז. איצט מוז זי לאָזן איר קינד בײַ דער „מומע”. יאָ, זי איז דאָך איר אייניציקער קרוב, וואָס איז איר איבערגעבליבן.

די „מומע”? יאָ, זי איז פאַר איר קינד אי די מאַמע אי די באַבע, אַלץ. ער האָט דאָך קיין מאָל נישט געהאַט קיין באַבע, ווי אַנדערע קינדער האָבן, וואָס זאָל אויף אים אַכט געבן, דערציילן זיי פאַנטאַסטישע מעשׂיות זיי אײַנצושלעפֿן, ווי סע טוען באַבעס פון זײַנע חברים...

ער האָט דאָך אַפילו קיין מאָל נישט אַרויסגעבראַכט אויף זײַנע ליפּן דאָס וואָרט „באַבע”. אַחוץ „מאַמי” האָט ער געקאָנט דאָס וואָרט „טאַנטי”... אַפילו „טאַטי” האָט ער דאָך שוין כּמעט פאַרגעסן, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט פאַרגעדענקט... ער האָט אים געזען בלויז איין מאָל, וואָס איז געווען פאַר אים, מסתּמא, אַ טראַומאַטיזירנדיקע באַגעגעניש, וואָס האָט בלויז געקאָנט לאָזן אין קינדישן הערצל, בלויז אַ וואונד, ווי סע לאָזט איבער אַ בייזער חלום, אַ קאָשמאַר, פון וועלכן מע קאָן נישט פּטור ווערן אויך נאָך דעם ווי מע האָט זיך אַדורכגעוועקט.

... וואָס וועט זײַן מיט איר קינד?!

נו, יאָ, איצט האָט זי אים שוין געזאָגט, אַז זי איז אַ יידישקע. ער, מעג עם — ניין, ער מוז עם וויסן, אַז ער איז אַ ייד...

וואָס איז זיך שוין דאָ אויסצובאַהאַלטן פאַר אים? אַדרבה, זינט אַ צײַט האָט זי געזוכט די געלעגנהייט צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אויף וויפל מע קאָן פאַרפירן אַזעלכע שמועסן מיט אַזאַ קליין קינד, כּדי זי זאָל אים אויפקלערן אַז עס איז זיך נישטאָ מיט וואָס צו שעמען. ניין, אויך דעמאָלט ווען מע פּויקט נישט אויס אין די גאַסן, צווישן די חברים, אַז מען איז אַ ייד, אויך דעמאָלט דאַרף מען זיך נישט שעמען מיטן אייגענעם אָפּשטאַם. אַדרבה, זי פלעג אָנווייזן וואָס פאַר אַ גרויסע לייט סע זענען אַרויסגעקומען פונעם יידישן פאָלק...

האָט זי דאָך אָנגעשריבן די דערציילונג „פלאַוויוס” נישט אַזוי פאַרן פאַרעפנטלעכן, וואָס איז איצט, אין די דאָזיקע אומשטאַנדן, אויסגעשלאָסן, נישט מער ווי פאַר איר, כּדי זי זאָל זיך אויסרעדן דאָס האַרץ אויף אַזאַ אופן, אויפן פּאַפּיר, קוקנדיק אין שפּיגל צו זיך גופא. און ... יאָ, אויך פאַר אים, פאַר איר זון.

זי האָט עס דאָ געשריבן אין רומעניש, אַז ער זאָל עס פאַרשטיין, ווען ער וועט אַ ביסל עלטער ווערן, און זיך כאָטש אַזוי דערוויסן וועגן אירע מחשבות,

װעגן אופֿן טראַכטן פֿון איר, זײַן מוטער, אויך דעמאָלט װען זי װעט מסתּמא שוין נישט זײַן...

אָבער ער, איר אָװידיו — עובדיה, איז דען א ייד?

װען עס איז איר געקומען אױפֿן זינען די דאָזיקע פֿראַגע, האָט זי שוין געהאַט א פּלאַן און אויך געטראַכט אויף אַן ענטפֿער, װאָס קיינער דאַרף איר אים נישט געבן, נאָר זי גופֿא.

כּל-זמן זי לעבט נאָך, איז נאָך א ביסל באַװאָוסטזיניק אויף אירע מעשׂים...

... יאָ, מע װאָלט אים געדאַרפֿט מל'ע זײַן כאָטש איצט. װאַרטן איז שוין, דאַכט זיך, נישטאָ קיין פֿיל צײַט, אויף װאָס איז צו װאַרטן? אויב זי װעט עס איצט נישט באַזאָרגן, איז װער װעט עס טון, אויף איר אָרט, און װען?!

# 2. המשך

יאָ, דער זון-אונטערגאַנג דערנענטערט זיך. נישט אַזוי ווי דער נאַטיר־לעכער אונטערגאַנג, וואָס באַווייזט זיך, תּיכף נאָך דעם ווי דער שאָטן הייבט אָן זיך צו ווייזן אויף מיזרח, ווייל די זון האָט אָנגעהויבן איר גאַנג צו מערב... איר זון-אונטערגאַנג קומט נישט נאָך אַ זעניט, נאָך אַ הויכפּונקט פון אַ לעבן, ווייל זי האָט איר לעבן נישט אויסגעלעבט, נאָר אויסגעמוטשעט, אויסגעליטן, אויסגעפּייניקט, אויסגעוויטיקט, און איצט גייט זי עס אויסגוססן — איז איידער זי זאָל נאָך דערגיין צום אַ „זעניט", איז זי שוין מיט איין פוס ביים אונטער־גאַנג פון איר נישט אויסגעזוניקטער זון...

זי האָט איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע הויז, מיטן קינד צוזאַמען, אין די הענט פון איר מומע. זי איז דאָך געבליבן איר איינציקער קרוב און אויך פריינד און פריינט...

יאָ, מע דאַרף זיין אויפריכטיק און נישט פעלשן די „פאַקטן". עס איז גע־קומען אַ געוועזענע חברטע און זי אינטערגירט. זי איז מיט איר געגאַנגען, האָט זי געפירט, געמאַכט די פאָרמאַליטעטן, וואָס מע האָט געדאַרפט אַרומגיין זיי מאַכן, וואָס בעטי איז שוין אַליין נישט געווען בכוח צו טון. יאָ, יענע האָט עס געטון אָבער אויך ווי בגניבה. בעטי האָט דאָך געזען אַז יענע חברטע, וואָס וויל איר אַרויסווייזן פריינדלעכקייט, העפלעכקייט, היט זיך אַז מע זאָל זי נישט באַ־מערקן אַז זי גייט זיך אָפּ מיט איינער וואָס... יאָ, זי האָט געוואָלט טון די דאָ־זיקע מיצווה, אַז קיינער זאָל נישט וויסן דערפון, ווייל קיין מעדאַלן וועט זי אוודאי פאַר דעם נישט באַקומען, הגם... מע האָט זי דאָך געשיקט, זי איז דאָך נישט געקומען צון איר פון איר אייגענער איניציאַטיוו.

נו, גיי דערצייל אַז דו האָסט באַקומען די „אויפגאַבע" זי צו אינטערגירן, זוען מע וועט דיר סיי ווי סיי נישט גלייבן... מע וועט נישט גלייבן? ניין. מע וועט יאָ גלייבן. ווער וועט זיך קאָנען פאָרשטעלן אַז סע האָט עמעצער געוואַגט אַרויס־

צוווייזן אזא מין זשעסט, אָן דעם אז מע זאָל זי געווען אהער „שיקן"?!...

איז זי דאָ, אין שפּיטאָל, בעטי. דאָ באַקומט זי די מעדיקאַמענטן צו דער צייט. דאָ באַקומט זי די איינשפּריצונגען צו דער צייט. די אינעקציעס באַרואיקן זי. זי פילט מער נישט אַזוי קיין ווייטיקן. אַדרבה, זי שלאָפט און שלאָפט די גאַנצע צייט און האָט נישט ווען צו פילן די ווייטיקן...

אויף אַזוי פיל איז איר נאָך פאַרבליבן, צו שלאָפן?! און דערנאָך?

... קיין „דערנאָך" איז שוין מסתמא נישטאָ. אָבער דאָס האָט נאָך בעטי נישט געוואוסט. זי האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַזוי ווי סיי וועלכער חולה, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַן אויסוועג צון איר מחלה. אויב נישט געגלעך אויסצוהיילן, איז כאָטש צו פאַרציען די צייט, וואָס שפּעטער, וואָס שפּעטער זיך צו געזע-גענען... זי האָט דאָך געהערט פון דאָקטוירים, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן אַנדערע. יאָ, וועגן אַנדערע, וועגן זיך גופא קאָן קיין מאָל דער חולה דאָס נישט געוואויר ווערן. פאַר אים באַהאַלט מען אויס אַזאַ סוד... פאַר וואָס אייגנטלעך באַהאַלט מען עס אויס? וואָלט דען צו מאָל נישט געווען בילכער אַז דער חולה זאָל וויסן קלאָר זיין מצב, אפשר וואָלט ער געהאַט צו דערלעדיקן זאַכן וואָס קאָ-נען נישט אָפּגעלייגט ווערן אויף ווען סע וועט שוין זיין צו שפּעט?!

יאָ, זי האָט עס געהערט פון דאָקטוירים, מיט אירע אייגענע אויערן, נאָר דעמאָלט ווען סע האָט זיך נישט געהאַנדלט אין איר, דעמאָלט האָט מען דאָך גערעדט וועגן אַנדערע... איצט, דאַכט זיך, אַז זי איז אין זעלביקן מצב: מע קאָן נישט וויסן, אויך די דאָקטוירים קאָנען פּינקטלעך נישט וויסן. אויך זיי שטייען צו מאָל, ווי פאַר אַ רעטעניש און פרעגן זיך, ווי אַזוי איז עס מעגלעך אַז דער דאָזיקער מענטש, זייער פּאַציענט זאָל נאָך לעבן?... זיי קאָנען זיך צו מאָל אַליין נישט דערקלערן, איז מחמת דעם זאָגן זיי דעם גאַנצן אמת: מע קאָן נישט וויסן. סע קאָן נאָך געדויערן צען טעג, צען וואָכן, צען חדשים און צו מאָל אויך צען יאָר... מע קאָן קיין מאָל נישט וויסן אַז סע קאָן זיך פּונקט אַזוי ענדיקן אויך אין בלויז צען שעה...

נו, קאָן זי דען זיין אַן אויסנעם?! אַזוי פיל, וואָס קיינער זאָגט עס איר נישט... און אויב מע זאָגט עס איר נישט, דאַרף זי זיך באַגניגן מיטן שטענדיקן שלאָפן, אַז זי זאָל נישט פילן אירע שרעקלעכע ווייטיקן?! צו וואָס טויג אַזאַ לעבן, וואָס באַשטייט פון בלויז שלאָפן — און פאַרשלאָפן?

זי האָט גערעדט מיטן דאָקטער. ער איז דאָך אַ ייד. ער וועט זי פאַרשטיין אויפן וואונק. זי וועט נישט דאַרפן אים שטופּן דעם פינגער אין מויל... זי האָט אים געזאָגט:

— איך וויל אייער עצה, הער דאָקטער. העלפט מיר ארויס אין אַן ענין...

דער דאָקטער האָט געמיינט אז זי רעדט וועגן איר קרענק און געטראַכט ביי זיך: וואָס פאַר אַן עצה קאָן איך איר שוין געבן? מיט וואָס קאָן איך איר שוין העלפן, מער ווי צו פארשרייבן נאָך אינעקציעס, אז זי זאָל שלאָפן, שלאָפן ווי אין א הינער־פּלעט, אז זאָל גאָרנישט פילן, גאָרנישט וויסן, אפילו נישט אויף וועלכער וועלט זי איז... אפשר ווייסט זי אויך איצטער שוין נישט וואָס זי רעדט, און וואָס זי וויל פון אים האָבן. אָבער ער האָט העפלעך געשמייכלט, ווי סע טוט א דאָקטער, ווען ער האָט צו טון מיט א פּאַציענט, בפרט מיט אזעלכן, דווקא פאַר דעם ווייל מע קאָן אים שוין גאָרנישט העלפן:

— איך טו דאָך אלץ וואָס מע דאַרף — האָט דער דאָקטער ווי זיך פאַרענט־פערט, גלייך מע וואָלט אים געמאַכט פאָרוואורפן וועגן דער באהאנדלונג — זאָגט, וואָס סע פעלט אייך און איך וועל אייך פארשרייבן. אלץ, אפילו אויסלענ־דישע רפואות.

— ניין, נישט פאַר מיר — האָט בעטי זיך באמיט צו שמייכלען, ווייל זי האָט עס געגומען ווי א שפּאַס, וואָס ער האָט ארויסגעוויזן זיין גרייטקייט, וואָס ער ווייסט דאָך דעם גאנצן אמת, מער פון איר, אז איר קאָן עס שוין קוים ניצן — איך וויל אייך בעטן עפּעס אנדערש... איך האָב א יינגל, איז עס קראַנק...

— עס איז אינטערנירט? — האָט דער דאָקטער שוין געפרעגט איבער־געשראָקן, ווען ער האָט דערהערט, אז אויך אזא צרה האָט די פּאַציענטין אויף איר קאָפּ — סע געפינט זיך דאָ, אין שפּיטאָל, אָדער אין דער היים?

— סע געפינט זיך אין דער היים — האָט בעטי געענטפערט רואיק, מיט א האלב שמייכעלע, ווילנדיק בארואיקן דעם דאָקטער — עס איז נישט קיין איצט אנטשטאנענע קרענק... עס איז אזוי געבוירן...

דער דאָקטער האָט זיך באאומרואיקט:

— הייסט עס, א קאָנגעניטאלע קרענק? — האָט ער גאנץ ערנסט געפרעגט אויף זיין דאָקטערישן לשון.

— טאקע צוליב דעם בעט איך אייך, אז איר זאָלט מיר געבן אַן עצה...

— איך בין קיין ספּעציאליסט נישט אין קינדער־קראנקייטן — האָט דער דאָקטער זיך געפּרוואווט פאַרענטפערן — איך וויים נישט וואָס איך וואָלט אייך געקאָנט העלפן... אדרבה, מע דאַרף זיך ווענדן צו א ספּעציאליסט, א פּעדיאַטרי־שער דאָקטער...

— ביז איך וועל אָנקומען צום ספּעציאליסט וואָלט איך געוואָלט מיט אייך רעדן אז סע זאָל מיר אָנקומען א ביסל לייכטער — האָט בעטי זיך געבעטן שוין

נישט מיט קיין געמאכטן שמייכל, נאָר מיט אַן ערנסט פון אַ קראַנקן, ליידנדיקן חולה — איר וועט געפינען דעם דיאַגנאָז, ווי מע זאָגט עס אויף אייער דאָקטערישן לשון און וועט מיר אפשר רעקאָמאַנדירן אויך אַ פּאַסיקן כירורג...

... — אויף צו שטעלן אַ דיאַגנאָז דאַרף מען זיין אַ ספּעציאַליסט — האָט דער דאָקטער געפּרוּווט זיך פאַרטיידיקן. סע האָט אויסגעזען, אַז ער וויל שוין פּטור ווערן פונעם דאָזיקן כמעט פייגלעכן שמועס, און ער ווייסט נישט ווי אַזוי צו טון — נאָר אַ ספּעציאַליסט קאָן שטעלן אַ ריכטיקן דיאַגנאָז... אייגנטלעך, באַשטייט דאָך די גאַנצע חכמה פונעם דאָקטערישקייט אין שטעלן צו ערשט דעם דיאַגנאָז. די רפואות זענען שוין לייכטער דערנאָך צו פאַרשרייבן. אדרבה, אין דעם באַשטייט דאָך די גאַנצע היילונג פון אַ קראַנקן, אַז מע זאָל געפינען די פּאַסיקע רפואות און די פּאַסיקע רפואות זענען באַלאַנגען אַלע מאָל, אַלע מאָל, פון דעם ריכטיקן שטעלן דעם דיאַגנאָז...

— הער דאָקטער, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? איר האָט ווינציקער צייט פון מיר, אַז מיר זאָלן פאַרפירן אַ לאַנגן אוןברייטן שמועס, ביז איר וועט געוואויר ווערן וואָס איך וויל אייגנטלעך פון אייך — האָט זי שוין געזאָגט אָן אָפּצוּועטעמען, כדי ער זאָל זי נישט קאָנען איבעררייסן — הערט מיך צו מיט אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט. דעם דיאַגנאָז האָב איך שוין...

— ווער האָט אים געשטעלט? — האָט דער דאָקטער זיך נישט איינגעהאַלטן און זי געפרעגט.

— איך בעט אייך, רייסט מיך נישט איבער און הערט מיך אויס... איך וויל דאָך אייך נישט פאַרהאַלטן פון אייער אַרבעט. איר האָט גענוג פּאַציענטן אויך אָן מיר...

— איר ווילט זאָגן: „אויך אָן אייער זינדל“...

— ווי אַזוי איר ווילט... הערט זשע מיך אויס. דעם דיאַגנאָז האָב איך אַליין געשטעלט, ווייל איך בין דאָך זיין מוטער. איך האָב אים געבוירן און האָב אים געבוירן מיט אַזאַ „פעלער“ אַז מע דאַרף אים אָפּערירן — זי האָט געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז ער זאָל זי נישט איבעררייסן, נאָר זי לאָזן ענדיקן אירע רייד, ווייל אַנדערש וועלן זיי דאָך זיך נישט קאָנען איינפאַרשטיין — איך וועל אייך זאָגן אָפן, אָן געקינצלטע „ריידעלעך“, אַז איך בין באַוואוסטזיניק וועגן מיין אייגענעם מצב. יאָ־יאָ, איך ווייס דאָך ווי אַזוי איך באַשטיי — זי האָט ווידער געמאַכט אַ צייכן מיט איר אויפגעהויבענער האַנט, אַז ער זאָל זי נישט אונטערברעכן, ווייל זי האָט דאָך געזען אַז ער האָט שוין געעפנט דאָס מויל מסתמא כדי זי צו דערמוטיקן, איר אויסרעדן, אַז איר לאַגע איז נישט אַזוי

מסוכנדיק ווי זי מיינט. זי וויל דען פון אים איצט הערן „דערמוטיקונגען‘‘, פון וועלכע איר וועט דאָך סיי ווי סיי בעסער נישט ווערן? — איז האָב איך איין איינציקן ווילן, אז איך זאָל נישט איבערלאָזן מיין זינדל אומגע׳מל׳עט. איר פארשטייט? איך וויל נישט אז סע זאָל איבערגעריסן ווערן דער „המשך‘‘...

— וואָס הייסט, צי איך פארשטיי?

אוודאי פארשטייט ער. איצט פארשטייט ער זייער גוט. וואָס זי וויל פון אים. עס איז דען דער ערשטער פאַל, וואָס עלטערן, וועלכע זענען געווען פאר־טיי־אקטיוויסטן, אויף געוויסע פאָסטנס, האָבן נישט גע׳מל׳עט זייערע זין צו דער צייט. דערנאָך, ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אויסניכטערן פונעם „שיכרות‘‘, מע זאָגט אפילו פונעם „טשאַד‘‘, וואָס האָט איינגעהילט ווי אין א נעפּל אי די מענטשן אי די נשמות זייערע, דעמאָלט האָט מען נישט געוואָלט און נישט „געקאָנט‘‘ זיך אָפּגעבן מיט אזעלכע נארישע „אָפּגעשטאנענע‘‘ פאנאטישע קלייניקייטן...

— נו, גוט, מע קאָן דאָס מאכן — האָט דער דאָקטער געזאָגט נאָך א קלייגער פּויזע — דאָס איז נישט קיין פּראָבלעם.

— פאר אייך, הער דאָקטער, — האָט זי זיך שוין אָנגעכאַפּט אין זיין צו־זאָג — פאר אייך איז עס נישט קיין פּראָבלעם, אָבער אז איר וועט אייך שטעלן אין מיין לאגע כאָטש אויף איין מינוט און האָבן דעם גוטן ווילן מיך צו פארשטיין, דעמאָלט וועט איר קאָנען אָפּשאצן אויב דאָס איז יאָ א פּראָבלעם... פאר מיר איז עס, זאָג איך אייך גאנץ אויפריכטיק, א זייער ערנסט פּראָבלעם.

— איך האָב זייער גוט פארשטאנען — האָט זי דער דאָקטער בארויקט

— איר דארפט אייך מיט דעם קיין דאגות נישט מאכן... איך נעם דאָס אויף מיין אחריות. דעם דיאגנאָז, ווי איר זאָגט, ווייס איך דאָך שוין: פימאָזא, רופט מען עס אויפן לאטייניש דאָקטערישן לשון... „פימאָזא פּרעפּוציום‘‘. די דאָזיקע מחלה קומט סיי פון דער געבורט, ווי ביי אייך איז דער פאַל, סיי פון א ווע־נערישער קרענק, ביי דערוואקסענע. אויב איר ווילט קאָן איך אייך אויפקלערן די גאנצע קרענק, אז איר זאָלט אייך קאָנען בארויקן. יאָ, זייט נישט באזאָרגט. מע קאָן דאָס זייער לייכט אָפּערירן, מיט איין „שניטקעלע‘‘ מיט א כירורגיש מעסער. מע טוט א ביסל א שנייד אָפּ דאָס אויבערשטע הייטעלע, וואָס איז „אי־בעריק‘‘ זינטן געבוירן און...

— אָ, טאקע דאָס וויל איך, אז איר זאָלט מיר ארויסהעלפן... איר וועט רעדן מיטן כירורג, וועלכער וועט די דאָזיקע אָפּעראציע מאכן, אין דער שטיל, אָן טאראראם, אָן דעם אז מע זאָל עס צעפּויקן פאר אויערן, וואָס איך וואָלט אויך איצט נישט געוואָלט, אז מע זאָל וועגן דעם רעדן, אָדער מיך בארעדן...

— זייט רואיק — האָט דער דאָקטער זי באַרואיקט — דאָס איז דאָך פאררעכנט פאר א ווענערישער קרענק, און דאָס איז א דאָקטערישער סוד ... דאָס געזעץ פארביט א דאָקטער אויפצודעקן אזא מין סוד, דאָס איז א דאָקטערישער סוד וואָס א פאציענט האָט עס אים אָנגעטרויט און אויב עס איז נישטאָ קיין סיבה כדי אויסצוזעפינען פון וועמען דער חולה האָט „באַקומען" די קרענק ... דאָ, אין אייער פאַל איז עס דאָך קלאָר ... איר גופא, זיין אייגענע מוטער, האָט אים געגעבן בירושה די דאָזיקע שווערע מחלה, דאָס איז דאָך אן ערעדיטארע מחלה, זי גייט איבער בירושה — האָט ער צוגעגעבן מיט א גוטמוטיקן שמייכעלע — זייט רואיק, אז איך וועל רעדן טאקע מיט א יידישן דאָקטער. אויך אים וועט מען נישט דארפן שטופן דעם פינגער אין מויל, אז ער זאָל עס פארשטיין ... דער עיקר איז אז מע זאָל שטעלן, ווי געזאָגט, דעם דיאגנאָז — און דעם דיאגנאָז האָב איך שוין איצט געשטעלט אויפן סמך פון אייערע רייד ... מע דארף דען ווארטן מיט אזא „קרענק" ביז דאָס ייִנגל וועט אויפוואקסן און אריין גיין דינען פאר א זעלנער? ... מע דארף מיט אים א שמועס טון. מע זאָל אים צוגרייטן, פסיכיש מיין איך, אז דאָס וועט אים נישט וויי טון ...

— זייט רואיק — האָט בעטי אים שוין פארזיכערט — איך האָב מיט אים וועגן דעם שוין גערעדט. ער איז מסכים. ער האָט געזאָגט, אז אפשר זאָל מען אים איינשלעפן ...

— נישט נייטיק — האָט דער דאָקטער געזאָגט אנטשלאָסן — מע דארף אים נישט איינשלעפן. אזא אָפעראציע מאכט מען נישט מיט קיין אנעסטעזיע. דאָס איז א קלייניקייט. סע געדויערט בלויז עטלעכע סעקונדעס ... מע דארף אים אפילו נישט אינטערנירן אין קיין שפיטאָל. מע קאָן דאָס מאכן אויך אין דער היים. אין זעקס-זיבן טעג איז עס אויך פארטיק אויסגעהיילט.

— אָבער אין דער היים — האָט בעטי קוים ארויסגערעדט די ווערטער — אין דער היים איז דאָך נישטאָ ווער סע זאָל זיך מיט אים אָפגעבן ... איך האָב דאָך אים געלאָזט מיט דער מומע (זי האָט נישט געזאָגט „מיט מיין מומע", אָדער „מיט זיין מומע"!), וועלכע גיט אכט אויף אים ...

— עס איז אין דער בעסטער אָרדענונג — האָט דער דאָקטער געמאכט א סוף צום שמועס — זאָל ער קומען, וועל איך אים אינטערנירן אין דער כירורגישער סעקציע. וועט ער דאָ זיצן א וואָך צייט און אהיים גיין פארטיק אָפערירט, אויסגעהיילט, געזונט און שטארק ווי א ... (נישט ווי א „גוי", האָט ער צוגעגעבן מיט א גוטמוטיקן שמייכעלע!), ווי א ייד ... אויב א קינד ליידט זינט דער געבורט פון דער באקאַנטער ווענערישער מחלה „פימאָזא פרעפוציום", קאָן

מען נישט וואַרטן — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל — מע דאַרף אים וואָס גיכער אָפּערירן און ער וועט פּטור ווערן...

ביי זיך האָט ער געטראַכט: פּטור ווערן? פון וואָס וועט ער פּטור ווערן? אדרבה, פון איצט אָן וועט ער ערשט אָנהייבן אַ ניי לעבן און וועט פון גאָרנישט, לגמרי פון גאָרנישט וועט ער שוין קיין מאָל נישט פּטור ווערן, נישט אויף דער וועלט און אויך אפילו נישט אויף יענער וועלט... אָט, האָבן דאָך אַזעלכע געמיינט, אַז מען איז שוין פּטור געוואָרן: עס איז שוין קיין חילוק נישט צי מען איז יאָ געמל'עט צי נישט — אַלץ איז אין איין טאָפּ, איין באָרשט, און...

# 3. אן אויפקלער

ווען דער דאָקטער איז ארויס פונעם סאלאָן, און מיט יישוב-הדעת איבערגעקייט דעם נאָר וואָס פאָרגעקומענעם שמועס מיט בעטין, האָט אים פארפלייצט א רחמנות-געפיל, וואָס ער האָט טאקע געוואָלט און דאָך עס זיך נישט געקאָנט אויפקלערן. ער האָט געפילט א נויטווענדיקייט זיך מיט עמעצן אדורכצושמועסן. ער האָט דאָך שוין פון לאנג נישט געהאט קיין רחמנות אויף בעטין, ניין. פאר אים איז דאָך שוין געווען אויף קלאָר שוין פון לאנג, אז זי איז שוין מער נישט קיין „היגע“: בלויז צייטווייליק איז זי נאָך אין שפּיטאָל און בכלל אויף דער דאָזיקער וועלט. פאקטיש איז דאָך איר אָרט שוין אויפן בית-עלמין, וואו זי ווערט שוין מסתמא אָפּגעווארט. אָבער דאָס רחמנות-געפיל זיינס איז געווען צוליבן מצב, אין וועלכן ער האָט זי איצט, נאָכן שמועס מיט איר, געפונען. איצט האָט ער געזען אז זי איז באוואוסטזיניק וואו און ווי אזוי זי האלט מיט זיך און סע פלאָגט זי דער געדאנק צו פארזאָרגן איר המשך, דורך איר קינד וואָס זי לאָזט איבער ווי אויף גאָטס באראָט, הפקר, הפקר אליין...

כמעט ווי אָן זיין ווילן איז ער אריין אינעם סאלאָן, וואו עס איז געווען אינטערנירט א זקן, א תלמיד-חכם, א ייד „פון דער אלטער וועלט“ (אזוי טאקע האָט דאָך געזאָגט אפילו זיין אייגענער זון, וועלכער איז איצט אויף א הויכן פאָסטן און נאָר אזוי געהאט דאָס רעכט אהער צו אינטערנירן אויך זיין מישפּחה. אָט טאקע דער דאָזיקער אייגענער זון, ער שעמט זיך דאָך מיט זיין פאָטער, האָט ער געזאָגט דאָס, אז „ער איז פון דער אלטער וועלט!“, מיט אָט דעם זאָג האָט ער דאָך געוואָלט מאכן א מחיצה צווישן אים, דעם פאָרגעשריטענעם, און זיין פאָטער, דעם פארעלטערטן, „רעאקציאָנערן“ זקן!), וועלכער האָט כמעט אויף יעדער פראגע אן ענטפער מיט א משל, מיט א ווערטל פון דער גמרא, פון משלי צי פון קוהלת — אָט צו דעם דאָזיקן זקן איז דער דאָקטער אויך איצט אריין, כאַפּן מיט אים א שמועס, ווייל ער האָט געפילט אז ער איז דאָ דער איינציקער וואָס קאָן אויף אים האָבן א גוטע השפּעה, אים אויפצולעבן, אויפצומונטערן.

— א גוטן, פעטער! — האָט דער דאָקטער אים באַגריסט מיט זיין געוויינט־לעכן שמייכל, מיט וועלכן ער פלעגט באַגעגענען זיינע פּאַציענטן, אָבער דאָך נאָך נישט געוואוסט ווי אזוי אָנצוהייבן אזא מין שמועס, ווייל אויסזאָגן בפירוש וועגן וואָס סע האַנדלט זיך, אַט דאָס האָט ער דאָך נישט געטאָרט און נישט גע־וואָלט. עס איז דאָך א סוד, נישט זיינער, און ער טאָר אים נישט מגלה זיין — ווי אזוי פילט איר אייך? ווי גייט עס אייך, פעטער?

— אויף אַלע שונאי־ישראל געזאָגט — האָט דער זקן אויך געענטפערט ווי מיט א שמייכל — דעם אמת געזאָגט ווינטש איך עס נישט אפילו פאַר קיין שונא אויך נישט, נאָר דאָס ווערטל זאָגט זיך אזוי ... וואָס וועט איר עפּעס דערציילן גוטס?

— איך האָב עפּעס נייס — זאָגט דער דאָקטער, ווי א קינד וואָס וויל יאָ און נישט אויסזאָגן זיין א סוד — אָבער איך ווייס נישט אויב סע וועט אייך דאָס אינטערעסירן.

— דהיינו? — זאָגט דער זקן — אויב איר, הער דאָקטער, זאָגט, מסתמא איז עס אוודאי אינטערעסאַנט אויך פאַר מיר. מיט קיין שטותים פאַרנעמט איר זיך דאָך נישט ...

— ניין, מיט דעם זענט איר גערעכט, איך האַלט עס נישט, בכלל נישט, פאַר קיין שטות ... נאָר, עס איז מיר ווי מאָדנע ...

אז דער דאָקטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און נישט פאַרגעזעצט זיינע רייד, האָט דער זקן אים אַרויסגעהאָלפן:

— מיט וואָס פאַר א מאָדנע עסקים טראָגט איר זיך אַרום און וואַגט עס נישט צו דערציילן ... אדרבה, עס איז פאַראַן א פסוק: ווען דער מענטש האָט א דאגה אין־זיין האַרץ, זאָל ער זי דערציילן פאַר אַנדערע, אפילו פאַר פרעמדע מענטשן, וועט אים גרינגער ווערן ... אייגנטלעך, ווי א דאָקטער מעגט איר דאָס שוין וויסן, וואָס איז גלייך צו דעם מצב, אז ווען איינער איז מבקר חולה א קראַנקן, זאָגט מען, נעמט ער אַוועק א זעכציקסטן חלק פון דער קרענק פון דעם חולה. אָבער איר זאָלט נישט מיינען — האָט דער זקן צוגעגעבן מיט א שמייכל — אז איר, הער דאָקטער, וועט פאַרשרייבן אזעלכע זעכציק וויזיטן, וועט דער קראַנקער געזונט ווערן, ווייל יעדער איינער פון זיי וועט איבערנעמען זיין זעכציקסטן חלק, וועט שוין מער נישט איבערבלייבן גאָרנישט פון דער קרענק פאַרן חולה גופא. אַט דאָס גלייב איך טאַקע אויך נישט, אָבער אז דער קראַנקער וועט זיך בעסער פילן, וועט האָבן א געהויבענעם מאָראַל, וועלן די רפואות אייערע האָבן א בעסערע ווירקונג, אַט דאָס גלייב איך דווקא יאָ ... איז, הער דאָקטער, אז איר

זענט אהער אריינגעקומען צו מיר, פאר וואָס איך דאנק אייך, אז איר זאָלט מיר אוועקטרייבן דאָס איינזאמקייט און דעם לאנגווייל דאָ, אין דאָזיקן שפּיטאָל, קומט אייך א יישר-כוח, און אז איר האָט שוין יאָ געעפנט א שמועס, מסתמא ווילט איר דאָך יאָ דערציילן, איז וואָס זשע קווענקלט איר זיך — דערציילט!

— איך האָב א שכנטע — האָט דער דאָקטער איבערגעשטעלט דעם פאַל מחוצן שפּיטאָל — האָט זי צרות ...

— געזונטע צרות? — האָט דער זקן אים איבערגעריסן די רייד — אָט יענע קאָן מען גרינגער איבערליידן.

— זיי זענען אויסגעמישט — האָט דער דאָקטער געזאָגט — זי האָט געוווּ אי „קראנקע" צרות, געווּ איז ווינציק געזאָגט, איבערגעווּ, נאָר צו דעם אלעמען האָט זי אויך „געזונטע" צרות ...

— אנו, לאָמיר זיך איינטיילן — האָט דער זקן געזאָגט מיטן זעלביקן פריי-לעכן טאָן — נעמט אויף אייך ווי א דאָקטער אירע קראנקע צרות, און די געזונטע גיט מיר, אז איך זאָל זיי פּרואוון לעזן ...

— אָט דאָס וויל איך טאקע מיט אייך איבערשמועסן, בעסער געזאָגט זיך אדורכשמועסן, נישט צו געבן איר אן עצה. דאָס האָב איך שוין געטון. אויך פאר מיר זענען לייכטער צו לעזן די געזונטע צרות ווי די קראנקע, הגם איך בין דער דאָקטער ... די עצה, וואָס איך וויל פון אייך, איז נישט פאר איר נאָר פאר מיר. כדי איך זאָל עס בעסער פארשטיין ... זי האָט א זון, וואקסט ער, וואקסט, ווי סיי וועלכס קינד, אָבער ער איז געבליבן אומגע'מל'עט ... איר פארשטייט?

— האָט דער דאָקטער זיך אָפּגעשטעלט, ווייל ער האָט זיך דערוואַרט אז דער זקן זאָל אים פרעגן „פאר וואָס?". דער זקן האָט אים אָבער געלאָזט רעדן און דאָס מאָל שוין נישט איבערגעריסן די רייד. ער האָט גאָרנישט געפרעגט. אפילו אויף דער פראגע „איר פארשטייט?" האָט ער אויך נישט געענטפערט, נאָר געוואַרט אז דער דאָקטער זאָל ווייטער דערציילן, ער האָט דאָך געזען אז זיין פראגע איז פשוט א רעטאָרישע פראגע, אויף וועלכער מע דאַרף נישט קיין ענטפער.

— נו? — זאָגט דער זקן נאָך א ווײַלע שווייגן — וואו זשע זענען די צרות?

— זי וויל אים איצט מל'ען ... זי וויל אים יידישן.

— ווער זשע לאָזט עס נישט צו? — האָט דער זקן איצט יאָ איבערגעפרעגט

— ממה נפשך, אויב סע זענען פאראַן הינדערנישן, און זי קאָן אים איצט אויך נישט מלע זיין, איז דאָך נאָך נישטאָ וואָס צו טענהן, ווידער אויב סע זענען שוין איצט נישטאָ קיין הינדערנישן, איז דאַרף מען מאכן א ברית, אפילו ווען ער איז שוין א בימעלע פארשפּעטיקט ... דאָס איז קיין מאָל נישט צו שפּעט ...

— נישט דאָס מיין איך — זאָגט דער דאָקטער אָפּהענטיק, ווייל ער האָט גאָר דערזען אַז ער האָט גאָר קיין עצה נישט צו פרעגן. ער וויל סתם האָבן מיט וועמען צו קאָמענטירן דעם פּאַל, וואָס איז מאָדנע און נישט מאָדנע — קיין הינדערנישן זענען דאָך כמעט קיין מאָל נישט געווען. בעסער געזאָגט, קיין גאָר ערנסטע הינדערנישן. איר ווייסט דאָך, אַז אויב עלטערן האָבן געוואָלט, האָבן זיי תמיד געפונען אַן אויסוועג...

— תמיד? — האָט דער זקן איבערגעפרעגט שוין אָן אַ שמייכל, נאָר מיט אַן ערנסטן אָנצוהערעניש — תמיד? אָט דאָס לאָזט זיך נישט זאָגן... נאָר, גערעכט זענט איר. ווער סע האָט דווקא געוואָלט, יענער האָט געפונען אַן אויסוועג ווי אַזוי זיך אַדורכצושלייכן, אומבאַמערקט, און אַפילו ווען מע האָט עס שוין שפּעטער באַמערקט, האָט יענער גאָר געטענהט אַז ער ווייסט פון גאָרנישט. די באָבע, דער זיידע האָבן גע׳מל׳עט דאָס קינד, אָן דעם אַז דער פאָטער צי אַפילו די מוטער זאָלן דערפון עפּעס וויסן...

נאָך אַ ווײַלע שווײַגן האָט דער דאָקטער ווי נישט ווילנדיק אים געשטעלט די פראַגע:

— אייערע אייניקלעך זענען גע׳מל׳עט?

דער זקן האָט נישט געענטפערט תיכף, אָבער נאָך אַ שטיקל צייט פון אַ פּיינלעך שווייגן, וואָס דער דאָקטער האָט שוין חרטה געהאַט אויף זיין פראַגע, האָט דער זקן דאָך געענטפערט:

— הגם איך האָב געגעבן אַ הבטחה פאַר מיין זון, אַז איך וועל דאָ אין שפּיטאָל מיט קיינעם נישט רעדן קיין „פּאָליטיק" (און דאָס איז דאָך איצט „פּאָליטיק". אַזאַ צייט איז דאָך היינט, אַז רעליגיע איז געוואָרן פּאָליטיק), אָבער אַזוי ווי עס איז צו רייד געקומען און איר, הער דאָקטער, זענט אַ ייד מיט וועלכן איך האָב אַ באַזונדערע הנאה צו רעדן אַ וואָרט, איז מיין איך אַז יידישקייט איז פאַר אונדזן נישט קיין פּאָליטיק אין אונדזער אַ פריינדלעכן שמועס... איז וועל איך אייך יאָ ענטפערן: איך האָב אייניקלעך גע׳מל׳עטע, אָבער איך האָב אויך נישט-געמל׳עטע... דאָס הייסט, ווייל איך זאָגן, אַז לעת-עתה זענען זיי נאָך נישט גע-מל׳עט. איך בין מער ווי זיכער אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט מען זיי מל׳ען, און אויב נישט וועלן זיי שפּעטער אַליין זיך פאַרזאָרגן אַז זאָלן זיין גע׳מל׳עט. יאָ, די צייט דערפירט אַהין. איר זעט דען נישט, אַז אַלע, אַלע, קריסטן, מאַכאָמעדאַנער, אַלע קערן זיך אום צו זייער שורש, זיי פּאַראַייניקן זיך נאָך ווי קיין מאָל נישט. דווקא איצט, כמעט סוף דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז ווי אַ מחלה אָנגעפאַלן דער נאַציאָנאַליזם, דער שעדלעכער — איז פאַר וואָס זאָלן יידן זיך נישט

צוריקקערן צו זייער שורש? אונדזער „נאַציאָנאַליזם‘‘ איז דאָך קיין מאָל נישט געווען קיין שעדלעכער, מיר זענען דאָך תמיד געווען די פּאָגראָמירטע און קיין מאָל די פּאָגראָמשטשיקעס... דאָס נישט מל׳ע זיין איז געווען ציטווייליק. איר זעט דאָך אליין, הער דאָקטער, פון דעם פאַל פון אייער שכנטע, אז דאָס איז ציטווייליק, אלץ אין לעבן איז ציטווייליק. כל-זמן דער מענטש לעבט קאָן ער נאָך תשובה טון. נאָך מער, צווישן אונדז געשמועסט, זענען פאַראַן דעות, אמת מער צווישן קבלהניקעס, צווישן חסידים, אז אפילו אויך נאָכן טויט העלפט, אויב נישט קיין פערזענלעכע תשובה, איז כאָטש א „תיקון‘‘ פון א קינד, פון אן אייניקל, פון א „גוטן ייד‘‘, א צדיק, וואָס איז בכוח אָפּצוראַטעווען א פאַרוואָגל-טע נשמה, זי ממש אַרויסנעמען פונעם גיהנום און איבערפירן אין גן-עדן... דערפאַר זאָג איך אויך, אז לעת-עתה זענען זיי נאָך נישט גע׳מל׳עט...

— איך מיין — האָט דער דאָקטער געוואָלט אים ווי פאַרלייכטערן דאָס האַרץ פאַרן זקן — אז דאָס איז נישט אזוי גאָר וויכטיק...

— יאָ, מע קאָן זיין א ייד, ווען מע וויל, אויך ווען מען איז נישט גע׳מל׳עט.

— איר זאָגט דאָס? — האָט דער דאָקטער זיך געחידושט.

— פאַר וואָס וואונדערט עס אייך אזוי? נישט איך זאָג עס. איך זאָג עס אייך בלויז איצט איבער, פאַר אייך...

— ווי איך קאָן אייך, זענט איר א שטרענג רעליגיעזער ייד, טאַקע צוליב דעם וואונדערט מיך, אז פון אייער מויל זאָלן אַרויסגיין אזעלכע ווערטער, אז מע קאָן זיין א גוטער ייד אויך אומגע׳מל׳עט?...

— הער דאָקטער, איר האָט מיך נישט גוט פאַרשטאַנען. איך האָב עס נישט געזאָגט אין דעם זינען וואָס איר מיינט, אז דאָס מל׳ע זיין איז אזוי מינדערוויכ-טיק, אז מע קאָן זיין א ייד, נאָך דערצו א „גוטער‘‘ ייד, אויך ווען מען איז נישט גע׳מל׳עט. איך האָב נאָר געזאָגט, אז נישט דאָס איז דאָס גאַנצע... סע זענען פאַראַן פאַלן, ווען די עלטערן האָבן נישט גע׳מל׳עט א קינד צוליב געוויסע ערנסטע סיבות, און מיט דער צייט איז דאָס אומגע׳מל׳עטע קינד געוואָרן גרויס. אויסגעוואַקסן און איז אן ערלעכער, פרומער ייד, און קיינער וועט אים נישט קאָנען פאַרוואַרפן אָט דעם דאָזיקן חסרון, אז ער איז נישט גע׳מל׳עט...

— אויך די רעליגיעזע יידן וועלן אים נישט פאַרוואַרפן? — האָט דער דאָק-טער איבערגעפרעגט.

— קיינער נישט — האָט דער זקן שוין געזאָגט ווי מיט א טריומפירנדיקן שמייכעלע — קיינער נישט, אפילו די שטרענגסטע אָרטאָדאָקסן... איז וועל איך אייך זאָגן אז עס איז פאַראַן אזא פאַל, ווען ביי איינעם איז אוועקגעשטאָרבן

א קינד נאָכן מל'ע זיין, דערנאָך איז געשען ביי די זעלביקע עלטערן, אז אויך דאָס צווייטע קינד איז געשטאָרבן צוליבן מל'ע זיין, אָט יענע עלטערן זענען שוין נישט מחויב מל'ע צו זיין זייער דריט קינד... אָט יענער קאָן זיין א גאָר גוטער פרומער ייד, אויך ווען ער איז נישט גע'מל'עט... פארשטייט זיך, אז דאָס איז א דין אין שולחן-ערוך, אָבער מע דארף עס נישט שלעכט פארשטיין אָדער פארקרומען דעם אויסטייטש, ווי איך האָב למשל איין מאָל באגעגנט איינעם, וועלכער איז געווען אין זיין יוגנט א בן-תורה, ער גופא איז געווען א תלמיד-חכם, זיין פאָטער איז געווען אן אָרטאָדאָקסישער ייד, אזוי אז ווען איך זאָג איצט אז ער איז געווען א „בן"-תורה, מיין איך, אז תורה איז ביי אים איבערגעגאנגען בירושה, פונעם זיידע, פונעם פאָטער צום זון... אָבער דאָ האָט זיך עס אָפּגע-שטעלט... ווען איך האָב אים איין מאָל באגעגנט ביי מיין זון, זיי זענען געווען „חברים", און אים געפרעגט פאר וואָס ער האָט זיין זון נישט גע'מל'עט, וואָס מיינט איר, הער דאָקטער, אז ער האָט מיר געענטפערט? אז זיין זון איז פטור פון מיצוות מילה... ווען איך האָב אים געפרעגט „פאר וואָס?", האָט ער מיר געענטפערט ווי אויפגעבראכט, אז ער איז ביי אים דאָס דריטע קינד, איז וויל ער אז דאָס זאָל „לעבן", ווייל זיינע ערשטע צוויי קינדער, הגם מיידעלעך וואָס מע דארף נישט מל'ע זיין, לעבן נישט, זיי זענען אומגעבראכט געוואָרן אין אוישוויץ...

— איך פארשטיי נישט — האָט דער דאָקטער זיך געחידושט.

— וואָס פארשטייט איר נישט? — האָט דער זקן אים געענטפערט מיטן קלוגן שמייכל — יענער איז א „שווינאצניק", ער האָט געזאָגט לויטן „דין", נאָך ער האָט אים אויסגעדרייט, אָט דעם דאָזיקן דין, אז סע זאָל אים אויסקו-מען בעסער... ווען איך האָב אים געפרעגט אויב ער ווייסט אז דאָס איז אן עבירה, אויסצוטייטשן בכיוון אן עגין נישט אזוי ווי סע באדארף צו זיין, האָט ער מיר געענטפערט, אז ער איז נישט דער ערשטער... ער קאָן מיר ווייזן בפירוש אין דער גמרא א מימרא, אז מע דארף גאָר היינט שוין נישט דאווענען...

— נו? — זאָגט דער דאָקטער — פאר וואָס האָט איר אים נישט געכאפּט, אז ער זאָל אייך טאקע ווייזן אזא משונהדיקע זאך, אז מע קאָן גאָר זיין רעליגיעז אויך אומגעדאוונט?! ...

— צו וואָס טויג מיר, אז ער זאָל עס מיר ווייזן, ווען איך ווייס עס בעסער פון אים... ער לערנט דאָך עס שוין היינט נישט, יענע גמרא, ער געדענקט דאָך עס נאָך פון זיין יוגנט, ווען ער האָט דווקא יאָ געלערנט. איך לערן דאָך עס נאָך היינט... יאָ, אזוי איז עס. עס איז פאראן אזא מימרא אין דער גמרא, ווי איינער

באַרימט זיך, אַז ער קאָן פּטורן יעדן יידן פון דאַוונען, אונטערן אויסרייד אַז א שיכור איז פּטור פון תּפילה ... דאָס איז דווקא ריכטיק, אָבער ער גיט צו, אַז יידן אין גלות האָבן דעם דין פון א שיכור ... שיכור אָן ווין, ווי דער נביא זאָגט, נאָר פון גלותדיקע צרות. צוריק געשמועסט, וועלכער ייד וואָס האָט געליטן פון אוישוויץ איז נישט ווי שיכור?!

— אויב עס איז יאָ אַזוי — וואונדערט זיך דער דאָקטער — איז פאַר וואָס האַלטן זיך אַזוי שטאַל און אייזן די רעליגיעזע אָרטאָדאָקסן אין די אַלטע מנהגים, וועלכע זענען אפשר אַמאָל געווען וויכטיק, אָבער זענען היינט נישט גאָר שטאַרק וויכטיק?!

— איך וואָלט אייך דאָס געקאָנט אויפקלערן — האָט דער זקן געזאָגט, גלייך אים וואָלט הנאה געטון אים דאָס אויפצוקלערן — אָבער דאָס איז א צו ערנס־טער שמועס, צו דעם איז נייטיק פיל צייט, אַזן איר זענט אפשר איצט פאַרנומען?

— ניין, איך בין נישט געאײַלט — האָט דער דאָקטער אים איבערגעריסן די רייד און אים ווי געבעטן אים אויפצוקלערן — איך האָב גענוג צייט איצט, איך אויסצוהערן ... אדרבה, מיר טוט הנאה אייך צו הערן, ווייל איך מוז אייך מודה זיין אַז איך האָב ביי אייך פיל צו לערנען ... דאָס וואָס איר זאָגט מיר איצט, איז נישט נאָר ניי פאַר מיר, נאָר אויך באַלערנדיק. זאָגט, זייט מוחל ...

— איז וועל איך פּרוּוון אייך דאָס אויפקלערן ... מסתמא האָט איר געהערט און אויך אוודאי געלערנט, אַז לויט דער רעליגיעזער השקפה, פּיי וועלכע רעלי־גיע סע זאָל נישט זיין, האָט דער מענטש די „בחירה־חופשית“, דעם כּוח צום פרייעם אויסוואַל פון זיינע מעשים, צו טון גוטס צי שלעכטס ... אוודאי האָט איר דערפון געהערט אַז אַזוי איז עס, אָבער ווען איר טוט א ביסל בעסער א טראַכט, איר פאַרטיפט זיך א ביסל, וועט איר גאָר דערגיין, אַז כמעט גאָרנישט טוט נישט דער מענטש לויט זיין פרייעם ווילן. כמעט אַלץ וואָס ער טוט איז ווי בעל־כּר־חו, עס איז גאָר ווינציק געוועגדט אין זיין רצון. ער טוט נישט דאָס וואָס ער וויל, נאָר דאָס וואָס ער מוז... נו, ווי אַזוי זשע בלייבט מיט דער בחירה־חופשית?! ... איז וועט איר זאָגן, אַז אויך דאָ שטימט נישט די „טעאָריע“ (פון פרייעם אויס־וואַל!) מיט דער „פּראַקטיק“?! ... ניין, סע שטימט דווקא יאָ, נאָר מע דאַרף עס א ביסל קלאָרער אויסטייטשן און ריכטיק פאַרשטיין ... איצט וועל איך אייך פּרוּוון עס אייך אויפקלערן, און ווען איר וועט עס כאָטש א ביסל באַנעמען, וועט איר שוין באַלד פאַרשטיין פאַר וואָס די שטרענג רעליגיעזע זענען זיך מוסר־נפש פאַר ענינים וואָס אויבנאויפיק ווייזן זיי אויס צו זיין מינדערוויכטיק, ווי איר האָט זיך פריער אויסגעדריקט ... איז זאָלט איר וויסן, אַז לויט מיין

באשיידענער מיינונג, איז די זאך נישט אזוי פשוט ווי איר וואָלט עס געוואָלט האָבן, און אפשר אויך אנדערע ווילן עס אזוי האָבן, ווי צוגעגרייט אויף א טע־לערל ... ניין, עס איז יאָ פאראן בחירה־חופשית און — עס איז נישט פאראן!

— דער זקן האָט אים געוויזן מיט א ליכטן זשעסט מיט זיין האנט, אז דער דאָק־טער זאָל אים נישט איבעררייסן די רייד, וועט ער באלד געוואויר ווערן אז דיביידע זאכן זענען זיך בכלל נישט סותר — פרייער אויסוואל, בחירה־חופשית, דארף מען נישט פארשטיין תמיד, ביי יעדער געלעגנהייט, אין אלע צייטן, ביי אלץ און אלעמען וואָס דער מענטש טוט איבער במשך דעם טאָג ... מיר ווייסן אז דאָס רוב מעשים וואָס דער מענטש טוט איבער אין איין טאָג, זענען ניינציק פראָצענט נישט אָפּהענגיק פון זיין רצון. ער טוט מער וואָס ער מוז, נישט וואָס ער וויל ... פאר וואָס? ווייל זיין „ווילן" איז שוין געקומען א ביסעלע צו שפּעט. איצט, ווען ער דארף טון סיי א וויכטיקע סיי א מינדערוויכטיקע זאך, איצט איז שוין א ביסעלע שפּעט, ער איז שוין דערגאנגען אויף א וועג, ווען ער קאָן שוין נישט אָפּווייכן. איצט „מוז" ער שוין גיין „ווייטער" אויפן דאָזיקן וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך געלאָזט גיין „נעכטן"... זעט איר, הער דאָקטער, ווען ער וואָלט זיך געווען אויסגעקליבן דעם דרך־הישר נעכטן, ווען ער האָט נאָך יאָ געהאט די מעגלעכקייט אויסצוקלייבן זיין וועג, דעמאָלט האָט ער עס נישט גע־טון. היינט, ווען ער וויל עס שוין אפשר יאָ, איצט איז ער דאָס שוין נישט ביכולת צו טון ... היינט איז ער שוין ווי מע זאָגט א „תינוק שנישבה", א קינד וואָס איז אויפגעוואקסן אין געפּענקעניש, ווייסט זייער ווינציק אָדער גאָר גאָרנישט פון קיין יידישקייט, אפילו פון זיין צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק. איצט איז ער אוממעגלעכטיק, אָפּהענגיק אָן אן אייגענעם רצון, איז ער מער נישט בכוח אויסצו־קלייבן דעם גוטן, ריכטיקן יידישן וועג ...

— איך האָב פארשטאנען. — האָט דער דאָקטער געזאָגט — וואָס איר ווילט זאָגן, אָבער דאָך איז עס מיר נישט קלאָר, קאָנקרעט, אין וואָס פאר אן ענינים איר מיינט. וועלכע זענען די וויכטיקע, פריערדיקע, וואָס דער מענטש האָט פארפעלט זיי אויסצוקלייבן און איצט ...

— איך וועל פּרואוון אייך געבן א ביישפּיל, הגם איך ווייס פון פאָרויס, אז איר וועט מיך נישט נעמען ערנסט. נישט ווייל איר האָט נישט דעם גוטן ווילן, מיך צו פארשטיין, ניין, איך בין איבערצייגט אז מע קאָן מיט אייך רעדן ערנסט און אויפריכטיק, איר וועט פון מיר נישט לאכן, נאָר איר זענט שוין דערוויי־טערט פון די דאָזיקע ענינים ... ווען איך וואָלט אייך חושד געווען אין נישט־ערנסטקייט, וואָלט איך זיך נישט אריינגעלאָזט מיט אייך אין אזא שמועס.

איך האַלט אייך פאַר אַ מענטש וואָס וויל אויפריכטיק וויסן דאָס וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט דאָס געוואויר צו ווערן ...

— אפשר וואָלט איר מיר געגעבן עפּעס צום לייענען, איך זאָל זיך קאָנען דאָקומענטירן אין די ענינים, וואָס זענען פאַר מיר זייער וויכטיק. איך וואָלט נייגעריק געווען דאָס צו וויסן.

— ניין. איר וועט דאָס ליידער נישט געפינען אין ערגעץ ...

— עס איז נישט פאַראַן אַזאַ מין אויפקלערערישער דאָקומענטאַר-מאַטע-ריאַל?

— ניין — זאָגט דער זקן ווי מיט חוזק — עס איז נישטאָ. דאָס וואָס עס איז יאָ דאָ, איז נישט פאַר אייך ... פּונקט אַזוי ווי נאַריש עס איז דאָס וואָס איר לייענט אָפּט אין די צייטונגען, הערט אין ראַדיאָ צי אין דער טעלעוויזיע, ווען מע מאַכט ביי אונדז אַטעאיסטישע פּראָפּאַגאַנדע ... איך האָב זיך צו מאָל צוגע-הערט צו אַזאַ אַטעאיסטישער „דרשה“, האָב איך געזען ווי לעכערלעך יענער „מגיד“ איז געווען... ער האָט געוואָלט חוזק מאַכן פון איינעם אַן אדווענטיסט, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון זיין פאָסטן (דאַכט זיך, געווען אַ לערער אין אַ שול) ווייל ער מוז „אַרבעטן“ דעם זיבעטן טאָג... דער מגיד האָט נישט געזען אַז צו חוזק בלייבט ער, דער „חכם“, דער אַטעאיסט, בעת דער פאַנאַטישער אַדווענטיסט ווייזט זיך אַרויס צו זיין אַ גאַנצער „העלד“?! ... פּונקט אַזוי וועט איר נישט געפינען אויך נישט אין דער פרומער רעליגיעזער ליטעראַטור דאָס וואָס איך פּרואוו אייך איצט אויפקלערן. פּשוט, זיי ווילן נישט איינטענהן מיט איינעם וואָס שטעלט אַזעלכע פראַגן. זיי זאָגן זיך, היט אָפּ די מיצוות פון דער תורה, און דעם, אַז מע זאָל שטעלן פראַגן ...

— אָבער אַז איך שטעל אייך יאָ אַזאַ פראַגע, קאָנט איר מיר געבן אַ ביישפּיל צו דעם פריערדיקן, וואָס איר האָט געוואָלט באַווייזן, אַז ...

— יאָ, איך קאָן אייך געבן אַזאַ ביישפּיל, מיט אַ תנאי, אַז איר זאָלט אייך שטעלן אין אַזאַ מצב פון איינעם וואָס וויל פאַרשטיין, דאָס הייסט, ווען ער וויל האָבן דעם גוטן ווילן צו פאַרשטיין, און זיך נישט פאַרקאַברירן ווי אַן איינ-געשפּאַרט מוילאייזל צו ציען צוריק, אַנשטאָט צו גיין פאָרויס, דאָס מאָל מיטן געדאַנק, זיך צו פאַרטראַכטן אין דער ערנסטקייט פונעם ענין ... ווייל דאָ האַנדלט זיך אין דער נויטווענדיקייט פאָרצוזעצן דעם יידישן המשך ... אָט וועל איך אייך זאָגן אַז אַ רעליגיעזער ייד וועט נישט טרינקען קיין נסך-ווין. איאָ, דאָס איז ווי אַן איבעריקער מינדערוויכטיקער ענין, אפשר גאָר וועט איר זאָגן אַ רעאַקציאָנערער מנהג, ווייל ער שיידט אָפּ אַ ייד פון אַ נישט-ייד?! ... נו, זעט

איך, הער דאָקטער, דאָ, אין דעם פאַל איז גילטיק די בחירה־חופשית, דאָ האָט דער מענטש דעם כוח, בכן די מעגלעכקייט אויסצוקלייבן דעם וועג אויף וועלכן ער וויל גיין. עס איז א קליניקייט? מעגלעך אז פאַר אייך ווי פאַר פיל אַנדערע איז עס טאַקע א קלייניקייט. איך שטרייך אונטער, דאָס האָב איך גענומען פאַר א ביישפּיל. סע זענען פאַראַן זייער פיל אַזעלכע „קלייניקייטן“... אָבער פאַר א רעליגיעזן ייד איז דאָס נישט קיין קלייניקייט. פּונקט אַזוי ווי סע זענען פאַראַן הונדערטער אַזעלכע „קלייניקייטן“ אָבער זענען א „סיג“, א מין מחיצה, וואָס האַמעוועט און דערלאָזט נישט דעם מענטש צו גיין ווייטער אויף א וועג, פון וועלכן ער וועט שוין נישט קאָנען אָפּווייכן, אויך ווען ער וועט אפשר שוין יאָ וועלן... פריערדיקע דורות, וועלכע האָבן געזען אז יידישקייט קאָן זיין אין א סכנה, איז אויב מע וויל אז דאָס יידישע פאָלק זאָל נישט אונטערגיין, טראַכט דעם וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין לאַנד, מיר האָבן נישט געהאַט קיין איי־גענעם באָדן אונטער די פיס, איז האָבן זיי אָנגענומען אַזעלכע פּראָפילאַקטישע מיטלען (ווי איר דאָקטוירים רופט עס אָן!), אז מיר זאָלן כאָטש בלייבן מיט א „הימל“ איבערן קאָפּ, אויב מיר האָבן נישט קיין „ערד“ אונטער די פיס...

— איר מיינט — פרעגט דער דאָקטער ווי מיט א חוזק־שמייכעלע — אז מיטן נישט טרינקען קיין נסך־וויין וועט מען אויפהאַלטן דעם המשך פון יידישן פאָלק ?!...

— אוודאי האָב איך געוואוסט — האָט דער זקן פאַרגעזעצט, אָבער שוין ווי מיט ווייטיק — איך האָב דאָך פון פריער אייך געוואָרנט, אז ביים בעסטן ווילן וועט איר דאָס נישט קאָנען באַנעמען אז טרינקען, למשל, נסך־וויין איז נישט ממש דאָס טרינקען די עבירה. מיינט איר, אז די חכמים אונדזערע, וועלכע האָבן אָנגענומען די דאָזיקע גזירה, זענען געווען אַזעלכע נאַיווע און איר (איך מיין נישט דווקא אייך, הער דאָקטער!) זענט די חכמים און קאָנט לאַכן דערפון... נישט ממש דאָס טרינקען, נאָר דאָס וואָס ברענגט דערצו און וואָס סע קומט דערנאָכדעם ווי א רעזולטאַט. היינט טרינקט מען צוזאַמען, מאָרגן איז מען זיך משדך, איבערמאָרגן קומען די קינדער, די אייניקלעך, זיי זענען שוין נישט גע׳מל׳עט און דערנאָכדעם... און דערנאָכדעם, ווילט איר סע זאָל נאָך זיין א המשך פון יידן?!...

— אויב איר ווילט זיך פאַרטראַכטן, הער דאָקטער, וועט איר פאַרשטיין, אז דאָס מל׳ע זיין איז שוין נישט לויטן ווילן און לויט דער בחירה־חופשית פונעם מענטש. איצט איז עס שוין א ביסעלע ווי פאַרשפּעטיקט. דאָס איז שוין כמעט נישט געווענדט אין רצון, מע קאָן שוין נישט אַלע מאָל, אויב אפילו ווען

מע וויל, אויסקלייבן לויטן פרייעם אויסוואל... אפילו דאָס חתונה האָבן, די געמישטע חתונות זענען אויך נישט לויטן פרייעם ווילן, עס איז שווער אין מע־דער פאַלן געוואָרן ווי א „מוז"... איר ווייסט ביי וואָס סע האָט זיך אָנגעהויבן? ביים טרינקען (מעטאפאָריש גערעדט!), ביים טרינקען נסך־וויין... אזוי זענען פאַראַן פיל אזעלכע מינדערוויכטיקע „מנהגים", וואָס ווער סע וויל זיך פון זיי „אָפּטרייסלען", יענער האָט זיך פאַקטיש „אָפּגעטרייסלט" פון יידישקייט, פונעם יידישן פאָלק, הגם ער האָט עס פון פריער נישט געמיינט, און אפשר גאָר באמת נישט געוואָלט...

— און אייער אייניקל? — האָט דער דאָקטער געפרעגט נאָך א קליינער פויזע, ווען דער זקן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א ווילע, פאַרטראַכט אין וויטיקדיקע מחשבות, אָן דעם צו וויסן מיט וואָס ער זאָל פאָרזעצן. ער האָט דאָך געפילט, אז ער האָט נאָך נישט געזאָגט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט און געדאַרפט אים אויפקלערן, אז דער דאָקטער זאָל אים פאַרשטיין — אייער אייניקל, פאַר וואָס איז נישט גע'מל'עט?

— מיין זון האָט א נישט־יידישע פרוי... ווען משה־רבינו האָט געוואָרנט די יידן זאָלן נישט זינדיקן, האָט ער זיי פירגעזען אין דער תוכחה א קללה: „בניך ובנותיך נתונים לעם אחר" (דברים כח, לב), דיינע זין און טעכטער וועלן געגעבן ווערן צו אן אנדער פאָלק, דאָס קאָן מען פאַרשטיין, אז ער האָט געמיינט די געמישטע חתונות — האָט דער זקן געזאָגט, נישט קוקנדיק דעם דאָקטער אין די אויגן, ווי ער האָט געטון פריער, בעת ער האָט געפּרואווט אויפקלערן דעם זינען פון בחירה־חופשית. מער האָט ער שוין גאָרנישט געזאָגט, נאָר גע־בליבן פאַרטיפט אין א וויטיקדיקן שווייגן. ביידע האָבן אזוי געשוויגן גלייך סע וואָלט שוין גאָרנישט געווען וואָס צו זאָגן און צוצוגעבן — הגם... מיין זון וואָלט איצט, מיין איך, שוין געוואָלט מל'ען זיין זון, פונקט אזוי ווי אייער שכנטע, וועגן וועלכער איר האָט מיר דערציילט.

— און זי, וואָס זאָגט? — האָט דער דאָקטער נאָך א ווילע געפרעגט.

— ווער „זי"? מיין שנור?!... זעט איר, הער דאָקטער, מיר איז עס אייך שווער אויפצוקלערן. אנו, זאָגט מיר, איר זענט פאַרהייראַט? — האָט ער זיך פּלוצים געוואָנדן צום דאָקטער — יאָ, איך האָב זיך דערמאַנט, איר האָט מיר געהאַט דערציילט, אז איר זענט געווען פאַרהייראַט און איר האָט אייך צעשיידט... נו, וועט איר מיך לייכטער פאַרשטיין, וואָס איך וויל אייך איצט זאָגן מכוח פרוי־ען... אין דער גמרא ווערט דערציילט א לעגענדע, אז אויף דער וועלט זענען פאַרטיילט געוואָרן צען מאָס רייד, פון וועלכע די פרויען האָבן גענומען ניין

מאָס. ווייסט מען דאָך אַז די פֿרויען, ווען זיי צעלאָזן זייערע מײַלער, ווערט מען זיי נישט קאָנען אָפּשטעלן. זיי רעדן און רעדן און רעדן ... איז אַזוי, הער דאָק־טער? נו, איז ווײַל איך אײַך זאָגן אַז עס איז נישט אַזוי. דווקא די פֿרויען זע־נען די שווײַגנדיקסטע, נישט די מענער, וועלכע האָבן מכלומרשט בלויז אײן מאָס פֿון יענע רייד ... יאָ, די פֿרויען רעדן צוזאַמען פֿון אַלעמען פֿון וואָס מע ווײַל און בפֿרט פֿון וואָס מע ווײַל נישט ... אָבער, אַז סע קומט צון אַן ערנסטן ענין, איך ווייס נישט אויב איר זענט געווען אין אַזאַ מצב, ווען איר האָט אַמאָל געשטעלט אַ פֿראַגע, זײַט מוחל הער דאָקטער, וואָס איך פֿרעג אײַך פֿערזענלעך, ווען איר האָט אַמאָל געשטעלט אַזאַ פֿראַגע, אויף וועלכער איר האָט למען־השם געוואָלט באַקומען איר ענטפֿער — דעמאָלט, דווקא דעמאָלט איז זי פֿאַרשטומט געוואָרן ... און איר פֿרעגט איצט מיך: „און זי וואָס זאָגט“? ... אין אַזאַ פֿאַל זאָגט די פֿרוי געוויינטלעך גאָרנישט, גלײַך נישט צון איר רעדט מען. דעמאָלט איז זי שוין נישט די באַרעדעוודיקע. דעמאָלט ווען איר וואַרט פֿון איר אַ פּשוטן ענטפֿער: „יאָ צי ניין?“ דעמאָלט שווייגט זי. גלײַך איר האָט נישט גערעדט צון איר, נאָר צו דער וואַנט...

— איר מיינט — זאָגט דער דאָקטער נישט געוואָגט — אויב אייער זון ווײַל איצט מל'ען זײַן קינד, וועט זי זיך אַקעגנשטעלן?

— איך מיין נישט גאָרנישט — האָט דער זקן שוין געזאָגט ווי אַן אויפֿגע־בראַכטער, ווײַל עס איז דאָך אָנגערירט געוואָרן זײַן אייגענע אָפֿענע וואונד — עס איז איצט נישט וויכטיק וואָס איך מיין, נאָר וואָס זי מיינט (אפֿילו דאָס איז אויך נישט וויכטיק!), ווען מײַן זון זאָל דווקא שוין זײַן אַנטשלאָסן, קאָן ער דאָס טון אויך אָן איר הסכמה און אַפֿילו אויך אָן איר וויסן ... זי קאָן זיך דער־וויסן אַחר־המעשה, אָבער דעמאָלט איז דאָך שוין נישט וויכטיק איר „מיינונג“ ... נו, איך האָב אײַך נאָר געוואָלט זאָגן בנוגע וואָס איר האָט געפֿרעגט: „און זי וואָס זאָגט?“ ... יאָ־יאָ, אויף דער פֿראַגע „און זי וואָס זאָגט?“ בכלל איז נישטאָ קיין ענטפֿער. אין די דאָזיקע פֿאַלן זענען די פֿרויען גאָר ווינציק באַרעדעוודיק... די גמרא ווײַל נישט באַרעדן די פֿרויען, אָבער דאָך ווערט ערגעץ דאָרט גע־זאָגט אַז די פֿרויען זענען אַ באַזונדערע אומה ... וואָס שייך אייער שכנטע — האָט דער זקן זיך דערמאָנט פֿון וואָס זיי האָבן גענומען זיך אַרײַנלאָזן אין דאָ־זיקן שמועס — איז פֿאַראַן עמעצער וואָס שטעלט זיך אַקעגן?

— ניין, אויף וויפֿל איך ווייס, איז נישטאָ ווער סע זאָל זיך אַקעגנשטעלן ... אייגנטלעך, וואָלט אפֿשר יאָ געווען, אָבער אין דעם דאָזיקן מאָמענט איז ער נישטאָ...

— זי האָט נישט קיין מאן? — פרעגט דער זקן.

— זי האָט יאָ, נאָך ער איז „פארנומען געוואָרן“, און זיך נאָך נישט צוריקגעקערט ...

— איך פארשטיי, איך פארשטיי — האָט געבאָמבלט ווי צו זיך דער זקן — איך קאָן אזעלכע פאלן ... מיין זון האָט געהאט אזעלכע חברים ... זיי זענען אויך שוין נישטאָ ...

... דער דאָקטער האָט באדויערט, דעם אנדערן טאָג, ווען דער זקן איז אהיימגעגאנגען. ער וואָלט געוועז חשק געהאט עפּטער זיך אדורכצושמועסן מיטן דאָזיקן תלמיד-חכמדיקן זקן ... אויך מיט בעטין וואָלט ער געוואָלט זיך אדורכשמועסן. ער האָט זי געהאלטן פאר א פארשטענדיקער פרוי, אָבער זי איז שוין געווען אין אן אנדערן מצב ... זי איז שוין נישט געווען קיין „היגע“ ...

## 4. „זייט מוחל!"

למען האמת, דארף געזאָגט ווערן אז ... וואָס מע זאָגט אַלץ נישט „למען האמת"? אַלץ וואָס מע זאָגט, פאַרשטייט זיך, אז באוואוסטזיניק, סיי מע באַמערקט עס יאָ סיי נישט, אז מע זאָגט למען-האמת, איז דווקא דעמאָלט זאָגט מען עס נישט למען האמת, נאָר אדרבה, למען-האינטערעס ... דאָ, איז אָבער נישט שייך צו זאָגן, ווייל וואָס פאר אן אינטערעס קאָן מען שוין האָבן, ווען מע דערציילט וועגן איינעם א נאָען, וועלכער האָט געוואָלט ווערן נאום, וועלכער האָט זיך באגעגנט אויף דער זעלביקער מדריגה, אָדער טרעפּל פון דער לעבנס-לייטער מיט א בעטי, און פון אָט דער באגעגעניש, וואָס מע האָט לכתחילה געמיינט אז עס איז די זעלביקע מדריגה, האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט, אז נישט גאָר די טרעפּ זענען נישט געווען די זעלביקע, נאָר אפילו די לייטער איז געווען גאָר אן אנדערע. יאָ, עס קאָן זיין אז די מדריגה האָט טאקע אויסגעוויזן צו זיין די זעלביקע און אז דער וועג, אויף וועלכן זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צוזאמען איז יאָ געווען א געמיינזאמער, איז הייסט עס, איז ער א פּאסיקער געווען ... האָט זיך גאָר באוויזן טאקע נישט צו פיל שפּעטער, אז אפילו די לייטער איז נישט געווען די זעלביקע. און אויב די טרעפּלעך האָבן אויסגעוויזן צו זיין פּאסיקע, איז אָבער די לייטער געווען א גאָר אנדערע, אזוי אז נאום איז אראָפּגעפאלן פון זיין טרעפּל, בעטי האָט זיך אראָפּגעגליטשט פון איר טרעפּל — אָבער יעדער אויף אן אנדערן אופן, אויף אן אנדערער זייט, ווייל זיי זענען דאָך נישט געווען אויף דער זעלביקער לייטער ... פון זיי איז געבוירן געוואָרן אָווידיו, וואָס איז געווען אין סאמע מיטן, נישט אהין און אויך נישט אהער. נישט געניגט צו זיין פאָטער, וועלכן ער האָט געזען בלויז איין איינציק מאָל, אין זייער נישט גינציקע באדינגען, וואָס האָבן נישט געקאָנט איבערלאָזן ביי אים אָנגענעמע זכרונות, און אויך נישט געניגט צו דער מוטער, ווייל וואָס איז זי דען שולדיק געווען, אז זי האָט אים געמוזט איבערלאָזן נאָך כמעט א קינד, וואָס פאַרשטייט נאָך נישט פון די

פאַרפּלאָנטערטע פראַגן וואָס דאָס האַרטע לעבן שטעלט פאַר איר, איצט ווען ער איז געבליבן ווי אויף גאָטס באַראָט, אין די הענט פון א מומען, וואָס איז אפילו קיין מומע נישט?! ...

... נאָר, נאָך אמאָל למען-האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אז נישט אלע מאָל געשעען פריידיקע סורפּריזן בלויז אין די ראָמאַנען, צי אין די קינאָ-פילמען, וואָס זענען דאָך נישט קיין „אמתדיקע“ נאָר אויסגעטראַכטע פון מענטשן, וואָס האָבן זיך איינגערעדט אז זיי זענען שרייבער, בעלי-מלאָכות וואָס „קאָנפעקציאָנירן“ שיינע מעשיות, שיינע כדי צו פאַרווײַלן די לייענער צי די צושויער, און מישטיינס געזאָגט, וואָס א פאַרווײַלן קאָן דאָס שוין זיין, אז די מעשה זייערע איז א טרויעריקע (אזוי ווי אונדזער מעשה, וואָס ווערט דאָ דערציילט) און האָט נישט קיין, ווי מע זאָגט, „העפּי-ענד“?! ניין, נישט אלע מאָל איז אזא מין „העפּי-ענד“ אויסגעזויגן פונעם פינגער. יאָ, אויך אין לעבן געשעט נישט זעלטן אז דער „סצענאַריסט“, וואָס איז איבער אונדז און אויסער אונדז (מעג מען אים אָנרופן ווי אזוי מע וויל: גאָט, גורל, צופאַל, מזל צי דער רוח ווייסט ווי אזוי!), און וואָס איז רעזשיסירט ווי פון אן אומגעזעענער האַנט, ווי אזוי מע זאָל עס שוין נישט אָנרופן — אָבער א פאַקט איז, אז אויך אין רעאַלן לעבן געשעט נישט זעלטן אז סע זאָל טאַקע יאָ פאָרקומען אזא מין העפּי-ענד ...

נו, איז וואָס דער חידוש, אז בעטי האָט זיך דערזען מיט בלומען ביים נאַכט-קעסטל, אויף וועלכן געווינטשלעך מע האָט געקאָנט זען בלויז שיריים פון מעדיקאַמענטן?!

ניין, זי האָט זיך נישט געחידושט אויף גאָרנישט, הגם עס איז געווען אויף וואָס זיך צו חידושן. במשך דעם קנאַפּן יאָר, וואָס זי איז געלעגן אינטערנירט אין שפּיטאָל איז כמעט קיינער נישט געקומען, אחוץ איר מומע, צו מאָל אויך מיטן ייִנגעלע, זען וואָס זי טוט, צי זי לעבט נאָך צי נישט ... עס איז קיין איין מאָל נישט געקומען קיין איין חבר אירער כדי א וואָרט טון אזוי א וואָרט, וואָס זאָל אפשר אויפמונטערן, אז זי זאָל פילן אז זי איז נישט קיין פאַרלאָזטע ווי א קרעציקער הונט ... האָט דאָך איר מער געקאָנט העלפן אזא מין טרייסט-וואָרט ווי אלע מעדיקאַמענטן וואָס זי האָט גענומען במשך דער לאַנגער צייט ... אלע אינעקציעס האָבן דאָך געטויגט אויף כפּרות, אזוי פיל וואָס זיי האָבן זי איינגעשלעפט, פאַרטעמפּט איר מוח, אז זי זאָל נישט פילן גאָרנישט, נישט וויסן גאָרנישט, נישט טראַכטן פון גאָרנישט, זיין שוין האַלב אויף יענעם עולם, נאָר נישט פילן די ווייטיקן, די גרויזאַמע ווייטיקן, פון וועלכע עס איז איר נישט איין מאָל

געקומען משוגע צו ווערן (זיך צו נעמען דאָס לעבן?!) און האָט זיך ווי געראַנגלט מיטן מלאך-המוות ווי א דראַג-דורשטיקער.

יאָ, עס איז קיין איין מאָל נישט געקומען צון איר כאָטש איין חבר, א באַקאַנטער, א קאָלעג צי א קאָלעגין, מיט וועלכע זי האָט צוזאַמען אַקטיווירט, נאָך פריער, נאָך אין דער אילעגאַליטעט, און אויך שפּעטער ווען די פּאַרטיי איז שוין געווען עפנטלעך פריי, הגם נאָך נישט ביי דער מאַכט, דערנאָך ווען די פּאַרטיי איז שוין יאָ געווען ביי דער מאַכט — קיין איינער איז נישט געקומען... איצט, זענען זיי געקומען נאָך דער ריי, גלייך עמעצער וואָלט זיי פון פאָרויס אויספּלאַנירט, ווער סע זאָל קומען היינט, ווער מאָרגן און אַזוי ווייטער.

יאָ, סע וואָלט ממש געווען א מחיה אז דאָס זאָל זען בעטי, זאָל הנאה האָבן פון דער דאָזיקער מיטגעפיל-דעמאָנסטראַציע — אָבער... בעטי איז שוין נישט בכוח הנאה צו האָבן. די פרייד איז געקומען פאַר איר א ביסעלע צו שפּעט. אמת, סע זענען געווען חברים וואָס האָבן זיך צוגעבויגן צום בעט, איר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער אז די צייטן האָבן זיך געביטן. סע הייבט אָן א נייע ערא, דער אמת און דער יושר קומט אַרויס „ווי בוימל אויפן וואַסער" ... יאָ, גאַנץ זיכער, היינט-מאָרגן וועט נאָום רעהאַביליטירט ווערן ...

... לײדער, האָט עס בעטי שוין נישט געהערט. און אפשר האָט זי עס נאָך יאָ געהערט, נאָר זי האָט שוין נישט באַנומען די רייד, דעם מיין פון די ווערטער, גלייך מע וואָלט צון איר גערעדט אין אַן אַנדערער שפּראַך, א באַוויז, אַז זי האָט מיט גאָרנישט רעאַגירט אויף די דאָזיקע פרייליכע בשורות. זי האָט געהאַלטן אָפן די אויגן, פאַרשטאַרט, גלייך זיי וואָלטן געווען גלעזערנע פּראָטעזן, נישט קיין לעבעדיקע אויגן, וואָס זענען אין שטאַנד כאָטש א פינטל צו טון, ווי א צייכן, אַז זי האָט פאַרשטאַנען וואָס מע רעדט צון איר. זי האָט נישט סקיצירט קיין איין באַוועגונג מיט אַן אבר, מיט אַן אויג, מיט די ליפּן, מיט די הענט — מיט גאָרנישט האָט זי נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז זי האָט פאַרשטאַנען זייערע רייד, אַז זי האָט פאַרשטאַנען זייער קומען צון איר אין וויזיט, זי מבקר-חולה זיין, ווי מע קומט צון אַן איינענעם, ווייל זי איז שוין איצט אַן „איינענע" ...

ווער קאָן וויסן וואָס סע ליגט אין מוח פון א גוסס? ווער קאָן וויסן וואָס סע טראַכט א גוסס, איינער וואָס איז שוין יאָ אָדער נישט באַוואוסטזיניק אַז דאָס זענען זיינע לעצטע מינוטן, אַז איצט דאַרף ער זיך שוין געזעגענען מיט די קרובים אָדער פריינד, וועלכע זענען געקומען צו זיין בעט, אין די סאַמע לעצטע מינוטן — אפשר זענען זיי גאָר געקומען בעטן מחילה, ווי מע טוט געווײנ־

טלעך, אין א רעליגיעזער צערעמאָניע, ווען מע בעט מחילה ביי א גוסס, אָדער אפילו שוין נאָכן „אויסגיין“, ווען מע בעט מחילה פערזענלעך און אויך אין נאָמען פון דער גאנצער קהילה?! ...

... איז דאָך איצט אויך געקומען, נישט ווי א פאָרשטייער פון א רעליגיעזער קהילה, נאָר אדרבה, א פאָרשטייער פון דער באַוועגונג — הייסט דאָך דאָס, אז ער איז געקומען „אָפיציעל“, בעטן מחילה אין נאָמען פון דער „באַוועגונג“ ...

ווער קאָן וויסן, וואָס סע קומט פאָר אין א גוססדיקן מוח, ווי מע זאָגט אז אין דער לעצטער סעקונדע זעט דער גוסס פאר זיינע אויגן דעם גאנצן פילם, וואָס ראָלט אין עטלעכע סעקונדעס, זיין גאנץ לעבן, אלע זיינע איבערלעבענישן. אויב אזוי, איז דאָך מעגלעך אז דער גוסס זאָל האָבן אויך נישט קיין מחילהדיקע מחשבות, נאָר אדרבה, אזעלכע וואָס רופן ארויס ווידערווילן, אפילו שינאה, צו די אלע וואָס זענען געקומען בעטן ביי אים מחילה? ער וויל גאָר נישט מוחל זיין. אדרבה, ער וויל דווקא נישט מוחל זיין — אָבער ער האָט שוין קיין כוח נישט דאָס ארויסצוזאָגן, אָדער ארויסצווייזן כאָטש מיט א קלענסטן זשעסט ...

קיינער קאָן דאָס נישט וויסן, ווייל קיינער פון יענע וועלכע זענען געווען אין דאָזיקן מצב, זענען נישט אויפגעשטאנען תחית-המתים אז זיי זאָלן דאָס דערציילן. איז אויב מע וואָלט עס יאָ אזוי דערציילט וואָלט עס דאָך נישט געווען קיין אמת, נאָר א פשוטע פיקציע. און דאָ רעדט זיך נישט וועגן קיין שום פיקציע , וואָס א שרייבער-דערציילער וויל זיך פאָרשטעלן, ווי אן אייבערחכם מיט א רייכער פאנטאזיע. ניין, סע ווילט זיך נישט דערציילן, ווייל מע דארף דאָ נישט אָנקומען צו קיין פיקציעס, ווידער די ווירקלעכקייט פון אזא מאָמענט קאָן דאָך קיינער נישט וויסן.

יאָ, מע קאָן זיך אפשר קוים משער זיין. מע קאָן מאכן אן אנאלאָגיע מיט איינעם וואָס איז פארמשפּט געוואָרן, אָפּגעזעסן אין תפיסה עטלעכע יאָר, דערנאָך האָט מען אים רעהאביליטירט, ווייל ... סע האָבן זיך געביטן די אומשטאנדן, מע האָט איבערגעקוקט דעם ענין, מע האָט נאָך איין מאָל אויסגעפאָרשט, וואָס פריער האָט מען בכלל נישט געפאָרשט, נאָר פארמשפּט — און מע האָט אויסגעפונען אז ער איז אומשולדיק ... יאָ, אויב אזעלכער קאָן אריבערטרעטן איבער זיינע „געפילן“ און מוחל זיין, דאן קאָן מען זיך משער זיין אז אויך א גוסס, אין דער לעצטער מינוט, ווען מע בעט שוין מחילה ביי אים אין נאָמען פון דער גאנצער „קהילה“, דעמאָלט קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ווי געזאָגט, ווי דורך אן אנאלאָגיע, אז ער וואָלט אפשר אויך געקאָנט מוחל זיין ...

דארף מען אָבער קודם אויספּרואוון, נאָכפֿאָרשן, אויב אַזאַ פֿאַרמשפּטער איז טאַקע גרייט אויפֿריכטיק מוחל צו זיין, נישט בלויז מיט אפֿשר נישט־אויפֿריכטיקייט־ווערטער... יאָ, לויט דער קריסטלעכער דאָגמע קאָן מען וואַרטן אויף מחילה, נאָר דאָ האַנדלט זיך נישט אין קיין „רעליגיעזע" קריסטן...

אין זאָל מען לאָזן בעטין רואיק, כאָטש איצט, ווען זי איז געבליבן אַליין מיט זיך, מיט אירע אייגענע אינטימע מחשבות, ביי יציאת־נשמה, זאָל מען נישט פּרוּוון אַריינלייגן אין איר מויל ווערטער וואָס זי איז שוין נישט ביכולת זיי אַרויסצורעדן און אויך אפֿילו נישט מחשבות, וואָס זי קאָן אפֿילו מיט קיין אָנדייט זיי נישט פֿאַרראָטן...

... ווי אַזוי זשע איז עס אַ „העפּי־ענד"?! ... אַז אַך און וויי איז צון אַזאַ העפּי־ענד. אָבער דערציילן עפּעס אַנדערש, וואָלט געווען אַ שקר, נישט בלויז אַ נאַרישע פֿיקציע...

קאָן מען בלויז איבערחזרן די רייד: חברטע בעטי, זיי מוחל, זיי מוחל כאָטש דו ביסט נישט אויפֿגעוואַקסן אין דער קריסטלעכער תורה, אַז מע דאַרף מוחל זיין אויך דעם הענקער און אַז מע גיט אַ פּאַטש אויף איין באַק, שטרעק אויס די צווייטע...

יאָ, ביי יידן, ביי רעליגיעזע יידן בעט מען אויך מחילה אַ גוסס צי אַ נפֿטר.

*

*　　　*

... איז דאָך אַלץ שוין גוט? (ביי אַזאַ מין פֿאַל, פֿון אַ בר־מינן, זאָגט מען נישט אַרויס אַזאַ וואָרט ווי „גוט". וואָס קאָן שוין „גוט" זיין ביי איינעם וואָס האָט „אָפּגעלעבט", בפֿרט איצט, דאָ, אין דאָזיקן פֿאַל, איז שייך צו באַניצן אַזאַ וואָרט ווי „גוט"?!). איז דער יידישער מנהג אַזעלכער, אַז ביי אַ לוויה בכלל ברענגט מען נישט אַרויס אויף די ליפּן דאָס וואָרט „גוט" — מע זאָגט „ס'איז רעכט". איז לאָמיר איבערחזרן דעם פּסוק: „איז דאָך אַלץ שוין רעכט?"...

יאָ, סע וואָלט שוין גאַנץ זיכער אַזוי געווען, דאָס הייסט, אַז „רעכט" — איז אָבער געשען ווי געוויינטלעך סע געשעט, ווען דער מלאך־המוות איילט זיך צו מער ווי מע באַדאַרף (ווייזט אויס, אַז תמיד איילט ער זיך נעמען די נשמה פֿונעם גוסס פֿיל פֿריערער ווי סע וואָלט געווען די „צייט"... וואָס איילט ער זיך אַזוי, בפֿרט ווען ער ווייסט שוין פֿון דערפֿאַרונג, אַז ער וועט גאָרנישט פֿאַרשפּעטיקן, אויך ווען ער וועט זיך נישט איילן?!).. וואָלט זיך אויך דאָס מאָל

דער מלאך-המוות נישט אזוי געאײלט, װאָלט אויך די דאָזיקע לוויה, דאָס הייסט, די צערעמאָניע צו װעלכער די חברים האָבן זיך געגרייט, װאָלט צוגעגאַנגען כשורה. אַלץ װאָלט פאָרגעקומען ווי דער מנהג איז ביי א „חברישער" לוויה... האָט זיך אָבער דער מלאך-המוות געאײלט און גענומען בעטים נשמה פאַר דער צייט. און וואוהין וויל ער זי אַוועקטראָגן די אומשולדיק-זינדיקע נשמה?!

— אָט זעט איר, אָט דאָס איז טאַקע די מעשה, וואָס מע ווייסט נאָך נישט וואוהין מע זאָל די נעבעכדיקע נשמה שיקן: אין גיהנום צי אין גן-עדן...

און נישט בלויז דער מלאך-המוות, נאָר אויך די חברים-אָרגאַניזאַטאָרן פון דער לוויה-צערעמאָניע, האָבן אויך נאָך נישט געוואוסט אויף קלאָר, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך נוהג זיין. די „קאָמיסיע" האָט זיך נאָך נישט געהאַט „ארויס-געזאָגט" אויב זי איז שוין „כשר" און מע מעג זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" ביי דער צערעמאָניע, צי זאָל מען אָפּקומען מיט א פּשוטן װאָכעדיקן טרויער-מאַרש...

װאָלט געווען דער מלאך-המוות זיך נישט געאײלט אַזוי, װאָלט געווען מסתמא די „קאָמיסיע" אין צווישן געקומען צו א הסכם. אַזוי האָט מען גע-דאַרפט א ביסעלע „צוװאַרטן" ביז די קאָמיסיע וועט זיך „ארויסזאָגן" — און ארויסזאָגן, האָט זי געזאָגט, אַז זי קאָן נאָך נישט, ווייל סע זענען נאָך פאַראַן אין „איר טעקע" עטלעכע פּראָבלעמען, וואָס מע דאַרף נאָך אויפקלערן... טייל האָבן געטענהט: וואָס איז איצט, נאָכן אויסהויכן די נשמה, נאָך שייך אויפצו-קלערן?! האָט אָבער די קאָמיסיע געטענהט, אַז דאָס אחריות-געפיל לאָזט זיי נישט נעמען אזא באשלוס, אָן דעם אַז זיי זאָלן קודם „אויפקלערן"... א מענטש, צי בלויז א טעקע פון א מענטש (וואָס איז ביי זיי איינס און דאָס זעלביקע!) בלייבט דער זעלביקער סיי ער לעבט נאָך, סיי ער לעבט שוין נישט. אין כל-זמן זיי וועלן נישט „אויפקלערן" די ענינים, קאָנען זיי נישט געבן די הסכמה צום זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל ביי דער לוויה פון אן „עלעמענט" וואָס האָט אפשר נישט דאָס רעכט דערצו...

האָט געוואַרט, דאָרט אין דער קרעמאַטאָריע, די גאַנצע לוויה-אסיפה, אַז די קאָמיסיע זאָל „אויפקלערן" די ענינים און זיך ארויסזאָגן — עס איז אַוועק א פערטל שעה, א האַלבע שעה, באַלד ווערט שוין א שעה זינט מע וואַרט אַז די קאָמיסיע זאָל פאַרענדיקן דאָס „אויפקלערן" און — גאָרנישט... דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן לאַנגווײלן. סע זענען געווען מיינונגען פון טייל חברים, אַז זיי איז שוין נימאס אזא „אויפקלערן", אין די היינטיקע שוין נייע אומשטאַנדן — אויב מע האָט נישט צייט געהאַט „אויפצוקלערן" ביז איצט — איז איצט?!...

*
* *

... בעטי האָט נאָך דאָרט, אין שפּיטאָל ליגנדיק, אָנגעשריבן פאָלגנדיקע פערזן:

## לאָמיר באַצייטנס...

נאָך זיך גופא לאָמיר זיך שבעה זיצן,
נישט וואַרטן אַז אַנדערע זאָלן באַקלאָגן;
אַליין לאָמיר דעם יאָרצייט האַלטן,
אַנדערע וועלן דען קדיש נאָך אונדז זאָגן?!

לאָמיר באַצייטנס אַליין זיך באַוואָרענען,
איצט, איצט כּל-זמן מיר נאָך לעבן;
לאָמיר נישט וואַרטן אַז קינדער „שטומע"
זאָלן אונדזער נשמה אַ תּיקון געבן...

# 5. א מאָדערנע „לוויה"

דאָס יינגעלע וועט אוודאי פאַרגעדענקען די לוויה פון זיין מוטער. אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען דאָרט, אין דער צערעמאָניאַלער שטילקייט פון רונדן זאַלעבל פון דער קרעמאַטאָריע „אש", איז פאַר אים געווען א מאָדנע ספּעקטאַקל, צו וועלכן ער איז נישט געווען צוגעגרייט. ער האָט אַזעלכס קיין מאָל נאָך נישט געזען, און מחמת דעם נישט אַלץ פאַרשטאַנען און נישט געהאַט ביי וועמען זיך אויסצופרעגן, כדי ער זאָל וויסן דעם באַטייט פון דעם וואָס ער האָט געזען, ווי א זייטיקער צושויער, גלייך דאָס אַלעס וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען, נאָר ווי איינעם וואָס איז צופאַליק אהער אָנגעקומען און איז אַריין, צו אָט דעם ספּעקטאַקל, אָן א בילעט, הגם סע זענען געשטאַנען מענטשן ביים אַריינגאַנג, נאָר מע האָט אים נישט געפרעגט אויף קיין בילעט. מע האָט קיינעם נישט געפרעגט אויף קיין בילעטן. מסתמא איז דער אַריינגאַנג א פרייער.

מע האָט אים אָוועקגעזעצט אין דער ערשטע ריי פון די בענקלעך, וואָס זענען געווען אַרום אָרון, וואָס איז געווען באַצירט מיט בלומען, מיט קרענץ, מיט רויטע בענדער, מיט ווייסע אויפשריפטן, וואָס ער האָט קוים געקאָנט אויסלייענען, ווייל די בענדער זענען דאָך נישט געווען אויסגעגלייכט, נאָר ווי פאַרפּלאָכטן אַרום די בלומען-קרענץ.

איז ער געזעסן און געשוויגן, אַזוי ווי סע האָבן געטון אַלע וואָס זענען געזעסן נעבן אים און האָבן געשוויגן, פּונקט אַזוי ווי יענע וואָס זענען געשטאַנען, זיך באַוועגט אין שווייגן, גלייך ווי אַלץ וואָלט שוין געווען קלאָר און געזאָגט אַז מע האָט שוין מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן... אויב עס איז פאַר עמעצן נישט געווען קלאָר, איז דאָס געווען ער, דער איינציקער פאַר וועמען עס איז גאָרנישט געווען קלאָר. לגמרי גאָרנישט האָט ער נישט פאַרשטאַנען פונעם גאַנצן צערעמאָניאַל, וואָס איז געווען אַזוי מאָדנע פאַר אים, אָבער ער האָט נישט געהאַט פון וועמען עפּעס צו פרעגן און אויך נישט געהאַט דעם קוראַזש עס צו טון.

ער האָט געפֿילט אזא מין נישט-געוואַגטקייט, אז ער האָט ווי מורא געהאַט ארויס צו רעדן עפּעס א וואָרט, כדי נישט צו פֿארשוועכן די הייליקע שטילקייט וואָס האָט דאָ געהערשט. יאָ, פֿאַר אים איינעם איז עס נישט געווען קלאָר, אדרבה, עס איז געווען גאָר מאָדנע. וואָס איז געשען? די גאַנצע צייט, זינט ער איז און געדענקט זיך, האָט ער נאָך נישט געזען אזוי פֿיל מענטשן, אזוי פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט ארום זיין מוטער, ארום זיך, ארום זיי בכלל. איצט, ווען זיין מוטער ליגט פֿאַר אים און אומבאַוועגלעכע, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, גלייך זי וואָלט געהאַט אזא רואיקן שלאָף, ווי נאָך קיין מאָל נישט, איצט איז זי ארומגערינגלט מיט אזא יראת-הכבוד אַטמאָספֿער, אזא שטיקלייט, ווי מע וואָלט נישט געוואָלט זי אויפֿוועקן פֿון איר רואיקן שלאָף... הייסט עס, אז דער טויט איז פֿיל חשובער ווי דאָס לעבן? דער טויט איז וויכטיקער, אים גיט מען אָפּ א פֿיל גרעסערן כבוד ווי דעם לעבן?!...

און וואו איז די מומע? זי איז דאָך געווען די איינציקע, די נאָענטסטע פֿון זיי. געווען פֿאַר אים אין די לעצטע צייטן נישט א „מומע“, נאָר אפֿילו א „מאמע“, איצט איז זי ווי באַזייטיקט. זי וואַגט אפֿילו זיך נישט צו דערנענטערן. זי קוקט בלויז פֿאָרויס, מיט שטאַרע אויגן, גלייך זי וואָלט איצט נישט געווען אַנוועזנט דאָ, און גאָרנישט געזען וואָס סע קומט דאָ פֿאָר. צו מאָל דערזעט ער דאָך, אז זי כאַפּט א בליק צון אים, אָבער מיידט אויס צו באַגעגענען זיינע בליקן. זי איז אויף אים ברוגז?

און וואָס איז מיט די מענטשן, וואָס זענען יאָ און נישט אָנגעטון אין שוואַרצן, אָבער אלע האָבן זיי רויטע בענדער אויפֿן אָרעם, שטייען אזוי ווי פֿאַרגליווערטע מומיעס אָדער מאַנעקינען, ארום באַבלומטן אָרון און וואַכן עטלעכע מינוט, שווייגנדיקע, מיטן בליק געווענדט פֿאָרויס — דערנאָך גייען זיי מיט פּאַמעלעכע טריט אַוועק און סע קומען אַנדערע אויף זייער אָרט, מיט די זעלביקע רויטע בענדער אויפֿן אָרעם, מיטן זעלביקן פֿאַרשטאַרטן בליק פֿאָרויס, מיט דעם גאָרנישט זאָגנדיקן פּנים. און פֿון ערגעץ, מע ווייסט נישט פֿון וואו, פֿונעם סופֿיט, פֿונעם דיל, פֿון די ווענט (פֿון וואַנען?) קומט א שטילע טרויעריקע מוזיק, וואָס וויל אוודאי האַלטן די מוטער איינגעשלאָפֿן... דערנאָך האָט איינער, אויך מיט א רויטער באַנד אויפֿן אָרעם, ארויסגענומען א בייגעלע פּאַפּיר פֿון זיין בוזעם-קעשענע און עפּעס געלייענט, מאָנאָטאָן, פֿון וועלכן ער, אָווידיו, האָט כמעט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. ער האָט נישט געוואוסט וואָס ער וויל זאָגן. צו וואָס ער זאָגט עס, אז סיי ווי סיי האָט מען כמעט גאָרנישט געקאָנט פֿאַרשטיין.

ער האָט אפילו נישט דערמאנט דעם נאָמען פון זיין מוטער. ער האָט בלויז גע־זאָגט „דער נפטר"...

דערנאָך האָט זיך געביטן די מוזיק. דאָס מאָל איז עס שוין נישט געווען קיין טרויער־מארש נאָר די „אינטערנאציאָנאַל", געזונגען אין שטילע אקאָרדן, אז אפילו זיי זאָלן אויך נישט אויפוועקן זיין מוטער...

... און בעת דעם שפּילן פון דער טרויעריקער מוזיק, האָט דער אָרון, קוים באמערקלעך, זיך גענומען נידערן, נידערן, אראָפּ־אראָפּ, אין א נישט־געזעענעם אָפּגרונט. און בעתן נידערן, אויך אָן דעם אז מע זאָל עס קאָנען באמערקן, האָט זיך ביסלעכווייז פּארדעקט, מילימעטער נאָך מילימעטערביידע זייטן פונעם אָרון, אז פּונקט דעמאָלט ווען דער ארון איז שוין געווען כמעט אין גאנצן אונטערן אויבערפלאך פונעם דיל, דעמאָלט האָט זיך שוין מער נישט אָנגע־זען גאָרנישט, אויך נישט דאָס בלאסע פּנים פון זיין מוטער. און סע האָט זיך שוין מער נישט אָנגעזען גאָרנישט, קיין אָרון, קיין בלומען, קיין „אָפּגרונט", ווייל אויך דער דיל האָט זיך ווי אויסגעגלייכט, אויסגעפולט, גלייך סע וואָלט שוין דאָרט קיין מאָל גאָרנישט געהאט געווען, קיין אָרון, קיין טויטער, נאָר — גאָרנישט...

די מענטשן האָבן זיך ווי אויפגעוועקט ווי פון א בייזן חלום, ווען סע האָט זיך דערהערט א שטים (אויך דאָס האָט מען נישט געקאָנט וויסן פון וואנען סע קומט דאָס קול!):

— די צערעמאָניע פון „פּאראשן" האָט זיך געענדיקט...

ערשט דעמאָלט האָט אָווידיו דערפילט א ווייטיק ביים הארץ. ערשט איצט האָבן זיך אים אָנגעפולט די אויגן, און איבערגעגאָסן מיט טרערן. אָבער ער האָט נישט געוויינט. ער האָט בלויז געפילט אז די אויגן האָבן זיך אים פארנעפּלט און זעט מער גאָרנישט מיט זיינע אויגן. האָט ער דאָך געמוזט אָפּווישן די טרערן, וואָס האָבן געטריפט, געטריפט, כאָטש ער האָט זיך באמיט זיי אויסצווווישן, אז זיי זאָלן נישט פארשטעלן זיין ראייה. ער האָט געוואָרט אז די מומע זאָל זיך דערנענטערן צון אים. זאָל אים נעמען ביי דער האנט, ווי געוויינטלעך. וואָס וואָרט זי? זעט זי דען נישט אז ער קאָן זיך נישט דערנענטערן צון איר? אים האלט מען ווי א געפאנגענעם. צווייי ווילד־פרעמדע מענטשן, וואָס ער האָט זיי קיין מאָל נישט געזען, האָבן איבערגענומען זייער אפּיטרופּסות און באפרייען אים נישט...

און וואו איז אהינגעקומען זיין מוטער? ... וואָס פאר מין וואָרט איז עס „פּאראשן"? ... ער האָט געוואוסט דאָס וואָרט ברענגען צו „קבורה", וואָס ער

האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז מע מיינט אַריינלייגן אין אַ „קבר“ ... יאָ, מע זאָגט אויך „„באַערדיקן“, וואָס סע הייסט אַריינלייגן אין דער ערד ... אָבער איצט זאָגט מען דאָך „פּאַראַשן“?! די מוטער איז טאַקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש? ... אָט די דאָזיקע פראַגן האָט ער נישט געהאַט וועמען צו שטעלן. דאָס וועט ער געוואויר ווערן שפּעטער מיט יאָרן. פּונקט אַזוי ווי ער וועט דעמאָלט געוואויר ווערן, אַז יענע מעדאַלן, וואָס מע האָט געלייגט אויף אַ סאַמעטן קישעלע צו קאָפּנס פון זיין מוטער בעת זי איז געלעגן אַ פאַרשלאָפענע אין אָרון, זענען געווען מעדאַלן פון זיין מוטער, וואָס זי האָט באַקומען במשך פון די פּאָר געציילטע יאָרן, ווען זי איז געווען „טעטיק“ ... דעמאָלט האָט זי זיי באַקומען פאַר אירע „פאַרדינסטן“, אָבער ער האָט זיי נישט געזען קיין איין מאָל נישט די מעדאַלן אויף דער ברוסט פון זיין מוטער ... איצט, ווען די מוטער „דרימלט“, זי זעט זיי דאָך סיי ווי סיי נישט, איצט זענען די מעדאַלן אויסגעשטעלט געוואָרן אויפן סאַמעטענעם קישעלע, ביי איר צו קאָפּנס, ווי אין אַ וויטרינע ...

און וואו זענען זיי איצט אַהינגעקומען די מעדאַלן?

... קינדישע געדאַנקען. נאַרישע געדאַנקען. אומשולדיקע געדאַנקען ... איז דאָך אַלץ וואָס עס איז אומשולדיק, איז אויך נאַריש ... און אויך ערלעך. ערלעכע מחשבות, וואָס בלויז אַ קינד האָט זיי אין מוח, און ווייסט זיי צו פאַרשוויגן, וויל ער וואָגט נאָך נישט צו עפענען דאָס מויל און פרעגן, כּדי מע זאָל נישט לאַכן פון אים, אַז ער איז אַזאַ שוטה און פרעגט אַזעלכע נאַרישע „קינדישע‘ שאלות וואָס פּאַסן זיך פאַר אַ קינד, בעת ער האַלט זיך שוין פאַר אַ „גרויסן“, אַ דערוואַקסענעם, וואָס טאָר נישט פרעגן גאָרנישט ביי די גרויסע, זיי זאָלן נישט לאַכן פון אים ... אויב שוין יאָ פרעגן, איז דאַרף מען דאָס צווישן זייניקע, די קינדער-חברים, פון זיין עלטער, וואָס ווייסן אפשר עפּעס מער פון אים אין די דאָזיקע ענינים. אָבער, אין זיין לאַגע פון אַ יתום ... אַ יתום?

וואַרט נאָר, אַ יתום איז אַ ייִנגל וואָס האָט פאַרלוירן איינעם אָדער ביידע פון זיינע עלטערן ... אמת, זיין מוטער איז טאַקע געשטאָרבן. דאָס איז מער קיין סוד נישט. סע ווייסן עס אַלע זיינע שפּיל-חברים. טייל פון זיי זענען דאָך געווען אויך ביי דער לוויה. אמת, זיי זענען געשטאַנען פון דער ווייטנס. זיי האָבן זיך נישט דערנענטערט צון אים. אָבער געזען האָט ער טייל פון זיי, סיי איידער ער איז אַריין אין זאַלעכל פון דער קרעמאַטאָריע סיי נאָך דער צערעמאָניע ווען ער

איז שוין ארויסגעגאנגען פון דאָרט, באַגלייט פון צוויי פרעמדע מענטשן וועלכע האָבן זיך גענומען (אָדער אפשר האָבן זיי באַקומען פון עמעצן) די אויפגאַבע אים צו באַגלייטן, פריינדלעך, צו דערמוטיקן זיין עלנטקייט ... נו, יאָ, דאָס ווייסן איצט שוין אויך זיינע חברים אז זיין מוטער איז געווען שווער קראַנק, געווען כמעט א יאָר אין שפּיטאָל. און איצט איז זי געשטאָרבן. מע האָט זי „פאַראַשט" און ער איז א „יתום"... אָבער וואו איז זיין פאָטער?

איז דען זיין פאָטער אויך „פאַראַשט" געוואָרן?!...

# 6. ווער איז בעטי?

ווער איז אייגנטלעך געווען די פארשטאָרבענע בעטי מאַרקאָוויטש?

זייער ווינציקע חברים, אפילו דיע פון ארום איר, האָבן געוואוסט ווער זי איז, פון וואנען זי שטאמט, ווי אזוי זי האָט געלעבט פריער, אין איר יוגנט. זי איז דאָך נישט געווען קיין דאָיקע. זי איז דאָך געקומען פון באסאראביע, איז האָבן זי געקאָנט מיינסט די באסאראבער אָפּשטאמיקע חברים. זיי פלעגן געבן די רעפערענצן, געוויינטלעך, ווען מע האָט איבערגעפּרואווט די דאָסארן פון די חברים, כדי איבערצובייטן די פארטיי-בילעטען וכדומה.

איז אויב מע וויל זיך יאָ עפּעס מער דערוויסן וועגן איר, וועט זיך דאָ אי־בערשרייבן עטלעכע דאטן פון איר דאָסאר, וואָס איז שוין איצט מער קיין סוד נישט. איצט האָט מען דאָך אים שוין איבערגעגעבן צום ארכיוו, פון נישט־לעבעדיקע, וואו די סודות זענען שוין מער קיין סודות נישט.

געהייסן האָט זי עליסאבעטא (אָדער אויף יידיש: אלישבע!) מאַרקאָוויטש.

געבוירן אין יאָר... ניין, ביי קיין פרויען ציילט מען נישט די יאָרן, איז נישט וויכטיק געגוי איבערצוגעבן ווי אלט, אָדער ווי יונג, זי איז געווען. אָבער אין דאָסאר דארף מען דאָך זאָגן דעם אמת... דעם אמת? ניין. דאָ איז אויך עפּעס נישט פּינקטלעך פארשריבן, ווייל זי האָט זיך דערקלערט פאר יינגער מיט א פינעף יאָרן, ווייל קיין מעטריקעס האָט מען פון באסאראביע נישט געקאָנט מיטברענגען. איבעריקנס, איז קיינעם דעמאָלט נישט איינגעפאלן ביי אזא חברטע, וועלכע האָט אקטיווירט אין דער אילעגאלער ארבעטער-באוועגונג, צו גיין נאָכפאָרשן. קיינעם איז נישט געגאנגען אין לעבן אריין געוואויר צו ווערן פּינקטלעך איר עלטער. ווי געזאָגט, ביי פרויען איז דאָס שוין א באוואוסטע מחלה, וואָס איז נישט אויסגעהיילט געוואָרן פון קיין שום אידעאָלאָגיע אויף דער וועלט, קיין מאָל נישט... איז וויפל זשע יאָרן זי איז אלט געווען, אויב סע אינטערעסירט יאָ עמעצן, האָט ער זיך עם געקאָנט משער זיין, במשך דעם לייע־נען די דאָזיקע „פריילעכע" מעשה...

– איר פּראָפּעסיע: אַרבעטאָרערין... אָבער אויך דאָ דאַרף מען צוגעבן, אַז אין דאָסאַר איז טאַקע אַזוי פאַרשריבן, אָבער ווען מע זאָל צונויפרעכענען די טעג, וואָכן און חדשים וואָס זי האָט בסך־הכּל געאַרבעט אין אַ טעקסטיל־פאַבריק וועט מען ביים בעסטן ווילן נישט קאָנען אָנצײלן קיין יאָרן. מע האָט זי דען געלאָזט אַרבעטן? מע האָט זי דאָך אַרומגעפירט אין די תּפיסות. פון איין תּפיסה אַרויס און אין אַנדערער אַריין, פאַר איר אומלעגאַלער פּאָליטישער טעטיקייט (די מעדאַלן זענען דען געקומען אומזיסט?). אָבער אין דאָסאַר איז זי אַזוי פאַרשריבן. הייסט עס, אַז אַ פּראָלעטאַריערין, און אפשר אויך מיט רעכט. הגם, זי וואָלט פונקט אַזוי געקאָנט פאַררעכנט ווערן פאַר אַן אינטעליגענטקע, אַ שרייבערין. אָבער בעסער זאָל מען זי לאָזן זיין אַן אַרבעטאָרערין, וואָס איז ווי אַ בלום צו באַשיינען אַן אויטאָביאָגראַפיע פון אַן אַקטיוויסטין, בפרט נאָך איינע, וואָס האָט געאַרבעט אויף אַזאַ הויכן פּאָסטן. בפרט נאָך ווען זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַזאַ נישט „פּראָלעטאַרישער" אָפּשטאַמיקייט...

די עלטערן: דער פאָטער, ווי געזאָגט, איז געווען אַ „קליינבירגער", אַ קרעמער. אמת, אַ גאָר קליינער קרעמער, מיט אַ געוועלבל קליין ווי אַ געניץ, אָבער דאָך אַ סוחר... די מוטער האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער הויזהאַלטונג. אייגנטלעך, מיט וואָס עפּעס אַנדערש וואָלט זי זיך געקאָנט באַשעפטיקן, ווען זי האָט געהאַט צו כאָווען אַ פולע שטוב קינדער, איינס קלענער פונעם אַנדערן?! (אויך דאָ וואָלט מען געקאָנט עפּעס צוגעבן, אַז דער פאָטער איז נישט געווען קיין געבוירענער סוחר, נאָר אַ ישיבה־בחור, וואָס איז געוואָרן אַן איידעם אויף קעסט, וועלכער האָט געירשנט דאָס געוועלבל פון זיין שווער, און דאָך נישט געהאַט מיט וואָס אויפצוּוואַקסן די קינדער, אַז זיי זענען געווען געצוואונגען זיך צו צעשפּרייטן איבערן לאַנד, ווער וואוהין, סיי צו דער אַרבעט, סיי צו דער פּאָליטישער טעטיקייט!).

בילדונג: געוויינטלעך פלעגט בעטי שרייבן אין אירע אויטאָביאָגראַפיעס אַז זי איז אַן אויטאָדידאַקטין, דאָס הייסט אַז זי האָט זיך געלערנט אַליין, אָן צו לערנען זיך אין מלוכהשע שולן. אין דער ערשטער צייט איז דאָס נאָך געווען גיחא אַזוי צו שרייבן. אָבער דער אמת איז, אַז זי האָט געהאַט געענדיקט אויך אַ תּרבות־שול, ווי אַלע אַנדערע פון איר גלייכן, פון דער באַסאַראַבישער יוגנט, וועלכע האָט אָנגעהויבן זיין טעטיק אין... דעם „השומר־הצעיר"... דערנאָך, ווען סע זענען זיך צערינען די מעגלעכקייטן אויף „עולה" צו זיין, ווייל די גאַנצע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען צוגעטיילט בלויז איין איינציקן „צערטיפיקאַט" און קאַנדידאַטן זענען געווען צענדליקער... האָט זי

ווי אויך אנדערע ווי זי, זיך ארייננעגליטשט אין דער טעטיקייט פון דער קאָמוניס־טישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און זי האָט פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור, געלאָפן צו געהיימע זיצונגען ... ביז מע האָט זי ארעסטירט ... דערנאָך האָט מען זי ווידער ...

שפּראַכן: זי האָט גערעדט און געשריבן רומעניש, רוסיש, יידיש (איר מוטער שפּראַך!) און העברעאיש (די תרבות־שפּראַך!) און א ביסעלע דייטש (וועלכער ייד קאָן נישט כאָטש א ביסעלע דייטש?) ...

דאָס הייסט, אז וועגן בעטין ווייסט מען נישט זייער פיל אויך איצט נישט. אָבער עס איז, דאַכט זיך, גענוג אויף צו פארשטיין פיל פון אירע האנדלונגען, וואָס זענען דאָ דערציילט געוואָרן, סיי לגבי איר זון, וואָס יז געבליבן א יתום, סיי וועגן די כתב־ידן, וואָס זענען פּונקט אזוי געבליבן יתומימדיקע ...

יאָ, מע טאָר נישט פארגעסן, אז ביי דער רובריק „קרובים", ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרן, פלעגט זי זאָגן אז זי האָט נישט קיין קרובים נישט אין לאַנד און נישט אין אויסלאַנד. שפּעטער (פּונקט אזוי ווי אין דער סאַמע ערשטער ביאָגראַפיע אירער!) האָט זי שוין צוגעגעבן דאָס וואָרט „נאָענטע". מיט דער צייט האָט זי פּשוט פארגעסן, ווייל ווי געזאָגט אז זי האָט פארשוויגן קודם, און דערנאָך טאַקע „פארגעסן" אָן זיי ...

אמת איז, אז די נאָענטסטע קרובים אירע זענען טאַקע אומגעקומען. טייל אין טראַנסניסטריע און טייל אין אוישוויץ. אָבער פון די נישט „נאָענטע", דאַכט זיך אז סע לעבט נאָך עמעצער, אין אויסלאַנד ... אָבער וועמען פעלן זיי איצט אויס, בפרט אין דאָסאַר?! ...

דאָס וועט שפּעטער, מיט א צייט, געוואויר ווערן איר זון, אָווידיו, ווען ער וועט אונטערוואַקסן און „זוכן" עפּעס אזעלכע קרובים ...

אָבער וועגן דעם וועט זיך איצט נאָך נישט דערציילן. דאָס וועט געשען שפּעטער ... אָויב דער וואָס לעבט אייביק און ווייסט אַלע פארבאָרגענישן פון עם מענטשנס הארץ וועט באַשערן געזונט, וועט אויך דאָס דערציילט ווערן, מערצע־שעם.

אָבער אָנגעזאָגט ווערן, וועט עס יאָ, אין „עפּילאָג־פּראָלאָג" פונעם סוף, וואָס וויל זיין אן אָנהייב, ווי געזאָגט, מערצעשעם ...

# 7.

# א טרעפּל אַרויף

זאָל שוין זיין שאַ,
זאָל שוין זיין שטיל,
שוין גענוג געוויינט,
שוין גענוג געקלאָגט...
יעדע מעשה, צי יאָ
אָדער נישט מע וויל,
מוז נעמען א סוף,
ווי מ'ע זאָגט.

צו מאָל, א באוואוסטזיניקער קער,
צי א מינדער באוואוסטזיניקער ווענד,
א ביסעלע חכמה און מזל נאָך מער,
דאָס אַלץ קאָן דערפירן צון א העפּי-ענד...

ווערט עס טאקע דאָ אזוי דערציילט,
אין דאָזיקן קאַפּיטל, כמעט ווי באנאַל,
נאָר אויפגעלעבט פון דער נייער ווענדונג,
אין די נייע צייטן געוועזן איז דער פאַל.

נאום איז נישט בלויז רעהאביליטירט,
העכער מיט א טרעפּל אויף דער לייטער,
נאָר אויך דערהויבן אין זיין פּאָסטן,
פון מדריגה צו מדריגה שוין גייט ער.

איז עס דאָך איצטערט שוין פֿרייליכער,
די צייטן שוין גינציקער צום שטרעבן,
וועט די מעשה וועגן זינדל זיין ווייכער,
וואויל פֿאַר יענע וואָס וועלן עס דערלעבן!...

# 1. נאום איז „ארויס"

די באַן האָט געוויגט די פּאַסאַזשירן גלייך ער וואָלט זיי געוואָלט איינשלעפֿן ווי מע וויגט אַ קינד. אמת, סע זענען אויך קינדער צווישן די רייזנדער, אָבער מיינסטן זענען עס דאָך געווען דערוואַקסענע. נאָך מער, סע זענען געווען אויך איבערגעוואַקסענע, וואָס האָבן זיך געעלטערט פֿאַר דער צייט. אָט, למשל, איז געפֿאָרן אויך נאום דאַנטשולעסקו, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, נאָכן „אָפּזיצן" עטלעכע יאָרן, הגם ער האָט אפֿילו איצט אויך נאָך נישט געוואוסט פּינקטלעך פֿאַר וואָס מע האָט אים איינגעזעצט און אויך נישט אויף וויפֿל צייט. ער האָט געוואוסט, פּונקט ווי אַנדערע ווי ער, אַז עס איז אונטערגעגאַנגען אַ זון, און אָט די זון האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ שאָטן, אין וועלכן סע האָבן געלעבט, נישט בלויז ער, נאָר מיט אים אויך פֿיל אַנדערע, גרעסערע פֿון אים (צווישן זיי אויך זיין געוועזענער שעף!) און אויך גלייכע מיט אים, און אפֿשר אויך קלענערע פֿון אים...

אַזוי ווי ער האָט נישט געוואוסט ווען מע האָט אים „פֿאַרנומען". מע האָט דאָך אים געפֿאַנגען, ווי אַמאָל האָבן הינט-כאַפּער געפֿאַנגען הפֿקרדיקע הינט אויף דער גאַס, וואָס ער האָט געהאַט דאָס בילד אין זיין זכרון פֿון זיינע קינדער-יאָרן, אַזוי האָט מען דאָך אויך אים „געכאַפּט", ממש אויף דער גאַס, ווען סע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מאַשין, אַן אויטאָמאָביל אָן פֿענצטער פֿון טונקעלן קאָליר, און צוויי „יונגען" האָבן אים געהייסן איינשטייגן...

דאָס איז דאָך געווען אַלץ. ערשט דאָרט, אינעווייניק אין דעם טונקעלן אויטאָמאָביל, ערשט דאָרט האָט מען אים אָנגעטון די קייטעלעך אויף די הענט.

יאָ, דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַליין. אין יענעם אויטאָמאָביל זענען נישט געווען קיין אַנדערע, איז געווען „אומהיימלעך", ער האָט נישט געהאַט זיך מיט וועמען אַדורכצושמועסן, אַז ער זאָל געוואויר ווערן וואָס און ווי אַזוי. אמת, ער האָט געפּרוּווט פֿרעגן, אָבער ער האָט גערעדט ווי צו די ווענט. קיין

איינער פון זיי האָט אים נישט געזאָגט גאָרנישט, האָבן נישט געענטפערט אויף זיינע פראגן. שטום און טויב זענען זיי געווען. האָט ער מער שוין גאָרנישט געפרעגט. נאָר געוואַרט, דערנאָך האָט ער זיך דערוואַרט. ווען סע זענען אדורך די שוואַרצע טעג און ווייסע נעכט פונעם „אויספאָרשן", ווען מע האָט אים געפרעגט אַזעלכע שאלות אויף וועלכע ער איז בכלל נישט געווען צוגעגרייט אויף צו ענטפערן. גלייך דאָס לשון וואָלט געווען אַן אנדערס, נישט אויף דעם געווינטלעכן לשון, מיט וועלכן ער האָט גערעדט ביז איצט. אדרבה, מע האָט גאָר גענומען זיין נישט-פאַרשטיין, גלייך ער וואָלט זיך געמאַכט תמעוואַטע און וויל נישט „מיטאַרבעטן" מיט די „אָרגאַנען", ער מאַכט שוועריקייטן, מיט אַ כיוון אויסצובאַהאַלטן די פאַררעטערישע מעשים פון זיין שעף (ער האָט דען עפּעס געוואוסט פון זיין שעף, וואָס ער טוט גוט און וואָס ער טוט „פאַררעטעריש"?!) און אַזוי אַרום פאַרערגערט ער אויך זיין אייגענע לאַגע...

ווען סע זענען אדורך די עטלעכע וואָכן, אין וועלכע ער איז טאָג נאָך טאָג און נאַכט נאָך נאַכט „אויסגעפאָרשט" געוואָרן, ווען ער האָט געגעסן זייער בצימצום, בלויז אַזוי פיל אַז ער זאָל נישט אויסגיין פאַר הונגער, ווען ער האָט געטרונקען וואַסער בלויז איין מאָל אין דריי טעג — האָט ער שוין נישט געשטעלט קיין שום פראגן, ווייל פאַר אים איז שוין אַלעס געווען ווי קלאָר — אָבער ער איז שוין אויך נישט געווען בכוח צו ענטפערן אויך נישט. אומזיסט האָט מען אים שוין געפרעגט, ער האָט שוין נישט געקאָנט ענטפערן אויך אויף דעם וואָס ער האָט יאָ געוואָלט... ער האָט געשטרעקט די האַנט צו דער פּען און קוים אַרויסגעשעפּטשעט:

— גוט, איך וועל אַלץ חתמענען... שרייבט אָן...

האָט מען אָנגעשריבן — און ער האָט געחתמעט און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט.

געענדיקט? ניין, נאָך נישט אין גאַנצן. אָבער מע האָט אים שוין אָפּגעלאָזט. מע האָט אים שוין מער נישט גערופן צום „אויספאָרש". מע האָט אים בלויז גערופן ווען עס איז געווען דער משפּט. יאָ, דאַכט זיך, אַז דעמאָלט איז געווען דער משפּט... אָבער, סע האָט זיך געדאַכט אַז נישט אים משפּט מען. ער איז, דאַכט זיך געווען בלויז אַן עדות... מע האָט אים אויך אויסגעהערט. אָבער קיין סך איז דאָך נישט געווען וואָס אים אויסצוהערן. ער האָט בלויז געדאַרפט ענטפערן מיט „יאָ" און מיט „ניין" אויף די פראגן פונעם ריכטער. מיינסט האָט ער געדאַרפט זאָגן „יאָ"... און דאָס איז געווען אַלץ...

ער איז נישט געווען דערבײַ ווען סע זאָל געווען רעדן אַן אָנקלאָגער, ווען סע זאָל רעדן אַ פאַרטיידיקער. דאָס האָט מען אוודאי געטון אָן אים. צו וואָס זאָל מען אויך אים מטריח זײַן צו אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס זענען בכלל נישט וויכטיק געווען פאַר אים? — נישט אים האָט מען דאָך געמשפּט. אים האָט מען בלויז אויסגעהערט, דאַכט זיך, ווי אַן עדות, וואָס האָט „געוואוסט“ אַלץ אויף קלאָר. נו, האָט ער אויך אַרויסגעהאָלפן אויפקלערן אַז דער טריבונאַל זאָל אויך זײַן אין קלאָרן...

דערנאָך, שפּעטער מיט חדשים, האָט ער זיך באַגעגנט אויך מיט אַנדערע, העכערע און גלײַכע און נידעריקערע פון אים. אַלע האָבן זיך דאָרט באַגעגנט ווי מע באַגעגנט זיך אויף אַ בית-עלמין, און סע פאַרשווינדן די קלאַסן-דיפערענצן, אַלע זענען דאָך געווען אָנגעטון מיט די זעלביקע תפיסה-קליידער, ווי מיט תכריכים, אָן אונטערשיד פון „העכער“ און נידעריקער. אַלע זענען געווען גרוי, אָן וועלכן קאָליר און אָן וועלכן ראַנג... אַלע זענען געווען (ער איז שוין געוואויר געוואָרן!) „פּראַקציאָניסטן“... אָן פּרינציפּן, פאַררעטער, וואָס האָבן געפירט אונטערגראָבנדיקע טעטיקייטן קעגן דער מלוכה און קעגן דער באַוועגונג (קעגן גאָט נישט?!)... האָבן זיך פאַרקויפט פאַר אַ „טאָפּ לינדזן“...

נו, איצט איז עס שוין געווען „קלאָר“. און ווען נאָום האָט דערפילט אין זײַנע חושים (מיטן שכל נאָך נישט!) אַז אַלץ איז שוין קלאָר, אַז ער איז שוין אַ געפאַנגענער בײַ „זײַניקע“, האָט ער אַליין אויך זיך גענומען „געפאַנגען“ בײַ זיך גופא...

אפשר וואָלט מען געדאַרפט דאָ פאַרטײַטשן, וואָס סע הייסט זײַן געפאַנגען בײַ זיך גופא? ניין. עס איז איבעריק מאריך צו זײַן. ווײַל סע זענען פאַראַן זאַכן, ווערטער, באַגריפן, וואָס דאַרפן געלאָזט ווערן אַזוי, אומפאַרטײַטשט. אַזוי איז גאָר בעסער. ווײַל, אדרבה, וויפל מע וועט זיך באַמיען זיי אויפצוקלערן, אַלץ אומאויפגעקלערטער און אומפאַרשטענדלעכער וועלן זיי פאַרבלײַבן. נו, איז צו וואָס טויג אַזאַ אומזיסטיקע טירחא? יאָ, נאָום האָט זיך גענומען געפאַנגען בײַ זיך גופא, זיך „אײַנגעשפּאַרט“ אין זיך. ער האָט מער מיט קיינעם נישט גערעדט קיין איין וואָרט... יאָ, טייל פון זײַנע באַקאַנטע האָבן טאַקע געמיינט אַז ער איז אַראָפּ פון זינען. אויב זיי האָבן געפּרוווט מיט אים אָנבינדן אַ שמועס און געזען אַז עס איז אומזיסט, האָט מען אים געלאָזט, ווי ווען מע לאָזט צו רו אַ דילן, אַ משוגענעם. שעדלעך איז ער דאָך נישט געווען. ער האָט קיינעם קיין בייזס נישט געטון, נישט געביסן קיינעם...

ער האָט נישט געביסן?... ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן. אמת, עס איז אים זייער שווער אָנגעקומען, אַז ער זאָל נישט נעמען בײַסן, בײַסן ווי אַ משוגע-

נער הונט. ווען ער פֿאַלט אָן אויף סיי וועמען, ווער סע קומט אונטער. ער בייסט הגם מע ווייסט נישט פֿאַר וואָס, צו וואָס. יאָ, נאָום האָט אויך געוואָלט בייסן. אַזוי האָט ער געפֿילט, אַזאַ מין ווילן, אַ הייסן ווילן, וועלכן ער האָט קוים געקאָנט אין זיך צוימען, צו בייסן... וועמען? אַלע, אַלע אָן אונטערשייד, אַפֿילו זיך גופֿא, אַריינבייסן אין זיין אייגן פּאַרוויאַנעט יונג פֿלייש, בייסן ווילד, ווילד, ווייל ער האָט זיך דערזען אין אַ ווילדן דזשונגל — און ער האָט געוואוסט אַמאָל אַ ווערטל: אויב דו לעבסט צווישן וועלף דאַרפֿסטו וואָיען ווי זיי, אַנדערש...

אַנדערש וואָס? אַנדערש בייסט מען דיך, ווי מע האָט אים אַריינגעביסן איצט מיט ווילדע ציין אין זיין יונגן ווייסן פֿלייש, ניין ברוינעם, ציגיינערישן פֿלייש, קודם מיט די אייזערנע קייטעלעך האָט מען אים אַריינגעביסן, דערנאָך, נאָך פֿיל ווייטיקדיקער, מיט די פֿראַגן וואָס האָבן נישט געהאַט גאָר קיין שום שייכות נישט צו אים, אָבער דאָך האָט מען אים „געביסן" מיט זיי. דערנאָך איז געקומען די פֿאַרגליווערטע צייט, ווען עס איז גאָרנישט געשען. לגמרי גאָרנישט. נישט עס איז געווען טאָג און נישט עס איז געווען נאַכט. נישט עס איז אויפֿגעגאַנגען פֿאַר אים די זון און נישט זי איז פֿאַרגאַנגען (פֿאַרשטייט זיך, אויב זי איז נישט אויפֿגעגאַנגען האָט זי דאָך נישט געהאַט פֿון וואַנען און וואוהין צו פֿאַרגיין!), אַלץ איז גערונען, אָן אַ סדר, אָן אַ זינען, אָן אַ ציל...

... אויך דעמאָלט, ווען סע האָבן זיך באַוויזן, דאָס איין און איינציקע מאָל, ווען מע האָט דערלויבט צו מאַכן אַ וויזיט די געפֿאַנגענע, ווען סע האָט, ווי סע ווייזט אויס, שוין יאָ זיך באַוויזן אַ שטראַלעכל פֿון אַ נייער אויפֿגייענדי־קער זון, און סע זענען געקומען צו אים זיין פֿרוי, בעטי, און זיין זון, וואָס ער ווייסט אַפֿילו נישט זיין נאָמען (ער האָט פֿאַרגעדענקט בלויז די נישט־גע־ווינטשענע קאָליר זיינע, די ברוינע, ציגיינערישע הויט!), אויך דעמאָלט האָט ער זיך נישט גערירט, און איז נישט אַרויס פֿון זיין אייגענער „געפֿאַנגענשאַפֿט". ער האָט אויך דעמאָלט נישט אַרויסגערעדט קיין איין איינציק וואָרט... אמת, ער האָט עס באַדויערט, ווייל ווער־ווער אָבער זי, בעטי, האָט עס דאָך אוודאי נישט פֿאַרדינט פֿון אים אַז ער זאָל זיך אַזוי מיט איר אויפֿפֿירן... זי איז דאָך געווען, ווי ער האָט געהערט, אַ יוצא־מן־הכּלל... זי האָט זיך דאָך נישט אונ־טערגעגעבן. זי האָט זיך פֿון אים נישט אָפּגעזאָגט. אים נישט פֿאַרדאַמט, ווי סע האָבן געטון אייגענע זין קעגן זייערע פֿאָטער און מוטער. צו וואָס זשע האָט עס געטויגט זיי צו באַשטראָפֿן, ווען זיי האָבן עס נישט פֿאַרדינט?... מיט וואָס איז שולדיק געווען זיין זינדל, אַז ער זאָל אים נישט שענקען כאָטש אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט?!...

נו, איצט איז עס שוין פאריבער. אלץ איז שוין הינטער דעם אלעמען. מען איז שוין, ווייזט אויס, איבערגעקומען דאס אלץ.

נעכטן, ווען מע האט גערופן אין דער קאנצעלאריע פון דער תפיסה, דער דירעקטאר גופא האט זיי גערופן איינציקווייז און געזאגט... יא, וואס האט ער געזאגט? ניין, ער ווייסט נישט גענוי וואס ער האט געזאגט, ער האט דאך גע־רעדט, גלייך ער וואלט געוועזן געלייענט א דרשה, וואס ער זאל זיך געוועזן האבן איינגעחזרט פון פריער, מיט פראזן ווי פון א בראשור... נישט נאר ער, אפילו די אנדערע, וועלכע זענען אויך פונקט ווי ער גערופן געווארן, און מסתמא האט מען זיי אויך געהאלטן די זעלביקע דרשה, אויך יענע נישט האבן פארשטאנען גארנישט, אדער נישט מסוגל געווען אויפצוכאפן כאטש איין פראזע. זיי האבן פארשטאנען בלויז איין זאך, אז אלץ וועט זיין „גוט", אז זיי וועלן ארויס אויף דער פריי... עס איז געוועזן נישט מער ווי א טעות...

וואס טעות, ווען טעות?... זיי האבן נישט איבערגעפרעגט. צו וואס טויג איבערפרעגן?! זיי האבן דען נאך נישט געלערנט געבוג אויף זייער אייגענער הויט, אז איבערפרעגן איז גאר איבעריק. אדער מע דארף נישט אדער סע העלפט נישט. איז העלפט דאך מסתמא נישט, איז צו וואס שטעלן פראגן, ווען מען ניצן די פראגן? אים, נאומען, העלפן שוין נישט קיין פראגן און אויך אפילו נישט קיין ענטפערן. ער ווייסט איין זאך: איצט לאזט מען אים ארויס פון דא אויף דער פריי. ער איז שוין נישט מער קיין „געפאנגענער" ביי זיינע „אייגענע"... אבער ביי זיך? פון זיין אייגענער געפאנגענשאפט, ווער וועט אים פריי לאזן?!

... מע האט אים געגעבן מלבושים. דאכט זיך, אז סע זענען די געוועזענע מלבושים מיט וועלכע ער איז געוועזן אנגעטון, ווען מע האט אים „פארנומען" און דאכט זיך אז סע זענען גאר אנדערע... אבער איז דען וויכטיק וואס פאר א מלבושים ער האט? דער עיקר איז וואס ער איז אנגעטון שוין נישט מיט קיין תפיסה־קליידער. ער האט א בילעט און פארט אהיים...

איז וויגט אים אויך די באן, צווישן די איבעריקע רייזנדיקע. ווער ווייסט דען א חילוק צו מאכן צווישן די רייזנדיקע וואס קומען און יענע וואס גייען? ... ווען מע זאל פארצייכענען די מחשבות פון די רייזנדיקע פון איין אייזנ־קן וואגאן, טראכט זיך נאום, וואלט ארויסגעקומען אזא בבלישע פארמישעניש, אזא מיש־מאש, אז מע וואלט געקאנט מיינען, אז מע האט באמת צו טון מיט משוגעים...

דערווייל זענען פֿאַרן פֿענצטער פּונעם וואַגאָן, געלאָפֿן אין איילעניש, אין וועלכן מע באַמערקט ביימער, טעלעפֿאָן־סלופּעס, פֿעלדער מיט הייזלעך, בריקן, סטאַציעס, ביי וועלכע די באַן האָט זיך אָפּט מאָל אויך נישט אָפּגעשטעלט. אַלץ, אַלץ איז אין איילעניש, עס איז דאָך אַ שנעל־צוג, גלייך אַלע וואָלטן זיך גע־איילט וואָס גיכער אים, נאָומען, אָפּצופֿירן אַהיים, אַהיים...

... אַהיים?!

# 2. אַן אלמן

אָנגעקומען, האָט נאָום, ווי אַ פריש געבוירענער, אָדער גאָר אויפגעשטאַנענער תחיית־המתים געדארפט אָנהייבן טראַכטן. ביז איצט האָט ער שוין אַ שיין שטיקל צייט געקאָנט לעבן אומגעטראַכט. סע האָבן דאָס געטון אַנדערע. יאָ, סע זענען דאָך געווען צו דעם צוועק אַנדערע, וואָס האָבן אים פאַרשפאָרט די דאָזיקע טירחא, די אומזיסטיקע טירחא צו טראַכטן. ער האָט בלויז געדאַרפט טון וואָס אַנדערע טראַכטנדיקע אָדער גאָר נישט־טראַכטנדיקע, האָבן פון אים געפאָדערט. איצט, איצט ווען ער איז אַראָפּ פונעם וואַגאָן אויפן וואָקזאַל, האָט ער שוין יאָ געמוזט אָנהייבן טראַכטן: ווי אַזוי קומט מען אָן אַהיים?

אין קעשענע האָט ער נישט געהאַט קיין איין לעי נישט, אפילו נישט אויף קיין בילעט אויפן טראַמוויי, מיט וועלכן ער זאָל אָנקומען ביז אַהיים...

איז ער אַרומגעגאַנגען אויפן וואָקזאַל ווי אָן אַ ציל, ביז ער האָט זיך אַנטשלאָסן, ווייל די צייט וואַרט נישט. באַלד איז מיטאָג צייט, מע הערט אויף די אַרבעט, וועט ער שוין נישט האָבן אפילו צו וועמען אָנצוקלינגען.

האָט ער זיך געגומען מוט (צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן!) און אַרויסגעוויזן אַן אייגענע איניציאַטיוו. ער איז אַריין אין ביוראָ פונעם וואָקזאַל און האָט געבעטן דערלויבניש אָנצוקלינגען.

דער דיספּעטשער האָט אים אָנגעקוקט, גלייך ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ משונהדיקע חיה:

— וואָס איז? — האָט ער אים פאַרחידושט געפרעגט מיט אַן אויפגעהויבענעם טאָן — אויב איר ווילט ערגעץ טעלעפאָנירן, איז זייט מוחל און גייט אַרויס, אין ווינקל וועט איר געפינען אַן עפנטלעכן טעלעפאָן, ספּעציעל פאַר אייך, אַז איר זאָלט טעלעפאָנירן וואוהין איר ווילט... דאָ איז נישט קיין קרעטשמע, אַז ווער סע וויל זאָל אַהער אַריינקומען און נאָך דערצו האָבן די העזה צו טעלעפאָנירן פון דאָ...

— אנטשולדיקט — האָט נאום קוים ארויסגעשעפּטשעט — אויב איך האָב אייך געשטערט, אנטשולדיקט, איך האָב נישט געוואָלט אייך שטערן...

— אויב איר האָט נישט געוואָלט — האָט זיך שוין יענער צעשריגן — איז צו וואָס זשע זענט איר אהער געקומען?! איר זענט פון דער פּראָווינץ, איר קאָנט נישט לייענען, איר זעט נישט אז דאָ איז דאָס דיספּעטשעראַט?...

נאום האָט זיך צוריקגעצויגן ווי אַן אָפּגעשמיסענער, הינטערווייַלעכס, ווי ער האָט אמאָל געזען אין קינאָ אז די הויפּסלייט ציען זיך אזוי צוריק ווען זיי ווילן ארויסגיין פון פאַרן מלך, איז ציט מען זיך אזוי צוריק, כדי זיך נישט אויסצודרייען מיטן הינטן צום מלך... אזוי האָט ער זיך אויך איצט צוריקגעצויגן, אָן דעם אז ער זאָל זיך אויסדרייען, געכאַפּט א בליק כדי צו געפינען די טיר און איז ארויס, ווי א הונט, וואָס מע האָט אָפּגעגאָסן מיט אַן אָקרעפּ.

אין דרויסן האָט ער ערשט ווידער נישט געוואוסט וואָס צו טון. ביז איצט, ווען ער איז נאָך געווען פאַרשפּאַרט, האָט ער געגאַרט אויף דער דאָזיקער מינוט, ווען ער וועט זיך שוין זען אמאָל אויף דער פרייַ. ער וועט טון וואָס אים וועט זיך וועלן, ער וועט אויפשטיין ווען סע וועט זיך אים וועלן. ער וועט עסן ווען סע וועט זיך אים וועלן. ער וועט זיך לייגן ווען סע וועט זיך אים וועלן — ער וועט זיין פרייַ... איצט, דאַכט זיך, אז ער איז שוין פריי און דאָך איז ביי אים אויף דער נשמה אזוי קאַלעמוטנע, אז כלעבן עס איז כמעט ערגער ווי פריער. אָט האָט אים איצט, למשל, דער דאָזיקער באַאמטער אָפּגעשייגעצט אָן א פאַרוואָס. מיט וואָס האָט ער זיך עס אזוי פאַרזינדיקט? ווייל ער איז אריינגעגאַנגען און געבעטן אז מע זאָל אים דערלויבן צו טעלעפאָנירן?!... יענער האָט דאָך געקאָנט פאַרשטיין, ווען ער וואָלט געהאַט א ביסל שכל אין קאָפּ, אָדער ער וואָלט געהאַט א ביסלע הארץ אין זיך... האָט יענער דען נישט א טראַכט געטון, אז איך בין געקומען אים בעטן, איז מסתמא האָט ער נישט אפילו קיין פינעף און צוואַנציק באַן מינצל, אז ער זאָל עס ארייַנשטעלן אין טעלעפאָן-אַפּאַראַט און טעלעפאָנירן?!... מסתמא איז יענעם אפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק, אז עס איז מעגלעך אזא פאַל. יאָ, אפילו אים, נאומען, וואָלט עס אויך געווען אמאָל נישט געקאָנט איינפאַלן... דער זאַטער גלייבט קיין מאָל נישט דעם הונגעדיקן. נאָך מער, ער שטעלט זיך אפילו נישט פאָר, אז עס איז מעגלעך אז מע זאָל הונגערן, אָדער זיין אין א מצב, אז מע זאָל נישט האָבן אפילו אזא קליין מינץ-שטיקל אויף צו טעלעפאָנירן...

ער האָט זיך ארומגעדרייט אויפן וואָקזאַל. אפשר וועט ער דערזען א באַקאַנטן ביי וועמען צו בעטן אזא קליינע הלוואָה, כאָטש אויף אָנצוקלינגען. בלויז אויף

אָנצוקלינגען. נישט מער. דאָס איבעריקע וועט זיך שוין מיט דער צייט אַלעס דערלעדיקן. זיין פרוי וועט באַלד אַלעס דערלעדיקן. זאָל ער נאָר קאָנען איר אָנקלינגען... דערנאָך וועט ער דאָ וואַרטן ביז זי וועט קומען נאָך אים. וואָס עפּעס אַנדערש קאָן ער דען טון?!

און וואָס מער די צייט גייט, וואָס מער ער דרייט זיך אַזוי אַרום אויפן פּע־ראָן און באַנעגנט נישט קיין איין באַקאַנטן, אַלץ ערגער איז די לאַגע. באַלד וועט מען פאַרלאָזן די אַרבעט. אויך זיין פרוי וועט מסתמא אַהיימגיין מיטאָג עסן. און אין דער היים האָט ער קיין טעלעפאָן נישט איבערגעלאָזט. ווער ווייסט צי זי האָט אין זיין אָפּוועזנהייט אינסטאַלירט אין דער היים אַ טעלעפאָן. איז בעסער איצט זיך צו איילן, כדי זי נאָך צו געפינען אין ביוראָ...

באַין־ברירה, איז ער אַריין אין אַ צווייטן ביוראָ פונעם וואָקזאַל, נישט צום דיספּעטשער:

— זייט מוחל — האָט ער מיט אַ תחנונימדיק קול זיך געבעטן, גלייך נישט ער וואָלט גערעדט, נאָר די נויט — איך דאַרף נייטיק געבן אַ טעלעפאָן, אָבער איך האָב נישט קיין מינצל... דערלויבט מיר, איך בעט אייך. איך ווייס אַז מע טאָר נישט פון דאָ געבן קיין פּריוואַט־שמועסן, אָבער איך בין אין אַזאַ מצב, אַז איך האָב נישט קיין אַנדערן אויסוועג... איך בעט אייך — האָט ער איבערגעחזרט, ווען ער האָט געזען אַז דער באַאַמטער קוקט אים אָן, גלייך ער איז איצט אַרויס פון משוגעים־הויז. יאָ, זיינע קליידער זענען אויך נישט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שיינע און אויסגעביגלטע, אַז מע זאָל קאָנען טראַכטן וועגן אים, אַז ער איז ביים קלאָרן שכל... אָבער, באַלד איז אים געקומען אויפן געדאַנק אַז מע דאַרף אויסניצן אויך די דאָזיקע עוועגטואַליטעט — איך בין נאָר וואָס אַרויס פון שפּיטאָל... וויל איך פאַרשטענדיקן...

ער האָט נישט געזאָגט, אַז ער וויל רעדן מיט זיין פרוי, נאָר געלאָזט די פראַגע אָפן, אַז מע זאָל קאָנען מיינען, אַז ער וויל ערגעץ אַנדערש וואו פאַר־שטענדיקן.

דער באַאַמטער האָט אַ ווײַלע געספּקט און אים נישט געגעבן קיין שום תשו־בה. נישט ער האָט געזאָגט ניין, אָבער ער האָט אויך נישט געזאָגט יאָ. מסתמא האָט ער טאַקע געטראַכט ווי אַזוי זיך און אים אָן עצה צו געבן. דערווייל גייט די צייט. באַלד וועט מען דאַרפן גיין עסן מיטאָג...

— איך בעט אייך — האָט נאָום ווידער איבערגעחזרט, מיט אַזאַ רחמנות־דיקן טאָן, גלייך ווי ער וואָלט ממש געשנאָרט אַ מינצל...

אזוי האָט עס טאַקע פאַרשטאַנען א צווייטער, און אנדערער באַאמטער, וואָס האָט געהערט דאָס געבעט. האָט יענער אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער קע־שענע, אַרויסגענומען עטלעכע מינצלעך:

— אָט האָט איר — האָט ער אים געזאָגט — גייט און טעלעפאָנירט אין דרויסן פונעם עפנטלעכן טעלעפאָן...

נאָומען האָט זיך געשיילט דאָס פּנים פאַר בושה... אָט צו וואָס ער איז דערגאַנגען אין דער „פריי". ער זאָל דאַרפן גיין בעטלען אזא קליין מינצל. נאָר קיין אנדערע ברירה האָט ער דאָך נישט געהאַט. האָט ער זיך באַדאַנקט און גע־נומען דאָס מינצל.

דעם טעלעפאָן־נומער האָט ער געדענקט. דאָס הייסט, אז דעם נומער פון דער צענטראַלע האָט ער געדענקט. האָט ער אַריינגעלייגט דאָס מינצל און גע־מאַכט דעם נומער... און בעת דער טעלעפאָן האָט דאָרט געקלונגען, ביי דער צענטראַלע, האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט דער אָטעם. דאָס האַרץ האָט אויפ־געהערט צו קלאַפּן, גלייך ער וואָלט זיך איצט געוועזן אונטערגעטונקען אין א גאָר קאַלטן טייך, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם... ער האָט געוואַרט אז די צענ־טראַליסטין זאָל זיך אָפּרופן:

— האַלאָ! — האָט ער דערהערט א פרויען־קול — טעלעפאָניסטין נומער נול־פיר...

— זייט מוחל און פאַרבינדט מיך מיטן ביוראָ וואו סע אַרבעט די חברטע בעטי דאַנטשולסקו־מאַרקאָוויטש...

— איר ווייסט וואו זי אַרבעט? — האָט די טעלעפאָניסטין איבערגעפרעגט.

— דעם אמת געזאָגט, ווייס איך איצט נישט גענוי — האָט נאָומ זיך ווי פאַרענטפערט — אָבער פריער האָט זי געאַרבעט אין דעם פרויען־אָפּטייל...

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט ער געוואַרט, געוואַרט ביז ער האָט ווידער דערהערט א פרויען־קול, אָבער דאָס מאָל שוין נישט פון דער צענטראַלע, נישט דאָס פריער־דיקע קול פון דער טעלעפאָניסטין:

— האַלאָ, ווער איז?

— איך בין א פריינד פון דער חברטע דאַנטשולעסקו... איך קום פון דער פּראָווינץ. קאָן איך רעדן מיט איר עפּעס גייטיקס... איך וויל זי באַזוכן אין דער היים און ווייס נישט ווי אזוי אהין אָנצוקומען... איך האָב נישט אויף הוצאות...

ווידער איז געוואָרן שטיל. ער האָט בלויז געהערט אז דאָרט רעדט מען צווישן זיך, אָבער אים גיט מען נישט קיין תשובה... ענדלעך האָט ער שוין ווידער געהערט דאָס זעלביקע קול:

— וואו זענט איר, פון וואו רעדט איר? ...

— איך רעד פונעם וואָקזאַל... איך האָב אפילו נישט קיין הוצאות ביז צון איר אהיים...

עס איז ווידער געוואָרן שטיל. מסתמא האָט מען צוגעהאַלטן מיט דער האַנט דעם מיקראָפאָן פונעם טעלעפאָן-טרייבל, כדי ער זאָל נישט הערן וואָס מע רעדט. נאָר אייגנטלעך, וואָס אינטערעסירט אים וואָס מע רעדט. זאָל מען נאָר געבן די פאַרבינדונג, וועט ער זיך שוין איינפאַרשטיין מיט בעטין. איר וועט ער נישט דאַרפן אויפקלערן גאָרנישט. זי ווייסט דאָך אין וואָס א מצב ער קאָן זיין...

— קאָן איך רעדן מיט דער חברטע דאַנטשולעסקו? — האָט ער מער נישט געוואָרט ביז מע וועט זיך דאָרט אזוי פיל שואל-עצה זיין...

— ליידער... וואָס, איר ווייסט נישט אז זי איז שוין געשטאָרבן?!...

... ווען ער, נאום, האָט דאָס דערהערט האָט ער א יעכץ געטון, ווי איינער וואָס האָט פאַרלוירן דעם שכל-הישר... ער אליין האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פונעם געשריי וואָס איז ארויס פון זיין האַלדז. גלייך נישט ער, מיט זיינע שוואַכע כוחות וואָלט אזוי געשריגן, נאָר אן אנדערער. נישט אן אנדערער, נאָר אנדערע, פיל אנדערע, א גאַנצער כאָר פון פאַרדולטע האָט געקאָנט ארויסברענגען אזא פאַרצווייפלטן אויסגעשריי... דאָס גאַנצע שווייגן, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט במשך די יאָרן, וואָס ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין „איך“ און מיט קיינעם קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט, גלייך דאָס גאַנצע וואָלט זיך אקומולירט אין אים, אין זיין מוח, אין זיינע קול-אָרגאַנען, און איצט האָט ער עס מיט א מאָל אויסגעשריגן אויף איין מאָל, ווי נישט מיט זיינע כוחות, און ארויסגעלאָזט פון זיינע הענט דאָס טרייבל, וואָס איז געבליבן נאָכהענגען אויפן קייטעלע און זיך געבאָמבלט אזוי, ווי ביי א פענדול-זייגער, הין און הער, ווי א געדאַנק פון איינעם וואָס האָט פאַרלוירן דעם שכל-הישר, ביז פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט עס געפונען די גלייכגעוויכט און זיך אָפּגעשטעלט... אָבער ער?

ער האָט נישט געקאָנט אזוי גיך צוריק געפינען די גלייכגעוויכט. ער האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן אין דער וואַנט, אז ער זאָל אומפאַלן, אָבער אויף די פיס האָט ער דאָך נישט געקאָנט זיך לאַנג האַלטן... ער איז אזוי אראָפּגעפאַלן, אראָפּגעגלישטנדיק זיך, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער ערד און געבליבן אזוי זיצן אין חלשות...

וויפל ער איז געוועז אין חלשות?!... ווער קאָן עס אים זאָגן?... ער האָט אַזוי פיל בלויז געהערט מיט זיינע נאָך נישט דורכגעוועקטע אויערן:

— אַ מענטש שיכורט זיך אָן, ווי אַ חזיר, און ווייסט פון זיך נישט...

יאָ, מע האָט אים גענומען פאַר אַ שיכורן... נאָר אַזוי האָט מען אים געהאָלפן אויפשטיין און אַרויסגיין פון דער טעלעפאָן-קאַבינע.

# 3. חרטה

נאום האָט זיך ווי אדורכגעוועקט פון א טיפן שלאָף. ער האָט זיך געריבן די אויגן, קוים וואָס ער האָט זיך דערמאנט וואָס סע טוט זיך מיט אים, וואָס עס איז געשען. ער האָט געהערט ארום זיך מענטשן רעדן. אָבער ער האָט זיי בכלל נישט געזען. ער האָט געהערט ווי איינער זאָגט: „א מענטש שיכורט זיך אָן ווי א חזיר"... און אנדערער, דאכט זיך, האָט געזאָגט: „וואָס גלאָצט איר אזוי? איר האָט מסתמא נאָך נישט געזען איינעם וואָס האָט די שלעכטע קראנקייט"... „וואָס הייסט, די שלעכטע קראנקייט?" פרעגט גאָר עמעצער, ניין, עס איז א קליין ייִנגל. ער הערט ווי מע ענטפערט אים: „עפּילעפּסיע"...

אָט די דאָזיקע רייד האָבן געראָיעט אין זיינע אויערן ווי בינען פאר די אויגן. אָבער ביסלעכווייז איז ער צו זיך געקומען. ער האָט זיך דערמאנט די ווערטער, וועלכע האָבן אים אָוועקגעלייגט, ווי מיט א האמער אין די שלייפן: זי איז געשטאָרבן...

און ער האָט גאָרנישט געוואוסט פון וואנען זאָל ער געוועזן ווּיסן? און נישט ווילנדיק איז געקומען איר געשטאָלט פאר זיינע אויגן, אזוי ווי ער האָט זי געזען צום לעצטן מאָל, ווען זי איז געקומען אים באזוכן אין תפיסה, צוזאמען מיטן ייִנגל... ביז איצט האָט ער ווי מיט געוואַלד אויסגעמעקט פון זיין זכרון אָט די דאָזיקע פיינלעכע באגעגעניש. ער האָט זיך נישט געוואָלט דערמאנען פון איר. ער האָט זיך דאָך דעמאָלט אויפגעפירט אזוי מיאוס, אזוי קינדיש, אזוי קאָמיש, אזוי טראגיש, אזוי נאריש, אזוי אכזריותדיק — וואָס האָט ער געהאט דעמאָלט צון איר?!... האָט ער געוואָלט פארגעסן דעמאָלט די באגעניש, ווייל זי איז געווען כמעט די גאנצע צייט פאר זיינע אויגן ווי אין א בילד וואָס איז געווען גאָרנישט גינציק פאר אים. קיין שום מענטש וויל נישט פארהאלטן אין זיין זכרון אזא מאָמענט, אין וועלכן ער האָט זיך ארויסגעשטעלט פאר א נארישן און א שלעכטן, פאר וואָס ער קאָן שוין נישט מער געפינען קיין בארעכטיקונג כאָטש ווי אן אויסרייד — און אויב א מענטש וויל עפּעס פארגעסן,

אין פאַרגעסט ער עס. סיי וואָס קאָן אַ מענטש פאַרגעסן אויב ער וויל עס נאָר... בלויז אַזאַ זאַך פאַרגעסט מען נישט, וואָס מע וויל נישט פאַרגעסן, וואָס מע וויל נישט אויסמעקן מיטן גוטן ווילן, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, פונעם זכרון, ווי אויבן איז עס שוין דערמאָנט געוואָרן ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט, איז עס איינע פון זיגמונד פרוידס טעאָריעס.

איצט, ווען ער האָט זיך דערזען בלאָנדזשענדיק אויף די גאַסן, צו פוס, ווען ער האָט זיך געלאָזט גיין צו זייער געוועזענער דירה — האָט ער זיך קוים-קוים ווידער דערמאָנט איר אויסזען, די ווערטער וואָס זי האָט גערעדט דעמאָלט צו אים ווען זי האָט אים ווי געלאַשטשעט מיט אירע בליקן, נאָר ער האָט ווי אויסגעדרייט דעם קאָפּ נישט צו זען זי, נישט צו באַגעגענען אירע בליקן, וועלכע האָבן אים דעמאָלט קיין שום פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפט. אדרבה, גלייך זיי וואָלטן אים געווען דעמאָלט אויפגערעגט... יאָ, דעמאָלט — אָבער נישט איצט, איצט האָט ער חרטה, ער האָט דאָך שוין חרטה געהאַט תיכף, נאָר אין זעלביקן טאָג, ווען ער האָט זיך צעשייד, ווען ער איז פון זיי אַוועק צוריק אויף זיין אָרט, און זיי האָט מען שוין פאַרטריבן, ווייל די צייט פאַרן באַזוך פון די קרובים האָט זיך געענדיקט. עס איז דאָך געווען דער איינציקער באַזוך וואָס מע האָט דערלויבט, ווייזט אויס, אַז שוין פון דעמאָלט אָן האָט שוין אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ נייער, פרישער ווינט, וואָס האָט דערפירט דערצו אַז מע זאָל אים, און אויך אַנדערע ווי אים, אַרויסלאָזן אויף דער פריי...

נו, איצט איז ער שוין אויף דער פריי... וויי, ווי נאַריש דער מענטש איז, טראַכט ער ביי זיך, מיט אַ ביטערן שמייכל. די גאַנצע צייט האָט ער געטראַכט געטראַכט און געחלומט אויף דער דאָזיקער מינוט, ווען ער וועט אַרויס אויף דער פריי. דאַכט זיך, אַז ער האָט געהאַט איין איינציקן וואונטש, צו עטעמען פריי. ער האָט נישט געבענקט נאָך קיין עסן, הגם ער האָט זיך דאָך געשפּייזט מיטן מינדסטן אויף צו דערהאַלטן דאָס חיות, אַז אַ טעם און אַ ריח, ווי מע גיט פאַר בהמות... און דאָך האָט ער נישט געבענקט נאָך קיין עסן. ער האָט אויך נישט געבענקט נאָך קיין וואַרעם בעט, הגם... נו, וואָס איז פיל צו רעדן? ער האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון אַלץ, ווי אַ נזיר, ווי איינער וואָס זוכט און געפינט אַ מקלט אין אַ מאָנאַסטיר און גיט זיך יאָ אָדער נישט אָפּ מיט תפילות, אָדער גאָר ווי אַ פּרוש, וואָס איז ווינציקער אָפּט, — אָבער איין זאַך האָט ער, מיינט ער, יאָ אויפגעטון. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער דערוועלטיקער געזעלשאַפט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דערוועלטיקן לעבן און וויל מער נישט האָבן צו טון מיט קיינעם און מיט גאָרנישט... כמעט אַזוי האָט ער דאָך אויך געחלומט

צו טון. ער וויל שוין נישט וויסן פון גאָרנישט, פון גאָרנישט ... פריי זיין? דאָס יאָ. ער וויל בלייבן מיט זיך אַליין. ער זאָל נישט פירן זיין לעבן, וואָס ער האָט נאָך הינטער זיך, לויט די פירשריפטן פון קיינעם, פון קיין שום מאָראַל, פון קיין שום געזעץ, אַלץ זאָל זיין ביי אים פריי און פרייוויליק ... ער וויל קיינעם נישט באַרירן און ער וויל קיינעם אפילו נישט זען, נאָר מע זאָל אים נישט הינ-דערן אין זיין „פריי'' לעבן, וואָס ער האָט נאָך הינטער זיך ... לעבן? לעבן הינטער זיך?

גלייך ער וואָלט זיך אָנגעשפּאַרט אָן עפּעס, גייענדיק אויף דער גאַס, אַזוי האָט זיך אים געדאַכט, נישט אין געדאַנק האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן א וואָרט, וואָס דערמאָנט איצט גאָרנישט אָן לעבן „הינטער זיך'', נאָר אָנעם טויט פון איר, וואָס ער האָט אי הינטער און אויך פאָדער זיך ...

זי איז כמעט קיין מאָל נישט געווען קראַנק — און איצט, מיט א מאָל, איז זי געשטאָרבן ... און וואָס איז מיטן קינד? דאַכט זיך, אז ער הייסט אָווי-דיו?! וואָס פאַר אַן אויסטערלעשן נאָמען, וואָס קלינגט אַזוי לאַטייניש, נאָכן אַמאָליקן רוימער פּאָעט, וועלכער האָט זיך אויסגעלעבט די לעצטע יאָרן, ווי א פאַרשיקטער דאַכט זיך דאָ, אין אונדזער לאַנד, אין טאָמיס, דעם היינטיקן קאָנסטאַנצאַ ...

אָווידיו ... ניין, בעטי, בעטי ... סע זענען אים געקומען טרערן אין די אויגן און אין האַלדז האָבן זיך אים געשטעלט נישט קיין ווערטער, נאָר אָט אַזא מין ווילדער געשריי, וואָס ער האָט אָן זיין ווילן אַרויסגעשריגן דאָרט ביים וואָקזאַל, אין דער טעלעפאָן-בודקע, ווען ער האָט דערהערט די דאָזיקע גרוי-זאַמע בשורה ... מסתמא האָבן זיי דאָרט נישט געוואוסט, ווער עס אינטערעסירט זיך. פאַרן מאַן וואָלטן זיי דאָך נישט געזאָגט אַזא מין טרויעריקע בשורה, פאַר א פרעמדן יאָ. פאַר א באַקאַנטן זאָגט מען דאָך יאָ ...

סע האָבן געשטיקט אין האַלדז, גלייך נישט צום אַראָפּשלינגען, עפּעס ווי א האַרטע נוס, נישט קיין ווערטער, נאָר אויסצושרייען, צו רעווען ווי א פאַר-וואונדיקטע חיה, אַזוי איז אים געקומען צו וואָיען, אָבער ער האָט זיך אָנגע-שטרענגט, מיט אַלע כוחות, זיך צו באַהערשן, אַראָפּצושלינגען די טרערן, און נאָך מערער די קולות וואָס האָבן זיך געשטופּט ווי ווילדע טשערעדעס וואָס שטו-פּן זיך און ווילן אַרויס פון דער פאַרצוימונג ...

סע האָט נאָך, דאַכט זיך, קיינער נישט אויפגעקלערט, פאַר וואָס א מענטש, ווען ער איז אין אַזא מצב, קומט אים אויפן געדאַנק און פילט אַזא שטאַרקן

ווילן, וואס קוים קאן ער אים באהערשן, צו צעברעכן עפעס, אויסצוקלאפן שויבן, צו ממית זיין ווערמען ווער סע קומט אים אונטער די הענט, צו בייסן, אויב נישט קיין אנדערן איז אפילו זיך גופא, זיין אייגן פלייש, צו נעמען און קלאפן קאפ אין די ווענט... וואס איז דאס שיגעון?!...

מיט אזעלכע ווילדע מעשים וועט ער זיך שוין יא קאנען בארואיקן, שטילן דאס אויפגעברויזטע געמיט?!...

נאום איז אנגעקומען אהיים, א מידער, ער איז דאך געגאנגען צו פוס כמעט עטלעכע שעה, ביז ער איז ענדלעך אנגעקומען צום הויז, אין וועלכן זיי האבן געוואוינט איידער מע האט אים „געכאפט" אויף דער גאס, ווי ער האט אמאל געזען אז „הינט-כאפערס" האבן געכאפט אין לאץ, א דראטענער קרייז אין שפיץ פון א שטעקן, א נע-ונדנע הונט, אים אריינגעווארפן אין קאסטן וואס אויף א וועגעלע, געשלעפט פון א פארפגרט פערדל... ניין, אים האט מען נישט געכאפט מיט קיין לאץ, אויך נישט אריינגעווארפן אין קיין קאסטן-וואגן, געשלעפט פון א פויל קוים לעבעדיק פערדל. אים האט מען פשוט געזאגט: אנו, זעץ דיך אויף!... מע האט אים גערוצט. מענטשן וואס ער האט אין זיין לעבן נישט געזען, האבן אים געדוצט. איינער איז געווען אין זיין רעכטס און א צווייטער אין זיין לינקס: זעץ דיך אויף... דאס טירל פונעם שיינעם, נייעם אויטאמאביל, איז שוין געווען אפן, ער האט בלויז געדארפט אריינגיין...

יא, אים האט מען נישט גענומען פון אט דא, פון דער היים, אז אויך זי זאל וויסן וואו ער איז אהינגעקומען... אבער זי איז דאך דא געבליבן מיטן קינד. דאס איז דאך געווען זייער דירה. אין דאך דאס איצט, הייסט עס, אליין געבליבן זיין דירה...

ער האט אנגעקלונגען, אבער ער האט שוין באמערקט אז אויף דער טיר איז שוין געווען א קארטעלע מיטן נאמען פון יענע וואס וואוינען שוין איצט, נישט „פאמיליע דאנטשולעסקו", ווי עס איז דא געווען אמאל אויפגעשריבן... מסתמא וועט מען דאך אבער וויסן עפעס אים צו זאגן. אבער געזאגט האט מען אים גארנישט. מע האט אים אפילו נישט אריינגעלאזט אין שטוב.

קודם האט זיך באוויזן א פרוי, וואס האט געעפנט און איז געבליבן אין דער טיר, כדי מע זאל נישט קאנען אריינגיין... ער האט געזאגט ווער ער איז, האט די פרוי גערופן פון איר ארט, פון דער טיר, בלויז דעם קאפ האט זי אויסגעדרייט, דער קערפער אירער האט ווייטער פארבאריקאדירט די טיר, און גערופן: „מיהאי!", מסתמא איז דאס איר מאן.

ווען יענער איז געקומען, נאָר דעמאָלט האָט זי זיך דערוווּסט פון דער טיר, און איר אָרט האָט פאַרנומען דער מאַן, מיהאַי. ער האָט געפרעגט וועמען ער זוכט.

— איך זוך מיין משפחה — האָט נאָום נישט געוואוסט ווי אזוי צו פאָרמולירן דעם ענטפער. ער האָט געוואָלט זאָגן אז ער זוכט זיין פרוי און קינד, וואָס ער האָט זיי דאָ, אין דאָזיקן הויז, איבערגעלאָזט, אָבער ער האָט זיך צו דער צייט, איידער די ווערטער זענען ארויסגעפלויגן פון זיין מויל, געצוימט און געזאָגט — מיין יינגל וואו געפינט זיך?

— יאָ, דאכט זיך — האָט דער „מיהאי" געענטפערט ווי אן אומשולדיקער שולדיקער, ווייל ווי אזוי אנדערש קאָן ער אויסזען אין די אויגן פון דעם וואָס איז געווען דער בעל-בית אין דער דאָזיקער דירה, איידער ער איז אהינגעקומען... איצט, דאכט זיך, שלאָפט ער דאָך נאָך אין זיין בעט, ער איז דאָך אייגנטלעך דער בעל-בית כאָטש אויפן מעבל וואָס איז נאָך געבליבן אין הויז... נו, קאָן מען צומאכן די טיר און נישט געבן קיין ענטפער כאָטש אויף זיינע פראגן, הגם זיי זענען פיינלעך?! — אָ, דאָס יינגל איז אין א היים... ניין, נישט ביי דער מומע. אין א „היים"... מע האָט אים באַשטימט א פענסיע פון א יורש, נאָכן שטארבן פון... אייער פרוי, דאכט זיך...

נאום האָט שוין מער נישט געהאט וואָס צו פרעגן, אָבער דאָך איז ער נאָך נישט אוועק פון דאָרט. וואוהין זאָל ער זיך איצט לאָזן גיין, מיט די ליידיקע הענט? וואוהין?... זענען זיי ביידע געשטאנען א ווילע און נישט ארויסגערעדט קיין וואָרט. עס איז געווען פיינלעך. אָבער זיי זענען געשטאנען און געקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן, אין וועלכע מע האָט געקאָנט לייענען נישט ארויסגעזאָגטע מחשבות: „מיהאי" האָט זיך געטראכט, ווער צום טייוול האָט אים איצט אהער אָנגעטראָגן, אז ער זאָל אונדז שטערן די רו?... און נאום האָט געטראכט: אזא העזה. איינער באַזעצט זיך אין זיין דירה, גזלט אוועק דיין האָב, ווי אָרעם און באשיידן סע זאָל נישט זיין די גאנצע „זיבן זאכן", זענען זיי דאָך אָבער זיין פארמעג, און איצט לאָזט ער אים אפילו נישט אריבערטרעטן די שוועל...

אָבער קיין אנדערע עצה האָט ער איצט נישט, האָט ער געזאָגט:

— אפשר קאָנט איר מיר אויסבאָרגן א הונדערטער... איך זאָל קאָנען פאָרן צו מיינע עלטערן.

— איך וויים? — האָט ער זיך געיישובט, אָבער נישט געוואוסט ווי אזוי איבערצולאָזן די טיר, אן אָפענע. ער האָט דאָך נישט געוואָלט בשום אופן נישט,

אַז דער דאָקטער (ווי אַזוי זאָל ער אים אָנרופֿן?) זאָל זיך אַריינגנבענען אינע־ווייניק, ווייל אַז ער וועט זיך שוין דערזען אינעווייניק, קאָן זיין, אַז ער וועט שוין נישט האָבן קיין חשק צו פֿאַרלאָזן דאָס דאָזיקע הויז, וואָס ער פּרעטענ־דירט, מסתמא, אַז עס איז זיינס, הגם... האָט ער גערופֿן זיין פֿרוי, פֿון דאָרט שטייענדיק ביי דער טיר, אין דער טיר — זוך אַרוים הונדערט לעי...

די פֿרוי איז צוריק אַוועק, און ביז זי זאָל קומען צוריק מיטן געלט, האָט נאָום אויסגעניצט די צייט אויף נאָך אַ פֿראַגע:

— אפֿשר ווייסט איר, פֿון וואָס איז געשטאָרבן מיין פֿרוי?

— די חברטע בעטי — האָט שוין געזאָגט היימיש, דער נייער קאָמעניק פֿון זיין געוועזענער דירה — איז געשטאָרבן פֿון קאַנסער... זי האָט זיך שווער געפּלאָגט מיט די ליידן... עס איז שוין נישט געווען וואָס צו טון...

נאָום האָט באַקומען די הלוואה פֿון די הונדערט לעי און איז אַוועק צוריק צום וואָקזאַל.

אויפֿן וועג האָט ער ערשט איבערגעטראַכט: מע וואָלט געדאַרפֿט איבער־פֿרעגן אַ דאָקטער, צי פֿון ערגערנישן, פֿון גייסטיקע צי מאָראַלישע ליידן קאָן מען באַקומען די אומהיילבאַרע קרענק, וואָס מע רופֿט שוין היינט אָן „יענע קראַנקייט" און כאָטש מע רעדט נישט אַרוים דעם נאָמען, ווייסט מען שוין, אַז מע מיינט אַ ראַק... און אין מוח האָט אויפֿגעשפּראָצט אַ געדאַנק, וואָס וועט אים שוין נישט אָפּלאָזן אויף זיין גאַנץ לעבן: אפֿשר איז ער גאָר שולדיק אין טויט פֿון יענער וואָס האָט זיך „איינגעבויגן" צו זיין גורל, אויף זיין מדריגה, אויף זיין טרעפּל פֿון אַ לייטער, וואָס זיי האָבן געמיינט אַז זי איז אויך זייערע — און פֿאַרבונדן איר גורל, מיט איר טרעפּל אויך פֿון איר לייטער?!..

# 4. עלטערן און קינדער

... דאָס לעבן איז, דאַכט זיך, אומעטום דאָס זעלביקע. אין דער היים, דאָ, ביי זיינע עלטערן, איז ער דען שוין יאָ פריי? עס איז דאָך אויך כמעט א „תפיסה“, נאָר דאָך עפּעס, מיט כמעט גאָר ווייניק, אנדערש ווי דאָרט.

ווען ער איז אָנגעקומען אהיים, איז זיין פאָטער געווען אין דער קוזניע. דאָס הייסט אז אין הויף. ער האָט געארבעט, אָבער ער האָט זיך דאָרט ארומגע־דרייט, גלייך ער וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט, אָדער גאָר געארבעט. די מוטער איז געווען אין דרויסן, אויך אין הויף. ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי ארויס געלאָזט ווי א געשריי: „נאָאָן!“ ווי אָן איר ווילן, און זי האָט אינסטינקטיוו גענומען מיט דער רעכטער האנט א שפּיץ פונעם פארטוך און געפירט צון איר מויל ווי געוויינטלעך פרויען טוען, ווען זיי זענען פארטראכט צי פארחידושט... נאָר דער פאָטער, ער האָט אפילו נישט געקוקט צון אים, גלייך ער וואָלט אים נישט באמערקט, הגם עס איז געווען נישט צום אויסמיידן. זיי האָבן דאָך בא־געגנט זייערע בליקן, אָבער ער האָט זיי אויסגעמיטן. נישט געוואָלט אָנקוקן זיין זון, דעם „פּאָרעץ“, וואָס האָט זיך „אויסגעמענטשלט“, זיך אָפּגעזאָגט אפילו פון זיין נאָמען, האָט נישט געוואָלט אפילו אז מע זאָל אנען אז ער איז א ציגיינער, און „פארשווארצט“ זיין אלט פּנים, דערגייענדיק צו ווערן אויף לייטיש געלעכטער, א „תפיסהניק“... די מוטער? יאָ, א מאמע בלייבט א מאמע. זי האָט אים ארומגענומען, ווי מע נעמט ארום א קינד, נאָר ער איז שוין קיין קינד נישט געווען מער, נאָר כמעט א זקן, כאָטש אין די יאָרן נאָך יונג, זענען ביי אים שוין די האָר פארגרויט דאָ און דאָרט, פאר דער צייט. פון צרות...

זי האָט אים אריינגעפירט, גלייך ער וואָלט שוין אליין נישט אָנגעטראָפן דעם וועג: שוין לאנג נישט געווען דאָ...

— נאָאָן, נאָאָן — האָט זי איבערגעחזרט זיין אמאָליקן נאָמען, ביי וועלכן ער איז אויף תמיד פאר די עלטערן פארבליבן — ביסט אהיים געקומען?

— זעסטאָך! — האָט ער געזאָגט מיט א געצוואונגענעם שמייכל, ער האָט געוואָלט זיך ארויסווייזן הייטערער ווי ער איז געווען. ער האָט דאָך געוואוסט אז זיינע עלטערן האָבן קיין מאָל נישט מסכים געווען מיט זיין וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך געלאָזט גיין, קענען זייער ווילן, אָבער לויט זיין הייסער איבערציי־גונג, אז ער טוט ריכטיק, ווייל דער דאָזיקער וועג איז דאכט זיך דער איינציקער, וואָס ווייזט אים א צוקונפט, בפרט ווען ער איז א „ציגיינער"... דאָס איז דאָך דער איינציקער וועג און אויסזיכט אויף בעסערע צייטן, ווען קיינער וועט אים אין פנים נישט ווארפן זיין אָפּשטאם — יאָ, אלץ מוז נעמען א סוף... מע האָט מיך אהיים געשיקט... אויסגעדינט, ווי א סאָלדאט — האָט ער לאכנדיק גע־זאָגט, ווי איינער קערט זיך אום פון דער שלאכט — איצט בין איך שוין אויף דער פריי... איז וואוהין גייט מען, אויב נישט צו דער מאמע?!...

— יאָ, א מאמע בלייבט א מאמע — האָט זיין מוטער מסכים געווען מיט א זיפץ — וואוהין דען האָסטו איצט צו גיין? — „זי" האָט זיך נעבעך אויסגע־טאָפּעט ווי א ליכט, מע זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד. אז אפילו קיין קבר האָט זי נישט וואו מע זאָל אמאָל אָנצונדן א ליכטל פאר איר נשמה... דו ווייסט דאָך אז אזוי איז שוין ביי „אייך" דער מנהג, הגם אויך ביי יידן איז נישט אזוי...

— נו, וואָס זאָל מען טון? — האָט נאָום געוואָלט פארגלעטן מיט א טרייסט, כדי סע זאָל נישט פארגרעסערן די ווייטיק נישט ביי אים און אויך נישט ביי דער מוטער — אזוי זענען די צייטן...

— אז אָך און ווי צו אזעלכע „צייטן" — האָט די מוטער אָפּגעענטפערט און נישט קוקנדיק צון אים, האָט זי אויסבאַהאַלטן אירע טרערן, וועלכע זי האָט געווישט מיט איר פארטעך — וועמען ניצן אזעלכע „צייטן"?...

— פאר יעדן ניצן זיי — האָט נאָום אָפּגעענטפערט מיט א פראזע, וואָס סע האָט אים גופא אויסגעדאכט אז נישט ער רעדט זי ארויס, נאָר א פרעמדער, פון א בראָשור, אָדער פון זיינע אמאָליקע פראזן, בכל־אופן נישט פון זיין הייינטיק דענקען קאָן ארויסגיין פון זיין מויל אזא ליידיקע פראזע, אין וועלכער ער גלייבט שוין נישט. אדרבה, ער גופא טראכט דאָך ביי זיך אויך אזוי, אז אזעלכע „צייטן" ניצן קיינעם נישט. קיינעם נישט. אלנפאלס נישט פאר יענע וואָס האָבן מקריב געווען זייערע יונגע יאָרן, אז די דאָזיקע „צייטן" זאָלן קומען. אויב זיי ניצן יאָ, איז עס פאר א קליין הייפל (נישט „מענטשן" נאָר „אוממענ־טשן!") שונאים — נאָר פאר די שונאים ניצן זיי נישט...

די מוטער האָט דען געקאָנט ווייסן, אז איר נאָך זאָגט איר דעם סאמע הי־פוך פון דעם וואָס ער טראכט באמת ביי זיך, האָט זי אים ווייטער אָפּגעפרעגט:

— שונאים, זאָגסטו? — האָט זי געזאָגט מיט א טאָן ווי זי וואָלט זיך געקריגט מיט עמעצן, נישט מיט אים. מיט אים וויל זי זיך שוין נישט קריגן. זי וויל אים נאָר אויפקלערן, אז אזוי ווי זי פארשטייט מיט איר ווייבערישן שכל, אָבער מער מיטן הארץ פון א מאמע — ווער זשע זענען די שונאים?... שונאים... מע זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, מע ווייסט דאָך גאָרנישט אויף קלאָר ווער סע זענען די „שונאים“... אָט האָט מען גאָר אויסגעפונען אז דו ביסט גאָר א „שונא“.

נו, אָט דאַרף ער ווידער הערן אזעלכע פשוטע רייד, פון א פשוטן מענטש, א נישט געלערנטע פרוי פון א ציגיינער, שטעלט אים די דאָזיקע פראגן, אויף וועלכע ער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין ענטפער אין די אלע יאָרן פון זיצן אין יענער פינצטערער ווייטיקלעכער תפיסה, אין וועלכער סע האָבן אים איינגעזעצט, ווער, די „שונאים“?... ער איז דאָך גאָר געווען דאָרט דער „שונא“?!...

— דער רוח ווייסט שוין ווער דער „שונא“ איז — האָט זיך ביי אים ארויסגעכאפט פונעם מויל, אויך אָן זיין ווילן, אָבער ער האָט שוין נישט געוואָלט אויסבעסערן, הגם ער האָט זיך נישט גוט געפילט אפילו פאר זיין מוטער, אז זי זאָל פון זיינע רייד פארשטיין, אז אויך אויף זיין נשמה איז איבערגעלאָדן מיט די זעלביקע פראגן וואָס זי שטעלט אים. ער האָט אָבער נישט געוואָלט עס ארויסווייזן. ער האָט דאָך נישט געוואָלט אז מע זאָל פון זיינע רייד פארשטיין אז ער האָט חרטה אויף זיין אמאָליקער טעטיקייט. נישט אין דעם איז דאָך באשטאנען דער אומגליק, נישט ער האָט זיך געלאָזט אויף א שלעכטן וועג. אויך היינט איז ער איבערצייגט, אז דער וועג אויף וועלכן ער האָט זיך געלאָזט איז געווען א ריכטיקער, אָבער מיט דער צייט, האָט דער וועג זיך ערגעץ געקרייצט, ער האָט אפילו עס נישט באמערקט, ווען און ווי אזוי עס איז געשען... ער ווייסט אפילו נישט אויפן היינטיקן טאָג נישט, ווער סע האָט פארביטן די לייטער, פון אונטער זיינע פיס, אז ער זאָל זיך דערזען אויף אן אנדערער מדריגה, אויף אן אנדער טרעפּל, וואָס איז פרעמד פון אים...

— דו האָסט נאָך אלץ א טעות — האָט אים די מוטער שוין געזאָגט, ווי א צופרידענע, ווייל זי האָט דאָך אויך מיט איר מוטער-הארץ, אויב נישט מיטן שכל פון א קלוגער ציגיינערישער חכמה — נישט דער „רוח“ ווייסט... ניין, נישט דער „רוח“. דו ווייסט דאָך, אז רוחות זענען פאראן בלויז אין מיין „כישוף-טעפּל“, אין וועלכן דו האָסט קיין מאָל נישט געגלייבט... ווייס זשע דעם גאנצן אמת, אז אויך איך גלייב נישט אין קיין רוחות, איך גלייב אָבער יאָ אין מענטשלעכע רוחות... יאָ, דיע זענען פיל סכנהדיקער ווי יענע אויסגעטראכטע „רוחות“. צווישן מיינע רוחות — האָט זי שוין געזאָגט מיטן זעלביקן

שמייכל, און שוין ארויסגעוויזן אַן אמתדיקע מוטערלעכע פרייד, וואָס זי זעט אים שוין אַ געזונטן, אַ פרייען, ביי איר טיש, אויף וועלכן זי גרייט צו אַן אָנביסן — יאָ, וואו האַלט איך? יאָ, צווישן מיינע „רוחות" דאַרף איך פיל נישט זוכן די „שונאים". איך האָב זיי אַלע אין מיין רשות, מיט מיין „כישוף", מישטיינסגערעדט, באַוועלטיק איך זיי. זיי קאָנען מיר נישט טון קיין בייזס, אַז איך זאָל זיי האַלטן פאַר „שונאים"... זיי טוען נאָר דאָס וואָס איך באַפעל זיי, מישנדיק מיינע קרייטעכצער, די כישוף־קרייטעכצער, וועלכע דו האָסט זיי געקאָנט אַמאָל, אין דיינע יוגנט־יאָרן... קענען מיר האָבן זיי קיין מאָל נישט געהאַט קיין כוח, גיין, מיינע „רוחות" זענען קיין „שונאים" נישט... נאָר, זעסטו, מיט דעם זועסטו שוין אפשר יאָ זיין גערעכט. צווישן דיינע „רוחות", דאָרט וועסטו שוין, דאַכט זיך, קיין איין פריינד נישט געפינען, נאָר בלויזע „שונאים", ווער אַ פאַרהוילענער, ווער אַן אָפענער, אָבער נאָר שונאים... פון וואו נעמט זיך אַזוי פיל שינאה?!...

די פראַגע איז געבליבן אין דער לופטן. אייגנטלעך האָט זי דאָך דאָס נישט געפרעגט אויף צו באַקומען פון אים אַן ענטפער. בפרט אין דעם מאָמענט, ווען דער אַלטער „דאַנטשו" איז אַריינגעקומען, שטום, און נישט רעאַגירט, נישט געוויזן אפילו מיט קיין וואונק זיין אַנוועזנהייט, באַלד צוריק אַרויס, פונקט אַזוי שטום ווי ער איז אַריינגעגאַנגען איז ער אַרויסגעגאַנגען... גלייך ער האָט על־פי טעות געעפנט אַ פרעמדע טיר, און ער איז צוריק אַרויס, אָן דעם צו זאָגן: „זייט מוחל!"...

די מוטער האָט געפרואווט פאַרענטפערן דאָס שטומקייט פון זיין פאָטער:

— מיינסט ער פרייט זיך נישט, וואָס ביסט אַהיימגעקומען? — האָט זי געזאָגט אַ צופרידענע — ער איז ממש קראַנק געוואָרן, זינט מע האָט דיך פאַרנומען... דו זעסט ווי געעלטערט ער איז געוואָרן אין דער צייט?... עס איז אים געווען אַ ווייטיק, און נאָך פיל גרעסער די בושה... דו ווייסט דאָך, ער איז פון די שטאָלצע. סיי מיט זיין נאָמען „דאַנטשו", וואָס איז פאַר אים אַ כבוד־זאַך, און אויך מיט דעם וואָס ער איז אַ ציגיינער. ער איז אויך מיטן דאָזיקן שטאָלץ געוואָרן דער „בוליבאַשאַ" פון די ציגיינער...

— אפשר האָט ער אויך רעכט — האָט נאָום שוין איצט גאַנץ אויפריכטיק צוגעגעבן ווי ער וואָלט מסכים געווען מיטן פאָטערס מיינונג, וואָס אַרויסגעזאָגט האָט עס נישט ער פערזענלעך, ווייל ער רעדט דאָך איצט נישט מיט אים, נאָר זי, די מוטער. זי איז דאָך איצט די „וואָרטזאָגערין" פון איר זייט און אויך פון זיין זייט, פונעם פאָטערס. זי רעדט דאָך איצט אויך אין זיין נאָמען — נאָר

איך פרעג מיך — האָט נאָום געזאָגט ווי צו זיך — איך פרעג מיך, ביז ווי לאַנג וועט ער אַזוי שווייגן און מיך אויסמיידן?...

— ער מיידט דיך נישט אויס — האָט די מוטער געוואָלט פאַרזיסערן די באַציונגען צווישן פאָטער און זון — ער שווייגט נישט איצט, ווייל דו ביסט אהיימגעקומען, און ווייל אפשר נישט רעדן מיט דיר, ווי סע קאָן זיך דיר גאָר אויסדאַכטן... ניין, ער שווייגט שוין פון לאַנג. ער רעדט צו קיינעם נישט, גלייך ער וואָלט געווען שטום געוואָרן, זינט ער האָט זיך דערוואוסט אַז מע האָט דיך פאַרנומען און מע האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי... אפילו מיט מיר רעדט ער נאָר וואָס עס איז דאָס נייטיקסטע. אַזוי פיל און מער נישט. קודם איז עס מיר שווער געווען איבערצוטראָגן. איך האָב געמיינט אַז ער איז חלילה אראָפּ פונעם זינען, אָבער מיט דער צייט האָב איך זיך צוגעוווינט. ער איז ביים גאַנצן שכל. אדרבה. ער איז פיל מער ביים שכל ווי פיל מענטשן, וואָס האַלטן זיך פאַר איבערחכמים. נאָר ער וויל אָבער גאָר מיט קיינעם נישט רעדן... אפשר האַלט ער גאָר, אַז רייד זענען איבעריק?!... מע קאָן דען וויסן וואָס סע שפּילט זיך אָפּ אין זיין מוח, אַז ער שווייגט? די גאַנצע צייט שווייגט ער... גלייך ער וואָלט גאָר-נישט געזען, וואָס סע קומט פאָר אַרום אים, אויף דער דאָזיקער זינדיקער ערד, אויף וועלכער יעדער מענטש דאַרף אָפּקומען...

— דו וועסט נישט גלייבן — האָט נאָום געזאָגט דער מוטער, שוין אַ הײמי-שער, ווי ווען מע טרויט שוין אָן עמעצן אַ סוד, זיין סוד. זי איז דאָך זיין מו-טער, אויב נישט איר, וועמען קאָן ער איצט אָנפאַרטרויען זיין אַ סוד?! — אַז איך בין אויך אַזוי געווען די גאַנצע צייט... די גאַנצע צייט בין איך געווען שטום... איך האָב צו קיינעם נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט...

— מיט וועמען האָסטו דען געהאַט, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד — האָט די מוטער ציניש געזאָגט — צו רעדן, מיט די ווענט?!

— ניין, איך האָב יאָ געהאַט צו וועמען, נאָר איך האָב נישט געוואָלט — ער האָט גערעדט מיט אַ שטילערן טאָן, גלייך ער וואָלט געזאָגט, אַז קיינער זאָל אים נישט הערן, אַזאַ סוד — אפילו מיט איר, מיט בעטין, ווען זי איז געקומען איין איינציק מאָל מיך באַזוכן, צוזאַמען מיטן יינגל, האָב איך אויך נישט גע-רעדט... איך האָב נישט אַרויסגערעדט קיין איין איינציק וואָרט נישט...

— ווי אַזוי דאָס? — איז די מוטער שטיין געבליבן פאַר אים, נישט בלויז פאַרחידושט, נאָר אויך מיט פאָרוואורף — האָסט מיט איר נישט גערעדט?!... מיט איר, וועלכע האָט אַזוי פיל געליטן צוליב דיר, אַז זי איז אריין אין קבר... איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד. אין „קבר" איז זי נישט אריין, נעבעך, נאָר

אין „קוימען“, אָבער דאָך האָט זי זיך געפעלט פאַר דער צייט ... מסתמא פאַר די בושות און האַרץ-ווייטיק, צוליב דיר ... ווי אַזוי האָסטו עס געקאָנט טון, נאָאָז, ווי אַזוי?! ...

— איך האָב נישט געקאָנט רעדן, גלייב עס מיר, מאַמע — האָט ער זיך נישט נאָר פאַרענטפערט פאַר דער מוטערס שטראָף-רייד, נאָר זיך געבעטן ווי מחילה — נישט איך האָב נישט געוואָלט רעדן מיט איר, מיט זיי, גלייב עס מיר, איך האָב נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל ...

— אַזוי טוט עס איצט דיין פאָטער ... דו ראָטסט אָן אים, מסתמא, פונעם זעלביקן שניט, איז האָסטו אים געירשנט אויך זיין טבע ... איך קאָן אים שוין, זינט אונדזער צוזאַמענלעבן. אָבער זאָלסט וויסן, אַז ער איז אַ מענטש, וואָס צו זיין אַ מענטש הייסט, ער איז אַ מענטש פון מענטשן-לאַנד ... ער קאָן געבן זיין נשמה ווען סע האַנדלט זיך אין אַ גערעכטער זאַך, ווען מע דאַרף למשל צולייגן אַ האַנט און עמעצן אַ טובה טון, אָבער ער איז אויך אַ נקמהדיקער ... נישט חלילה צו טון שלעכטס. איך מיין, אַז אין זיין גאַנץ לעבן האָט ער קיינעם נישט געטון קיין שלעכטס, אויך פאַר יענע וואָס האָבן עס אפשר ביי אים יאָ פאַרדינט, ניין, ער האָט זיך נישט נוקם געווען אַזוי ווי מע פאַרשטייט דאָס וואָרט ביים פאָלק אין אַלגעמיין. ניין, אויב ער האָט זיך שוין יאָ געוואָלט אָן עמעצן נוקם זיין, האָט ער אים אָפּגעטון נישט מער, ווי ער האָט צון אים מער נישט גערעדט. נישט פאַר שלעכטקייט. ניין, פשוט, פון דעמאָלט אָן האָט ער מער יענעם מענטש, וואָס האָט אים אָנגעטון עפּעס אַן אומרעכט, יענעם מענטש האָט ער מער נישט געזען פאַר זיינע אויגן, הגם ער האָט אים גאַנץ זיכער געזען ... אַזוי טוט ער עס מסתמא איצט אויך מיט דיר ... ער זעט דיך נישט ... אָבער סע וועט פאַריבער ...

— מיט וואָס האָב איך אים אָנגעטון עפּעס שלעכטס? — האָט נאָום גע־פרעגט, הגם ער האָט זייער גוט געוואוסט וועגן וואָס די מוטער רעדט, נאָר ער האָט געוואָלט זי אָפּשטעלן פון איר לאַנגן „מאָנאָלאָג“. ער האָט דאָך געזען, אַז דאָס מאָל רעדט זי דאָך שוין נישט מער צון אים. ער איז בלויז דער אויסרייד. איצט רעדט זי מער צו זיך אַליין. זי רעדט זיך אָפּ פונעם האַרץ — פאַר וואָס פאַרדינען איך אַז ער זאָל צו מיר נישט רעדן, אָדער מיך „נישט זען“? ...

— איך זאָג דען אַז דו האָסט עס פאַרדינט? — האָט די מוטער געזאָגט אַ שולדיקע — איך זאָג נאָר, וואָס איך שטעל מיר פאָר, אַז סע קומט פאָר אין זיין קאָפּ, וואָס ער טראַכט איצט, ווען ער זעט דיך יאָ, און מאַכט זיך אַז ער זעט דיך נישט ... האָב געדולד, סע וועט אים איבערגיין, וואָס דען קאָן ער טון?

ער איז דאָך א פּאָטער, און א פּאָטער קאָן קיין רוגזה נישט האלטן אויף זיין אייגענעם בלוט און פלייש, הגם דו ביסט נישט געגאנגען אינעם דרך, וואָס ער וואָלט געוועלט... נאָר, וואָס איז שוין איצט דאָ צו שמועסן? אלץ איז פאַריבער...

פאַריבער, זאָגסטו? — האָט נאָום געוואָלט זי פרעגן, אָבער ער האָט זיין געדאנק נישט ארויסגעזאָגט... מע קאָן דען ארויסזאָגן אלע געדאנקען?! אדרבה, דאָס רוב געדאנקען קאָן מען דווקא נישט ארויסזאָגן. מיינסט דארף מען זיי אראָפּשלינגען. מע דארף פארבייסן די ליפּן און פארשווייגן... אפשר טוט טאקע זייער גוט זיין פּאָטער, וואָס שווייגט, פּונקט אזוי גוט ווי ער האָט אזא לאנגע צייט געשוויגן?!... אָבער, דאָ טראכט ער זיך ווידער, מע מעג דען אלע מאָל שווייגן? אָט האָט ער געשוויגן, ווען מע האָט בשום אופן נישט געטאָרט שווייגן... ער האָט געשוויגן ווען בעטי איז געקומען צו אים...

ער האָט דעמאָלט געשוויגן, און וועט זיך דאָס נישט קאָנען מוחל זיין אויף זיין גאנץ לעבן... ניין, נישט אלע מאָל מעג מען שווייגן, פאַראַן מאָמענטן, ווען מע טאָר בשום אופן נישט פארשווייגן, אָדער פארשוויגן ווערן. אויב דאָס ווערטל „שווייגן איז גאָלד" איז אַמאָל יאָ גילטיק, איז עס נישט אלע מאָל אזוי. ער זעט דאָך, אז צו מאָל איז שווייגן גאָר א פאַרברעכן...

אָבער ער האָט די דאָזיקע געדאנקען נישט געקאָנט זאָגן פאַר זיין מוטער. סע קאָן זיין, אז זי וואָלט אים יאָ פארשטאנען, און סע קאָן ווידער זיין, אז זי וואָלט אים נישט פארשטאנען, אפילו ביים בעסטן ווילן...

איז בעסער שוין איבערצוהאקן דעם שמועס — און שווייגן...

## 5. ווידער פונסניי

בעת נאום האָט צוגעקלאַפּט מיטן זעץ־האמער צום טאקט פון זיין פאָטערס קליינעם העמערל, אויפן אָנגעהיצטן אייזן, וואָס דער פאָטער האָט געהאלטן איינגעבויגן אין דער צוואנג פון זיין רעכטער האנט, און עס געדרייט אויף אלע זייטן, אויף דער קאָוואלניע, כדי דעם אייזן צו געבן א פאָרעם — האָט זיך פאר דער קוזניע אָפּגעשטעלט א מאשין. פון יענע שיינע אויטאָמאָבילן וואָס ווערן באַניצט פון די פּארטיי־אקטיוויסטן.

פון דער מאשין איז ארויסגעקומען א נישט גאָר יונגער מענטש. ביי זיינע שלייפן האָבן זיך שוין באוויזן גרוילעכע האָר. ער האָט זיך ארומגעקוקט. ער האָט געוואָלט געווינען צייט. געקוקט רעכטס, זיך פאמעלעך אויסגעדרייט אויף לינקס, גלייך ער וואָלט עמעצן אָדער עפּעס געזוכט. אָבער מע האָט געזען אז דאָס אלעס איז נאָר אזוי, סתם אן אויסרייד. אז ער איז געקומען האָט ער דאָך געהאט א פארוואָס. אויב ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר דער קוזניע, האָט ער געוואוסט פאר וואָס. אויב ער איז ארוים געקומען פון דער מאשין, האָט ער גאנץ גוט געוואוסט אז טאקע אהער איז ער בכיוון געקומען. דאָ דארף ער מיט עמעצן מסתמא עפּעס רעדן... נאָר, דאָ האָט אים קיינער ווי נישט געוואָרט.

נישט נאום, נישט זיין פאָטער האָבן זיך נישט געלאָזט שטערן פון זייער ארבעט. זיי האָבן פאָרגעזעצט זייער קלאַפּן מיט די האמערס, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען ווי א געזאנג, א מעלאָדיע, א לירישע וואָס האָט ווי אויסגעדריקט זייערע געדאנקען. באזונדער די געדאנקען פונעם פאָטער און באזונדער די געדאנקען פונעם זון... זיי זענען דאָך נישט געווען די זעלביקע, הגם זיי האָבן געקלאַפּט צום זעלביקן טאקט, דאָס זעלביקע אייזן, אויף דער זעלביקער קאָוואלניע. אלץ איז געווען כמעט דאָס זעלביקע, אָבער דאָך איז עס נישט געווען דער זעלביקער זמר. יעדער פון זיי האָט זיך געהאט זיין באזונדערע מעלאָדיע, אין וועלכער ער האָט אויסגעדריקט זיינע געדאנקען, זיינע זאָרגן, אָבער זייערע נישט

אייניקע פערספעקטיוון — ווייל די עלטער איז געווען פון גרויסן אונטערשיד. סע זענען דאך געשטאנען איינער קעגן אנדערן, צוויי פארשידענע דורות... אבער קיין איינער פון זיי האט זיך נישט געוואלט אפרייסן פון זייער ארבעט, הגם זיי האבן געזען אז דער מענטש וואס איז ארויסגעקומען פון דער שיינער מאשין איז געקומען צו זיי, בעסער געזאגט, ביידע האבן זיי פארשטאנען, אז מסתמא איז ער געקומען צון אים, צו — וועמען? ... אט דא ליגט טאקע א שטיקל פונעם חילוק: דער אלטער דאנשטו האט פארשטאנען אז דער מענטש איז געקומען צו זיין זון, וואס הייסט נאך אלץ ביי אים „נאאן״, ווידער ער, דער זון, האט געוואוסט, אדער זיך געוואלט משער זיין, אז דער מענשט איז געקומען מסתמא רעדן מיטן „אייערנעכטיקן״ חבר „נאום״... עס איז דאכט זיך דער זעלביקער מענטש, אבער עס איז א חילוק ווי אזוי מע רופט אים.

זענען זיי ביידע געשטאנען און געקלאפט... סע האט אויסגעוויזן אז דאס קלאפן זייערס מיט די העמערלעך, איז נישט מער ווי אן אויסרייד, כדי זיי זאלן נישט דארפן ארייננלאזן זיך אין א שמועס מיטן נאר וואס אנגעקומענעם. זיי האבן דאך שוין נישט געקלאפט אין אנגעהיצטן אייזן... דאס אייזן האט זיך שוין טאקע געהארטעוועט אין קאלטן וואסער. זיי האבן דאך שוין איינגעטלעך זייער ארבעט געהאט געענדיקט, און קיין אנדער אנגעהיצט אייזן האט זיך שוין נישט געפונען צווישן די קוילן... אבער זיי האבן שוין געקלאפט איבער דער קאוואלניע, אין א נישט אנגעהיצטן שטיקל אייזן. זיי האבן שוין נישט געקלאפט האסטיק, נאר פאמעלעך, וואס אמאל פאמעלעכער, וואס אמאל שוואכער, ווי א פענדול וואס הערט אויף זיך צו באוועגן, ביז סע שטעלט זיך איין די גלייכגעוויכט, און בלייבט שטיין. צי ווי אן איינצלנער ראד, וואס לויפט בארג־אראפ, קוילערט זיך, קוילערט זיך, ביז ווען סע קומט אן אין טאל, דרייט זיך עס נאך א שטיקל צייט, צוליב דער אינערציע, ביז סע שטעלט זיך אפ און... פאלט אום.

אזוי האבן זיי דאך אויך געמוזט ענדלעך אפשטעלן זייער „ארבעט״, וואס איז שוין קיין ארבעט נישט געווען, נאר א בכיוונדיקער אויסרייד אויסדרייענדיק זיך מיטן רוקן צו דעם נאר וואס אנגעקומענעם.

דער אנגעקומענער האט אויסגעניצט די ערשטע מינוט, ווען דער געקלאנג פון די האמערס האט אויף א ווילע אויפגעהערט, און האט זיך געוואנדן:

— א גוטן טאג, חברים, איך זוך דעם חבר דאנטשולעסקו — האט ער ארויסגעזאגט ווי אין איילעניש, כדי ארויסצוזאגן אלץ וואס ער האט צו זאגן, איידער זיי וועלן זיך נעמען ווידער קלאפן מיט זייערע האמערס.

סע האָט אָבער קיינער אויף אים נישט געקוקט. און עס איז געווען פיינ-לעך, נישט בלויז פאַרן אָנגעקומענעם, וועלכן מע האָט געמאַכט אַזאַ קאַלטן קבלת-פּנים, אַז מע האָט אים נישט געשאָנקען קיין שום אַכט, אַפילו אויפן „גוטן-טאָג" האָט מען דאָך אים נאָך נישט געענטפערט, נאָר אַפילו זיי, דער אַלטער און דער יונגער דאַנטשו, האָבן זיך נישט געפילט זייער באַקוועם. יעדער איינער פון זיי האָט געשוויגן און געלאָזט אַז דער אַנדערער זאָל ענטפערן, זאָל פרעגן, זאָל אויפנעמען, זאָל נישט לאָזן אַזוי שטיין דעם אָנגעקומענעם... אייגנטלעך, ווייסן זיי דאָך נישט וואָס ער וויל, נאָך וואָס ער איז געקומען. זיי האָבן אָבער געשוויגן. דער אַלטער דאַנטשו האָט געוואָרט אַז זיין זון זאָל אים אויפנעמען, ווייל מסתמא איז יענער געקומען צון אים, ווייל צום אַלטן וואָס קאָן ער האָבן?... דער זון, ווידער, האָט געטראַכט, אַז אין דער אָנוועזנהייט פונעם פאָטער וועט ער נישט אַריינלאָזן זיך אין אַ שמועס.

— נו — האָט דער אַלטער ענדלעך זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט גלייך אין די אויגן צום אָנגעקומענעם — אויב איר זוכט איינעם „דאַנטשולעסקו", טאָ איז עס ער! — האָט ער ווי דעמאָנסטראַטיוו געוויזן מיטן פינגער, ווי ווען מע וויזט אויף אַ באַשולדיקטן — איך בין אויף קיין פאַלס נישט „דאַנטשולעסקו", איך הייס „דאַנטשו", אַזוי ווי סע האָט געהייסן אויך מיין פאָטער... אָבער איך מיין אַז עס איז אַ טעות — האָט ער ווייטער גערעדט מיט ציניִשער בייזקייט — ער איז דאָך שוין נישט קיין „חבר"...

דער אָנגעקומענער האָט זיך דערנענטערט צו נאָומען, האָט אים געגעבן די האַנט, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן נישט מיט קיין פריינדלעכן דריק, נאָר מיט עפּעס אַ ווייכן „יאָ-און-ניין", פון וועלכן מע פילט אַ קאַלט ווינטל וויען און דערנענטערט נישט:

— חבר דאַנטשולעסקו — האָט דער אָנגעקומענער אָנגעהויבן דעם שמועס

— איך האָב דעם אויפטראָג אייך איבערצוגעבן אַ שליחות...

— אויב אַזוי, זאָל זיין אַזוי — האָט שוין געזאָגט נאָום מיט אַ שמייכל צו דערוואַרעמען די אַטמאָספער — איז דערלאַנגט זשע, זייט מוחל, דאָס שליחות, איך בין עס גרייט אָנצונעמען.

— סע פרייט מיך דאָס צו הערן — האָט דער אָנגעקומענער אויפגענומען דעם זעלביקן פריילעכן וואַרעמען טאָן — אויף עפּעס אַנדערש האָב איך נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן... איך רעד מיט אַ חבר, אַ דערפאַרענער מיליטאַנט...

— מיט דעם זענט איר שוין זיכער גערעכט — האָט דער פאָטער זיך אַריינ-געמישט מיט אַן איראָנישער באַמערקונג, וואָס האָט געקאָנט אויפרעגן אַ גאַסט

— אוודאי איז ער שוין א דערפאַרענער ... איך בין אין ספק אויב איר, חשובער „חבר" האָט זיין דערפאַרונג, הגם אין יאָרן זענט איר אפשר פיל מער עלטער פון אים, אָבער וואָס שייך דערפאַרונג...

— דהיינו — האָט נאום איבערגעריסן די רייד פון זיין פאָטער, ער האָט דאָך נישט געוואָלט, אז דער שמועס זאָל אָפּגייגן אויף זייטיקע וועגן, וואָס קאָנען קיין ניצן נישט ברענגען. ווייל וואָס קאָן מען האָבן טענות צו דעם דאָזיקן מענטש, וועלכער האָט באקומען אן „אויפגאבע" איז ער געקומען — וואָס האָט איר מיר איבערצוגעבן, אין וואָס באשטייט אייער שליחות? ... אפשר ווילט איר רעדן מיט מיר צווישן פיר אויגן?

— ניין, עס איז נישט קיין סוד — האָט דער אָנגעקומענער נישט געוואָלט באליידיקן דעם אלטן — איך קאָן אייך זאָגן דאָ, אייער פאָטער מעג הערן, ער איז דאָך אייער פאָטער, הגם איר זענט שוין נישט קיין מינדעריעריקער...

— ניין, ניין, ער איז שוין נישט קיין מינדעריעריקער — האָט געזאָגט דער פאָטער, הגם מע האָט איצט שוין נישט גערעדט צוּן אים, מיט דער זעלביקער בייסנדיקער איראָניע. מסתמא האָט ער זיך נישט געקאָנט אויפהאלטן און נישט זאָגן אין פנים, אויב נישט קיין העכערן איז כאָטש דעם דאָזיקן חבר, וואָס איז איצט געקומען צו זיי, נאָך צוויי וואָכן זינט נאום האָט זיך צוריק געקערט און צו ביסלעך אָנגעהויבן צוגעוויינען מיטן דאָזיקן לעבן — אפשר האָט ער טאקע שוין צייט געהאט אָנצוזאמלען א ביסעלע דערפאַרונג אויך, נאָך די פיל שולן קורסן וואָס ער האָט געמאכט.

— נו, איצט איז געקומען די צייט אז איר זאָלט ווידער אריין אין דער טעטיקייט — האָט דער אָנגעקומענער געזאָגט צו נאומען, גלייך ער וואָלט נישט געהערט די רייד פונעם פאָטער, וואָס האָבן זיך לגמרי נישט געפּאסט צו מאכן אן אָנגענעמע אטמאָספער צו זיין ענין, וואָס ער האָט געהאט איבערצוגעבן — די „קאָמיסיע" לאָדנט אייך איין דורך מיר, כדי צו כאפּן א שמועס מיט אייך, אז איר זאָלט ווידער אריין אין אקטיוון לעבן...

דער פאָטער האָט גאָרנישט זאָגנדיק זיך דערנענטערט צום זון, האָט אָנגע-נומען זיינע ביידע הענט און זיי צונויפגעלייגט איבערקרייץ און מיט א ברוגזן טאָן געזאָגט צום אָנגעקומענעם:

— אנו, טוט אים נאָר אָן ווידער די קייטעלעך און פירט אים אָפּ... ער איז שוין צו פיל געווען דאָ, אפשר האָט ער זיך שוין געלאַנגווייליקט, אָדער האָט זיך עמעצער געלאַנגווייליקט אָן אים?!...

נאום האָט נישט דערוווידערט דעם פאָטערס רייד. נישט מיט קיין וואָרט און אפילו נישט מיט קיין זשעסט. ער האָט נישט געמאכט קיין שום באוועגונג, נאָר

האָט געלאָזט פרײַ זײַנע הענט, אַזוי ווי זײַן פֿאָטער האָט זיי צונויפגעלייגט, גלײַך מע זאָל אים טאַקע אַרויפשטעלן די קייטעלעך אויף די הענט, ווי מע האָט עס געטון צוריק מיט יאָרן. אמת, דעמאָלט האָט מען עס נישט געטון אין דער עפנטלעכקייט, אַז עמעצער זאָל עס זען.

דער מאָמענט איז געווען אַ פּײַנלעכער. קיינער פֿון די דרײַ האָט נישט מער אַרויסגערעדט קיין וואָרט אין אָט דעם מצב. נאָום האָט פֿאַרשטאַנען זייער גוט דעם זשעסט פֿון זײַן פֿאָטער, וואָס האָט אַרויסרופֿעריש זיך אַקעגנגעשטעלט צו די אַלע רייד פֿונעם אָנגעקומענעם. כמעט ער גופֿא האָט דאָך אויך געטראַכט דאָס זעלביקע ...

נאָר דער אָנגעקומענער, דער איינער האָט עס נישט פֿאַרשטאַנען. און אויב ער האָט עס נישט פֿאַרשטאַנען, האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן, כּדי צו פֿאַרגלעטן די פּײַנלעכע לאַגע, אין וועלכער זיי אַלע האָבן זיך געפֿונען, בפֿרט ער גופֿא ... פֿון וואַנען זאָל זיך געווען נעמען צון אים אַזוי פֿיל, אָדער אַזאַ מין פֿאַרשטענדעניש, אַז ער זאָל קאָנען פֿאַרשטיין אַז די דאָזיקע ווערטער פֿונעם אַלטן דאַנטשו זענען נישט קיין פּראָוואָצירנדיקע פֿון אַ „שונא“, נאָר פֿון אַ געשלאָגענעם, וואָס איז שוין זייער זאַט פֿון יסורים, אַ מענטש וועלכער זאָל אָנשטאָט האָבן אַ ביסעלע נחת אויף דער עלטער פֿון זײַן זון, וועלכער האָט זיך „אַרויפֿגעאַרבעט“, הגם קעגן זײַן ווילן, אָבער דאָך האָט ער דאָך אַהינגעגעבן זײַנע יונגע יאָרן — איז ער גאָר געוואָרן בבושה און געהאַט צו לײַדן די ווייטיק פֿון צו ווערן אַ פֿאָטער פֿון אַ תּפֿיסהניק, מע זאָל אים אויסשליסן פֿון דער פּאַרטיי, צוליב די „פּײַנטלעכע“ מעשׂים פֿון זײַן זון ... ער איז דאָך געווען אומשולדיק אין דער גאַנצער מעשׂה, דער אַלטער דאַנטשו. ער האָט בכלל נישט געוואָלט אַרײַן נישט אין דער קאָאָפּעראַטיוו און אויך נישט אין דער פּאַרטיי. דאָס האָט ער דאָך אין גאַנצן געטון נאָר אונטערן דרוק און השפּעה פֿון זײַן זון ... נו, איצט ווען ער האָט זיך שוין צוגעוויינט און שלום געמאַכט מיט זײַן מצב, וואָס וויל מען נאָך איצט פֿון אים?! ... האָט דער אַלטער דאַנטשו, אויך איצט, אין דאָזיקן פּײַנלעכן מאָמענט פֿאַר אַלע דרײַ, אויך אַרויסגעוויזן אַז דווקא ער, דער עלטערער, ער ווערט זײַן קלוגער. ער האָט זיך צוריקגעצויגן, איז אונטער אַן אויסרייד אַרײַן אין שטוב, כּדי זיי ביידע צו לאָזן אין דעם קוזניע-הויף, זאָלן קאָנען רעדן צווישן פֿיר אויגן אומגעשטערט. ער האָט דאָך פֿאַרשטאַנען, אַז צווישן זיך וועלן זיי גיכער געפֿינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך, אָדער-אָדער, נאָר סע זאָל זיך ענדיקן דער שמועס זייערער.

געבליבן אַליין, האָט נאָום גערעדט דער ערשטער:

— איך בעט אנטשולדיקונג — האָט ער געזאָגט מיט א געצוואונגענעם שמייכל צום גאַסט — איר דאַרפט אים פאַרשטיין, אז הגם איך בין טאַקע שוין נישט קיין מינדעריעריקער, ווי איר האָט געזאָגט, אָבער א טאַטע בלייבט א טאַטע אויפן גאַנצן לעבן... איר דאַרפט נישט נעמען פאַר אומגוט זיינע רייד, די ליידן און די בושות רעדן פון אים...

— איך בין נישט ברוגז אויף אים, איך פאַרשטיי אים זייער גוט — האָט געזאָגט דער אָנגעקומענער מיט אן איבערבעטערישן טאָן, הגם מע האָט געפילט אין זיינע רייד, אז ער זאָגט ליגן. ער האָט גאַרנישט פאַרשטאַנען, ווייל צום פאַרשטיין האָט מען דאָך נישט געדאַרפט האָבן בלויז „פאַרשטענדעניש" נאָר אויך די דערפאַרונג, און קיין געזעסענער איז ער דאָך מסתמא נאָך נישט געווען, איז פון וואַנען זאָל ער האָבן אזא מין פאַרשטענדעניש?! אָבער נאָום האָט אים נישט אָפּגעענטפערט, נאָר אים געלאָזט רעדן, כדי צו הערן וואָס ער האָט אים אייגנטלעך צו זאָגן, קאָנקרעט — מיטן עלטערן דור, ווייס איך, איז שווערער צו „אַרבעטן" (נאָום האָט זיך געטראַכט: אָט זעסטו, ווי דו פאַרשטייסט עס?!... מיטן עלטערן דור? און מיט מיר, מיטן יינגערן דור, מיט מיר איז עס לייכט, גאָר לייכט. אזא איינעם ווי מיר, קאָן מען זאָגן וואָס מע וויל, קאָן מען אָנטון וואָס מע וויל, מע קאָן אים אפילו אַרויפלייגן די „קייטעלעך", אזוי ווי דער פאָטער האָט עס אַרויסגעזאָגט אָפן... נו, דאָס האָט ער אָבער בלויז געטראַכט, נאָום, אָפן האָט ער עס נישט געקאָנט אַרויסזאָגן. אייגנטלעך האָט ער עס יאָ געקאָנט זאָגן. ער האָט דאָך שוין נישט געהאַט קיין שום צוריקהאַלט. ער איז דאָך שוין אַריבער אזוי פיל, האָט ער שוין נישט וואָס צו פאַרלירן. אָבער דאָך האָט ער נישט אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען, און געלאָזט רעדן דעם אָנגעקומענעם!) ... אָבער נישט צון אים בין איך איצט געקומען. מיך האָט מען געשיקט צון אייך... מע האָט נישט געוואָלט שרייבן אייך קיין בריוולעכע איינלאָדונג. איר ווייסט דאָך, אז אזוי גייט אונדזער אַרבעט, דירעקט מיטן חבר..

— וואָס זשע דאַרף איך איצט טון? — האָט נאָום ברוטאַל געפרעגט, כדי נישט צום פאַרלענגערן איבעריק דעם שמועס — קאָנקרעט, וואָס דאַרף איך איצט טון?

— זעט איר, חבר דאַנטשו... ווייל איך זאָגן: דאַנטשולעסקו — האָט זיך תיכף אויסקאָריגירט דער אָנגעקומענער...

— איר מעגט זאָגן אויך „דאַנטשו". עס איז קיין חילוק נישט — האָט אים איבערגעריסן נאָום — וואָס איז אייגנטלעך אויף רומעניש, דאַנטשולעסקו? דאָס הייסט, אז איך בין „דאַנטשו"ס זון...

— איך האָב געמיינט, אַז סע וואָלט אייך לייכטער געווען — האָט דער אָנגעקומענער פאָרגעזעצט, נישט רעאַגירנדיק אויף נאָומס באַמערקונג — אַז איך וואָלט אייך איבערגעטון און געקומען מיט מיר... איך וואָלט אייך צוגעפירט מיט דער מאַשין... סע וואָלט אייך געווען באַקוועמלעכער, איידער פאָר אייך צו פאָרן מיט דער באַן... נאָר, אַז אייער פאָטער האָט געגעבן אונדזער פירלייגאַזאַ מין אויסטייטש, ווייס איך נישט צי סע וואָלט שוין נישט געווען בילכער אַז איך זאָל מיך פון אייך און אייער פאָטער אָפּגעזעגענען און איך זאָל מיר פאָרן מיין וועגס און איר וועט קומען מיט דער באַן... איבעריקנס, ווי אַזוי איר פאַרשטייט, ווי אַזוי איר ווילט קאָנט איר עס טון, ווי אַזוי סע קומט פאַר אייך אויס בעסער.

דאַנטשולעסקו איז אַ ווײַלע געבליבן פאַרטראַכט. ער האָט נישט געענטפערט תיכף. בכלל האָט ער זיך דאָך זייער פיל געענדערט אין די לעצטע יאָרן. אויב פריער זענען די מחשבות ביי אים געפלויגן מיט יוגנטלעכער געשיקטקייט און איז אויך געווען קליגער, מע קאָן אפילו זאָגן, מיט ביטערער איבערגעשפּיצטקייט, אין גוטן זינען פונעם וואָרט, אַז ער האָט גיך תופס געווען אַן ענין, האָט גיך רעאַגירט און תיכף געקאָנט ענטפערן — איצט, נאָך די איבערלעבענישן פון די לעצטע יאָרן, האָבן זיך די רעדעלעך אין זיין מוח, צי־דענק־אַפּאַראַט, געדרייט פאַמעלעכער, דאָס הייסט נישט אַז זיין אופן פון תופס זיין איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אדרבה, עס איז געוואַקסן און דערבראַכט דערצו, אַז ער זאָל קאָנען זיך צוימען און נישט געבן תיכף קיין שום ענטפער, אַז ער זאָל שפּעטער אפשר דאַרפן, אויב נישט גענצלעך חרטה האָבן, איז כאָטש מאַכן אַ קלייַנע קאָרעקטור... האָט ער זיך נישט געאיילט מיטן ענטפער. זענען זיי געבליבן אויף אַ זייער קורצער ווײַלע פאַרשוויגן, אָבער די „רעדעלעך" אין מוח פון נאָומען האָבן זיך דווקא יאָ „געדרייט", און זייער שנעל האָבן זיי זיך געדרייט, אָבער דאָך האָט ער זיך געדאַרפט באַשליסן נישט בלויז דעם אופן ווי אַזוי צו „פאָרן", מיטן אויטאָמאָביל צי מיט דער באַן — ער האָט דאָך געדאַרפט זיך אַנטשליסן אויב ער זאָל בכלל פאָרן... אָבער דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער אויך נישט געוואָלט אַרויסזאָגן. ער האָט זיך דאָך געקאָנט באַנגיגן מיטן ספק פון אופן פאָרן.

— וואַרט צו עטלעכע מינוט — האָט ער ענדלעך געזאָגט דעם אָנגעקומענעם — איך גיי רעדן מיט דער מוטער, אויב איך האָב גרייט דאָס נייטיקסטע אויף צו פאָרן מיט אייך...

יאָ, עס איז קוים גלויבלעך אז ער זאָל זאָגן, אז ער וויל רעדן מיט דער מוטער, אָבער פּאַקטיש האָט ער גישט דאָס געהאַט אין זיין כּוונה. ווי אזוי סע זאָלן געווען גישט זיין זיינע באַציונגען מיטן פאָטער, פריער, „איידער“, האָט ער אָבער איצט געפילט א גויטוועגדיקייט, אויב גישט אויף אן אמת, איז כאָטש פאָרמעל, האָט ער געפילט אז ער דאַרף רעדן מיטן פאָטער, זיך מיט אים שואל-עצה זיין, צי ער זאָל בכלל פאָרן... פאַר וואָס? ער דאַרף זיך דען פאַרענטפערן פאַר עמעצן?... אָבער דאָך, אז ער איז שוין פון „דאָרט“ אהיימגעקומען, איז ער דאָך אהער געקומען צו זיינע עלטערן, אפילו אויך אָן זיין ווילן, פּשוט ווייל ער האָט אין ערגעץ נישט געקאָנט געפינען דעמאָלט קיין אָפענע טיר, וואָס זאָל אים אויפנעמען. איז ער דאָך געקומען אהיים, צו זיינע עלטערן... איז אויף דעם זענען גוט די עלטערן, האָט ער זיך שוין אליין געזאָגט, צו קומען און לעבן אויף זייער „קאָפּ“?!... ניין, אזוי קאָן ער שוין נישט טון. ער קאָן שוין נישט אזוי-אָ אוועקפאָרן איצט מיטן אויטאָמאָביל און זיך קוים געזעגענען, אָן דעם אז ער זאָל כאָטש לפּנים זיך שואל-עצה זיין מיט זיינע עלטערן... אנדערש וואָלט דאָך טאקע געהייסן, אז ווען אים גייט גוט, ער דאַרף נישט צו זייערע לאַמקעס, דעמאָלט איז ער שוין א פּוליעריקער און טוט אָפּ אלצדינג אָן זייער מיינונג און אפילו אָן זייער וויסן. אָבער דעמאָלט ווען ער איז אין אן עת-צרה, דעמאָלט ווערט ער ווידער א מינדעריעריקער און קומט תּיכף אהיים, אויפן „קאָפּ“ פון זיינע עלטערן...

ער איז אריין אין שטוב און געלאָזט א ווײַלע דעם אָנגעקומענעם וואַרטן אין הויף:

— ווי מיינט איר — האָט ער זיך געוואָנדן צו די עלטערן, מיטן וואָרט „איר“ האָט ער זיך דאָך געוואָנדן צו ביידע, אי צו דער מוטער אי צום פאָטער, אָבער געמיינט האָט ער דווקא דעם פאָטער. נישט בלויז אים צו געבן סאטיספאַקציע, נישט בלויז אים צו חנפענען, אז ער איז זיך שוין שואל-עצה מיט אים, ווייל ער איז דער פאָטער, נאָר אויך צו הערן אויף אן אמת זיין מיינונג — זאָל איך בכלל פאָרן?

— איך פארשטיי נישט — האָט דער פאָטער זיך אָפּגעשטעלט און אים געקוקט גלייך אין די אויגן, ווי זיין שטייגער איז געווען, ווען סע האָט זיך געהאַנדלט אין גאָר ערנסטע זאכן — וואָס הייסט, צי דו זאָלסט בכלל פאָרן?!... פריער האָב איך געמאכט דעם זשעסט האַלב אין שפּאַס און האַלב אין פאָרוואורף ווען איך האָב אים געזאָגט, אז ער זאָל דיך שוין ווידער לייגן די „קייטעלעך“ אויף

די הענט ... אָבער, צוריק געשמועסט, ווייסטו דאָך אז מע רופט דארף מען גיין ... הייסט עס, אז סע האנדלט זיך איצט נישט צי דו זאָלסט בכלל פאָרן. דו קאָנסט נאָר זאָגן, צי דו זאָלסט אפשר פאָרן שפּעטער מיט דער באַן ... יאָ, דאכט זיך, אז אזוי שטעלט זיך די פראגע. ניין?

— וואָס הייסט נישט פאָרן? — האָט די מוטער זיך ארייננגעמישט, כאָטש נאָום האָט נישט זי געפרעגט, אָבער דאָך האָט זי געזאָגט איר מיינונג — בעסער פאָרסטו איצט מיט, סע קאָסט דיך אפילו נישט קיין הוצאות ...

— נישט אין די הוצאות גייט עס — האָט דער פאָטער געזאָגט — אויב ער פאָרט איצט, פארשפאָרט ער בלאָנדזשען און זוכן צו וועמען זיך צו מעלדן, ווער סע רופט אים, ווייל דער דאָזיקער (ער האָט נישט געוואָלט ארויסזאָגן דאָס וואָרט „חבר“, וואָס האָט געקאָנט ביי אים באקומען דעם געווינטלעכן איראָנישן טאָן, וואָס ער האָט איצט נישט געוואָלט!), דער דאָזיקער מענטש וועט דיך דאָך מסתמא אָפּפירן אהין וואוהין מע דארף ... איבעריקנס, פרעגסטו דען מיין עצה?

— אוודאי פרעג איך — האָט שוין נאָום אונטערגעשטראָכן איצט, בכיוון עפנטלעך זיין מיינונג וועגן דעם, נישט פוגע בכבוד זיין דעם אלטנס ערגייץ — דו ביסט דאָך א טאטע?! ...

— איצט בין איך שוין ווידער געוואָרן א טאטע? — האָט שוין דער אלטער געזאָגט מיט א גוטמוטיקן שמייכל — איך האָב דאָס פריער נישט געהערט, הגם איך האָב עס אויך אזוי געמיינט ...

— אויב דו ווילסט — האָט נאָום שוין אויך געזאָגט מיטן זעלביקן פריינדלעכן טאָן, כדי אויפצולעבן א ביסל די באציונגען מיטן פאָטער. ער האָט דאָך געוואוסט: ער איז שוין געעלטערט, האָט שוין זייער ווייניק כוח איבערצולעבן אזעלכע שווערע נסיונות, אָבער א גוטהארציקער איז ער דאָך פון תמיד געוועזן. קיין מאָל נישט און לגבי קיינעם נישט, איז ער דאָך נישט געווען קיין עגאָיסט, וואָס זאָל נישט וועלן סיי וועמען ארויסהעלפן — ביסטו דער טאטע און איך הער דיין עצה. והשגית, פארגעס נישט, אז דערווייל ביסטו נאָך דער „בוליבאשא“ און קיין איין ציגיינער וועט נישט טאָרן, אויך אפילו ווען ער וואָלט געוואָלט, אריבערטרעטן איבער דיין וואָרט ...

— הע-הע! — האָט דער פאָטער זיך צעלאכט אין זיין באָרד, נישט אויפהייבנדיק דעם בליק צום זון, גלייך ער וואָלט זיך געוואָנדן צו זיין פרוי — איצט בין איך שוין פאר אים אויך דער „בוליבאשא“? ... זינט ווען רעספּעקטירסטו אונדזערע מנהגים, אז אפילו קיין קיין רעכטער „ציגיינער“ ביסטו דאָך שוין

נישט?! אפילו דעם נאָמען האָסטו דאָך דיר שוין געביטן, האָסט געמיינט אז „אויס!” מע טוט אָן אן אנדער „מיצל” אויפן קאָפּ, ווערט מען אן אנדערער מענטש?!... מיינסט איך ווייס נישט — האָט ער זיך שוין אויסגעדרייט צון אים — אז דו האָסט חתונה געהאַט מיט „איר”, ווייל זי איז געווען א בלאָנדע, א רויט-האָריקע, האָסטו געוואָלט מיט דעם אָפּווישן אלע שפּורן פון דיין אָפּשטאַם?!... איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד. איך מיין נישט זי, איך מיין די וואַנט. זי איז דען מיט עפּעס שולדיק געווען?!... זי האָט זיך גענוג אָנגעליטן צוליב דיר... איך האָב נאָר וואָס געוואָלט זאָגן, אז „די ערד זאָל איר גרינג זיין אין קבר”, ווי אונדזער מנהג איז צו רעדן, אָבער באַלד האָב איך זיך דערמאָנט אז ביי „אייך” — ער האָט אונטערגעשטראָכן מיט א בייסיקער איראָניע — ביי די „חברים” איז שוין נישט דער מנהג צו באַגראָבן די טויטע אין דער ערד, ווי סע האָט זיך פון תמיד געפירט די וועלט, אז מע זאָל צוריק געבן דער ערד, וואָס איר געהערט... יאָ, אגב, האָב איך געהערט אז מע האָט איר שוין געמאַכט א שיינע לוויה, מיט „דרשות” אָבער צו וואָס האָט עס איר שוין געטויגט, ווען מע האָט זי ווי מיט דער געוואַלד געטריבן אין דער ערד?!...

— צו וואָס טויג איצט אויפמישן דאָס דאָזיקע — האָט די מוטער אים איבערגעריסן, ווען זי האָט געזען אז דער צופאַליקער דערמאָנטער שמועס, האָט שיער נישט גורם געווען אז נאָום זאָל שוין בכלל נישט פאָרן. ער האָט זיך דאָך אוועקגעזעצט גלייך ער וואָלט גאָר שוין נישט זיך געריכט צום פאָרן. די מוטער האָט דאָך נישט געקאָנט וויסן, אז נאָום האָט זיך געזעצט, פּשוט, ווייל די כוחות זענען ביי אים אויסגעגאנגען, ווען דער פאָטער האָט אויפגעמישט אזא ווייטיק בלעטל אין זיין זכרון — ראשית דאַרף מען נישט דערמאָנען וואָס עס איז געווען. והשנית, איז נישט איצט די סאַמע פּאַסיקסטע צייט דערצו... אָט זאָג, וואָס איך זאָל דיר מיטגעבן, און פאָר איצט, מיטן... מיט דער מאַשין — האָט די מוטער אונטערגעטריבן — סע וועט דיר לייכטער זיין... מיטנעמען דאַרפסטו, מיין איך, גאָרנישט. טו דיך גאָר איבער.

— יאָ, האָסט רעכט — האָט נאָום אויך פּאָטאַקעוועט דער מוטערס רייד — איך נעם גאָרנישט מיט. איך ווייס דען צו וואָס און צו ווען?... איך גיי זען וואָס מע וויל פון מיר האָבן. דערנאָך וועל איך זען...

— גיי געזונטערהייט — האָט שוין דער אַלטער אויך אָנגעוואונשטן, שוין א ביסל אָפּגעשטילט פון זיין אויפגעבראַכטקייט... אפשר האָט עס אים אויך אויפגעשויבערט, אפשר האָט ער אויך שוין באַדויערט וואָס ער האָט איצט גע-

דאַרפֿט שלײַדערן אין פּנים אַרײַן פֿאַר זײַן זון די דאָזיקע נישט אָנגענעמע רייד... אײַנגעטלעך, צוריק געשמועסט, איז ער דאָך נישט אַזאַ שלעכטער זון, ווי וויפֿל צרות ער האָט פֿון אים געהאַט אין די לעצטע יאָרן. אָבער, איז ער דען שולדיק געווען אין דעם? ער האָט דען עפּעס געגנבעט, צי ער האָט גאָר געפֿײַפֿט אין קלויסטער?... זאָל דער אין הימל שומר און מציל זײַן פֿון אַ בילבול, האָט דער אַלטער בײַ זיך געטראַכט — גײ זע, וואָס מע וויל. הער אויס וואָס מע זאָגט. דערנאָך ווערסטו זיך איבערלייגן...

נאָר איז געווען גערירט פֿונעם פֿאָטערס רייד. ער האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן איצט וועגן זײַן פֿאָטער: צוריק מיט איין מינוט, האָט ער אים פֿאַרגעוואָרפֿן זײַן גאַנצע פֿאַרגאַנגענהייט, געוואָרפֿן אים אין פּנים אַזעלכע רייד וואָס האָבן אים אַנידערגעשלאָגן. קוים האָט ער זיך געקאָנט האַלטן אויף זײַנע פֿיס. די קניעס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן, ווי ער זאָל אָט־אָט אומפֿאַלן ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים — און פּלוצעמדיק האָט דער אַלטער אויסגעדרייט אַלעס צום גוטן און אים אויך אָנגעוואונטשן אַ גוטע רייזע?!... נו, וואָס איז דאָ צו פֿרעגן? אוודאי איז דער פֿאָטער זײַנער אַ פֿאַרשטענדיקער מענטש. אוודאי טוט אים וויי דאָס האַרץ, וואָס זײַן זון האָט זיך געלאָזט אויף אַ וועג, אויף וועלכן ער האָט לכתחילה נישט מסכּים געווען פּשוט דערפֿאַר, ווײַל ער האָט געהאַלטן אַז ער, ווי אַ פּשוטער אָבער ערלעכער ציגײַנער, דאַרף זיך נישט שטופּן, דאַרף נישט ווערן קיין „פּאָרעץ“, ווי ער פֿלעג זיך אויסדריקן... אָבער געוואָלט האָט ער דען עפּעס שלעכטס פֿאַר זײַן אייגענעם זון, אויך דעמאָלט נישט, ווען יענער האָט אים נישט געפֿאָלגט און יאָ געגאַנגען ווערן אַ „פּאָרעץ“?!...

ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, צום געזעגענען:

— זײַט געזונט! — האָט ער מיט אַ הייטערן טאָן געזאָגט צום פֿאָטער, שיער־שיער וואָס ער האָט אים נישט אַרומגענומען צו האַלדזן ווי קיין מאָל נישט. תּמיד האָבן זיי זיך דאָך צעשייד קאַלט, אָן סענטימענטאַלקייטן, מענעריש. אָבער די מוטער האָט ער יאָ אַרומגענומען. הגם געמיינט האָט ער אים, דעם פֿאָטער. ער האָט עס איצט, לויט זײַן מיינונג יאָ פֿאַרדינט.

# 6. רעהאביליטירט

פונקט אזוי ווי די לאנדשאפט האָט זיך געוויקלט פאר די אויגן פון נאום דאנטשולעסקון, בעת זיין רייזע אויף צוריקצוועגס, וואוהין און צו וואָס ער גופא האָט נאָך נישט געוואוסט, אזוי האָבן זיך געוויקלט זיינע מחשבות. די געדאנקען האָבן אים געטראָגן צום וויטן „נעכטן" פון זיין קינדהייט, אן אָרעמע א געפלאָגטע ווי א ציגיינעריש לעבן קאָן זיין, וואָס הגם שוין נישט קיין נאָמאד, אָבער דאָך אָן א סטאבילן באָדן אונטער די פיס און אָן א סטאבילן הימל איבערן קאָפ. אלץ איז דאָך געווען אזוי נישט זיכער אזוי אין שטענדיקן בייטן אז מע האָט קוים זיך געקאָנט צוגעוויינען צון איין געשאפענעם מצב איז באלד אויפגעקומען א צווייטער, א גאָר נייער, צו וועלכן מע דארף זיך שוין ווידער אמאָל צופאסן, תמיד מוז מען זיך צופאסן.

דערנאָך איז געקומען די יוגנט. זי איז נישט געקומען צו רייטן אויף א ווייס פערד, אין א פרילינג מיט בליטן, נאָר צו פוס אין הארבסטיקער פארוואָלקנטקייט פון מלחמהדיקע יאָרן פון הונגער און נויט...

דערנאָך זענען געקומען צייטן פון אויפשטייג, פון קלעטערן אויף מדריגות, פון מדריגה צו מדריגה, פון טרעפל צו טרעפל, אין א צייט פון אָנשטרענג זיך צו לערנען, צו לערנען, צו פארשטיין, אין א געטומל פון א פיבערדיקער טעטיקייט, אין וועלכער ער האָט איינגעשטעלט ווי א ליידנשאפטלעכער קאָרטן-שפּילער זיין גאנץ האָב, די יוגנט-יאָרן... און ער איז דערגאנגען פון א פשוטן צייטונג-פארקויפער ביז צון אן אינסטרוקטאָר...

און דערנאָך? ... גאָרנישט. סע האָט זיך געעפנט א תהום, אין וועלכן ער איז ווי פלוצעמדיק ארייגעפאלן. ער האָט אפילו נישט באמערקט ווען און ווי אזוי. ער האָט זיך נאָר פלוצעם דערזען אראָפגעשליידערט פון אלע מדריגות, פון אלע טרעפלעך...

מאָדנע, טראכט ער מיט פארביטערטער איראָניע: ארויף איז צו גיין בהדרגהדיק טרעפ נאָך טרעפ, אויך ווען דאָס קומט נישט אָן אזוי שווער, אָבער אראָפ,

אראָפּ גייט מען שוין גאָרנישט, נאָר מע קוילערט זיך, מע פּליט... וואָס וועט איצט זיין?!...

אין דער מאַשין זענען זיי געווען דריי: ער, דער חבר און דער שאָפער. מי־לא, דער שאָפער רעדט נישט. ער איז דאָך ביים רודער, ער דאַרף נישט און טאָר נישט רעדן. אפילו אז מע פרעגט אים עפּעס דאַרף ער ענטפערן קורץ און זיין אויפמערקזאַם צום רודער, צו דעם געקרייזלטן וועג, צי צו די מאַשינען וואָס ער באַגעגנט... דער חבר האָט יאָ געוואָלט אָנבינדן א שמועס מיט נאָומען, אָבער עס איז נישט געגאַנגען. סע האָבן זיך נישט איינגעפּעדעמט נישט די ווערטער און אוודאי נישט די באַציונגען צווישן זיי, אז זיי זאָלן האָבן עפּעס צו שמועסן, מיט וואָס פאַר א ידיעות זיי זאָלן זיך טיילן, זיי קאָנען זיך דאָך נישט, און וואָס דער חבר ווייסט יאָ וועגן נאָומען, איז עס נישט גענוג אויף צו קאָנען אריין אין א שמועס. אדרבה, ער האָט זיך געהאַלטן פאָרזיכטיק. מע קאָן וויסן?... ווידער נאום, האָט אים בכלל נישט געקאָנט, איז וואָס קאָן ער מיט אים שמועסן? ער איז מיסתמא א נייער אין דער ארבעט, הגם ער איז שוין נישט קיין יונגער, איז וואָס ווייסט ער פון וואָס „הינט פגרן"?!...

זיינע מחשבות האָבן אים צוריקגעפירט צו די לעצטע ווערטער וואָס זיין פאָטער האָט איצט, איידער זיין אוועקפאָרן, אויפגעשויבערט אין אים, מיט זיין חתונה האָבן מיט בעטין... מאָדנע, טראַכט נאום, דער פאָטער האָט אפילו נישט געגעבן אָנצוהערן מיט א וואונק וועגן קינד, וועגן זיין זון... ער האָט אים אפילו נישט געזען...

און דאָ האָבן זיך אָפּגעשטעלט זיינע מחשבות וועגן זון, ווי ווען סע שטעלט זיך אָפּ א זייגער, וואָס איז דערגאַנגען צום סוף פון דער פרוזשינע און מע האָט פאַרגעסן פונסניי אָנצוציען דעם דאָזיקן זייגער... מער האָט ער דאָך אויך נישט געוואוסט וועגן קינד. ער האָט אים געזען איין איינציק מאָל. אין יענעם פיינ־לעכן מאָמענט, ווען ער האָט אפילו נישט ארויסגערעדט קיין איין וואָרט... דאָס קינד וועט מסתמא מיינען אז ער איז שטום. בכל־אופן האָט עס נישט גע־קאָנט איבערלאָזן אין זיין זכרון עפּעס אָנגענעמס וועגן זיין פאָטער, וועלכן ער האָט געזען צום ערשטן מאָל אין תפיסה־קליידער, א שטומען, א פאַרכמורעטן, א כמעט פיינטלעכן...

נו, וואָס איז דאָ צו טראַכטן? זיי האָבן זיך דערקענט צום ערשטן מאָל ווי פרעמדע און מסתמא וועלן זיי אזוי שוין פאַרבלייבן?... ווער ווייסט וואָס דער גורל קאָן ברענגען?

דערוויל לויפט די מאשין און טראָגט אים וואוהין? ... ער האָט געטראַכט אויף פאַרשידענע אופנים. אי צום גוטן אי צום נאָך בעסערן, אי צום ... אָבער ערגער קאָן שוין נישט זיין. ניין, אויף קיין ערגערן האָט ער זיך נישט וואָס צו דערוואַרטן. ער איז דאָך שוין ווידער אונטן, ביים סאַמע לעצטן טרעפּל. ניין, ער איז שוין אפילו אויפן לעצטן טרעפּל אויך נישט. ער איז שוין ווידער ווי אין די קינדער־יאָרן, מיט די באָרוועסע פיס אויף דער ערד, אויף דער הוילער ערד. ער איז דאָך שוין נישט אויף קיין שום לייטער. און אויף קיין שום טרעפּ נישט ...

... ער האָט אפילו נישט באַמערקט אַז די מאַשין האָט זיך שוין אָפּגע־שטעלט. זיי זענען שוין אָנגעקומען. איצט האָט ער כאָטש געזען, אַז זיי זענען געקומען דאָרט וואו ער האָט זיך דערוואַרט. אַ סימן: מע דאַרף קודם אָנקלינגען. מע דאַרף וואַרטן אַז מע זאָל אַריינלאָזן. אמת, סע האָט נישט געדויערט צו פיל. ווי נאָר מע האָט אָנגעקלונגען האָט מען געזאָגט, ניין, מע האָט גאָרנישט געזאָגט, מע האָט טאַקע אַראָפּגעשיקט אַ צעטעלע, מסתמא מיט זיין נאָמען ... יאָ, מע האָט ביי אים געבעטן ער זאָל ווייזן אַ לעגיטימאַציע, זיין אידענטיטעט־ביכעלע, אָבער ער האָט נאָך אַזעלכס נישט. ער האָט בלויז אַ מין צעטל, אמת, מיט אַ זיגל אָבער אָן אַ פאָטאָגראַפיע. נאָך נישט געווען צייט דערויף אַז ער זאָל עס באַקומען.

ווען ער איז אַריינגעקומען צום שעף, וועלכער האָט אים גערופן, האָט ער געזאָגט ווי געוויינטלעך:

— אַ גוטן טאָג! — נאָום האָט באַניצט דעם דאָזיקן גרוס, וואָס איז אַ נייט־ראַלער. אַ חבר צו אַ חבר זאָגט: „נאָראָק'', דאָס הייסט פאַרטייטשט אויף יידיש „מזל''. אָבער דאָס איז שוין היימישער, צו וואָס ער האָט נישט געוואָגט. הגם ער האָט דווקא יאָ געדאַרפט האָבן מזל, נאָר ווער גלייבט דען אין אַזעלכע אָבער־גלויבענישן? ...

דער שעף האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, האָט געגעבן אים די האַנט און אים געוויזן אַ בענקל:

— זיצט, חבר דאַנטשולעסקו — בעת נאָום האָט זיך נישט געוואָגט אַני־דערצווזעצן האָט אים דער שעף אָנגעבאָטן אַ ציגאַרעטל — איר רויכערט?

— אַ דאַנק — האָט נאָום געזאָגט און צוגעגעבן — איצט רויכער איך שוין נישט ... אַז מע האָט נישט קיין טיטון רייכערט מען נישט — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, אָבער דאָך געגעבן אָנצוהערן, אַז אַ צייט האָט ער נישט געהאַט

וואָס צו רייכערן, און אויב עס איז נאָך נישט גענוג קלאָר, האָט ער צוגעגעבן — פריער האָב איך יאָ גערייכערט. איר ווייסט, אז מע זיצט וואַך, שפּעט ביי נאַכט ביי דער ארבעט, רייכערט מען נישט ווייניק. אָבער, אין די נייע אומשטאַנ־דן האָב איך זיך דאָך געמוזט אָפּגעוויינען פון רייכערן... און אויך פון פיל אנדערע זאכן, ווינציקער וויכטיקע און צו מאָל מער וויכטיקע ווי רייכערן...

— דהיינו? — האָט דער שעף אים אָנגעקוקט גלייך אין די אויגן — פון וואָס נאָך האָט איר אייך געדארפט אָפּגעוויינען, אָדער...

— פון מער זאכן, איר ווייסט נישט? — האָט נאום אויך אים געקוקט אין די אויגן, אָבער אויך מיט א גאָר קליינעם סקיצירטן שמייכעלע וואָס זאָגט פיל.

— נו, עס איז שוין פאריבער — האָט דער שעף נישט געוואָלט פארפירן דעם אומאָנגענעמען שמועס, פון וועלכן ער קאָן גאָרנישט פארדינען. אדרבה דער שמועס קאָן זיך פארשארפן און נישט דאָס איז געווען דער ציל, נישט צו־ליב דעם האָט ער אים אהער גערופן. אדרבה, ער האָט דאָך אים גערופן כדי צו פארגלעטן אויף וויפל עס איז מעגלעך וואָס גיכער די אָנגעשטרענגטע באציונגען — איצט דארפט איר אלץ פארגעסן...

— פארגעסן? — האָט אים נאום איבערגעריסן די רייד — מיינט איר, אז דאָס אלץ קאָן מען פארגעסן אזוי לייכט, פון היינט אויף מאָרגן?...

— איך האָב נישט געזאָגט, אז עס איז לייכט — האָט דער שעף געזאָגט אין גוטן טאָן, הגם מע האָט געקאָנט אָנזען אז דער גאנצער שמועס איז אים דער־ווידער, ער טוט בלויז א חוב, וואָס איז אים בכלל נישט צום הארצן. אויף מחילה צו בעטן איז ער נישט גרייט. ביי קיינעם נישט, אויך נישט ביי יענע וואָס מיינען אז זיי פארדינען עס, אזוי ווי עס איז געווען איצט דער פאל מיטן דאָזיקן... „ציגיינער", וואָס האָט פרעטענזיעס. אָבער ער האָט נישט געקאָנט ארויסזאָגן אָט די דאָזיקע געדאנקען. ער האָט דאָך געמוזט נאָך אלעמען שפּילן דעם איבער־בעטער, מיט א שמייכל, הגם עס איז געקומען אים ארויסצוטרייבן. ער האָט זיך אָבער געמוזט צוריקהאלטן, ווייל אזוי איז איצט די „ליניע", און די „ליניע" האָט נישט ער איינגעפירט, ער מוז נאָר אויף איר „גיין" אזוי ווי מע שרייבט אים פיר — גאָרנישט איז נישט לייכט פאר א פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער...

נאום האָט אים איבערגעריסן די רייד, אָבער נישט מיט קיין ווערטער, נאָר אין דער מחשבה: אהא, שוין ווידער הייבט ער אָן מיט די דאָזיקע אויפגעבלאָזענע פראזן? וואָס מיינט ער, אז איך בין נאָך יענער נאַיוועך בחור, וואָס מיינט נאָך אלץ, אז אלעס וואָס סע פליט איז א פויגל און מע קאָן עס עסן?... ער קאָן זיך אפילו נישט פאָרשטעלן אז אזא איינער ווי איך, וואָס איז שוין אריבערגעגאַנ־

גען די שוועל פון א תפיסה, איז שוין אן אויסגעשולטער, קאָן מען שוין נישט פירן ביי דער נאָז מיט אזא אָפּגעבליאקעוועטער פראזעאָלאָגיע?! ... אָט אזוי האָט ער געטראכט, אָבער געזאָגט האָט ער גאָרנישט. ער האָט אויסגעהערט וואָס מע רעדט צון אים. אָבער ער האָט שוין נישט געהאט וואָס צו הערן... אויך דער שעף איז אנטשוויגן געוואָרן, אָדער ער האָט געלייענט זיינע געדאנקען, אָדער ער האָט געהאט זיינע אייגענע געדאנקען, וואָס האָבן אים אונטערגעזאָגט, אז די פראזעאָלאָגיע איז אן איבעריקע.

— נו, לאָמיר זאָגן — האָט נאָוו ענדלעך איבערגעריסן דאָס שווייגן, כדי נישט צו בלייבן, ווי מע זאָגט, ביי א טויטן פונקט — אז מיט דער צייט וועל איך דאָך פארגעסן?...

— נו, אָט טאקע דאָס זאָג איך דאָך — האָט דער שעף זיך אָנגעכאפּט א הייטערער ביי זיינע רייד, וואָס גיבן אים א געלעגנהייט אריבערצושפּרייזן איבער דער שטרויכלונג וואָס ליגט פאר זייערע פיס... און ער האָט פאָרגעזעצט — מע קאָן נישט לעבן אייביק מיט שווארצע געדאנקען אָדער מיט שווארצע זכרונות. ווען דער מענטש וואָלט נישט פארגעסן גאָרנישט, ער וואָלט אלעם פארגעדענקט, וואָלט ער נישט געקאָנט לעבן. ער וואָלט משוגע געוואָרן, אָדער ער וואָלט גענצלעך אָפּגעשטאָרבן און נישט געקאָנט פאָרזעצן זיין לעבן, זיין טעטיקייט — האָט דער שעף אָנגעהויבן פילאָסאָפירן, און איבערגעחזרט דאָס וואָס ער האָט אמאָל פון עמעצן געהערט. איצט, האָט ער געמיינט, אז עס איז געקומען די צייט ארויסצווייזן זיין חכמה — וואָס מיינט איר, אז איך בין ווייניק יאָרן געזעסן אין תפיסה?...

— בעסער לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן — האָט אים נאָוו איבערגעריסן די רייד מיט א גאָר נישט העפלעכן טאָן — וואָס פארגלייכט איר דאָס צו יענעם?... איר, אויב איר זענט „געזעסן" האָט אייך אריינגעזעצט דער „שונא" און איר האָט געהאט אן אידעאל פאר וואָס צו ליידן, פאר וואָס צו זיצן... איר האָט געקאָנט האָבן א פונק האָפענונג, וואָס זאָל אייך אונטערהאלטן אין די סאמע פארצווייפלטסטע מאָמענטן, אָבער איך?...

— געזעסן איז געזעסן! — האָט דער שעף אים אָפּגעהאקט דעם שמועס. סע האָט זיך געזען אז אים איז פּיינלעך, וואָס ער האָט זיך ווידער אריינגעלאָזט אין דאָזיקן נישט גינציקן פאר אים שמועס, פון וועלכן ער וויל וואָס גיכער ארויס, אָן דעם צו פארטיפערן דעם תהום צווישן זיי. אז אזא תהום איז פאראן צווישן זיי, דאָס האָט ער געזען איז אָן ספק — איך בין געזעסן אומשולדיק. איר זענט געזעסן אומשולדיק... אָבער נישט אין דעם גייט עס איצט. איצט האָב

איך אייך פארבעטן (נאום איז געוואָרן אויפמערקזאם. עס איז צום ערשטן מאָל באַניצט געוואָרן דאָס דאָזיקע וואָרט „פארבעטן". ביז איצט איז ער „גערופן" אָדער אין בעסטן פאַל איינגעלאָדן געוואָרן, וואָס איז נישט די זעלביקע נואַנס!) אייך צוריק צו געבן דאָס, צו וואָס איר האָט דאָס רעכט — און טאַקע אויפגעמאַכט דאָס שופלעדל און אַרויסגענומען א רויט ביכעלע און עס אים דערלאַנגט — אָט, טראָגט עס געזונטערהייט...

נאום האָט עס געעפנט און דערקאָנט. עס איז זיין אַמאָליקער פּאַרטיי-בילעט. ער ווייסט אפילו נישט ווען מע האָט עס ביי אים צוגענומען. מסתמא דעמאָלט ווען ער איז געווען אין טראַנס... ווען ער האָט פארלוירן דאָס באוואוסטזיין, פארלוירן זיין „אידענטיטעט", דעמאָלט איז ער געבליבן אָן זיין עבר. אַלץ האָט זיך דאָך דעמאָלט אָנגעהויבן פונסניי... ער האָט איצט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן, האָט ער געטראַכט מיט ווערטער:

— איך ווייס באמת נישט, איך דאַרף אייך דאַנקען פאַר דעם, צי דאַרף איך עס צוריק געבן אייך, ווייל איך ווייס נישט צי איך האָב שוין דאָס רעכט עס צו טראָגן ביי מיר... צי דאַרף איך עס פשוט אַריינלייגן אין קעשענע און שווייגן?...

— איך מיין אויך אזוי — האָט דער שעף געזאָגט מיט א שמייכל, כדי צו פארבעסערן די געשפּאַנטע שטימונג — בעסער לייגט עס אריין אין דער קעשענע און היט עס, דאָס ביכעלע, ווי די אויגן אין קאָפּ...

— נו, וועט איר מיר שוין מוחל זיין — האָט נאום זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אים נישט ארויסזאָגן דאָס וואָס ער טראַכט. ער האָט דאָך שוין נישט וואָס אָנצוווערן. און מענטשן, ווי ער, וואָס האָבן שוין נישט וואָס אָנצוווערן האַלטן זיך שוין זעלטענער צוריק, נאָר זאָגן ארויס אָפן וואָס זיי טראַכטן — ווי די אויגן אין קאָפּ האָב איך עס אַמאָל געהיט... אַזוי ווי מע האָט עס מיר אָנגעזאָגט ווען איך האָב עס באַקומען. איצט האָב איך אָבער שוין געזען, אַז איך קאָן נישט היטן נישט די אויגן אין קאָפּ און אויך נישט דאָס ביכעלע אין דער קעשענע. אַלץ איז געוואָנדן אין די אומשטאַנדן, גאָרנישט פון מיר...

— ע, סע רעדט זיך בלויז אזוי — האָט דער שעף געזאָגט, אָבער דאָך נישט געקאָנט אים איבערצייגן אַז עס איז נישט אזוי. האָט ער בעסער גענומען פאַרקערעווען דעם שמועס צו א פּראַקטישערן ענין — איר רוט אייך אויס א וואָך-צוויי, העכסטנס דריי און איר וועט ווידער אריין אין דער אַרבעט...

נאום האָט געשוויגן. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. אָבער פרעגן האָט ער דאָך יאָ געהאַט וואָס צו פרעגן. איז זאָל ער פרעגן איצט, ווען ער איז נאָך דאָ אינעווייניק, און ער האָט נאָך וועמען עפּעס צו פרעגן. ער ווייסט דאָך,

אז ער וועט פון דאַ אַרויס און וועט נישט אויפקלערן דאָ זיין ענין, אין דרויסן וועט ער עס אוודאי נישט האָבן וואו געוואויר צו ווערן און מיט וועמען עס אויפצוקלערן:

— דאָס הייסט, אַז איך זאָל גיין אויף עטלעכע וואָכן און וואַרטן?

— יאָ, איך מיין טאַקע אַזוי — האָט דער שעף מסכים געווען, אַ צופרידענער — איר דאַרפט זיך דאָך „אַקלימאַטיזירן״... עס איז פאַרגאַנגען אַזוי פיל צייט, אַזוי פיל געשעענישן, מיט וועלכע איר האָט זיך נאָך נישט צייט געהאַט צו באַקאַנען... דאָס וואָס איז געווען גילטיק אין אייער צייט איז שוין היינט אומגילטיק...

— דאָס איז נישט שלעכט — האָט אים גאַנץ אונטערגעכאַפּט, צופרידן וואָס ער קאָן אַרויסזאָגן זיין אומצופרידנקייט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט אים געפירט אַן אומשולדיקן אין תפיסה — בעסער זאָלן אַזעלכע צייטן מער נישט צוריקקומען...

— נו, דאָס איז שוין קלאָר — אַזעלכע צייטן זענען אויף אייביק פאַריבער. אַזוי אַז גייט, רוט אייך אויס אַ ביסל...

— אפשר וואָלט איר מיר געקאָנט זאָגן — האָט גאַנץ שוין אַ געוואַגטער געזאָגט גראָד אין פנים אַריין — וואוהין איך זאָל פון דאַנען גיין?... וואו איך האָב איצט אַ היים?

— מהע, איר, האָט דאָך אוודאי אַ היים — האָט דער שעף געזאָגט זייער אַפּהענגטיק — פון וואו קומט איר איצט?

— זעט איר, איצט קום איך פון מיינע עלטערן, נישט פון מיין היים... ווי איר ווייסט האָב איך שוין לאַנג פאַרלאָזט דאָס הויז פון מיינע עלטערן. איך בין דאָך שוין נישט מער קיין מינדעריעריקער, לעב שוין נישט אונטער דער מוטערס פאַרטוך און אויך נישט אונטערן פאָטערס השגחה... איך האָב דאָך געהאַט אַ היים, אַ זעלבשטענדיקע, נאָר איך בין געבליבן אָן גאָרנישט... אדרבה, איך האָב געפונען אַ פרעמדן מענטש אין מיין געוועזענער וואוינונג, וועלכער האָט מיך אפילו נישט געלאָזט אריבערטרעטן די שוועל...

דער שעף האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט. און געבאָמבלט ווי צו זיך אויף רוסיש, (אַזוי איז דאָך געווען דעמאָלט דער מנהג!):

— טאַק-טאַק! (דאָס הייסט אויף רוסיש: אַזוי-אַזוי, אָדער יאָ-יאָ!)... אַנו זייט מוחל, חבר דאַנטשולעסקו, און וואַרט צו עטלעכע מינוט אין פאָדערצימער, איך וועל אָנקלינגען וואו מע באַדאַרף און וועל אייך באַלד געבן באַשייד...

נאום איז ארוים פונעם ביורא. אין פאָדערצימער האָבן נאָך געוואַרט אויך אנדערע. אָבער יענע האָבן געוואַרט ערשט אַריינצוגיין. ער איז שוין דאָס מאָל געווען אינעווייניק. ער וואַרט שוין „ווידער" אַריינצוגיין, ווען מע וועט אים צוריקרופן. ביז דעמאָלט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט. אָבער זיצן האָט ער נישט געקאָנט פיל. ער איז געווען אין גאַנצן אָן אויפגעשרויפטער. דער שמועס האָט אים געקאָסט געזונט. אין די דאָזיקע עטלעכע מינוטן, אפשר אין גאַנצן פופצן־צוואָנציק, אָבער אים האָבן זיי אויסגעוויזן צו זיין גאַנצע שעהן, ווייל בסך־הכל האָבן זיי דאָך צוריקגעקערט דעם זייגער אויף צוריק ... אויף וויפל? אָט דאָס ווייסט ער נאָך נישט. אָבער א פאַקט איז, אַז ער האָט שוין ווידער אין זיין קע־שענע דאָס רויטע ביכעלע, פאַר וועלכן ער וואָלט אַמאָל געווען געגעבן אויך דאָס לעבן. איצט? איצט ווייסט ער שוין נישט. ניין, ער ווייסט שוין יאָ. דאָס לעבן וואָלט ער שוין נישט געגעבן, ווייל ער האָט געזען ווי לייכט ער האָט עס פאַרלוירן אָן דעם אַז ער זאָל קאָנען קיין פינגער גישט רירן אויף צו שיצן זיך ... אָבער א פאַקט איז אָבער אויך, אַז מיט אָט דעם ביכעלע, וואָס איז איצט שוין ביי אים ווידער ווי א קמיעה, קאָנען שוין די „שדים" נישט האָבן צון אים אַזוי לייכט די שליטה ... איי, וואָס עס איז נעכטן געווען?! ... דאָס איז געווען נעכטן. היינט איז עס שוין גאָר אַנדערש. דאָס זעט ער דאָך מיט זיינע אויגן. און אַוודאי וועט עס שוין מאָרגן נאָך פיל אַנדערש אויסזען ווי היינט ...

אָבער ער האָט נישט געהאַט צו פיל צייט צו טראַכטן. דאָס גלעקעלע האָט א קלונג געטון. די סעקרעטאַרשע איז אַריין צום שעף באַלד אַרויסגעקומען:

— חבר דאַנטשולעסקו!

ער האָט זיך ראַפּטום אויפגעהויבן, אַזוי ווי ער איז שוין געווען געוואוינט, ווען די שומרים אין תפיסה האָבן גערופן. ער איז אַריין צום שעף. וועלכער האָט געלויכטן ווי א פולע לבנה אין מיטן חודש:

— איר האָט געהאַט מזל — האָט דער שעף געזאָגט, אָן דעם אַז ער זאָל אים אָנביטן דאָס בענקל. אדרבה, ער איז אויך אויפגעשטאַנען און געבליבן אַזוי שטייענדיק אויף די פיס, כדי אים נישט דאַרפן פאַרבעטן זיצן — איך שטיי און טראַכט, אַז נאָך אַלעמען זענט איר דאָך א מזלדיקער מענטש ...

— איך וועל דאָך נישט וואַגן שפּילן אויף דער לאָטעריע — האָט שוין נאָום זיך געוויצלט — לויט מיין מזל, בין איך זיכער אַז איך וואָלט פאַרשפּילט ...

— זאָגט נישט, דאָס מאָל האָט אייך דווקא יאָ צוגעשפּילט. פון אַלע זייטן האָט אייך צוגעשפּילט ...

— אזא מזלדיקער בין אין שוין — האָט נאום זיך נישט געקאָנט איינהאלטן אים ארויסזאָגן זיין געדאנק — ביי מיר איז עס שוין תמיד אזוי: אויב סע שפּילט מיר צו, איז פון אלע זייטן... אויב איך קוילער זיך, איז ביזן תהום... אין מיטן וועג שטעל איך זיך געוויינטלעך נישט אָפּ...

— איר זאָלט אייך טאקע נישט אָפּשטעלן — האָט געזאָגט דער שעף אין זעלביקן הייטערן טאָן, אָבער צו גאָר אנדערן געטראכט — איצט גייט גלייך פּאָרויס. איר האָט שוין א וואוינונג... דערווייל קאָנען מיר דאָך „יענעם" נישט ארויסשטעלן אויף דער גאס. וועט איר וואוינען דערווייל אויף אן אנדערער אדרעס...

— מיך האָט מען יאָ געקאָנט ארויסשטעלן פון מיין וואוינונג און יענעם קאָן מען נישט ארויסשטעלן פון א פרעמדער וואוינונג?!...

— צו וואָס טויג פירן מחלוקות? — האָט איבערבעטעריש געזאָגט דער שעף — צו וואָס טויג אייך? איר באקומט שוין א דירה, פון דאנען גייט איר גלייך אין אייער אייגענער דירה, וואו איר וועט וואוינען, ביז ווען אייך וועט עס וואויל געפאלן...

— און דאָס מעבל? — האָט נאום איבערגעפרעגט.

— דאָרט איז שוין אויסמעבלירט... אייער מעבל וועט איר קאָנען נעמען שפּעטער מיט א שטיקל צייט... אָבער איר דארפט איצט נישט קיין שום מעבל. די דירה וואָס איר באקומט איצט איז פּארטיק אויסמעבלירט... און דערנאָך, דאָס הייסט פון מאָרגן פרי אָן, וועט איר שוין אריין אין דער טעטיקייט אייערער... דאָס הייסט, איר וועט ארבעטן אין דער אגריקולטור־אָפּטיילונג, ווי פריער. אָבער, איר פארשטייט דאָך, אז איר דארפט אייך קודם „אקלימאטיזירן"... נאָר ווארט, איין מינוט — דער שעף האָט גענומען דעם טעלעפאָן־טרייבל — פארבינדט מיך מיטן אגריקולטור־אָפּטייל... יאָ, איך בין עס... הערט זיך איין: מאָרגן פרי וועט זיך ביי אייך מעלדן א חבר, יאָ... דאנטשולעסקו. איר וועט אים אויפנעמען... ניין. גיט אים קיין שום אויפגאבן נישט. ער דארף זיך אקלימאטיזירן א צייט מיט דער סביבה, מיט די חברים, מיט דער ארבעט... איך וועל אייך שוין זאָגן ביז ווען, ביז דעמאָלט איז ער ביי אייך, ווי געזאָגט, צום אקלימאטיזירן...

דער שעף האָט פארענדיקט דעם שמועס אויפן טעלעפאָן, האָט ער זיך גע־וואָנדן צו נאומען:

— האָט איר פארשטאנען?...

— יאָ, איך מיין, אז איך האָב פארשטאנען — ערשט איצט האָט נאום גע־זאָגט — א דאנק אייך פאר אייער אָפּעראַטיוויקייט, פאָר דער טירחא און פארן גוטן ווילן...

— איך האָף אז איר וועט באַרעכטיקן מיין טירחא און דעם פולן צוטרוי... עפּעם אַנדערש ווארטן מיר נישט פון אייך — ער האָט געזאָגט „מיר"... דאָס הייסט, אז ער רעדט שוין אין נאָמען פון דער אינסטיטוציע. נישט בלויז ער פערזענלעך — איך בין זיכער אין דעם. מיר האָבן צוטרוי און גלייבן אין אייערע כוחות... איר וועט זיך דערהאַלטן אויף אייער מדריגה...

נאום האָט ווי א צאַפּל געטון, ווען ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „מדריגה". הייסט עס, האָט ער געטראכט, אז טאקע אזוי איז עס. יעדער ווייסט ווי אזוי מע מעסט דאָס לעבן. נישט אין צענטימעטער, נישט אין ליטער, נישט אין קילאָ־גראם — נאָר אין מדריגות, אין „טרעפּ"...

ער האָט אָבער שוין געוואוסט, פון זיין וויטיקדיקער דערפארונג, אז מדרי־גות, טרעפּ, קאָנען פירן אי ארויף אי אראָפּ. סע באַלאַנגט אויב דער ווינט איז א גינציקער, ווי א שיף אויפן ים...

# 7. ארויף, פּאָרויס

... די טעג זענען געקראָכן פּאַמעלעך, פּויל, שלעפּנדיק זיך ווי אויף אלע פיר לאַפּעס, ווי מע זאָגט. אַזוי שווער זענען זיי פּאַריבער, נישט איבער גאַנץ דאַנטשולעסקון, נאָר כּמעט נעבן אים. ער איז דאָך געווען ווי כּמעט אויסגעשלאָסן פונעם שפּיל און איז נאָך נישט אַריינגענומען געוואָרן. הגם ער איז שוין אָט-אָט אינעווייניק ...

ער האָט דאָך נאָך נישט געהאַט קיין שום אויפגאַבע. ער האָט נישט געהאַט גאָרנישט צו טון, איז האָט ער זיך ווי געלאַנגווייליקט. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי א הונט אָן א בעל-בית. איין טאָג-צוויי איז ער געזעסן אין איין ביוראָ. געקוקט, אָבסערווירט, נאָכגעשפּירט וואָס די אַנדערע טוען. קיינעם גאָרנישט געזאָגט, קיינעם גאָרנישט געפרעגט, נאָר אַרומגעגאַנגען ווי אַן „אָבסערוואַטאָר“ (ער האָט געהערט איין מאָל, ווי מע האָט געזאָגט אויף אים אַז ער גייט אַרום ווי „אַן אַמעריקאַנער אָבסערוואַטאָר“, הגם ער האָט נישט געוואוסט וואָס מע וויל דורך דעם זאָגן, האָט עס אים אי יאָ גענאַרט און אי נישט. וואָס אינטערעסירט איצט, וואָס מע זאָגט?) ... דערנאָך איז ער געזעסן עטלעכע טעג אין א צווייטן ביוראָ. ער האָט אויך דאָ געטון דאָס זעלביקע. דאָס הייסט, אַז גאָרנישט קיינעם גאָרנישט געפרעגט, קיינעם גאָרנישט געזאָגט. אמת, די חברים האָבן קודם זיך איבערגעקוקט צווישן זיך, דערנאָך געקוקט פאַרחידושט צו אים. טייל האָבן אים געפרעגט, אויב ער זוכט עמעצן צי עפּעס. און אַז ער האָט נאַיוו געזאָגט אַז ער זוכט נישט גאָרנישט, ער קוקט זיך בלויז צו, סתם אַזוי, ווי דאָס לעבן גייט דאָ, האָבן זיי מער אים נישט געפרעגט ... יאָ, דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי-גרופּע פונעם אָפּטייל איז אַריין צום שעף פונעם אָפּטייל און געפרעגט:

— וואָס דרייט זיך דאָ אַרום, אָט דער „באַנדיט“?

— וועלכער „באַנדיט“? — האָט דער שעף געפרעגט פאַרחידושט, נישט וויסנדיק וועמען ער מיינט.

— אַט דער דאַנטושעלעסקו, צי ווי אַזוי ער הייסט...

— אָ, דאַנטשולעסקו? — מאַכט מיט אַ שמייכל דער שעף — נו, טשעפּע אים נישט. לאָז ער זיך אַרומדרייען ווי ער וויל...

מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. דער סעקרעטאַר האָט מער נישט גע־פרעגט און קיינעם מער נישט געזאָגט גאָרנישט. אויב דער שעף זאָגט אַזוי, איז זאָל זיין אַזוי. מסתמא האָט דער שעף באַקומען אַזעלכע אָנווייזונגען. דאָס איז דען זיין עסק? אַזוי איז עס געגאַנגען עטלעכע וואָכן. נאום האָט נישט געהאַט קיין באַשטימט אָרט. ווי געזאָגט, איז ער איין טאָג צי צוויי געווען דאָ און אַנ־דערע טעג געווען אין אַן אַנדער אָרט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און געשריבן און געשריבן, געמאַכט נאָטיצן, פאַרצייכנט...

די חברים האָבן געקוקט קרום אויף אים. דאָס וואָרט, וואָס דער סעקרעטאַר האָט דעמאָלט געלאָזט פאַלן אין ביוראָ פונעם שעף פונעם אָפּטייל, הגם עס איז קיינער נישט געווען דערביי, האָט צירקולירט פון מויל צו מויל: וואָס דרייט זיך דאָ אַרום אַט דער „באַנדיט"?... טייל האָבן אים אָנגעהויבן אַרויסווייזן נישט בלויז חוזק־זשעסטן אין דער עפנטלעכקייט, נאָר מע האָט אים פּשוט געלאַכט אין די אויגן, בכיוון, אים צו פּראָוואָצירן. אויב ער האָט ערגעץ צופאַליק גע־לאָזט זיין נאָטיץ־ביכעלע, האָט ער עס שוין מער דאָרט נישט געפונען. סע האָט זיך געפונען ווער סע זאָל עס אויסבאַהאַלטן. אומזיסט האָט ער געזוכט, געזוכט. געפרעגט האָט ער קיינעם נישט. ער האָט נישט געוואָלט פרעגן. אויב עס איז עמעצן נייטיק, זאָל ער עס אויפבאַהאַלטן ביי זיך. ער האָט נישט געפרעגט קיי־נעם, ער האָט נישט געוואָלט באַלעסטיקן קיינעם מיט קיין פראַגן. אויב דאָס נאָטיץ־ביכעלע זיינס האָט זיך שפּעטער געפונען, איז גוט. אויב נישט, האָט ער זיך געקויפט אַן אַנדערס — נאָר נישט פרעגן... אַט די דאָזיקע האַלטונג פון אינדעפערענץ האָט די חברים אַרויסגעבראַכט ממש פון די כלים, נאָך מערער ווי זיין שווייגן. ניין, דאָס שווייגן האָט זיי מערער אַרויסגעבראַכט פון די כלים ווי ווען ער זאָל געווען רעדן, אפילו געוואָלדעוועט, נאָר נישט שווייגן. דאָס שוויי־גן האָבן זיי אויפגענומען ווי אַ זשעסט פון גאווה. דאָס אויסמיידן זיי, ווען ער האָט זיך נישט באַקלאָגט פאַר קיינעם, אַז עס איז אַהינגעקומען עפּעס, האָבן זיי אויסגעטייטשט ווי אַ זשעסט פון פיינטלעכקייט. נו, וואָס וויל מען זיך דערוואַרטן, האָבן זיי געטראַכט, פון איינעם אַ „באַנדיט", וואָס איז אָפּגעזעסן אין די תפי־סות... אומזיסט זיצט קיינער נישט, איאָ?

ער האָט עס געפילט, אַט די דאָזיקע פיינטלעכע פאַרהאַלטונג צו אים. אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט טון ווי וואַרטן און שווייגן. מע האָט דאָך אים

געזאָגט, אז דערוויי̇ל וועט ער נישט באקומען קיין שום אויפגאבע. ער דארף זיך „אקלימאטיזירן". האָט ער געלייענט די פרעסע, די פארטיי־ליטעראטור. אי די איצטיקע אי די פון דער גאנצער צייט, וואָס ער האָט געפעלט פונעם „עפנט־לעכן לעבן", ער האָט געוואָלט ווי נאָכיאָגן און אָניאָגן דאָס אלעס, וואָס ער האָט פארלוירן במשך דער גאנצער צייט... נאָר, פון וואו זאָל ער נעמען די פרעסע פון צוריק מיט עטלעכע יאָרן, ווען ער איז פארשוואונדן פון אויף דער ערד און אויך פון אונטערן הימל?

ער איז געגאנגען אין דער ביבליאָטעק. געבעטן די קאָלעקציע פון דער פרעסע פונעם יאָר דעם און דעם, אָבער אָנשטאָט ער זאָל באקומען אזא קאָ־לעקציע, האָט אים דער ביבליאָטעקער אָנגעקוקט פארחידושט:

— וואָס זוכט איר, צו וואָס דארפט איר די אלטע קאָלעקציעס?

— איך וויל זיך אינפאָרמירן — האָט נאום געענטפערט תמימותדיק, אָבער מע האָט דאָס דאָך אים נישט געגלייבט, וואָס הייסט אינפאָרמירן? אויף צו אינ־פאָרמירן לייענט מען די היינטיקע פרעסע — איך וויל זיך דאָקומענטירן...

אויב ער האָט אזוי איבערגעחזרט עטלעכע מאָל זיין בקשה, אז מע זאָל געבן יענע קאָלעקציעס, האָט מען אים ענדלעך אויסגעזאָגט דעם „אמת":

— מיר קאָנען אייך נישט געבן קיין שום קאָלעקציע נישט, ווייל מע האָט זיי געגעבן צום בונדן...

— אזוי פיל צייט געדויערט איינבונדן א קאָלעקציע? — האָט נאום גע־פרעגט פארחידושט. ער ווייסט דען נישט וויפל דאָס קאָן געדויערן? ער האָט דאָך געארבעט אין א בוכבינדעריי־אָפטייל... און ער האָט געלייענט ביטול און גרינגשאַץ אין די אויגן פונעם ביבליאָטעקער.

סע האָט עם אים קיינער נישט געזאָגט, אָבער ער האָט שוין געמוזט זיך אליין אָנשטויסן, אז די קאָלעקציעס זענען אוועקגעלייגט געוואָרן, אז זאָלן נישט גע־פינען ווערן... סע האָבן זיך געביטן די צייטן, אויך די מענטשן האָבן זיך טייל־וויז געביטן, איז דארף מען שוין אויסבאהאלטן אויך די קאָלעקציעס, וואו סע ווערן דערמאנט נעמען, וואָס זענען שוין נישט גילטיק מער. היינט גיט מען דאָך שוין אויך ביי די פּאָליטישע קורסן א נייע ביבליאָגראפיע...

אפילו די ווערק פון סטאלינען זענען דאָך שוין פארשוואונדן פון דער ביב־ליאָטעק, הגם מע האָט נאָך עפנטלעך גאָרנישט געזאָגט...

... אין א טאָג (אייגנטלעך, דארף מען נישט זאָגן דעם באנאלן „אין א טאָג", ווייל עס איז גאָר געווען „אין אן אָוונט"!), ווען דער „שעף" האָט אים געלאָזט רופן: חבר נאום, קומט אריין צו מיר מאָרגן פרי א זייגער ניין...

ווען א מענטש האָט שוין הינטער זיך איבערלעבענישן אַזעלכע ווי נאום דאַנטשולעסקו האָט, דעמאָלט קאָן אַזאַ טעלעפאָן-רוף אים אויפשויבערן אַז ער זאָל שוין א גאַנצע נאַכט נישט קאָנען שלאָפן.

דאַנטשולעסקו האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן: פאַר וואָס האָט ער אים געזאָגט בלויז „חבר נאום", פאַר וואָס האָט ער אים נישט געזאָגט ווי געוויינטלעך, „חבר דאַנטשולעסקו"? ... און צו וואָס דאַרף ער אים האָבן? אויב ער וויל אים עפּעס מודיע זיין, האָט ער דאָך דאָס געקאָנט טון איצט, תיכף אויפן אָרט. פאַר וואָס האָט ער אים אַזוי אָפּיציעל גערופן אויף מאָרגן? ... א גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געדרייט אויפן געלעגער און געטראַכט און געטראַכט, וואָס קאָן שוין זיין ווידער? ... און ווען ער זאָל שוין ענדלעך איינשלאָפן, איז דער זייגער שוין געווען זעקס, ווען ער דאַרף שוין אויפשטיין.

מיט פינעף מינוט פאַר ניין אַ זייגער האָט דאַנטשולעסקו זיך געמאָלדן ביים שעף. ער האָט נישט געדאַרפט וואַרטן. די סעקרעטאַרשע האָט שוין געוואוסט פון זיין קומען, ווייל זי האָט דאָך אייגנטלעך אים מודיע געווען, אַז דער שעף רופט אים.

— גייט אַריין, חבר דאַנטשולעסקו — האָט זי באַזונדער העפלעך געזאָגט, און געוואוסט האָט ער שוין, אויך דאָס פון זיין דערפאַרונג, אַז אין אַזאַ צייט, דאָס הייסט אַז אין אַזאַ מאָמענט קאָן מען געוואויר ווערן פון די סעקרעטאַרשעס ווי אַזוי וואָס און ווען. אין זייער בליק קאָן מען צו מאָל לייענען אויך דאָס, וואָס מע קאָן קוים פאַרשטיין פון די רייד פונעם „שעף" גופא. פון די רייד, וואָס זי זאָגט נישט, פון אייניקע זשעסטן צי אָנצוהערענישן, וואָס זי מאַכט אָדער אויך אפילו פון אייניקע וואָס זי מאַכט נישט, קאָן מען שוין גאַנץ גוט וויסן נאָך פון פריער, ווי אַזוי מע וועט אַרויס פונעם שעף, הגם מען איז נאָך נישט אַריין ... אויך דאָס מאָל, פונעם אופן און ווי אַזוי זים און אפילו האַרציק זי האָט אַרויסגעזאָגט די צוויי ווערטער „חבר דאַנטשולעסקו", האָט מען געדאַרפט זיין א צו גרויסער טיפּש אַז מע זאָל נישט פאַרשטיין ווי אַזוי דער ענין באַשטייט.

ער איז אַריין, גוט אויפגעלייגט, באַוואָפנט פון דער סעקרעטאַרשעס אופן אים אַריינפירן, היימיש, ווי אַן אייגענעם, א יוצא-ונכנס ביים שעף:

— א גוט מזל, חבר שעף! — האָט נאום אויסגערופן לעבעדיק, דעם געוויינטלעכן אָבער אויך ספּעציפישן גרוס, ווי א מענטש וואָס האָט זיין גאַנצע צוקונפט פאַר זיך ... הינטער זיך האָט ער שוין גאָרנישט, ווייל ער וויל זיך שוין מער נישט דערמאָנען פון דעם וואָס עס איז געווען און איז שוין פאַריבער ... יאָ, אָבער וואָס וואַרט אים אין דער צוקונפט?

— זעצט אײַך, חבר נאום — האָט געזאָגט דער שעף, פֿרײַנדלעך, אָבער ער האָט נישט געוואוסט, אַז נאומען געפֿעלט נישט ווען מע רופֿט אים אויפֿן פֿיר־נאָמען. דאָס הייסט, אַז מע וויל אים נישט דערמאַנען זײַן ביינאָמען, אויך איצט נישט, ווען ער האָט זיך אים געענדערט אויף „דאַנטשולעסקו". ער האָט געוואוסט אַז בלויז די ייִדישע חברים רופֿט מען בײַ די פֿירנעמען, כּדי מע זאָל נישט זאָגן: חבר בערקאָוויטש — נו, ווי פֿילט איר אײַך אין אײַער נײַער אַרבעט?

— אין וועלכער אַרבעט מיינט איר? — האָט נאום תּמעוואַטע געפֿרעגט, אָבער גוט אויפֿגעלייגט — איך אַרבעט דאָך נאָך בכלל נישט גאָרנישט...

— לעת־עתּה, דאַרפֿט איר צוגעבן — האָט דער שעף געזאָגט מיט אַ פֿילדיי־טיקן שמייכל — לעת־עתּה אַרבעט איר נאָך נישט. אָבער פֿון איצט אָן וועט איר שוין גוט שוויצן אַרבעטנדיק... מאָרגן האָבן מיר אַ קליינע זיצונג מיטן פּאַרטיי־אַקטיוו, איז וואָלט גוט געווען, ווען איר זאָלט נעמען דאָס וואָרט און אַרויס־זאָגן אײַערע באַמערקונגען וועגן דער טעטיקייט פֿונעם אָפּטייל... קאָנט איר עס צוגרייטן ביז מאָרגן? — האָט דער שעף געפֿרעגט און נישט געוואַרט אויף זײַן ענטפֿער, נאָר צוגעגעבן — איך וועל אויך זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער זיצונג. איך וועל אײַך בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט פֿאָרשטעלן אין אײַער נײַער נאָמינירונג...

נאום איז געבליבן איבערראַשט. ער האָט זיך נישט דערוואַרט, אַז אַזוי גיך וועט מען אים אַרויפֿשטופּן טאַקע אַזוי הויך, אויף איין מאָל. האָט ער נישט געקאָנט עפֿענען דאָס מויל, אַפֿילו אַז ער זאָל ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, וואָס מע האָט אים נאָר וואָס געשטעלט.

— נו, וואָס זאָגט איר, חבר נאום? — קאָנט איר זיך צוגרייטן ביז מאָרגן?... נישט קיין רעפֿעראַט. ניין. נאָר קורצע באַמערקונגען, וואָס זאָלן אָבער אַרויס־ווײַזן פֿאַר אײַערע חברים, אַז איר האָט תּופֿס געווען די פּראָבלעמען... איר פֿאַרשטייט?

— יאָ, איך האָב פֿאַרשטאַנען — האָט שוין געזאָגט נאום באַרואיקט, אָבער אויך אַ צופֿרידענער. ער האָט אַ טראַכט געטון, ווי אַזוי סע וועלן בלײַבן פֿאַר־גלאָצט די דאָזיקע „טײַערע" חברים, וועלכע האָבן אים אַזוי מיאוס באַליידיקט אין די לעצטע טעג און וואָכן, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען אין דער סעקציע, אָן אַ שום אָפֿיציעלער אויפֿגאַבע, האָבן אים באַליידיקט נישט בלויז מיטן בליק, נאָר ממש מיט ווערטער און אין זײַנע אויגן... איצט וועלן זיי מיט אַמאָל דער־הערן און אויך דערזען, ווען ער וועט זיך באַזעצן בײַם פּרעזידיום־טיש און זיי אָנווײַזן, וואָס און ווי אַזוי מע דאַרף אַרבעטן... יאָ, דאָס איז געווען פֿאַר

אים א מין אמתדיקע רעהאביליטאציע. האָט ער פאָרגעזעצט — איך וועל זיך צו־גרייטן, אזוי ווי איר זאָגט, אָנצווייזן עטלעכע הויפט־פּראָבלעמען, באמערקונגען וואָס זענען אנטשטאנען פאר מיר אין די טעג וואָס איך האָב אָבסערווירט די ארבעט אין פארשיידענע ביוראָען פון דער סעקציע...

— נו, גוט — האָט געזאָגט דער שעף — מיר טוט הנאָה, וואָס איר נעמט עס ערנסט. טאקע אזוי דארפט איר האנדלען שוין פון דער ערשטער מינוט אָן. איר דארפט וויסן — ער האָט געטון א דיסקרעטן וואונק — סע זאָל צווישן אונדז בלייבן. איר דארפט וועגן דעם נאָך נישט רעדן מיט קיינעם. אָבער ביי אייך מעגט איר דאָס שוין וויסן פון איצט אָן, איך באהאלט עס פאר אייך נישט אוים: איר וועט אין א גאָר קורצער צייט איבערנעמען די סעקציע אונטער אייער פערזענלעכער אָנפירערשאפט... איך מיין אז דער איצטיקער שעף וועט זיך עס משער זיין. אָבער איר מיידט אוים שמועסן מיט אים אָדער מיט אנדערע וועגן דאָזיקן ענין. דערוויילט גיט אים אָפּ זיין כבוד, זיין געהעריקן כבוד. ער איז לעת־עתה דער שעף...

נאום האָט געוואָלט זאָגן, אז ער האָט שוין זייער א טרויעריקע דערפארונג מיט אָט אזא מין מצב. אָבער ער האָט נישט געוואוסט: זאָל ער עם ארויסזאָגן אָט דעם דאָזיקן געדאנק, צי זאָל ער עם פארשווייגן? אָבער באלד האָט ער ווי־דער געטראכט, פאר וואָס זאָל ער עם אייגנטלעך פארשווייגן?!... ניין, בעסער זאָגן טאקע אויפן אָרט זיין מיינונג, נישט ווארטן אז סע זאָל זיין צו שפּעט:

— איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת — האָט נאום געזאָגט געגנוג געוואגט — מיר איז זייער אומאָנגענעם אזא מין מצב... איך וואָלט בכלל נישט געוואָלט האָבן צו טון מיט א שעף, ווּעמען איך וועל צונעמען זיין „בענקל‟... איך דארף אייך דען דערמאנען, אז דווקא ביי אזא געלעגנהייט בין איך אויך „דעמאָלט‟ ארייננעפאלן?!... אפשר וואָלט בעסער געווען — האָט נאום שוין א ביסל ווייניקער געוואגט און גאָרנישט הייטער פירגעלייגט — אז איר זאָלט מיך איצט נאָך נישט נאָמינירן. בעסער וואָלט איך געארבעט א צייט ווי א פּשוטער אקטיוויסט און דערנאָך...

— מאכט אייך נישט קיין דאגות — האָט דער שעף זיך אויפגעהויבן און אים געגעבן די האנט, אים געקומען ארויסבאגלייטן, א סימן אז עס איז געענדיקט דער שמועס — אלעס וועט זיין אין דער בעסטער אָרדענונג...

... סע וועט זיין אין דער בעסטער...

נו, איז עס שוין ווידער אין דער בעסטער אָרדענונג. ווידער אויפן טרעפּל, א ביסל נאָך א העכערס ווי פריער — אָבער אויף דער זעלביקער לייטער...

# עפּילאָג־פּראָלאָג

... מדריגות, מעלות, טרעפּלעך?

ווי מע האָט דאָ געלייענט, האָט מען געקאָנט זען, אַז זיי פירן צו מאָל ארויף אויף דער לייטער פונעם לעבנס-אויפשטייג — דערנאָך פירן זיי אויך אראָפּ צום לעבנס-אָפּשטייג ...

וואָלט עס דאָך געווען כמעט נאָרמאַל. אָבער וואו וואָלטן די רייד געזאָגט געוואָרן? ווען דאָס זאָל געשען ווי א מסקנה פון ביאָלאָגישע סיבות. אָבער ווען דאָס שטייגן ארויף קומט אָן, מער-ווייניקער, מיט א שנעלן טעמפּאָ, אפילו קאָפּ-שווינדלעריש ארויף, ארויף, וואָס העכער, איז עס נאָך אויך צום דערליידן. מע קאָן זיך דערצו מיט דער צייט צוגעוויינען, אויב דער וואָס „דראפּעט" זיך פארלירט זיך נישט, קאָן מען זיך נאָך דערהאלטן די גלייכגעוויכט.

אנדערש איז אָבער ווען די טרעפּלעך פירן אראָפּ, ווי געזאָגט, נישט גייענדיק פּאמעלעך, בהדרגהדיק, פון טרעפּל צו טרעפּל, אלץ נידעריקער, נאָר מע ווערט געשלײַדערט פון א ביסל א העכערער מדריגה, אָדער גאָר א הויכער, פון א הויכן שפּיץ פאלט מען גראָד אין תהום אריין, קוילערנדיק זיך, אָן אָפּשטעל — דעמאָלט קאָן מען שוין קיין גלייכגעוויכט מער נישט דערהאלטן. מע פארלירט זיך און — אוים! ...

זעלטן, זייער זעלטן געשעט אז מע זאָל קאָנען אויפשטיין תחית-המתים פון אָט אזא מין בארג-אראָפּ פאלן. אָבער צו מאָל געשעט עס דאָך ... אָט זעט מען דאָך, אז אויך אין דאָזיקן פאל, איז נאום דאנטשולעסקו ווידער אויפגעשטאנען, צוריק ארויף אויף דער זעלביקער מדריגה-לייטער, ווי ער איז געווען פריער.

ווי ער איז געווען פריער? ניין, נישט דווקא. ווייל קיין מאָל קומט נישט צוריק א מענטש, אהין, דאָרט און ווי אזוי ער איז געווען. תמיד איז עס דאָך א ביסעלע אנדערש, כאָטש א ביסעלע אנדערש, קוואַליטאַטיוו איז עס דאָך זי־כער אנדערש. עס איז שוין גאָר נישט דער זעלביקער מענטש וואָס ער איז געווען פריער. והאָ־ראיה, אויך נאום איז שוין נישט דער וואָס געווען. ער האָט שוין במשך די יאָרן אָנגעזאמלט מער איבערלעבענישן. דאָס הייסט, אז מיט מער דערפארונג און, ווי באוואוסט, איז מער דערפארונג — מער חכמה, איז מער איבערלייגטקייט, מער געדולדיק, מער אויפמערקזאמקייט צון אלעמען, נישט בלויז ווען סע האנדלט זיך אין זיינע פערזענלעכע ענינים, נאָר אויך ווען סע האנדלט זיך אין ענינים וואָס באלאנגען דער געזעלשאפט.

אָט אזוי האָט אָנגעהויבן נאום דאנטשולעסקו זיין טעטיקייט. ווי דער שעף אין דער סעקציע. דאָס הייסט, אז ער האָט אפילו איבערגעשטיגן די מדריגה, וואו ער האָט זי איבערגעריסן צוליב עפעס אן אקסידענט...

איז וואָלט מען דאָ שוין געקאָנט שטעלן א פינטעלע און אפילו א ביסל צו־פרידן פארענדיקן מיטן דאָזיקן „העפי־ענד" די מעשה.

יאָ, דאכט זיך, אז סע וואָלט אזוי געקאָנט געטון ווערן. אָבער סע ווילט זיך נישט שטעלן קיין פינטעלע, נאָר א קאָמא... יאָ, בלויז א קאָמא. ווייל מע דארף דאָך דערציילן, כאָטש עפעס, פון דעם וואָס עס איז געשען מיטן קליינעם אָווידיו דאנטשולעסקו־מארקאָוויטש, דער זון פון בעטי מארקאָוויטש... יאָ־יאָ, מער דער זון פון בעטין און ווינציקער פון נאומען, ווייל סיי דער גורל, סיי ער גופא האָט קודם נישט געקאָנט און אויך שפעטער זיך נישט צו פיל באמיט זיך מיט אים אָפצוגעבן.

איז וועט מען דאָך מוזן וועגן דעם דערציילן, כאָטש עפעס, ווי אזוי ער האָט אָנגעהויבן זיין לעבן ביז ער איז געוואָרן זעלבשטענדיק, אויף זיינע איי־גענע פיס. ביז ער האָט געטון זיין חוב צו זיין מוטער און איבערזעצט פון רו־מעניש פון אירע דערציילונגען, צווישן וועלכע אויך „פלאָוויום"...

מע קאָן דאָך נישט איבערלאָזן אומדערציילט דאָס, וואָס איז אוודאי וויכטי־קער אפשר ווי פיל קאפיטלעך פון דער דאָזיקער דערציילונג, וואָס האָבן אפשר געקאָנט ארויסבלייבן, אָדער גאָר געקירצט. אוודאי קאָן מען נישט פארשווייגן וואָס עס איז געשען מיטן יינגל, פונעם נייעם דור. וואָס איז געוואקסן אין דער נייער סביבה, אין די נייע גינציקערע אומשטאנדן, אין די נייע באדינגן, וואָס זענען נישט צום פארגלייכן מיט אנדערע לענדער...

וועט מען עס דארפן טון אין צווייטן בוך, אין ווייטערדיקן, וואס וועט אמאל, בלי-נדר ומסקנה אוודאי אנגעשריבן ווערן.

דא וועט זיין געגוג, אז דאס זאל דערוויל נאר אנגעזאגט ווערן.

דערמיט וועט דאס זיין אויך דער פראלאג צו דעם קומענדיקן בוך, וואו סע וועט דערציילט ווערן וועגן אמתדיקן העפי-ענד, ווען אווידיו-עובדיה וועט פארזעצן דעם יידישן המשך וואס זיין מוטער האט אים איבערגעלאזט ווי א צוואה-ירושה, אין אירע לעצטע ווערטער און כתב-ידן.

וואס מע קאן זיך פון איצט אנווינטשן? הלוואי אויף אלע יידישע קינדער געזאגט געווארן, און אויך אויף מיין זון בתוכם, אמן...

# אָפּרופֿן וועגן וואָלף טאַמבור

„וואָלף טאַמבור שרייבט ניט בלויז מיט האַרץ, ער לייגט אַוועק שטיקער האַרץ און זיי צאַפּלען זיך אויפֿן פּאַפּיר. אַ געמיש ביי אים פֿון אינטעלעקטואַליזם און עמאָציע-עשירות וואָס זענען געוויינלעך די באַזע פֿון גרויס-ליטעראַטור... ווי יעדער אמת־ער קינסטלער באַניצט זיך וואָלף טאַמבור מיט די צוויי הויפּט קונסט־מכשירים: אַלעגאָריע און סימבאָל".
(איטשע גאָלדבערג „יידישע קולטור" 3/1981, ניו־יאָרק).

„פֿאַראַן אין טאַמבורס דערציילונגען אַ געמיש פֿון רעאַליסטישע בילדער, ראָמאַנטיק און פֿילאָזאָפֿישע מחשבות, וועלכע דרינגען נישט אַרויס פֿון פֿילאָזאָפֿישער אַבסטראַקציע, נאָר שטאַמען פֿון אַ גאָר רעאַל דערקענען דעם טראַגישן מעכאַניזם פֿון גורל און ווערן באַגלייט מיט אַ רייכער גאַמע פֿון געפֿילן...

... דער שרייב-מאַניר אין טאַמבורס דערציילונגען פֿאַרכאַפּט מיט זיין אָריגינעלן פּליסיקן ריטם און זאַפֿטיקן מאַמע-לשון, רייך אין אידיאָמאַטיק, אין וואָרט-פֿאַרבן, אין בילדלעכקייט, דאָס איז דאָס לשון, וואָס ציט זיין יניקה און קראַפֿט פֿון דורותדיקן מאַראַמאָרעשער יידיש".

(ש. קאַנץ, לעצטע נייעס 14.11.1980).

„דער רומענישער ליטעראַטן-פֿאַרבאַנד אין בוקאַרעשט האָט צוגעטיילט אַ הויכן פּרייז דעם יידישן שריפֿטשטעלער וואָלף טאַמבור פֿאַר זיין בוך דערציילונגען „האַרבסט מיט זון". וואָלף טאַמבור האָט אויף זיין חשבון אַ צען פֿאַרעפֿנטלעכטע ביכער. זיינע דערציילונגען לאָזן איבער אַ דויערנדיקן איינדרוק צוליב זייער ספּעציפֿישער אַנדערשקייט און גאַנץ אָפֿט אויך צוליב דער באַזונדערקייט פֿון זייער טעמאַטיק און ראַם, אין וועלכער דער מחבר האָט איינגערעמט זיינע דערציילונגען. ער פֿאַרמאָגט אויך די מעלה פֿון אַריינברענגען דעם לעבעדיקסטן אידיאָם פֿון יידישן לשון אין רומעניע און צונויפֿגיסן אים מיט דער שילדערונג. דער עיקר איז אָבער זיין טאַלאַנט פּלאַסטיש און קאָנקרעט צו געשטאַלטיקן דעם טיפּאַזש און די דורכדרינגלעכע אָבסערוואַציע-פֿעאיקייט פֿון פֿאַרהוילענע מענטשלעכע שוואַכקייטן.

צו זיינע שילדערונגס-מעטאָדן געהערן הומאָר און אַלעגאָרישע אָנדייטונגען אויף היינטצייטיקייט.

(לעצטע נייעס, תל-אביב 1982.3.17).

# אינהאלט


שיר המעלות ........................................ 5

1. א מעשה איז נישט קיין געשיכטע .............. 7

1. ווי אן הקדמה ........................................ 9

2. צוויי אויף איין טרעפל ........................... 33

1. נאָאַן-נאום ............................................ 35
2. ערשטע-טריט ........................................ 41
3. א נסיון .................................................. 50
4. הצלחה ................................................. 60
5. שאלות און תשובות .............................. 68
6. „תכלית“ אָבער נישט קיין ברוינע ........... 75
7. נאום האָט געפונען די „בלאָנדע“ ............ 81

3. „אוי-וויי“ טרעפל ................................... 93

1. בריוו ..................................................... 94
2. נאָכוואוקס ............................................ 100
3. וואָלקנס ................................................ 105
4. טריבע פערספעקטיוון .......................... 117
5. „רייניקונגען“ ......................................... 125
6. שולדיק-אומשולדיק .............................. 130
7. עלנט .................................................... 137
8. אָווידיו-עובדיה ...................................... 143
9. „אוי-וויי“ ............................................... 147

4. הינטערן אייגענעם שאָטן ..... 151

1. טאטי? ..... 152

2. אָן ווערטער ..... 157

3. קינדישע פראגן ..... 164

4. „פארכאפטע“. ..... 167

5. שאפן — הייסט לעבן ..... 174

5. ליטעראַרישע צוואָה-ירושה ..... 180

1. יוסף פלאוויום ..... 182

2. עפּילאָג צו „פלאוויום“ ..... 210

3. צולאָג צו „פלאוויום“. ..... 217

6. א טרעפּל אראָפּ ..... 223

1. עלנטע בעטי ..... 225

2. המשך ..... 232

3. אן אויפקלער ..... 239

4. „זייט מוחל“ ..... 252

5. א מאָדערנע „לוויה“. ..... 259

6. ווער איז בעטי? ..... 264

7. א טרעפּל ארויף ..... 267

1. נאום איז „ארוים“ ..... 269

2. אן אלמן ..... 275

3. חרטה ..... 281

4. עלטערן און קינדער. ..... 287

5. ווידער פונסניי ..... 294

6. רעהאביליטירט ..... 305

7. ארויף, פאָרוים ..... 315

עפּילאָג-פּראָלאָג ..... 321

אָפּרופן ..... 324

# פונעם זעלביקן מחבר

## זענען דערשינען

**ביי דער טיר** (דערציילונגען), טשערנאָוויץ 1937.
**מיין היים** (דערציילונגען), סיגעט 1940.
**פרילינג אָן זון** (ראָמאַן), אראד 1947.
**משה** (א מעשה ווי אין חומש), אראד 1948.

**מאראמאָרעשאנער** (דערציילונגען), בוקארעשט 1975.
**לעבעדיקע מתים** (ראָמאַן), בוקארעשט 1976.
**יידיש-פרעסע אין רומעניע** (מאָנאָגראפיע) בוקארעשט, 1977.
**קרעלן פון טוי** (דערציילונגען), בוקארעשט, 1978.
**הארבסט מיט זון** (דערציילונגען), בוקארעשט, 1980.
פרעמירט פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס, ניו-יאָרק;
פונעם יידישן קולטור-פארבאנד „איקוף", ניו-יאָרק;
און פונעם רומענישן שרייבער-פארבאנד.

## גרייט צום דרוק:

**הערט א מעשה** (דערציילונגען).

---

לעקטאָר: ח. גאָלדענשטיין.
טעכנישער רעדאקטאָר: שט. לעפּאַיעו
דערשינען אין 1982, פארמאט 54×16/84,
פארלאג-בויגן 16,10. דרוק-בויגן 20,50
פּאָליגראפישע אונטערנעמונג
„דער 13טער דעצעמבער 1918", בוקארעשט.
סאָציאליסטישע רעפובליק רומעניע.

VOLF TAMBURU

# CÎNTAREA TREPTELOR

roman

în limba idiș

Editura Kriterion, București 1982